This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31-528

סאָוועטיש

9 1984

היימלאַנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
חודעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ס ס ר ס

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"
מאָסקווע

9

סענטיאַבער

1984

אינהאַלט

דעם געגנטלעכן קאָמיטעט פון קפּסס פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, דעם געגנטלעכן סאָוועט פון פאָלקס־דעפּוטאַטן פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט . . 3

מישע לעמסטער. ווען עס צעבליט זיך אינדערפרי דער טאָג (לידער) 5

באָריס מאָגילנער. אין פלאַם פון רעגנבויגן (לידער) 7

כאַיִם גורעוויטש. פונקען (לידער) 10

צו שאָלעם־אַלייכעמס 125־טן געבורטסטאָג.

ארויסטרעטונגען פון לעאָניד לענטש, סערגיי באַרוזדין, הערשל פּאָליאַנקער, יורי ווערטשענקאָ, דמיטראָ פּאַווליטשקאָ, אַרן ווערגעליס, לעאָניד דײַנעקאָ, דאַוויד דראַגונסקי, אַנאַטאָלי מאָראָז, סטאַניסלאַוו שושקעוויטש, אָלעג טשאָרנאָהוז, באָריס סאַטשענקאָ, לידער פון סטאַניסלאַוו זינטשוק און פּעטראָ אָסאַדטשוק 11

א. סאָלקאָווער. די שאָלעם־אַלייכעם־וואָך אין טשערנאָוויץ 37

נײַע דערציילונגען. יוסעף בורג. דאָס לעבן. כאַוועלע. א פּײַערל אין די בערג 40

אַרן בײַגעלמאַן. א מאָדנער טאָג (פראַגמענטן פון א גרעסערער דערציילונג) 53

מיר אינפאָרמירן אונדזערע לייענער. דער עמעס קעגן שעקער (פּרעסע־קאָנפערענץ פון דעם אנטיציִעניסטישן קאָמיטעט פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט) 89

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט.

זאַלמען ליבינזאָן. ליאָן פויכטוואַנגער (צו זײַן 100־טן געבורטסטאָג) 99

וולאַדימיר בעליאַיעוו. דאָס וואָרהאַפּטיקע וואָרט פון א שרײַבער־אינטערנאַציאָנאַליסט 117

פּאָלעמיק. מוישע מאַרגאָלין. א קורצער ענטפער 121

שמועסן וועגן מוזיק און עסטראַדע.

זינאָווי קאָמפּאַנייעץ. אָף די וועגן פון פאָרשן די ייִדישע מוזיקאַלע קונסט 125

צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאַגע. זינאָווי פּאָגעל. די נעשאָמע פונעם בוך 127

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס. שיפרע כאַלאָדענקאָ. לידער פונעם לעצטן העפט 129

הענעך שוועדיק. צו דער ליכטיקער הייך (לידער) 132

עזראָ פינינבערג. „איך גלייב אין אונדזער ענדגילטיקן זיג" 132

אונדזערע מיטיילונגען. לייב ווילסקער. שאָלעם־אַלייכעמס ווערק אין העברעיִשע איבערזעצונגען . . . 136

וולאַדיסלאַוו קאַץ. פאָטאָגראַפיעס דערציילן . . . 144

יע. גיק. דער אַנטיקוואַר 151

די פּאָטשט פון „סאָוועטיש היימלאַנד". אַבאָ יודעס. לײַדנשאַפטלעך און געטרײַ 154

דאָס איז טשיקאַווע 160

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור 161

אין שײַכעס מיט דער נײַער אַבאָנירקאַמפּאַניע 163

פאַר די, וואָס לערנען ייִדיש 164

כראָניק 35, 52, 120

רעזומע (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר), ש. גאָרדאָן, ט. גען, נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער, ב. מילער, כ. מעלאַמוד, ה. פּאָליאַנקער, י. שוסטער (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), י. שרײַבמאַן

דעם געגנטלעכן קאָמיטעט קפסס פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט

דעם געגנטלעכן סאָוועט פון פאָלקס-דעפּוטאַטן פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט

דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, דער פּרעזידיום פונעם אייבער-סאָוועט פון פססר און דער מיניסטאָרן-ראַט פון פססר באַגריסן הייס און גראַטולירן די אַרבעטער, קאָלווירטניקעס, די אינטעליגענץ, אַלע אַרבעטנדיקע פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט מיטן 50-טן יאָרטאָג זינט זי איז אויסגעבילדעט געוואָרן.

די גרויסע סאָציאַליסטישע אָקטיאַבער-רעוואָלוציע האָט באַפרייט די אַרבעטנדיקע ייִדן פון סאָציאַלער אונטערדריקונג און דיסקרימינאַציע, האָט געעפנט פאַר זיי ברייטע מעגלעכקייטן פאַר אַלזייטיקער אַנטוויקלונג. די אויסבילדונג פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט איז געווען אַ רעאַלע פאַרקערפּערונג אין לעבן פון דער לעניניסטישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, האָט באַקומען אַ ברייטן צווישנפעלקערלעכן רעזאָנאַנס. זייענדיק גלייכבאַרעכטיקטע מיטגלידער אין דער איינהייטלעכער פעלקער-מישפּאָכע פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, האָבן די אַרבעטנדיקע ייִדן מיט דער אויסבילדונג פון דער אווטאָנאָמער געגנט דעראָבערט זייער מעלוכעשאַפט.

אַדאַנק דער שטענדיקער זאָרג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פון דער סאָוועטישער מעלוכע איז די געגנט פאַר דער צייט פון איר עקזיסטענץ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַנטוויקלטן עקאָנאָמישן ראַיאָן פונעם ווייטן מיזרעך מיט גרויס-אינדוסטריע, מעכאַניזירטער לאַנדווירטשאַפט. אין די יאָרן פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע האָבן די אַרבעטנדיקע פון דער געגנט צוזאַמען מיטן גאַנצן סאָוועטישן פאָלק מעסירעסנעפעשדיק פאַרטיידיקט דאָס סאָציאַליסטישע היימלאַנד. אין די נאָכמילכאָמעדיקע יאָרן זייַנען אין דער געגנט געשאַפן געוואָרן און באַקומען זייער ווייטערדיקע אַנטוויקלונג אונטערנעמונגען פון לאַנדווירטשאַפטלעכער מאַשינבויונג, עלעקטראָטעכנישער, לייכטער, באַרגאַרץ-אינדוסטריע און אַנדערע צווייַגן פון דער אינדוסטריע, וואָס זייער פּראָדוקציע איז באַוווּסט אין פיל לענדער פון דער וועלט. די געגנט ברענגט אַרייַן אַ וועזנטלעכן בייַטראָג אין דער בויונג פון דער בייַקאַל-אַמור-מאַגיסטראַל. דערפאָלגרייַך אַנטוויקלט זיך די פילצווייַגיקע לאַנדווירטשאַפט. ראַדיקאַלע איבערגעשטאַלטונגען זייַנען פאָרגעקומען אין דער ספער פון קולטור, בילדונג, געזונט-אָפּהיטונג. אומאָפּנייגלעך העכערט זיך דער ווילשטאַנד פון די אַרבעטנדיקע.

דאָס אַלץ איז אַ בוילעטער באַווייַז פון דער גרויסער לעבנס-קראַפט פון דער סאָוועטישער מעלוכישער און געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, פונעם טריומף פון דער קלוגשאַפטלעכער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דער קפסס, פון דער אומגעוואַקלטער פרייַנטשאַפט און ברידערלעכקייַט פון די פעלקער פונעם גרויסן סאָוועטנלאַנד.

צוזאַמען מיטן גאַנצן סאָוועטישן פאָלק אַרבעטן אומדערמידלעך די האָרעפּאַשניקעס פון דער געגנט אפן פאַרווירקלעכן אין לעבן די באַשלוסן פונעם XXVI פאַרטיי-צוזאַמענפאָר, פונעם פעוורואַל- און אַפּריל-פּלענומס 1984 יאָר פון צק קפסס, פון די אָנווייַזונגען פונעם גענעראַל-סעקרעטאַר פון צק קפסס,

פאַרזיצער פונעם פּרעזידיום פונעם אויבער-סאָוועט פון פּססר ק. או. טשערנענקאָ. זיי קעמפן אקשאָנעסדיק פארן אויספילן פארן טערמין די פאַרגעבונגען פונעם 1984 יאָר און פונעם עלפטן פינפיאָר, פארן ווײַטערדיקן אופשטײַג פון דער עקאָנאָמיק און קולטור.

דער צענטראַל-קאָמיטעט פון קפּסס, דער פּרעזידיום פונעם אויבער-סאָוועט פון פּססר און דער מיניסטאָרן-ראַט פון פּססר דריקן אויס זייער פעסטע איבערצײַגטקייט, אז אונטער דער אָנפירונג פון דער געגנטלעכער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע וועלן די אַרבעטנדיקע פון דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט אויך ווײַטער מעסירעסנעפעשדיק זיך מיען פאר פאַרווירקלעכן די פּאַרטיי-פּאָליטיק, וועלן אַרײַנטראָגן א ווירדיקן צושטײַער אינעם פאַרפעסטיקן די מעכטיקייט פון אונדזער פילנאַציאָנאַלער מעלוכע, אין דער גרויסער זאַך פון קאָמוניסטישער בויונג.

זאָל לעבן די ברידערלעכע פרײַנטשאַפט און די אומגעוואַקלטע אײנהייט פון אַלע נאַציעס און פעלקערשאַפטן פונעם סאָוועטנלאַנד!

זאָל לעבן אונדזער גרויס היימלאַנד — דער פאַרבאַנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפובליקן!

זאָל לעבן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד — דער באַגײַסטערער און אָרגאַניזאַטאָר פון אַלע ניצחוינעס פונעם סאָוועטישן פאָלק!

צענטראַל־קאָמיטעט	פּרעזידיום	מיניסטאָרן־ראַט
פון קפּסס	פונעם אויבער־סאָוועט	פון פּססר
	פון פּססר	

אוקאַז פונעם פּרעזידיום
פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר

וועגן באַלוינען די שטאָט ביראָבידזשאַן
פון דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט
פונעם כאַבאַראָווסקער קאַנט מיטן אָרדען „ערן־צייכן"

פאר די דערפאָלגן, וועלכע עס האָבן דערגרייכט די אַרבעטנדיקע פון דער שטאָט אין דער ווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער בויונג, און אָפּמערקנדיק זייער בײַטראָג אינעם אַנטוויקלען די עקאָנאָמיק פונעם ווײַטן מיזרעך, באַלוינען די שטאָט ביראָבידזשאַן פון דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט פונעם כאַבאַראָווסקער קאַנט מיטן אָרדען „ערן-צייכן".

פאָרזיצער פונעם פּרעזידיום
פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר

ק. טשערנענקאָ

סעקרעטאַר פונעם פּרעזידיום
פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר

ט. מענטעשאַשווילי

מאָסקווע, קרעמל.
21 יוני 1984 י.

ווען עס צעבליט זיך אינדערפרי דער טאָג

• • •

ווען עס צעבליט זיך אינדערפרי דער טאָג,
און עס פינקלט דער ליכטיקער טוי, —
זעט נאָר, מענטשן, סארא פלאנעטע איר
פארמאָגט,
סארא פלאנעטע אײַך איז פארטרויט.

ווען דער ווינט די כוואליעס יאָגט
אין פעלד, אינעם צײַטיקן ברויט, —
זעט נאָר, מענטשן, סארא פלאנעטע איר
פארמאָגט,
סארא פלאנעטע אײַך איז פארטרויט.

ווען די ליבע אף די הענט איר טראָגט,
אנטקעגן דעם אָוונט-רויט, —
זעט נאָר, מענטשן, סארא פלאנעטע איר
פארמאָגט,
סארא פלאנעטע אײַך איז פארטרויט.

ווען מילכאָמע ציט אראָפּ די וואָג,
און איין מינוט איז צווישן לעבן און טויט, —
זעט נאָר, מענטשן, סארא פלאנעטע איר
פארמאָגט,
סארא פלאנעטע איז איצט אײַך פארטרויט!

דער שטערן

פלוצעם פון דעם הימל
מײַן שטערן איז געפאלן.
מײַן שטערן איז געפאלן
אף דער פוסטער גאס.
בין איך צוגעלאָפן,
געכאפּט אים בא די שטראלן
און ארופגעוואָרפן
אין הימל אים מיט קאס.

ער וויל זיך ניט צעשיידן,
ער פליט צוריק אראָפּ.

אקשאָנים זײַנען ביידע,
איך לאָז זיך אויך ניט אָפּ.
די נאכט האָט זיך געענדיקט.
אין דעם בלויען רוים
עס בלײַבט מײַן שטערן הענגען,
ווי א הויכע קרוין.
כ'ווייס: קיין אייביק פּאָרל
מיר וועלן שוין ניט זײַן.
נאָר אלע מײַנע יאָרן,
שײַן מײַן שטערן, שײַן!

אין יעדן קאנט

אין יעדן קאנט,
אין יעדן לאנד
די פעלקער פילן אלץ שארפער:
די ערד איז קראנק,
די ערד איז קראנק
מיט א געפערלעכער שלאפקײַט.

איך פאל צו מיט די ליפּן צו איר,
און פיל איר ציטער,
איר הויכע היץ,
איר שווערן זיפץ איך הער.
מיר דאכט, אָט איצט
בין איך איר נערוו,

בין איך איר טרער,
בין איך איר מונטערדיקער קלאַנג.
די ערד איז קראַנק,
די ערד איז קראַנק.
פון ווײַטע וועלטן,
פון פּלאַנעטן,עס פרעמדע
די רעפּוע וועט קיינער
אַהער ניט ברענגען.

איך בין די רעפּוע,
און איך בין די שולד.
ס׳קאָן זײַן שפּעט,
מע טאָר ניט רוען.
די שלאָפקײַט דויערט שוין לאַנג.
די ערד איז קראַנק,
די ערד איז קראַנק.

אין דרויסן איז א וויוגע

אין דרויסן איז א וויוגע מיט א שניי,
מע זעט ניט די ערד און דעם הימל.
ווען דער ווינטער פאַרדרייט זײַן געדריי,
כ׳קאָן ניט בלײַבן אין וואַרעמען צימער.

כ׳גיי ארויס צו דער וויוגע דער בייזער,
זי זאָל שמײַסן איבערן פּנים,
אַף מיר אויסלאָזן דעם קאַס איך הייס איר,
פאַר עפּעס נעמען נעקאָמע.

איך וועל אויסהאַלטן, ניט ווערן מיד.
מײַן געדולד, בין איך זיכער, וועט העלפן.
פון דער וויוגעס געוואַי וועט ווערן א ליד,
דעם ווינטערס ווייטיק וועט זיך צעשמעלצן.

און ווען די זון באַווײַזט זיך ווידער,
איר קילער אָטעם איז אומגעריכט.
צו דער שטוב באַגלייט מיך דער ווינטער,
מיט זײַן פרעסטל דערוואַרעמט ער מיך.

ווו מע זאָל ניט שיסן

ווו מע זאָל ניט שיסן
אין א רעוואָליוציע אַף דער ערד,
צילט מען אויך אין אונדזערער.
אין לענינען.
אין קאָמוניסטן.
אין אַלץ, וואָס האָט פאַר אונדז
א הייליקע ווערט.

אין טשילי,
גרענאַדע,
אין סאַלוואַדאָר
צילט מען נאָך הײַנט, נאָך איצט,
אין רעוואָליוציאָנערן זיבעצנטן יאָר,
אין ווײַטן אָקטיאַבערשן בליץ.

מע צילט אין אונדזער עמעס אייביקן,
אין אונדזער שענסטן טרוים,
אין מיר,
אין די קינדער,
אין מײַנע אייגענע,
אַהין, ווו מײַן מאַמע וווינט.

דערפאַר אין לענדער פרעמדע,
כאָטש איך בין דאָרט ניטאָ,
אַף די באַריקאַדעס קעמפן
כ׳גיי ארויס יעדן טאָג.
אין סאַלוואַדאָר.
אין גרענאַדע.
אין טשילי.
אין לענדער, ווו ניטאָ בין איך,
כ׳גיב אוועק דאָס לעבן אפילע
פאַר דעם גרויסן אָקטיאַבערשן ליכט.

אין פלאַם פון רעגנבויגן

בלײַבט שטיין אַף א רעגע

מענטשן,
בלײַבט שטיין אַף א רעגע,
באמערקט דעם סאָלדאט,
וואָס האָט אין גראַניט זיך פארשטעלט.
דערגאנגען ער איז
מיט צעשאָסענע וועגן
צום פיעדעסטאַל
אהער
אינמיטן דער וועלט.

אין א קרוין-אָרעאָל
זײַן העלם —
אין פלאַם פון א רעגנבויגן,
א טרער,
צי א טראָפּנדל שווייס
פון זײַן וויִע טריפט.
אײַלט ניט
פארבײַ
מיט גלײַכגילטיקע אויגן,
אין זיך ארײַנגעטאָן
און פארטיפט.

כ'האָב געוואכט
באנאנד מיט אים
אין טראנשייע —
געשלײַדערט אַף טאנקען
ברענשטאָף
א פלאַש נאָך א פלאַש.
און דאַן שוין געווען איז קלאָר,
אַז, ווי אַלע,
ער האָט בעדייע
זײַן הארץ,
פול מיט האס און ליבע,
אויסצוטוישן אַף פײַער און אַש.

שטעלט זיך אָפּ אַף א רעגע
באַם דענקמאָל,
פארטײַעט דעם אָטעם...
עס לאָקערט פון פרעמדע ברעגן
ראקעטע-געפאר:
פון דאָרטן עס פויזען אַף אונדז
טויט-טראָגנדיקע שאָטנס...
פארנייגט דעם קאָפּ
פאר גוורע
מיט דרעכערעץ און צער!

בענקשאַפט נאָך דער שטאָט

געכאָוועט כ'האָב שוין לאַנג א בלויען טרוים
זיך אויסלייזן פון דעם מעטראָ-געווימל,
אָנשטאָט דעם רוישיקן געוועלב,
א ריינער הימל
געכאַלעמט האָט זיך מיר
אין העלן שוים.

ס'איז נימעס דאָרט געווען די שטופערײַ
פון עלנבויגנס ברויגעזע און שארפע
טאָג-אײַן, טאָג-אויס,
פארסאַפּעט און פארסאַרפּעט
קאַ'אָר — אין אונטערגרונט,
פארנאכט — אהין אפסנײַ.

אז איך וועל בענקען נאָך דעם קנאַפּל-קנאַל
אין מעטראָפּאָליטען,
ווער האָט געקאָנט דען קלערן?
א האַלבן קיניגרייַך כ'גיב אָפּ, קעדיי צו הערן,
ווי ס'הודעט אין דער טיף
פון טרעפּ א טריטנפאַל.

כאָטש ס'האָט מיך דאָרטן דער האַמוין געשטיקט,
איך כאַלעש אין מייַן גלוסט, מ'זאָל ווידער אָף מיר שפּאַרן —
די שטופּערייַ פון בייזע עלנבויגנס וועט ניט אַרן,
אַלץ, וואָס עס האָט געקימערט, וואָלט מיך הייַנט געקוויקט.

צו דעם סקולפּטאָר

דו ביסט, ווי איך, פאַראַקשנט,
פונדעסטוועגן איז קלאָר:
דאַרפסט מיר ניט מעקאַנע זייַן
אפילע אָף קיין האָר.

ווערטער זייַנען, קלערסטו,
ווייכער, ווי גראַניט?
כ'בעט באַ דיר מעכילע,
נאָר האָסט קיין אַנונג ניט.

מעגסט אַוודע שטרייַטן,
אַלצייַנע זייַנען פּאַרט
דער ווידערשטאַנד פון שטיינער,
דער ווידערשטאַנד פון וואָרט.

זיי האָבן קיין ראַכמאָנעס ניט,
דעם קאָפּ אין זיי כאָטש פּלעט,
די שטיינער — אָפּן סקולפּטאָר,
דאָס וואָרט — אָפּן פּאָעט.

פאַרדינען א דענקמאָל

איבערן טייַך אָקאַ באַם דאָרף
קאָנסטאַנטינאָוואָ

הויך איז דער ברעג,
יעסענין פלעגט אין דער קינדהייַט
דאָ לויפן זיך באָדן באָרוועס...
מיר האָבן צו אים, צום בראָנזענעם,
אופגעהויבן זיך נאָרוואָס —
עס ווערט ניט פאַרוואַקסן אַהער
דער אייביקער שטעג.

איך ווייס, אַז גרויסע העלדן
שטעלט דאָס היימלאַנד בראָנזענע ביוסטן
אין דערפער און שטעט.
אָבער נאָך קאָנסטאַנטינאָוואָ
וועל איך געדענקען:
קעדיי פאַרדינען א דענקמאָל,
גענוג איז צו זייַן א פּאָעט.

ב י ט אָ כ ן

די ווערטער זייַנען, דוכט זיך, אָפּן אָרט, אָט דאָרט,
אין ליד מייַנער,
אין די געפילן העלע.
נאָר כ'מוסער זיך:
„ס'איז שוואַך, ס'איז גרוי, ס'איז רוי..."
פאַרוואָס איז מיר מייַן אַרבעט ניט געפעלן?

פאַרשלאָפן דעם באַרוף... און ווייניק איז געלונגען.

כ׳בין שפּעט
אַראָפּ פון בעט.
דער מאַלכאַמאָוועס האָט שוין מיר געקלונגען?

האָך ס׳־וויסיי דאָס גאַנצע לעבן כ׳וועל זיך מ׳ען.
עס הייבט ערשט אָן אין מיר שאַר׳ען...

דרײַ מיניאַטיורן

1. דער יאַם

דער יאַם האָט מיר דערקלערט מיט ציטער,
ווי שווער ער לײַדט פון זײַן באַרוף:
ער איז דערפאַר געוואָרן ביטער,
ווײַל אַלע טרערן די צעגליטע
באַ זיך אין האַרצן נעמט ער אויף.

2. אַרום דיר

גוט, וואָס דו הערסט ניט אַצינד,
סאַרא האָגל
שלײַדערט דער ווינט מיר
מיט האַס אין די אויגן.
קוים וואָס איך גיי —
אײַנדרײַען געבויגן.
כ׳וויל זיך ניט קלאָגן —
כ׳וועל דיר ניט זאָגן,
אַז אַרום דיר
עס דורערט מײַן וואָגל.

3. ווער קאָן וויסן?

שטענדיק איז פאַראַן באַ דיר א ברייטע,
בייס דער ײַציצרהאָרע נעמט דיך רייצן,
אַנטלויפן פון א זינד, פון אַן אַוויירע —
א קער טאָן זיך צום לעבן מיט דער פלייצע.

ס׳טרעפט אָבער, דו הייבסט ניט אָן צו פילן,
אַז דו ווערסט פאַרבלענדט אינמיטן טאָג אין העלן,
אין די אוראַלטע דו ציסט אַרײַן זיך שפּילן —
זיי ווערן אַף דער עלטער דיר געפעלן.

דאַן מוסערן איך קאָן ניט דײַן געוויסן.
כ׳וועל עפשער אויך געפרוווט זײַן. ווער קאָן וויסן?

■ ■ ■

פונקען

דער נײַער גאָלפסטרעם

אַמאָל פלעגט מען די גאַנצע וועלט
שרעקן מיט סיבירער קעלט.
ווי נאָר עס פלעגט א פראָסט
א שטשיפּע טאָן די נאָז,
אָדער א קנײַפּ טאָן די באַקן,
פלוצעם טאָן זיי א ריר,
פלעגט טייקעף ווערן
פארטיק דער פראָגנאָז:
— ס'איז אינעם דרויסן הײַנט סיביר!

נאָר ווען פון דער טיומענער טײַגע
אייראָפּע האָט באַקומען גאַז
(ער וועט געדיכט זיך דאָרט צעצווײַגן
אין יעדער שטאָט, אף יעדער גאַס), —
דאַן האָט מען פּאסקענען געגומען אָן א שפּאַס:
— געקומען א גאָלפסטרעם א נײַער,
געוואָרן איז אין יעטווידער קווארטיר
ליכטיק, ווארעם — א מעכײַע,
פונקט ווי ס'וואָלט דאָ זײַן סיביר!

אנדערע זאָרגן

ס'האָט אינעם הימל אָנגעהויבן פינקלען מיטאמאָל.
וועל איך באלד זיך אפן דאַך פארקלײַבן,
קעדיי פון דאָרטן בוילעטער דערזען:
צי ס'האָט א בליץ צעשאָטן זיך
מיט פונקען אָן א צאָל,
צי בא קאָסמאָנאווטן גייט א סעאנס פון אווטאָגען.

הערט נאָר, הערט נאָר, ווי עס קלינגט

קוביק, רוביק...
רוביק, קוביק...
כ'דריי אהין
און דריי אהער, —
אף לינקס א קער,
אף רעכטס א קער.
אומזיסטע טירכע
און ניט מער...
וואריאַנט
נאָך וואריאַנט,
פארמאזאָליעט
שוין די האַנט,
פון פארדראָס
איך בײַס די פינגער,
נאָר עס רירט זיך
ניט פון אָרט,

ס'וועט
א האָרעלע
ניט גרינגער.
אָן באַדויער
כ'וואָלט מיסטאם
זיך צעשיידט
מיט אָט דעם שפּילכל,
נאָר ס'געפעלט מיר דאָ
דער גראַם —
קוביק, רוביק,
ווי עס קלינגט!
יעדער גליד
אין מיר עס זינגט:
קוביק, רוביק...
רוביק, קוביק...

צו שאָלעם־אלייכעמס 125־טן געבורטסטאָג

אין די לעצטע נומערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד" ווערט געבראַכט א רײַכער מאַטעריאַל וועגן די שאָלעם־אַלייכעם־פּײַערונגען, וועלכע האָבן אַנגענומען אין אונדזער לאַנד א גאָר ברייטן פאַרנעם.

א באַזונדערן אינטערעס שטעלן מיט זיך פאָר די אַרויסטרעטונגען פון סאָוועטישע שריפטשטעלער, פאָרשטייער פון פאַרשיידענע ברידערלעכע ליטעראַטורן, אויף די יוביליי־אָוונטן. אין זיי ווערט געגעבן אַן אַלזײַטיקע אָפּשאַצונג פון שאָלעם־אַלייכעמס שאַפונג.

אין הײַנטיקן נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" ווערט פאָרגעשטעלט דער טעקסט פון אייניקע אַרויסטרעטונגען.

לעאָניד לענטש

רוסישער שרײַבער־הומאָריסט

וועגן שאָלעם-אַלייכעמען און וועגן היילונג מיט געלעכטער

די נעשאָמע פונעם פאָלק דריקן אויס זײַנע לידער. און זײַן הומאָר! און הומאָר איז לויט דער עמאָציאָנעלער מאַניר א טיף-נאַציאָנאַלע דערשײַנונג. ניט אומזיסט זײַנען פאַראַן אַזעלכע אויסדרוקן, ווי „רוסישער געלעכטער", „אוקראַיִנישער געלעכטער", אויך — דער אײַנגעהאַלטענער ענגלישער „שמייכל אין די וואָנצעס". יענער שרײַבער, וואָס האָט געקאָנט אויפכאַפּן די מעלאָדיע פון דעם פאָלקס נעשאָמע און האָט אין זײַן שאַפונג איבערגעגעבן די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט פונעם פאָלקס-געלעכטער, איז קעסיידער א גרויסער שרײַבער. גענוג אָנצורופן אַזעלכע נעמען, ווי טשעכאָוו, אָסטאַפּ ווישניאַ, מאַרק טווען, דיקענס, האַשעק, סערוואַנטעס...

דעם הומאָר פונעם יידישן פאָלק שטעלט פאָר אין דער ליטעראַטור שאָלעם-אַלייכעם.

ער האָט געשריבן מיט געדיכטע, זאַפטיקע, אימפּרעסיאָניסטישע פאַרבן, בלײַבנדיק דערבײַ א רעאַליסט מיט א זייער טרעפלעכן און שאַרפן קוק. דעם שוידערלעכן שטעטלדיקן שטייגער האָט ער געשילדערט אין זײַנע ווערק אַזוי, ווי קיינער ביז אים.

באַם לייענען זײַנע נאָוועלן און דערציילונגען האָט מען זיך געקאַטשעט פון געלעכטער און מע איז געווען גערירט ביז טרערן. אַלץ האָט ער גענומען פונעם לעבן — אַלע זײַנע קאָמישע און טראַגיקאָמישע סוזשעטן און קאָליזיעס. דאָס לעבן איז געווען „גראָב און אָרעם", אַזוי אָרעם, אַז אַפילע אין די לעגענדעס און מײַסעס האָבן דאָס אָרט פון גוטע מלאָכים און דערפינדערישע קישעפמאַכער פאַרנומען... א מעלקנדיקע ציג און א לאָטעריי-בילעט מיט די נייטיקע ציפערן „8" און „9", וועלכע זײַנען, צום באַדויערן, אַוועקגעשטעלט ניט אין יענעם סיידער, וועלכער איז נייטיק פאַר דעם מאַזל!

שאָלעם-אַלייכעמען האָט מען אָנגעהויבן איבערזעצן אויף רוסיש און אַרויסגעבן אין רוסישע פאַרלאַגן אין 1909. דאָס איז געווען א שווערע צײַט. דער צאַרישער רעגירונג האָט זיך דאַן אײַנגעגעבן צו פאַרטויבן „די יוידרונג פון די מויכעס", וועלכע איז געווען א פויעל-יויצע פון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן פון 1905 יאָר. און ווען ס'האָבן זיך אָפּן ביכער-מאַרק באַוויזן שאָלעם-אַלייכעמס ווערק, האָט אויף דעם רוסישן לייענעדיקן עולעם א פלייץ געטאָן א טומלדיקער האַמוין פון זײַנע ליטעראַרישע פּערסאָנאַזשן — לעכערלעכע און אומגליקלעכע, גיריקע און זשעדנע, שטאָלצע און נעבעכדיקע, שרײַענדיקע, ווי שטעטלשע גענדז.

די רוסישע פּראָגרעסיווע שריפטשטעלער — טשעכאָוו, קאָראָלענקאָ, גאָרקי, קו-

פרײַז, לעאָניד אַנדרײעוו — האָבן זיך באַציגן צו זײַן שאַפונג מיט סימפּאַטיע און אָפּ-מערקזאַמקײַט. זײ האָבן דערזען אין אים זײער מיטדענקער אינעם אידײִשן קאַמף קעגן דער צאַרישער ביוראָקראַטיע. אָבער ניט נאָר דער דאָזיקער פּאָליטישער אומשטאַנד האָט אַרויסגערופן בײַ זײ דאָס געפיל פון סימפּאַטיע צו שאָלעם-אַלײכעמען. לויט זײַן גאַנצן טאָך איז ער געווען אַן איבערצײַגטער אינטערנאַציאָנאַליסט. זײַנע ווערק האָבן ניט געטראָגן מיט זיך קײן נאַציאָנאַליסטישע גײַ-ווע און נאַציאָנאַליסטישע גרויסהאַלטערײַ. דער שווערצמײַעדיקער כּאַזערײַ פונעם אַזוי-גערופענעם „ידישן אַנעקדאָט“ האָט שאָלעם-אַלײכעם קעגנגעשטעלט עכטן ידישן פאָלקס-הומאָר — קלוגן, דורכגעטריבענעם, צומאָל מיט טרויער אָפּן שפּיץ מעסער, און צומאָל מיט אַ טרערן-קנײל, וואָס כאַפּט אָן באַם האַרצן.

...עס זײַנען פאַרבײַ אַ סך יאָרן. דער טײַך פון צײַטן האָט אַוועקגעטראָגן אין פאַרגעסעניש דעם טכום-האַמוישעװו און, לעסאָף, דעם שטעטלשן שטײגער. אָבער שאָלעם-אַלײכעמס ווערק רופן אַרויס, ווי פריער, געלעכטער און רירן ביז טרערן. פאַרוואָס? מיר דאַכט, אַז מע קאָן עס דערקלערן מיט דעם, וואָס די הויפּט-ליניע פון זײַן שאַפונג, פון זײַן גענעראַלער טעמע איז — דאָס קלײנע מענטשעלע, זײַן מאַצעוו אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, זײַן קאָנפליקט מיט איר. די דאָזיקע טעמע האָט מען אין דער לעצטער צײַט אָנגעהויבן רופן טשאַפּלינישע, אָבער מע דאַרף, ווי מיר רעכט, אָנרופן גאָגאָלישע טעמע. איר שעפער איז געווען אונדזער גאָגאָל. ער האָט אָנגעשריבן זײַן פּרעכטיקע דערצײלונג וועגן דעם נישטיקן קאַנצעליאַריסט, וועלכער האָט זיך אויסגעבויט אַ גרויסאַרטיקן טרוים („שינעל“) און אין איין אויגנבליק האָט ער אים אָנגעווירן. זינט דעמלט שפּאַנט און שפּאַנט דאָס קלײנע מענטשעלע, אין זכוס פון גאָגאָלן, איבער די וועגן פון דער ליטעראַטור און קונסט, יאָגנדיק זיך נאָך זײַן אילוזאָרישן טרוים, ווי דער אײביקער אַגאַספער.

שאָלעם-אַלײכעם האָט אויף זײַן אויפן, אײגנאַרטיק, טאַלאַנטפול געשריבן וועגן דעם שטילן אַגאַספער פונעם ידישן שטעטל.

ס'איז באַוווסט שאָלעם-אַלײכעמס אַפאָריזם וועגן דער באַדײַטונג פון געלעכטער אין דער ליטעראַטור און קונסט:

— לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן.

נאָך שאָלעם-אַלײכעמען האָבן דעם דאָזיקן אַפאָריזם איבערגעכאַזערט מיט אַנדערע ווערטער פיל שריפטשטעלער, פילאָסאָפן, פובליציסטן, אָבער דער ערשטער האָט אים אַרויסגעזאָגט שאָלעם-אַלײכעם.

אויף זײַן פּאָפּולערן פּאָרטרעט (אַ טונקל מאַנטל, אַרופגעוואָרפן אויף די אַקסל, אַ טונקעלער קאַפעליוש, ברילן מיט שטאַרקע גלעזער, הינטער וועלכע ס'זעען זיך גוטע, קורצזיכטיקע אויגן) איז דער שריפטשטעלער אַלײן ענלעך אויף אַ סימפּאַטישן ווילן דאָקטער. ס'דאַכט זיך, אַז אָט וועט ער ניט אויסהאַלטן דעם טומל פון די יוביליי-פײַערונגען און וועט פאַנאַנדערוקן די ראַמען פון זײַן פּאָרטרעט, צוגײן מיט זײַן אַלטן סטעטאָסקאָפּ אין די הענט צו אײנעם פון אונדז און אַ זאָג טאָן:

— לאַזט נאָר, טײַערינקער, וועל איך אײַך אויסהערן... ווי אַזוי איר לאַכט!

און אויסהערנדיק, וועט ער מאַכן זײַן אויספיר:

— נו, אַפּאַנעם, אַז קײן שום אָפּנײגונגען פון דער נאָרמע פון יענעם געלעכטער, וועלכן איך האָב געהערט פון די לײענער בײַ מײַן לעבן, האָב איך בײַ אײַך ניט געפונען... לאַכט אויך ווײַטער צו-געזונט. שאָלעם אַלײכעם!..

■

סערגײ באַרוזדין

רוסישער שרײַבער, הויפּט-רעדאַקטאָר
פונעם זשורנאַל „דרוזשבאַ נאַראָדאָוו“

אומשטערבלעכע מענטשלעכקײט

שאָלעם-אַלײכעם איז אַ דערשײַנונג פון אַלוועלטלעכער באַדײַטונג, — די דאָזיקע אָפּשאַצונג אַנערקענען מענטשן פון פאַרשײדענע נאַציאָנאַליטעטן און פון אַלערלײ דורעס. און מיר שטאָלצירן מיט דעם, וואָס זײַן מעכטיקער טאַלאַנט איז געבוירן געוואָרן און

האָט געריַפט גראָד אַף דער רוסלענדישער
ערד, אין דער טקופע פון פאַר-רעוואָליוציאָ-
נערע שטורעמס און אופטרייסלונגען, אינעם
פעריאָד, ווען עס האָט זיך אויסגעפורעמט
דער קלאַסעווער זעלבסטבאַוווסטזיַן פו-
נעם פראָלעטאַריאַט אין קאַמף קעגן דעם
פאַרדאָרבענעם צאַרישן רעזשים, וועלכער
האָט פאַרוואַנדלט רוסלאַנד אין א טפיסע
פון פעלקער.

איך בין וויַט פונעם געדאַנק אָנצו-
רופן שאָלעם-אַלייכעמען באַוווסטזיניקער רע-
וואָליוציאָנער. יאָ, ער איז געווען באַקאַנט
מיט דער לערע פון מאַרקסן. יאָ, ער איז
געשטאַנען נאָענט צו די רעוואָליוציאָנערע
דעמאָקראַטן. נאָר קיין מאַרקסיסט איז ער
ניט געווען. אָבער שאָלעם-אַלייכעמס עכטער
טאַלאַנט איז געוואָרן יענער זיכערער קאָמ-
פאַס, וועלכער האָט דערפירט דעם מעכאַבער
צו ריכטיקע סאָציאַלע אויספירן און אָפּשאַ-
צונגען און אָביעקטיוו מיטגעהאָלפן דער רע-
וואָליוציאָנערער דערציִונג פונעם לייענער.

אַלס גרונטלייגער פון דער נײַער ייִדי-
שער ליטעראַטור איז ער געווען פּראָגרעסיוו
אויך אינעם אויסוואַל פון דעם לאָשן פאַר
זײַנע ווערק. דער שרײַבער האָט אָפּגעוואָרפן
העברעיִש — דעמלט די שפּראַך פונעם רע-
ליגיעזן קולט בא די ציִעניסטיש-געשטימטע
קרײַזן פון דער בורזשואַזער אינטעליגענץ,
און שוין דערמיט אַליין האָט ער געמאַכט
א סאָציאַלן און, כ׳באַמערק, פאַר יענער צײַט
א ניט לײַכטן אויסוואַל. ער האָט אָנגעהויבן
שרײַבן אַף ייִדיש — דעם פאָלקס-לאָשן, דער
רייד-שפּראַך, דער שיינער, רײַכער, זאַפטי-
קער שפּראַך פון די מאַסן. דער קינסטלער
האָט אויסגעהאַלטן די אָנפאַלן און די העצע
מיצאַד די אָפּגעריסענע פונעם רעאַלן לעבן
ייִדישע רעדלפירער, וועלכע האָבן געהאַלטן
ייִדיש פאַר א זשאַרגאָן, פאַר א דיאַלעקט,
פאַר דער וווּלגאַרער, באַגרענעצטער
שפּראַך — מיט איין וואָרט, פאַר דער שפּראַך
פונעם אַמכאָ. אָבער טאַקע פאַר אָט די
„אונטערשטע" פאָלקס-שיכטן — פאַר די סאַ-
מע פראָסטע מענטשן האָט דאָך שאָלעם-
אַלייכעם געשריבן.

שאָלעם-אַלייכעמס שאַפונג איז וווּנדער-
באַר לויט איר סאָציאַלער טיפקײַט, לויט דער
מענגע קאָלאָריטפולע, לעבעדיקע געשטאַלטן
פון מענטשן — אָרעמע און רײַכע, אונטער-
דריקער און אונטערדריקטע, בעריעס און
אומגעניטע, לײַטישע און אומאָרנטלעכע. דאָס
איז א גאַלעריי פון איינמאָליקע מענטשלע-
כע טיפּן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן,
און קוידעמקאָל, פאַרשטייט זיך, פונעם
ייִדישן האַמוין אַף דעם ראַנד פון דער שאַר-
פער קלאַסן-צעשיכטונג.

דער ניט-פאַרומערטער, מאָראַליש-
קרעפטיקער און געזונטער טעוויע, דער באַ-
שיידענער שנײַדער שימען-עליע, דער אָרע-
מער גיבער נאַכמען ווערעבאָווסקי, דער
יונגער רעוואָליוציאָנער-מאַרקסיסט מישע
גרוזעוויטש, דאָס זויבער-ריינע ייִנגל מאָטל,
די אומגליקלעכע עמיגראַנטקע בראָכע — אָט
די און אַנדערע פערסאָנאַזשן זײַנען באַשריבן
מיט ליבע און צערטלעכקײַט, מיט א זיכע-
רער ארײַנדרינגונג אין די הערצער און נע-
שאָמעס זייערע, מיט גלויבן אין דעם עמעס
און אין מעגלעכן גליק.

און ווי צאָרנדיק און סאַרקאַסטיש עס
ווערט די פען פונעם קינסטלער, ווען ער
שאַפט די פיגורן פונעם גוויר מאָרדכע-ניסן,
פונעם געשעפטמאַכער פײַפער, פונעם שווינד-
לער אַרקאַדי שווייצער, פונעם לעמבערגער
מעצענאַט לעוויִוס, פון די דורכגעטריבענע
פאַרשווינדלער קלאַמער, מוראַוטשיק, שוואַלב...

שאָלעם-אַלייכעם איז געווען א קינסט-
לער-פאָרויסזעער. לעבנדיק אין די שווערס-
טע באַדינגונגען פון דער צארישער זעלבסט-
הערשאַפט, האָט ער מיטן גאַנצן וועזן גע-
גלייבט אין דער ליכטיקער צוקונפט פונעם
ייִדישן האָרעפּאַשנעם פאָלק, אין דעם גליק-
לעכן גוירל פון זײַן היימלאַנד.

צוויי יאָר פאַרן טויט האָט דער שרײַ-
בער נעוויִיש באַמערקט: „די צוקונפט פון
אונדזער פאָלק איז דאַפקע דאָ, אין דעם דאָ-
זיקן לאַנד, וווּ מיר לעבן. די שווערע צײַט
וועט פאַריבער, די פינצטערע וואָלקנס וועלן
פאַנאַנדערגיין, דער הימל וועט ליטער
ווערן..."

דאָס לעבן האָט ניט געבאַלעוועט שאָ-
לעם-אַלייכעמען. א זון פון ניט קיין רײַכע,
און אינגיכן אינגאַנצן פאַראָרעמט געוואָרענע
עלטערן, א טאַלמיד פון א יעשיווע — א
ייִדישן רעליגיעזן לערן-אַנשטאַלט, דערנאָך
פון אן אויעזדנער שול, א לערער פון דער
רוסישער שפּראַך און א ניט צו שטאַנד גע-
קומענער קאַזיאָנע ראַבינער, א ניט געראָ-
טענער געשעפטמאַכער און אן אַנערקענטער
אין דער גאָרער וועלט שרײַבער, דער מענטש,
וועלכן עס האָבן הויך געשעצט קאָראָלענקאָ,
טשעכאָוו, טאָלסטאָי, גאָרקי, דער מעכאַבער,
וועלכער פאַרמאָגט ניט קיין גראָשן אין קע-
שענע, דער פּאַטריאָט, וועלכער האָט גע-
טרוימט פאַרענדיקן זײַן לעבנס-וועג אַף דער
לײַבלעכער פּאָלטאַווטשינע, און דער עמי-
גראַנט, וואָס איז מעקאַבער געוואָרן אַף דעם
ווײַטן ניו-יאָרקער בעסוילעם, — אַזעלכע זײַ-

נען די פּאַראַדאָקסן פון אָט דעם דאָזיקן לעבן.

אָבער אָט דער טראַגישער איבערפלעכט האָט ניט געקאָנט ענדערן זיין ליכטיקע, פריידיקע און אָפּטימיסטישע נעשאָמע.

אַליין שאָלעם-אַלייכעם פלעגט זאָגן, אַז דער לעבנס-יאַם פון טרערן, דורכגייענדיק דורך זיין שפעריישער פריזמע, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געלעכטער. אוואדע איז די נאַטור פון שאָלעם-אַלייכעמס געלעכטער ניט קיין פּאַשעטע. נאָך מער, זי איז אַ ווידערשפּרעכלעכע. און נאָך פּינקטלעכער, די טרערן און דער געלעכטער גיסן זיך צונויף איניינעם, שאַפן אַ געשמעלץ, ווי עס טרעפט אָפט אינעם לעבן.

און דאָ איז אומעגלעך ניט צו דערמאָנען די צוויי גרויסע רוסישע קינסטלער, פאַר וועמענס שאַפונג שאָלעם-אַלייכעם האָט געהאַט שטאַרקן אָפּשיי — גאָגאָלן און טשעכאָוון. די רוסישע קולטור און די רוסישע ליטעראַטור, ווי, פאַרייטועגס, אויך די פאָרגעשריטענע אוקראַאינישע ליטעראַטור, האָבן געהאַט אַ קאָלאָסאַלן איינפלוס אַף דער שאַפונג פונעם באַרימטן מייסטער, און דער רוסישער לייענער פלעגט אַרויסווייזן אַ גוואַלדיקע און פאַרינטערעסירטע אַכטונג צו זיינע ווערק. שוין אין די יאָרן 1910—1913 זיינען דערשינען געזאַמלטע ווערק פון שאָלעם-אַלייכעמען אַף רוסיש אין אַכט בענדער. שאָלעם-אַלייכעמס ביכער זיינען געזעצמעסיק אַריין אינעם לייען-קרייז פון דעם רוסישן מענטש.

אַ קאָלאָסאַלע יערושע האָט איבערגעלאָזט דער וועלט שאָלעם-אַלייכעם: „מענאַכעם-מענדל”, „טעוויע דער מילכיקער”, „פונעם יאַריד”, „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס”, „סטעמפעניו”, „יאָסעלע סאָלאָוויי”, „בלאָנדזנדע שטערן”, „שריפטן פון אַ קאָמיוואָיאַזשאָר”, „שאָמערס מישפּעט”, „דער בלוטיקער שפּאַס”, צענדליקער פּיעסן, דערציילונגען, לידער, אַרטיקלען. און דאָס אַלץ האָט אויסגעהאַלטן דעם אויספּרוּוו פון דער צייט.

מיקאָלאַ באַזשאַן האָט געשריבן וועגן שאָלעם-אַלייכעמען: „אָט דער נאָמען שטייט אין איין ריי מיט די וווּנדערשיינע און טייערע פאַר דער מענטשהייט נעמען פון גאָגאָלן און דיקענסן, טשעכאָוון און מאָפּאַסאַנען, לו סינען און איוואַן פראַנקאָ. פון אָט דעם טאַקע ווערטפולן געשמעלץ פון ליבע און טרויער, פון פרייד און צאָרן, שפּאַס און געלעכטער פלעגן זיי אויסגיסן די געשטאַלטן פון זייערע העלדן”.

לאָמיר דערמאָנען כאָטש לייבלען און רייזלען — די הויפּט-פּערסאָנאַזשן פון „בלאָנדזנדע שטערן” אָדער די העלדן פון שאָלעם-אַלייכעמס פריערדיקע צוויי ראָמאַנען „סטעמפעניו” און „יאָסעלע סאָלאָוויי”, — פון דער אייגנאַרטיקער טרילאָגיע וועגן די גויראָלעס פון דער שפעריישער אינטעליגענץ. דאָס לעבן פונעם מוזיקאַנט, זינגער און באַזונדערס פון דעם שוישפּילער — דאָס איז די אייביקע זוכונג פון שפערישן מאַזל, דאָס איז די פראַגע וועגן דעם אָרט פון קונסט אינעם לעבן פון דער געזעלשאַפט.

דעם עמעס פון סאָציאַלע צווישנבאַציונגען האָט שאָלעם-אַלייכעם מערער געפילט, איידער באַגריפן, אָבער געפילט האָט ער אים, ווי אַ טאַלאַנטפולער קינסטלער, היסטאָריש פּינקטלעך. פּונקט אַזוי ווי עס ווערט כאָרעוו די ליבע פון לייבלען און רייזלען, אַזוי ווערט רוּינירט זייער גוירל פון אַרטיסטן, וועלכע קאָנען ניט געפינען אין די באַדינגונגען פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט אַ ווירדיקע אָנווענדונג פאַר זייערע פעיִקייטן.

אינעם צאָרנדיקן און בייסיקן בוך „שאָמערס מישפּעט” האָט שאָלעם-אַלייכעם פאַרניכטנדיק דעמאַסקירט די צופאַסלערישקייט אין דער קונסט, באַוויזן מיט אַ דאָקומענטאַלער פּינקטלעכקייט ווי פרוכטלאָז עס זיינען די פאַרפאַסערייען צוליבן געברויך פון די „רעדלפירער פון דער וועלט”, וועלכע קאַליעטשען ניט בלויז דאָס לעבן, נאָר — וואָס ס'איז דאָס סאַמע שרעקלעכסטע — דעם מענטשנס נעשאָמע.

אַ שרייבער אַן אינטערנאַציאָנאַליסט, האָט שאָלעם-אַלייכעם קיינמאָל ניט קעגנגעשטעלט דעם גוירל פון זיין פאָלק די גויראָלעס פון אַנדערע פעלקער. אין קעגנזאַץ צו דער טראַדיציאָנעלער „ריין-נאַציאָנאַלער” יידישער ליטעראַטור, וועלכער ס'איז געווען אייגנטימלעך „דער אייביקער געוויין אַף די טייכן פון באָוול”, האָט ער געשאַפן אַ נייע, אָפּטימיסטישע ריכטונג, אַרויסגעפירט אינגאַנצן נייע העלדן. אַזעלכע זיינען, לעמאָשל, דער רוס בערעזניאַק, דער אוקראַאינער ראָמאַנענקאָ און די יידישקע מאַשע באַשעוויטש — די פּערסאָנאַזשן פונעם ראָמאַן „דער מאַבל”. און ווי נעווייש קלינגען מאַשעס ווערטער אינעם פינאַל פון דעם ראָמאַן, אין וועלכע עס זיינען וווּנדערלעך קלאָר און שטאַרק אויסגעדריקט דער איקערדיקער זין און די מיסיע פון שאָלעם-אַלייכעמס גאַנצער שאַפונג: „אַ בלוט-שטראָם וועט זיך צעגיסן איבערן גאַנצן לאַנד. בלוט-כוואַליעס וועלן דערטרינקען די זינדיקע ערד און וועלן אָפּווישן פון איר דאָס גאַנצע שמוץ. און דערנאָך וועלן זיך צעזייען די שוואַרצע כמאַ-

רעס, די זון וועט לויכטן אינעם בלויען הימל, און מיט פריידיקער שייַן וועט באהעלט ווערן די גאנצע ערד".

באזונדערס טייַער און נאָענט דעם מעכאבער איז דאָס געשטאלט פון טעוויע דעם מילכיקער. און, זעט אויס, ניט צופעליק לייגט ארויף שאָלעם-אלייכעם אף טעוויעס צונג פיל פון זייַנע אייגענע אָנשויונגען אין די פראגן פון עטיק, מאָראל און פּאָליטיק. טעוויע פּראָקלאמירט די אידייען פון גלייַכהייַט, ברודערשאפט פון פעלקער, טרעט ארויס קעגן נאציאָנאלער באגרענעצטקייַט, רוגזע: „און פארוואָס האָט גאָט באשאפן ייִדן און ניט-ייִדן? און אז גאָט האָט שוין יאָ באשאפן ייִדן און ניט-ייִדן, פארוואָס זשע זאָלן זיי זייַן אזוי אָפּגעטיילט איינס פון דאָס אנדערע, ניט קאָנען אָנקוקן איינס דאָס אנדערע, גלייַך ווי דער איז פון גאָט און יענער איז ניט פון גאָט?"

אמערסטן אווטאָביאָגראפיש אין שאָלעם-אלייכעמס שאפונג איז דער ראָמאן „פונעם יאריד" — א לעבעדיקע שפּירונג פונעם שרייַבערס קינדערשע דערינערונגען וועגן זייַן לייַבלעכער שטעטל וואָראָנקאָוו לעבן פּאָלטאווע, וואָס עס איז בא שאָלעם-אלייכעמען אָנגערופן קאסרילעווקע. העלע זייַנען די פארבן פון אָט דעם ראָמאן, רייַך און דערקענבאר זייַן שפּראך, קאָלאָריטפול די ארויסגעפירטע אין אים פּערסאָנאזשן. און כ׳מיין, אז ווען דאָס דאָזיקע ווערק איז געווען אין דער ארבעט, האָט דער מעכאבער ניט געקאָנט ניט דערמאָנען זיך וועגן זייַן אמאָליקער ערשטער קינדערשער פארפאסונג — וועגן דעם צונויפגעשטעלטן מיצאד אים צעטל פון קלאָלעס און זידלערייַען, מיט וועלכע עס פלעגט אים באשיטן זייַן שטיפמאמע. דעמלט, אין דער קינדהייַט, איז די דאָזיקע דערמאָנונג געווען ניט בלויז א געלעגנהייַט פאר די פרייַנט צו מאכן זיך פריילעך און צו שפּאסן, נאָר אויך אן אקטיווער פּראָטעסט קעגן בייז און אומגערעכטיקייַט. „פונעם יאריד" — דאָס איז די לעבעדיקע געשיכטע פונעם מאצעוו פון דעם רוסישן ייִדנטום. די געשיכטע פון זייַנע לײַדן און האָפענונגען, און, ווי עס האָט געזאָגט אליין דער מעכאבער, „דאָס ווערק פון מייַנע ווערק, דער בוך פון מייַנע ביכער, דער שיר-האשירים פון מייַן נעשאָמע".

שאָלעם-אלייכעמען זייַנען געווען פרעמד די זיטן פון דער בורזשואזער וועלט, די אזוי-גערופענע מייַרעווודיקע פרייַהייַטן. ביפראט, די „אמעריקאנער דעמאָקראטיע". ער האָט געזאָגט וועגן די פאראייניקטע שטאטן: „מיר, די ייִדישע ליטעראטן, זייַנען פארשקלאפט דאָרט, אין דעם פרייַען לאנד, א סאך מער, איידער אלע אנדערע קנעכט פונעם קאפּיטאליזם". אויך דאָ האָט זיך שאָלעם-אלייכעם ארויסגעוויזן פאר א פאָרויסזעענדיקן. ווי מיר ווייסן, האָט זיך ווייניק-וואָס געענדערט אין פשא פאר די דורכגעגאנגענע יאָרצענדליקער אין פראט פון מענטשן-רעכט.

זייַענדיק געפערלעך קראנק, א פארוואָרפענער מיצאד דעם גוירל אין דער פרעמד, האָט שאָלעם-אלייכעם געטרוימט זיך אומקערן אהיים. אָבער די קרענק האָט ניט דערלויבט עס פארווירקלעכן. און דעריבער איז געבוירן געוואָרן זייַן צוואָע: „ווו איך זאָל ניט שטארבן, זאָל מען מיך באהאלטן ניט צווישן אריסטאָקראטן, מעיוכאָסים, אָדער גווירים, נאָר גראָד צווישן פּראָסטע ייִדן, ארבעטער, מיטן עמעסן פּאָלק, אזוי אז די מאצייווע, וואָס מע וועט דערנאָך אוועקשטעלן אף מייַן קייווער, זאָל באשייַנען די אייַנפאכע קוואָרים ארום מיר, און די אייַנפאכע קוואָרים זאָלן באפוצן מייַן מאצייווע, אזוי ווי דאָס פּראָסטע ערלעכע פּאָלק האָט פאר מייַן לעבן באשייַנט זייַן פּאָלקס-שרייַבער".

שאָלעם-אלייכעם האָט זיך ניט פארגעשטעלט, אז ער קאָן זייַן אויסערן אייגענעם פּאָלק אפילע נאָכן טויט. אן עכטער פּאָלקס-שרייַבער האָט ער ניט געקאָנט טראכטן וועגן זייַן לעבן, און דאָס הייסט וועגן זייַן שאפונג, אָן דער באריַיכערנדיקער יעדן עמעסן קינסטלער פארבינדונג מיט די פּאָלקס-גויראָלעס.

אינעם ווערק „שאָמערס מישפּעט" האָט ער אזוי געמאָלט זייַן שעפערישן קרעדאָ: „א שרייַבער... א פּאָלקס-שרייַבער, א קינסטלער, א פּאָעט איז פאר זייַן צייַט, פאר זייַן טקופע אן אייגנארטיקער שפּיגל, אין וועלכן עס בילדן זיך אָפּ די שטראלן פונעם לעבן, ווי אין א רייַנעם קוואל — די שטראלן פון דער זון"... אָט דער אייַנקלאנג מיט דער עפּאָכע, וועלכער איז פרייער פאר אלץ אן אָפּשפּיגלונג פון די פּראָגרעסיווע, הומאניסטישע פּאָזיציעס, פון די לעבנסוויכטיקע פּראָבלעמען, וועלכע רעגן אין אלע צייַטן די מענטשהייַט, האָט געמאכט שאָלעם-אלייכעמען אומשטערבלעך.

דעם שרייַבערס הומאניזם און מענטשלעכקייַט, זייַן אינטערנאציאָנאליזם האָבן שטענדיק ארויסגערופן און רופן אויך איצט ארויס א שיגאָענדיקן רישעס בא די רעאקציאָנערע קויכעס. אָט פארוואָס אין די כוישעכדיקע צייַטן פונעם פאשיזם האָבן די היטלעראָווצעס געוואָרפן אף די שייַטערס שאָלעם-אלייכעמס ביכער אינאיינעם מיט די אנדערע ווערטן פון דער אלוועלטלעכער קולטור. און ווי, כ׳לעבן, ניט ווייַט פון יענע פאשיסטן זייַנען אוועק די איצטיקע פארביסענע ציוניסטן, וועלכע קריכן פון

דער הויט, קעדיי פֿאַרשוואַרצן דעם נאָמען און די שאַפֿונג פֿונעם גרויסן קינסטלער, באַשולדיקנדיק אים סײַ אין באַליידיקן ייִדן, סײַ אין דעם, אַז ער האָט ניט קיין אָפּשײַ צו די נאַציאָנאַלע טראַדיציעס פֿון זײַן פֿאָלק, און אַפֿילע אין דעם, אַז ער איזדיעקוועט זיך איבער די געבאָטן פֿון די אָוועס...

שאָלעם-אַלייכעמס ווערק האָבן שטאַרק באַאײַנפֿלוסט און זעצן פֿאָר קאָלאָסאַל צו באַווירקן די אַנטוויקלונג פֿון דער הײַנטצײַטיקער פּראָגרעסיווער ליטעראַטור. אָט די גינסטיקע האַשפּאָע לאָזט זיך פֿילן אין דער שאַפֿונג פֿון אַזעלכע גרויסע מײַסטערס פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, ווי אָשער שוואַרצמאַן, דאָוויד בערגעלסאָן, דאָוויד האָפֿשטיין, לייב קוויטקאָ, פּערעץ מאַרקיש, אַרן קושניראָוו, שמועל האַלקין, איציק פֿעפֿער, דער ניסטער, איזי כאַריק, אַרן ווערגעליס און אַנדערע.

אַ באַווײַז וועגן דעם אויפֿבלי פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור איז דער כוידעש-זשורנאַל „סאָוועטיש הײמלאַנד", וועלכער דערשײַנט שוין העכער צוואַנציק יאָר, און די היפּשע טיראַזשן פֿון ייִדישע ביכער.

שאָלעם-אַלייכעמס נאָמען איז אומשטערבלעך, פּונקט אַזוי, ווי עס איז אייביק זײַן העלע, הומאַניסטישע, דורכגעדרונגענע מיט ליבע צום מענטשן שאַפֿונג.

הערשל פּאָליאַנקער

ייִדישער שרײַבער

מיט ליבע צום פֿאָלק

ס'איז, ווײַזט אויס, פֿאַראַן אַזאַ געזעצמעסיקײַט, וואָס גרויסע שרײַבער-געווינים ווערן געבוירן אין פֿרילינג, ווען די נאַטור עפֿנט פֿאַר אונדז אירע סודעס. אָט האָבן מיר אָקאָרשט געפֿײַערט דעם יובילײַ פֿונעם גרויסן אוקראַיִנישן קאָבזאַר טאַראַס שעווטשענקאָ, פֿונעם ווונדערלעכן רוסישן שרײַבער ניקאָלײַ גאָגאָל, און אָט איצט — שאָלעם-אַלייכעמס יובילײַ.

אין די דאָזיקע ווונדערלעכע פֿרילינגטעג זײַנען מיליאָנען הערצער געווענדט צו דער אוראַלטער שטאָט פּערעיאַסלאַוו, וווּ צוריק מיט 125 יאָר האָט דערזען די ליכטיקע שײַן אַ מענטש, וועמען עס איז באַשערט געווען צו פֿאַרנעמען אַ בעקאָוועדיק אָרט אין דער ריי פֿון די גרעסטע שרײַבער, קלאַסיקער פֿון דער ייִדישער און וועלט-ליטעראַטור.

שאָלעם-אַלייכעם...

אונטער אָט דעם פּסעוודאָנים האָט דער שרײַבער אָנגעהויבן זײַן גלענצנדיקן שעפֿערישן וועג, אָדער, לויט זײַן אויסדרוק, זיך געלאָזט שווימען אינעם מעכטיקן אָקעאַן פֿון דער וועלט-ליטעראַטור. און ער האָט מיט גליק דערגרייכט זײַן זוניקן ברעג.

שאָלעם-אַלייכעמס אייגנאַרטיקער, פֿינקלענדיקער הומאָר, זײַן גוטמוטיק-האַרציקער שמייכל, זײַן יאָדערדיקן אַפֿאָריסטיש וואָרט, זײַן געלעכטער האָבן געבראַכט פֿאַר די ברייטע פֿאָלקסמאַסן האָפֿענונג, באַרויִקונג, גלויבן אין דער צוקונפֿט. און מענטשן האָבן געלאַכט, כאָטש פֿרייד איז געווען גאָר ווייניק אין יענע שווערע יאָרן פֿון פֿאַרשקלאַפֿונג, פֿון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. רוסלאַנד איז געווען אַ טורמע פֿאַר די פֿעלקער, און שאָלעם-אַלייכעמס רעכטלאָז פֿאָלק איז געווען פֿאַרטריבן אין „טכום", אין דער שרעקלעכער געטאָ, באַרויבט פֿון אַלע מענטשלעכע רעכט.

דאָס איז געווען אַ צײַט, ווען, לויטן אויסדרוק פֿון טאַראַס שעווטשענקאָ, „אויף אַלע שפּראַכן שווײַגט אַלץ..." נאָר די פּראָגרעסיווע דענקער, שרײַבער, זײַענדיק איידעס פֿון דער שווערער ווירקלעכקײַט, האָבן ניט געקאָנט שווײַגן, און זייער שטים האָט געהילכט, ווי אַ מעכטיקער גלאָק, ווי אַ רוף צום קאַמף. און אין יענעם שטאַרקן כאָר האָט אויך געקלונגען שאָלעם-אַלייכעמס שטים, די שטים פֿונעם שרײַבער-דעמאָקראַט.

און ווי ביטער און שווער ס'איז אים ניט געווען אויפֿן האַרצן, האָט דער שרײַבער טיף געגלייבט אין דער צוקונפֿט, אינעם קויעך פֿון די פֿאָלקסמאַסן, אין דעם, אַז עס וועט זיגן די גערעכטיקײַט. ער האָט געגלייבט, אַז „איבער רוסלאַנד וועט אויפֿגיין די זון פֿון פֿרײַהײַט, און עס וועלן קומען נײַע צײַטן". ער האָט אויסגעלאַכט דאָס בייז, געצווונגען די מאַסן לאַכן, פֿאַרשטייענדיק, אַז געלעכטער איז אַ מעכטיק געווער אין קאַמף, געלעכטער העלפֿט אינעם שווערן געפֿעכט פֿאַר אַ בעסער לעבן און איז איינצײַטיק אַ גוטע רעפֿועה פֿאַר די דערנידעריקטע און געווידעפּטע.

— לאַכט! לאַכן איז געזונט! — האָט גערופן שאָלעם-אַלייכעם, — דאָקטוירים הייסן לאַכן...

אָבער דאָס איז געווען גאָר א באַזונדער געלעכטער, ניט קיין געוויינלעכער, א „געלעכטער דורך טרערן”. און ער איז געקומען פון עכטער גוטער און קלוגשאַפטלעכער ליבע צום פאָלק.

אין יאָרצענדליקער ארום, דערמאָנענדיק שאָלעם-אַלייכעמען, האָט דער באַרימטער אוקראַיִנישער דיכטער פּאַוולאָ טיטשינא געשריבן:

Він од Шевченка запозичив,
Любов до бідних возвеличив,
А сміху кращого нема,
Як сміх Шолом-Алейхема!

וווּנדערלעך און פּינקטלעך געזאָגט!

שאָלעם-אַלייכעם האָט זיך אויסגעקליבן דעם סאַמע קאָמפּליצירטן און שווערן וועג אין לעבן, פאַרפריִער וויסנדיק, אַז אַט דער וועג וועט ניט זײַן געשפּרייט מיט רויזן, אַז שוין פון די ערשטע טריט וועט אים אויסקומען אַרײַנטרעטן אין קאַמף קעגן די שוואַרצע קויכעס פון רעאַקציע, פאַלשקײַט, מיטלאַלטערלעכע זיטן, אומרעכט, צוויִעס און אַז אין דעם דאָזיקן געפעכט מוז ער אָדער דערהאַלטן א ניצאָכן, אָדער צונויפפלייגן די פליגל.

מיט דעם שווערן וועג זײַנען געגאַנגען זײַנע גרויסע מיטצײַטלער, די גרונטלייגער פון דער נײַער יידישער ליטעראַטור אַף דער שפּראַך פון די ברייטע יידישע פאָלקסמאַסן — מענדעלע מויכער-ספאָרים און ייִצכאָק-לייבוש פּערעץ.

די דרײַ קאָריפייען פון אונדזער ליטעראַטור האָבן געפירט נאָך זיך א גאַנצע פּלעיאַדע פּראָגרעסיווע וואָרט-מײַסטערס. און געגאַנגען זײַנען זיי ניט מיט אומוועגן, ניט אין בלאָנדזעניש, נאָר אינעם וווּנדערלעכן פאַרוואַטער פון דער רוסישער און אוקראַיִנישער רעוואָליוציאָנער-דעמאָקראַטישער פאָלקס-ליטעראַטור. זייער ווירקונג אַף א סאַך דוירעס שרײַבער איז געווען און געבליבן אומגעהויער גרויס ביז הײַנטיקן טאָג.

באַזונדערס איז אָנגענעם אונטערצושטרײַכן, אַז די מערהײַט פון אַט דער מעכטיקער קאָהאָרטע וווּנדערלעכע, אייגנאַרטיקע טאַלאַנטן זײַנען געבוירן געוואָרן, אויסגעוואַקסן, זיך אָנגענומען מיט קראַפט און באַגײַסטערונג און אָנגעשריבן זייערע בעסטע און שענסטע ווערק אַט דאָ, אַף דער געבענטשטער ערד פון טאַראַס שעווטשענקאָ, גריגאָרי סקאָוואָראָדאַ, איוואַן פראַנקאָ, לעסיאַ אוקראַיִנקאַ, און זײַנען ביז לעצטן אָטעם געבליבן טרײַע זין און פּאַטריאָטן פון דער דאָזיקער ערד.

שאָלעם-אַלייכעם איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער פאָלקס-שרײַבער, אָבער דאָס הייסט לאַכלוטן ניט, אַז ער האָט זיך באַצויגן מיט ליבשאַפט צום גאַנצן פאָלק. ניין! ער האָט געלעבט אין גרויסער געטרײַער פרײַנטשאַפט מיטן האָרעפּאַשנעם פאָלק, מיט די אָרעמע און געדריקטע פאָלקסמאַסן, זיי אָפּגעגעבן זײַן וווּנדערלעכן טאַלאַנט, דאָס האַרץ מיט דער נעשאָמע... נאָר ער האָט פײַנט געהאַט די בורזשואַזיע, גאָטס סטראַפּטשעס, קלעריקאַלן, פאַלשע נעשאָמעס, אונטערדריקער, ציעניסטישע קונצנמאַכער, וועלכע האָבן ניט געדולדעט שאָלעם-אַלייכעמס „פּראָסטע שפּראַך”, „זשאַרגאָן”; ווי אויך זײַנע פּראָגרעסיווע אידעאַלן, זײַן ציִען זיך צו דער אַלוועלטלעכער קלאַסישער ליטעראַטור, זײַן ליבע צו אַנדערע פעלקער. מיט וואָס פאַר א ליבשאַפט מאָלט שאָלעם-אַלייכעם דעם ערלעכן האָרעפּאַשניק, דעם פאָלקס-פילאָסאָף, טעוויען, מאָטלען, די פּאַשעטע „אָרעמע און געדריקטע” פּערטשיקן, טעוויעס טעכטער, די פאָלקס-טאַלאַנטן — די „בלאָנדזנדע שטערן”, סטעמפּעניו, יאָסעלע סאָלאָוויי — אַט די עכטע זין פון אונדזער פאָלק, און מיט וואָס פאַר א סאַרקאַזם לאַכט ער אויס די בורזשואַזיע, אַוואַנטיוריסטן, מיִעסע בריִעס, די סענדער בלאַנקס מיט זייערע געזינדלעך!

אַלפּי סייכל וואָלט ער, לעבנדיק צוזאַמען מיט זײַנע העלדן אין די שוידערלעכע באַדינגונגען פון צאַרישן רעזשים, געדאַרפט מאָלן אַלץ מיט שוואַרצע פאַרבן, זײַן א מויִרעדיקער מאָרעשכוירעניק, א שרעקלעכער פּעסימיסט, נאָר, אַלע צאָרעס און אומגליקן אַפּצולאָכעס, איז ער געווען אַן איבערצײַגטער אָפּטימיסט און געזען פאַר זיך לויטערע האָריזאָנטן, געהערט, ווי עס וואַקסט אָן דער רעוואָליוציאָנערער שטורעם, ער האָט געגלייבט אין ניצאָכן פון גוטס איבערן בייז.

זײַן שפּעריִשער דעוויז איז געווען: „צו וואָס ראָמאַנען, ווען דאָס לעבן איז א ראָמאַן?”.

און בעעמעס, דעם שרײַבער איז ניט אויסגעקומען אויסטראַכטן, „אויסדיכטן”. דאָס לעבן אַליין, די ווירקלעכקײַט האָבן אים געגעבן רײַכן מאַטעריאַל פאַר זײַנע אומשטערבלעכע ווערק. און ער האָט געשריבן בעעמעס, ווי „פון דער נאַטור”.

שאָלעם-אַלייכעם איז געווען ניט בלויז א גרויסער הומאָריסט און סאַטיריקער, נאָך אויך א האַרציקער לייריקער, א גרויסער קענער פון דער מענטשלעכער נעשאָמע. וויפל האַרציקײַט איז פאַרבאָרגן אין זײַנע ווערק

וועגן ליבע! לאָמיר דערמאָנען, לעמאָשל, זײַן „שיר-השירים", „מײַן ערשטער ראָמאַן", „סטעמפּעניו", „יאָסעלע סאָלאָוויי", „בלאָנדזנדע שטערן".

שאָלעם-אַליכעם האָט געהערט צו די גליקלעכע שרײַבער, וועלכע זײַנען נאָך באַם לעבן אַריבערגעטראָטן די גרענעצן פון דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור. עס איז שווער, דאַכט זיך, ניטאָ אַזאַ שפּראַך, אויף וועלכער עס זאָלן ניט זײַן איבערגעזעצט זײַנע אומשטערבלעכע ווערק, און ניטאָ, דאַכט זיך, אַזאַ לייענער, וועלכן דעם שרײַבערס ווערק, זײַנע פּערסאָנאַזשן, העלדן זאָלן איבערלאָזן גלײַכגילטיק.

אַלע סאָוועטישע פעלקער אַכטן הייליק דעם אָנדענק פון אונדזער גענאַלן קינסטלער, דעם טרײַען זון פונעם פאָלק, דעם פּאַטריאָט, וועמענס ביכער עס ווערן ניט אַלט, זיי לעבן, רעגן, באַגײַסטערן. זיי זײַנען אומשטערבלעך, ווי אומשטערבלעך עס איז דער שרײַבער.

■

יורי ווערטשענקאָ

סעקרעטאַר פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון פּסר

זײַן גלויבן אין רוסלאַנד

באַקומענדיק אַ צײַטונג אָדער אַ פרישן בוך מיט שאָלעם-אַליכעמס בילד, דאַרף ניט דער סאָוועטישער מענטש, ווו ער זאָל ניט לעבן און מיט וואָס ער זאָל ניט זײַן פאַרכאַפּט אין דער ליטעראַטור און קונסט, באַזונדערס זיך אָנשטרענגען, קעדיי דערמאָנען זיך די וועלט פון געשטאַלטן און אידייען אין די ווערק פון אָט דעם לײַכטזײַל פון דער קינסטלערישער שאַפונג. ביכער פונעם ייִדישן קלאַסיקער זײַנען אין אונדזער לאַנד אַרויסגעגעבן געוואָרן 550 מאָל מיט אַן אַלגעמיינעם טיראַזש פון קימאַט 10 מיליאָן עקזעמפּליאַרן. זײַנע ראָמאַנען, דערציילונגען, פּיעסן זײַנען ברייט דערשינען ניט נאָר אויף ייִדיש. פילצאָליקע אויסגאַבעס פון גרעסערע ווערק און נאָוועלן-ציקלען, ווי אויך פילבענדיקע אויסגעוויילטע ווערק, האָבן די לייענער באַקומען אין איבערזעצונגען אויף רוסיש און אוקראַיִניש; שאָלעם-אַליכעמס ביכער אויף דער אַזערבײַדזשאַנישער, אַרמענישער, גרוזינישער, ווײַסרוסישער, טאַדזשיקישער, טורקמענישער, אוזבעקישער, ליטווישער, מאָלדאַווישער און אויף אַנדערע שפּראַכן זײַנען שוין פון לאַנג זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען איבער אַלע ווינקעלעך פון אונדזער לאַנד און דערוואָרבן ברייטע פּאָפּולערקײַט און ליבע. קינדער פון שול-עלטער אין קאַזאַכסטאַן און אויפן ווײַטן מיזרעך, אין קירגיזיע און אויף אוראַל ווייסן לויט שאָלעם-אַליכעמס דערציילונגען פיל רירנדיקע געשיכטעס וועגן דעם לעבן פון די ייִדישע קינדער.

לייענענדיק וועגן דעם טכום-האַמוישעוו, וועגן דעם קלוגן און ערלעכן טעוויע דעם מילכיקער, וועגן דעם רירנדיקן ייִנגל מאָטל, לעבן איבער אַרבעטער, קאָלווירטניקעס, מענטשן פון אינטעלעקטועלער מי ניט נאָר זייערע פּלאָגן און אומגליקן, נאָר אויך די שווערייקייטן פונעם קאַמף, וואָס זיי פירן פאַר מענטשלעכע רעכט. עס קומט אויף אַן אַנטשלאָסנקײַט ניט צו דערלאָזן קיינמאָל און אין ערגעץ, עס זאָל זיך איבערכאַזערן אַזאַ סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אומגערעכטיקײַט, ווי די דיסקרימינאַציע-פּאָליטיק פונעם צאַריזם בענעגייע די „אינאָראָדצעס", און אין נאָמען פון אָט דעם קאַמף ווערט געטאָן אַלץ, קעדיי צו קרעפטיקן די פרײַנטשאַפט פון די פעלקער, די אינטערנאַציאָנאַלע ברידערלעכקײַט. עס זײַנען פאַראַן ניט ווייניק פאַקטן, וועלכע זאָגן אײדעס, אַז אין די יאָרן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע האָבן שאָלעם-אַליכעמס ביכער דערוואַרעמט מיט זייער גוטן הומאָר די הערצער בײַ די העלדישע שלאַכטלײַט פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן.

עס קאָן נישט ניט פרייען דאָס, וואָס שאָלעם-אַליכעמס ליטעראַרישע זין און אייניקלעך, די הײַנטצײַטיקע שריפטשטעלער, וועלכע שרײַבן אויף ייִדיש, זעצן פאָר צו אַנטוויקלען די ייִדישע ליטעראַטור, זײַענדיק אַן אָרגאַנישער טייל פון דער פילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער שרײַבער-מישפּאָכע. דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", וועלכן עס גיט אַרויס די פאַרוואַלטונג פונעם שרײַבער-פאַרבאַנד פון פּסר, האָט געווידמעט דעם יובילײ פונעם געניאַלן פאָלקס-שרײַבער אַ ספּעציעלן נומער. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט דערמאָנט זיך, אַז טאַקע ער, דער סאָוועטישער ייִדישער קוידעש-זשורנאַל, האָט צום ערשטן מאָל באַקאַנט דעם לייענענדיקן עולעם

מיט אַ רײ פּריִער אומבאַוווּסטע ווערק פֿון שאָלעם-אַלייכעמען — מיטן ראָמאַן „דער מיסטיק", מיט דער פֿאָרזעצונג פֿונעם באַוווּסטן ווערק „מענאַכעם-מענדל" און מיט אַנדערע.

אַ פֿאָלקס-שרײַבער האָט געקאָנט דערגרייכן אַלגעמיינע אַנערקענונג נאָר אין באַדינגונגען פֿון אונדזער סאָציאַליסטישער אָרדענונג, אין סאָוועטנלאַנד, ווו די נאַציאָנאַלע קולטור פֿון יעדן פֿאָלק איז אַ מיטל פֿון דערנעענטערונג, אַ געצײַג פֿון פֿעלקער-פֿאַרברידערונג.

שאָלעם-אַלייכעמס שאַפֿונג איז פֿעסט אַרײַן אינעם אוצער פֿון דער סאָוועטישער און וועלט-קולטור. זי איז אַ פֿאַרקערפּערונג פֿון די שעפֿערישע קויכעס פֿון די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן אינעם סאָף פֿון דעם פֿאָריקן — אָנהייב איצטיקן יאָרהונדערט. מיט איר האָט די ייִדישע פֿאָלקס-קולטור אַריבערגעטראָטן אירע אייגענע גרענעצן און זיך באַהעפֿט מיט דער אַלמענטשלעכער קולטור.

דיקענס, טשעכאָוו, מאַרק טוועין — אָט צווישן וועלכע זעלטענע נעמען מיר זעען שאָלעם-אַלייכעמס נאָמען! אָט צו וועלכע הייכן ער האָט אויפֿגעהויבן די קינסטלערישע שאַפֿונג פֿון די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן!

אַלע ווערק שאָלעם-אַלייכעמס, זײַנע בריוו און אַרויסזאָגונגען זײַנען דורכגעדרונגען מיט איין שטרעבונג: שטענדיק זײַן מיטן האָרעפּאַשנעם פֿאָלק, שטענדיק שאַפֿן פֿאַרן האָרעפּאַשנעם פֿאָלק. אין זײַן צוואָע האָט ער געשריבן: „ווו איך זאָל ניט שטאַרבן, זאָל מען מיך באַהאַלטן ניט צווישן אַריסטאָקראַטן, מיוחסים אָדער גווירים, נאָר גראָד צווישן פּראָסטע ייִדן-אַרבעטער, מיטן עמעסן פֿאָלק, אַזוי אַז די מאַציווע, וואָס מע וועט דערנאָך אויפֿשטעלן אויף מײַן קייווער, זאָל באַשײַנען די איינפֿאַכע קוואָרים אַרום מיר, און די איינפֿאַכע קוואָרים זאָלן באַפּוצן מײַן מאַציווע, אַזוי ווי דאָס פּראָסטע, ערלעכע פֿאָלק האָט פֿאַר מײַן לעבן באַשײַנט זײַן פֿאָלקס-שרײַבער".

ניט זײַענדיק אַ רעוואָלוציאָנער, האָט אָבער שאָלעם-אַלייכעם טיף פֿאַרשטאַנען זײַן שײַכעס צו די פּראָגרעסיווע אידייען פֿון דער צײַט. צוזאַמען מיטן פֿאָלק האָט ער לײַדנשאַפֿטלעך ליב געהאַט זײַן היימלאַנד — רוסלאַנד — און געגלייבט אין רוסלאַנדס גליקלעכער צוקונפֿט. ער האָט נעוויִעסדיק פֿאָרויסגעזען: „די צוקונפֿט פֿון אונדזער פֿאָלק געפֿינט זיך גראָד דאָ, אין אָט דעם לאַנד, ווו מיר לעבן".

וועגן שאָלעם-אַלייכעמס באַציִונג צו רוסלאַנד, צו דער רוסישער ליטעראַטור ווילט זיך זאָגן גענויער. אינטערעסאַנט איז, וואָס נאָך פֿאַר דעם, ווי ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן אויף ייִדיש, זײַנען די ערשטע טריט זײַנע אין דער ליטעראַטור געווען פֿאַרבונדן מיט דער רוסישער שפּראַך. די צונויפֿשטעלער פֿון דער זעקסבענדיקער זאַמלונג פֿון זײַנע ווערק, וועלכע דער מעלוכע-פֿאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן אין די יאָרן 1959—1961, האָבן אײַנגעשלאָסן די אָנגעשריבענע אויף רוסיש דערציילונגען „טרוימער" און „טיפֿן פֿון דער קליינער בירזשע". עס זײַנען אָבער געווען אויך אַנדערע רוסישע ווערק באַם יונגן אווטאָר, לעמאָשל, די דערציילונגען „דער ראָמאַן פֿון מײַן באָבע" און „דער נעס פֿון דער טאַבאַקערקע", ווי אויך די איצט ברייט באַוווּסטע לידער אין פּראָזע, 17 פֿון וועלכע עס זײַנען אָנגעשריבן אין רוסיש און 8 האָט דער אווטאָר איבערגעזעצט אויף ייִדיש. אַ רײ דערציילונגען — „שיר-השירים", „הײַנטיקע קינדער", „מיטן עטאַפּ" — האָט ער אַליין איבערגעזעצט אויף רוסיש, דערבײַ האָט דער אווטאָר גרינטלעך איבערגעאַרבעט די דאָזיקע איבערזעצונגען, און זיי זײַנען פֿאַקטיש געוואָרן נײַע ווערק. זאָל קיינער ניט זײַן באַרויגעז אויף מיר, אויב איך וועל זאָגן, אַז אַזאַ אָנהייב פֿונעם שעפֿערישן וועג פֿון דעם גרויסן קלאַסיקער איז אונדז, רוסישע מענטשן, צום האַרצן.

מע קאָן דרייסט זאָגן, אַז שאָלעם-אַלייכעם האָט זיך דערצויגן אויף די טראַדיציעס פֿון דער גרויסער רוסישער ליטעראַטור און אַז ער האָט פֿרײַ באַזיצט דאָס רוסישע קינסטלערישע וואָרט. די רוסישע ליטעראַרישע געזעלשאַפֿטלעכקײַט, פֿון איר זײַט, — איך האָב דאָ אין זינען אַזעלכע אירע קאָריפֿייען, ווי טאָלסטאָי, טשעכאָוו, גאָרקי, קאָראָלענקאָ, קופּרין, לעאָניד אַנדרייעוו — האָט אים אויפֿגענומען ווי אַ גלײַכן, היימיש און פֿרײַנטלעך. נאָך דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע איז שאָלעם-אַלייכעם געוואָרן איינער פֿון די באַליבטסטע שריפֿטשטעלער אין אונדזער לאַנד. מאַקסים גאָרקי האָט אָנגערופֿן זײַן נאָמען פֿון דער טריבונע פֿונעם ערשטן צוזאַמענפֿאָר פֿון די סאָוועטישע שרײַבער.

ווי באַוווּסט, איז שאָלעם-אַלייכעמען אויסגעקומען אַרויסצופֿאָרן קיין אויסלאַנד אויף היילונג. אַזאַ רײַזע האָט ער אונטערגענומען, צווישן אַנדערס, אין 1887 יאָר. דאָס איז געווען בײַס דער צעיושעטקײַט פֿון דער רעאַקציע. דער צאַריזם האָט געזייט רעדיפֿעס, טויט, נאַציאָנאַלן אַנטאַגאָניזם, אָבער ווען דער יונגער שריפֿטשטעלער איז אָקאָרשט אַריבער די גרענעץ פֿונעם היימלאַנד, האָט דאָס האַרץ אים פֿאַרקלעמט, ס'האָט זיך געוואָלט צוריק אַהיים. ער שרײַבט פֿון קאַרלאָ-

אין זאַל פֿון דער קיִעווער קאָנסער־וואַטאָריע בײַס דעם פֿײַערלעכן ליטעראַרישן אָוונט, געווידמעט דעם 125־טן געבורטסטאָג פֿון שאָלעם־אַלייכעמען

דמיטראָ פּאַווליטשקאָ עפֿנט דעם אָוונט, געווידמעט דעם 125־טן געבורטסטאָג פֿון שאָלעם־אַלייכעמען. פּערעיאַסלאַוו־כמעלניצקי, 11 אַפּרעל 1984



דער פאַרדינסטפולער אַרטיסט פון אוססר וואַלענטין דוקלער טרעט אַרויס מיט פאַרלעזונגען פון שאָלעם־אַליכעמס ווערק אויפן אָוונט אין פּערעיאַסלאַוו־כמעלניצקי

אין פּערעיאַסלאַוו־כמעלניצקי בײַסן פאַרפלאַנצן דאָס דעמבן־וועלדל לעקאָוועד שאָלעם־אַליכעמס 125־טן געבוירטסטאָג. פון לינקס אויף רעכטס: ה. פּאָליאַנקער, נאָטע לוריע, כ. טאַבאַטשניקאָוו, ד. פּאַוולישקאָ, א. ווערגעליס, מ. מאָגילעוויטש, ס. זינטשוק, פּ. אָסאַדטשוק

ווי וואַרי צו זײַנע אייגענע: „ס'איז מיר טײַער יעדעס יעדיעלע, אפילע דאָס סאמע-סאמע אומבאַדײַטנדיקסטע, אויב עס קומט אָן פון דער היימישער נעסט. וואָס קאָן מען מאכן מיט דער נאטור פונעם מענטשן? ווען איך הער, ווי מע רעדט רוסיש, ווערט בא מיר פאַרשטאַרבן דאָס האַרץ"... א צווייט מאָל, אין פעברואַל 1909, שרײַבט ער פון איטאַליע: „ווען מע וואָלט מיר געגעבן א מעגלעכקײַט אויסצוקלײַבן פאַר זיך איינע פון אָט די דרײַ שטעט („דעם גלענצנדיקן פאַריז", „דעם ציכטיקן בערלין", „דעם ניט-אײַנגעאָרדנטן קיִעוו"), וואָלט איך זיך אָפּגעשטעלט אף קיִעוו. און וואָס אָפּטער מע זאָגט מיר, אז דאָ (אין איטאַליע) וועט מיר אויסקומען צו לעבן ניט איין סעזאָן, אלץ מער ציט מיך אהין, אהיים"...

דאָס געפיל פון פאַטריאָטיזם און סאָציאַלן אָפּטימיזם האָט געהאָלפן שאָלעם-אלייכעמען געפינען א ריכטיקע אָריענטאַציע אין דער קאָמפּליצירטער אומגעבונג, וועלכע ס'האָט געשאַפן די רעוואָלוציע פון 1905 יאָר. מע דאַרף נעמען אין אכט, אז די גאנצע שאַפונג פונעם פאָלקס-שרײַבער טראָגט אַן אנטיקאַפּיטאַליסטישן כאַראַקטער און שטעלט זיך אַקעגן דעם אכזאָריעסדיקן צאַריזם. און ווען ס'איז אנטשטאַנען די רעוואָליוציאָנערע סיטואַציע, זײַנען די סימפּאַטיעס בא אים אף דער זײַט פון די רעוואָליוציאָנערן, פון יענע, ווי ער האָט געשריבן, „וועלכע האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט און ניט געשאַנעוועט זייערע לעבנס, וועלכע האָבן געטראָגן זייערע קעפּ צום עשאַפאָט לעשעם אונדז און לעשעם אונדזער פרײַהײַט" (פונעם ראָמאַן „דער מאַבל").

שאָלעם-אלייכעם האָט ניט דערלעבט צום גרויסן אָקטיאַבער אַן ערעך 18 כאַדאָשים. ער איז געשטאָרבן אין דער פרעמד, ווּהין ס'האָט אים פאַרוואָרפן די וועלט-מילכאָמע. נאָך דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע האָט זײַן נאָמען און זײַן שאַפונג אף אייביק גענומען שײַנען ווי א ליכטיקער שטערן איבער זײַן גרויס היימלאַנד — רוסלאַנד.

■

ד מ י ט ר אָ פ א ו ו ל י ט ש ק אָ

אוקראַיִנישער דיכטער

זײַן געלעכטער איז א בענקשאַפט נאָכן לעבן

האַרבסט-צײַט 1908 האָט די וועלט-עפנטלעכקײַט געפײַערט דעם 25-טן יאָרטאָג פון שאָלעם-אלייכעמס ליטעראַרישער טעטיקײַט. דער שריפטשטעלער האָט דעמלט געלעבט אין איטאַליע. צווישן די פילצאָליקע באַגריסונגען איז געווען א טעלעגראַם אויך פון קיִעוו, וועלכע האָט אים, דוכט זיך, מער פון אלע אופגערעגט. „דער אדרעס האָט מיך גערירט ביז טרערן, — האָט געשריבן שאָלעם-אלייכעם. — דאָס איז דאָך קיִעוו, און קיִעוו איז דאָך מײַן שטאָט... זײַן אומעטום אף מײַן יאָמטעוו איז אומעגלעך, אָבער דאָס, וואָס איך קאָן ניט זײַן אין קיִעוו, וואַרפט ארוף אף מיר א טרויער..."

טײַערע כאַווײרים! הײַנט אין אומעגלעך צו זײַן אומעטום אף דער פײַערונג פונעם 125-טן געבורטסטאָג פונעם גרויסן יידישן שרײַבער שאָלעם-אלייכעם, ווײַל מע וואָלט באַדאַרפט זײַן קימאַט אייניצײַטיק אין א סאַך שטעט פון אונדזער היימלאַנד און פון דער גאָרער וועלט, אָבער ס'איז פריידיק צו וויסן, אז מיר געפינען זיך אפן יויוול פונעם גאָניאַלן הומאָריסט און רומפולן קיִעווער טוישעוו גראָד אין קיִעוו. מיר דוכט, אז מיר זײַנען נעענטער פון אלע צו דער נעשאָמע פון שאָלעם-אלייכעמען, צו זײַן טרוים וועגן א גליקלעכער צוקונפט פונעם יידישן פאָלק און פון דער גאנצער מענטשלעכער מישפּאָכע.

דער קאָלאָסאלער טאָך באַשטייט אין דעם, וואָס שאָלעם-אלייכעם איז געבוירן געוואָרן אף אוקראַיִנע, אין פערעיאַסלאַוו, אין דער שטאָט, וווּ יעדער שטיין און יעדער בלום אָטעמט מיט גרויסער געשיכטע, מיט א גרויסן טרוים, מיט דער העכסטער האָפענונג. די דאָזיקע ערד, וואָס איז באַזונגען אינעם „וואָרט וועגן איגאָרס כאַיל", האָט באַגדאַן כמעלניצקי אויסגעקליבן פאַר דער סאָבאָרוועטשע, אף וועלכער ס'איז באַשטימט געוואָרן דער גוירל פון דער אוקראַיִנישער נאַציע, די ערד, אף וועלכער טאַראַס שעווטשענקאָ האָט אָנגעשריבן זײַן אומשטערבלעכע „צאַוואָע". די דאָזיקע ערד האָט דאָס רעכט צו שטאָלצירן אויך דערמיט, וואָס זי

איז געווען דאָס וויגעלע פֿון שאָלעם-אַלייכע-
מען — איינעם פֿון די מערקווירדיקסטע טאַ-
לאַנטן אין דער וועלט-ליטעראַטור.
דאָס איז א שרײַפֿטשטעלער, וועלכן מיר
האָבן ליב מיט די ריינסטע און טיפֿסטע גע-
פֿילן, ווײַל אין זײַן שמייכל, אין זײַן קינ-
דערשער מילדקײַט און גוטסקײַט, אין דער
טרײַשאַפֿט זײַן פֿאָלק און דעם גרויסן אידעאַל
פֿון מענטשלעכקײַט דערקענען מיר זיך אַליין
און באַגרײַפֿן די אייגענע נעשאָמע. זײַן גע-
לעכטער איז א בענקשאַפֿט נאָכן לעבן, נאָך
מענטשלעכקײַט. מיט אָט דער בענקשאַפֿט
וועלן מיר קיינמאָל זיך ניט צעשיידן.
אַזאַ שרײַבער פֿון סאַמע העכסטן ראַנג,
ווי שאָלעם-אַלייכעם, דאַרף האָבן זײַן אייגן
פֿאָלק, זײַן אייגענע שפּראַך, זײַן אייגענע ערד.
אַנדערש קאָן זײַן טאַלאַנט ניט ווערן די רעאַ-
ליטעט פֿון דער אַלמענטשלעכער קולטור. א
פֿאָלק איז בײַ שאָלעם-אַלייכעמען געווען און
פֿאַראַן. דאָס איז דאָס ייִדישע פֿאָלק. און א
שפּראַך איז בײַ שאָלעם-אַלייכעמען געווען און
פֿאַראַן, דאָס איז די ייִדישע שפּראַך, און א
היימישע ערד איז בײַ שאָלעם-אַלייכעמען גע-
ווען און פֿאַראַן, דאָס איז די אוקראַיִנישע ערד.
דאָס ייִדישע פֿאָלק פֿון די ביזרעוואָליוציאָנע-
רע קאַסרילעווקעס האָט אים געגעבן זײַן
אומשטערבלעכקײַט, און די אוקראַיִנער ערד
האָט אים געגעבן אַלץ, וואָס עס קאָן געבן
א קינסטלער א פֿאָטערלאַנד, דאָס הייסט, זײַן
שיינקײַט, און, ווידער, אומשטערבלעכקײַט.
ער איז אומשטערבלעך דאָפּלט! יאָ, אויב ריידן
וועגן די ערשטע זײַטן פֿון זײַן צווייענדיקער
אייביקײַט און רום, דאַרף מען ריידן וועגן
אַלע סאָוועטישע פֿעלקער, ווײַל מיט זײַן אָפּ-
שטאַם און טאַלאַנט איז ער פֿון אונדזער
מישפּאָכע, פֿון אונדזער געשיכטע, פֿון אונדזער
בלוט און פֿלייש.

שאָלעם-אַלייכעמס קינדער-יאָרן זײַנען
דורכגעגאַנגען אין וואָראָנקאָוו, די יוגנט —
אין דעם זעלבן פּערעיאַסלאָוו, ווו ער האָט
באַקומען מיטעלע בילדונג. אין באָגוסלאָוו און
אינעם דאָרף סאָפּיִעווקע האָט ער געאַרבעט
אַלס לערער, און אין לובני — אַלס קאַזיאָ-
נער ראַבינער. קיִעוו איז די שטאָט פֿון זײַן
שווערער און אָרעמער יוגנט, די שטאָט, ווו
ער האָט געלעבט און אָנגעשריבן א סאַך
ווערק, די שטאָט, צו וועלכער ער האָט זיך
געווענדט אין זײַנע גסיסע-מינוטן פֿונעם
ווײַטן ניו-יאָרק ווי צו אַן ערד, ווו ער האָט
געוואָלט באַקומען זײַן אייביקע רו. שאָלעם-
אַלייכעם איז געווען פֿאַרבונדן מיט דער
אוקראַיִנישער ערד מיט אַלע פֿעדעם פֿון זײַן
לעבן, מיט זײַן גאַנצער שאַפֿונג און, דערי-
קער, מיט זײַן אויסערגעוויינלעכער אידיי פֿון
פֿאַרייניקן די פֿעלקער, מיט וואָס ס'איז רײַך
זײַענ ביכער.

די ריר̈נדיקע פֿרײַנטשאַפֿט פֿון א ייִדיש
און אוקראַיִניש ייִנגל האָט שאָלעם-אַלייכעם
געשילדערט אין זײַן דערציילונג „מאָטל פּיי-
סי דעם כאַזנס", א פֿרײַנטשאַפֿט, וואָס איז,
צום באַדויערן, איבער דער שולד פֿון די
עלטערע, ניט געוואָרן די פֿרייד פֿונעם גאַנצן
לעבן. לאָמיר דערמאָנען דעם גוירל פֿון טע-
וויע דעם מילכיקנס דריטער טאָכטער, וועל-
כע האָט כאַסענע געהאַט פֿאַר אַן אוקראַיִנישן
רעוואָליוציאָנער-דעמאָקראַטישן טוער, מעגלעך,
א שרײַפֿטשטעלער, ווײַל ער פֿאַרגלײַכט אים
אינעם ווערק מיט מאַקסים גאָרקין. לאָמיר
ניט טרעפֿן, ווען נעמלעך ס'האָט געהאַט
אין זינען דער אַוטאָר פֿון „טעוויע דעם מיל-
כיקן". וויכטיק איז דאָס, וואָס ער האָט גע-
ווּסט און געשעצט צווישן זײַנע מיטצײַטלער
ניט נאָר לעוו טאָלסטאָיען און מאַקסים גאָר-
קין, טשעכאָוון און קאָראָלענקאָן, נאָר אויך
אוקראַיִנישע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן, ווי
מיכאַיִל קאָציובינסקי, קאַטעגאָריש און צאָרנ-
דיק פֿאַרורטיילט דעם אַנטיסעמיטיזם.
שאָלעם-אַלייכעם שטאַמט פֿון א קליי-
נינקער ייִדישער קעהילע, וועלכער די בעס-
מעדרעש-פֿריידיקער האָבן אויפֿגעצווּנגען די
אידיי פֿון נאַציאָנאַלער אויסדערווייל̈טקײַט, די
אידיי, אַז דאָס ייִדישע פֿאָרט זיך ניט מיט
אַלדאָס ניט-ייִדישע. ער איז געווען אַן איידעס
פֿון שוידערלעכע איזדיעקעס איבערן ייִדישן
פֿאָלק, אַן איידעס פֿון אינספּירירטע מיצאַד
די צאַרישע אידעאָלאָגן אַנטיסעמיטישע פּאָ-
גראָמען. אָבער ניט די כאַסידים, ניט די
שוואַרצמייעדיקע פֿאַרגייער פֿונעם פּאַשיזם
האָבן ניט אײַנגעבראָכן זײַן נאָבעל האַרץ,
ניט אַרײַנגעוואָרפֿן אין די אָרעמס פֿון דער
נאַציאָנאַליסטיש-געשטימטער ייִדישער בור-
זשואַזיע. שאָלעם-אַלייכעם איז געוואָרן דער
אָנזאָגער פֿון די אינטערנאַציאָנאַליסטישע גע-
פֿילן און סאָציאַלע ווייטיקן פֿון דעם האָרע-
פּאַשנעם ייִדנטום. זײַנע טרערן האָט ער ניט
פֿאַרוואַנדלט אין ציִעניסטישן סאַם, נאָר אין
ליכט פֿון טרויעריקער פֿרייד, וועלכע איז ניט
זעלטן אַריבער אין אומויסראָטלעכער לעבנס-
ליבע. גראָד מיט זײַן טרויעריקער לעבנסליי-
בע האָט ער אָפּגעהיט דאָס פֿאָלק און זיך
אַליין פֿון דער סקעפּטישער געהאָרכזאַמקײַט
און טויטגעפֿערלעכער צופֿאַסלערישקײַט.

ער איז געווען א געניאַלער הומאָריסט
און האָט אָנגעפֿילט יעדעס ווערק זײַנס מיט
א קלונג פֿון זײַן מעכטיקן געלעכטער, אָבער
אין זײַן שאַפֿונג איז אָפּגעשפּיגלט די טראַגע-
דיע פֿון א פֿאַרפֿאָלגט און הונגעריק, האָרע-
פּאַשנעם און טאַלאַנטפֿול, פֿריילעך און אָרעם

ייִדישן פאָלק, וועלכן די צאַרישע נאָכלויפער האָבן געזאָגט: „פאַרנעם זיך פונדאַנען!", און די טראַנסאָקעאַנישע באַלטיוועס, רופנדיק דאָס דאָזיקע פאָלק צו זיך, האָבן אָנגעטאָן אַף אים די פּענטעס פונעם דאָלאַר, נאָך שרעקלעכערע איידער יענע, אין וועלכע דאָס ייִדישע פאָלק איז פאַרקאָוועט געווען אין די ביבלישע צײַטן, בײַס דער פאַרשקלאַפונג.

וואָס איז אַרויס פון זייער לויפן קיין אַמעריקע, אין וועלכער די פּאָגראָמען און די גזירות וועגן „טכום-האַמוישעוו" האָבן אַרײַנגעשלײַדערט אין אָנהייב יאָרהונדערט די ייִדישע מאַסן? עס זײַנען אַנטשטאַנען נײַע קאַסרילעווקעס אין ניו-יאָרק, פּונקט אַזעלכע אָרעמע און טרויעריקע, ווי אין זייער היים. די אַמעריקאַנער מולטימיליאָנערן פון ייִדישן אָפּשטאַם האָבן קיין זאַך ניט געטאָן, קעדיי פאַרוואַנדלען די אָרעמע הענדלער פון אָטשאַרד-סטריט אין פולבאַרעכטיקטע בירגער און באַלעבאַטים פון דער נײַער ערד. דאָס אַלץ האָט פאַראויסגעזען שאָלעם-אַלייכעם, וואָס האָט ריכטיק געזאָגט, אַז אין אַמעריקע לעבט מען ניט, נאָר מע ראַטעוועט זיך.

שאָלעם-אַלייכעמען קאָן מען אָנרופן אַלס באַזינגער פון פעלקער-פרײַנטשאַפט. ניין, דאָס וואָרט „באַזינגער" גייט אַהער ניט צו. דאָס איז אַן אַקשאָנעסדיקער קעמפער און נאָווי פון די צײַטן, ווען אַף דער ערד וועט אין ערגעץ נישט זײַן ניט קיין פיזישע, ניט קיין גײַסטיקע געטאָ, דאָס איז אַ קעמפער פאַר אַ גליקלעך לעבן, וואָס פאַראייניקט מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציעס און נאַציאָנאַליטעטן, אַ קעמפער פאַר אַן עמעסער קינדערשער פאַרברידערונג צווישן די פעלקער. ער האָט געטרוימט וועגן דעם, אַז די פעלקער זאָלן זיך באַציִען איינס צום אַנדערן, ווי די העלדן פון זײַן דערציילונג „אַ פּייסעך אין דאָרף", די ייִנגלעך פעדקאָ און פײַטל, וועלכע האָבן געלעבט מיט דער לופט פון זייער פרײַנטשאַפט, מיט דעם איינהײַטלעכן געפיל פון פרילינג, ווינט און זון, וואַסער און ערד.

אין אונדזער קאָמפּליצירטער און אומרויִקער צײַט קאָן ניט זײַן קיין מער טײַערער דעם מענטשלעכן האַרצן, ווי דער עצעם גענִיאַלער נאָמען פונעם גרויסן ייִדן, מיטן נאָמען, מיט וועלכן כ'וועל דערלויבן זיך ווענדן צו אײַך, וואָס זיצן דאָ, און צו אַלעמען, וועלכע טראַכטן וועגן דעם מאָרגעדיקן טאָג פון דער מענטשהײַט, מיט דער באַגריסונג: „שאָלעם-אַלייכעם! פרײַדן אײַך!"

■

אַ ר ן װ ע ר ג ע ל י ס
ייִדישער שרײַבער,
הויפּט־רעדאַקטאָר
פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד"

אָט וואָס פאַר אַ שרײַבער ער איז געווען!

מיט הונדערט יאָר צוריק, אין איינעם אַ שיינעם טאָג פון אַפּרעל 1884 איז אין דער ניט גרויסער שטאָט בעלאַצערקאָוו פון דער קיִעווער גובערניע אַרײַנגעקומען אין דער פּאָטשט אַ מיטלוועקסיקער יונגערמאַן מיט לאַנגע קאַשטאַנעווע האָר, לעבעדיקע העלבלויע אויגן און מיט אַן ערנסטן, אַנטשלאָסענעם אויסדרוק אַפן פּנעם. דער בריוו, וועלכן ער האָט אָפּגעשיקט, איז געווען אַדרעסירט דער רעדאַקציע פון דער פּעטערבורגער צײַטונג „פאָלקסבלאַט" אַף איבערצוגעבן דעם הער שאָלעם-אַלייכעם, אַ צוגעטראַכטן פאַרשוין, וואָס ניט נאָר אין פּעטערבורג — אין דער גאַנצער וועלט איז אַזאַ ניט געווען. לאָמיר גלײַך זאָגן, אַז אַליין אָט דער פינף-און-צוואַנציקיאָריקער שרײַבער-אָנפאַנגער, וועלכער איז געקומען אין דער פּאָטשט, האָט זיך גערופן שאָלעם-אַלייכעם, און, אַזוי אַרום, האָט ער אַוועקגעשיקט אַ בריוו פון בעלאַצערקאָוו קיין פּעטערבורג זיך אַליין.

ס'וועלן דורכגיין יאָרן, און די ליטעראַטור-פאָרשער וועלן אָנשרײַבן, אַז דאָס אויסקלײַבן פאַר זיך דעם פּסעוודאָנים, וועלכער באַטײַט אַ גוטוויליקע באַגריסונג, און, אַגעוו, אויך דער דאָזיקער עפּיזאָד מיטן בריוו — זײַנען די ערשטע אויסטערלישע שפּעריִשע אײַנפאַלן פון דעם קומענדיקן קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

ווען מיר זאָלן געווען דעמלט צוריקנעמען פונעם פּענצטערל דעם אָפּגעגעבענעם קאָנווערט און אים עפענען, וואָלטן מיר דאָרט געפונען דעם קסאַוויאַד פון אַ פעליעטאָן, וועלכער איז געשריבן ווי אַן „איבערגעכאַפּטער בריוו" און איז אין אַ צײַט אַרום פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער „פאָלקסבלאַט".

„— פונוואַנען זײַט איר?

— פונוואַנען זאָל איך זײַן? פון יעהופּעץ.

— וואָס איז אײַער געשעפט?

— וואָס זאָל זײַן מײַן געשעפֿט? איך בין א ייִדישער שרײַבער.

— מה שמכם?

— שאָלעם-אַלייכעם.

— וואָס זשע מאַכט איר עפּעס, פּאַני שאָלעם-אַלייכעם?

— וואָס זאָלן מיר מאַכן? מע שרײַבט.

— וואָס שרײַבט מען?

— וואָס זאָל מען שרײַבן? וואָס מע זעט, דאָס שרײַבט מען.

— וואָס האָט איר פֿון אײַער שרײַבן, וואָס איר שרײַבט?

— וואָס זאָל איך האָבן? צאָרעס האָט מען, בויכווייטיק, הארצקלעמעניש, ביזיונעס, יעסורים, אנגסטן, גריזאָטע”...

לאָמיר איבעררײַסן דעם דאָזיקן טשיקאַווען דיאַלאָג, קעדיי אײַנקורצן דערציילן, וואָס פֿאַר א פֿערזענלעכער מאַזל עס האָט געהאַט איינער פֿון די סאַמע פֿריילעכע הומאָריסטן אין דער וועלט-ליטעראַטור. ניין, שאָלעם-אַלייכעמס לעבן איז ניט געווען קיין שפּילעוודיקס און אַוואַדע ניט קיין פֿריילעכס. ער האָט די לופֿט-מענטשן, די באַדנאַזע פֿאַרשוינען פֿונעם טכום אַראָפּגעמאָלט אָפּט פֿון זיך אַליין. פֿיל צאָרעס, וועלכע ער האָט באַשריבן, זײַנען געווען זײַנע צאָרעס. פּונקט ווי מענאַכעם-מענדל האָט ער געשפּילט אויף דער בירזשע, צוויי מאָל געווען באַנקראָט, פֿאַרלוירן זײַן גאַנץ האָב און גוטס, געוואָרן אַן אָרעמאַן, אָן א גראָשן בא דער נעשאָמע. און פֿאַרגעסט ניט, אַז ער האָט געהאַט זעקס קינדער. א וואַרשעווער צײַטונג האָט געשריבן וועגן אים, בייס ער איז קראַנק געוואָרן אויף שווינדזוכט: „דער גרויסער שרײַבער, וועלכער מערקט אָפּ 25 יאָר פֿון זײַן ליטעראַרישער טעטיקײַט, ליגט א הונגעריקער אויפֿן טויטן בעט.” שימען פֿרוג האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין אַדעס אַן אַרטיקל אונטערן קעפּל „דאָס רוסישע געלעכטער” — אַן אָנדײַט, אַז דער הומאָריסט הוסט מיט בלוט. ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די וועלט-מילכאָמע, איז ער, אַלס רוסישער אונטערטאַנער, שיר ניט אינטערנירט געוואָרן, נאָר אַנטלאָפֿן קיין קאָפּענהאַגען און דאָרט אנומלטן אָנגעשריבן אין א בריוו דאָס פֿאָלגנדיקע: „ס'איז געווען א באַצאָלטער אָוונט אויף צונויפֿזאַמלען געלט צו הילף די אימיגראַנטן-פּליטים... איך האָב געלייענט, דאָס פּובליקום האָט געלאַכט, און קיינעם איז ניט אײַנגעפֿאַלן אין קאָפּ, אַז דער סאַמע אָרעמער און אומגליקלעכער און פֿאַרטריבענער עמיגראַנט — דאָס בין איך”...

שאָלעם-אַלייכעם האָט געלעבט מיטן פֿאָלק, געשריבן פֿאַרן פֿאָלק. זײַן שפּערישער אופטו באַשטייט דערין, וואָס עס האָט זיך אים אײַנגעגעבן אויפֿצושטעלן דאָס בילד פֿונעם לעבן פֿון די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן אין סאָף פֿונעם נײַנצנטן און אין די ערשטע יאָרן פֿון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אַלס קינסטלער האָט ער זיך געניצט מיט יענע מיטלען פֿון סטיל, גײַסט, שפּראַך און וועלט-אָנשויונג, וועלכע זײַנען אייגנטימלעך דעם פֿאָלק. ער האָט באַצייכנט זײַנע ווערק אַלס „פֿריילעכע געשיכטעס”, „פֿעליעטאָנען”, „בילדער”, „בריוו”, אָדער, ווי עס איז אָנגעוויזן אינעם אונטערקעפּל פֿון דער דערציילונג „אין די וואַרעם-בעדער”, — „סצענקעס, טיפּן, באַגעגענישן, אומאָנגענעמלעכקײַטן און פֿאַרגעניגנס”. מע קאָן אָן צווייפֿל זאָגן, אַז בא אים איז ניט פֿאַראַן קיין איין אָנגעטראַכטער סוזשעט, קיין איין פּרוּוו צו געווינען דעם לייענער מיט עפּעס א קונציקן „גאַנג”. אַלץ איז עכט און פּינקטלעך. דער עמעס, און בלויז דער עמעס. צוליב וואָס ראָמאַנען, אויב אַליין דאָס לעבן איז א ראָמאַן? אין רעזולטאַט פֿון אַזא צוגאַנג צום שרײַבערישן באַרוף איז די פֿולע זאַמלונג פֿון זײַנע ווערק געוואָרן אַן ענציקלאָפּעדיע פֿונעם ייִדישן לעבן אין א באַשטימטן היסטאָרישן צײַט-אָפּשניט.

שאָלעם-אַלייכעם איז געווען אַן אינטערנאַציאָנאַליסט אין עכטן זין פֿון וואָרט, זײַן שאַפֿונג האָט אַן אוניווערסאַלן כאַראַקטער. דער לייענער פֿון א באַליביקער נאַציאָנאַליטעט — א ייִד אָדער אוזבעק, א רוס אָדער עפּיאָפּ, אַן אוקראַינער אָדער כינעזער נעמען אויף זײַן פּראָזע און דראַמאַטורגיע, ווי א פֿאַקטאָר פֿון דער אייגענער נאַציאָנאַלער קולטור. ניט לאַנג צוריק, ווען אַן אַמאַטאָרישער טעאַטער האָט באַוויזן זײַן פּיעסע „גימנאַזיע” אין דאָרעם-אַפֿריקע, האָט א טעאַטראַלער רעצענזענט געשריבן: „די נעגער-צושויער זײַנען געווען איבערצײַגט, אַז אויף דער בינע גייט א רייד וועגן זייערע פּראָבלעמען, און זיי האָבן ניט געגלייבט, אַז די פּיעסע האָט קימאַט מיט הונדערט יאָר צוריק אָנגעשריבן א רוסישער ייִד”. דער גרויסער דאַגעסטאַנישער דיכטער סולייִמאַן סטאַלסקי האָט, שמועסנדיק מיט איינעם א דיכטער, זיך אָנגעפֿרעגט: „ס'איז טאַקע אַן עמעס, אַז בא די ייִדן איז געווען א שרײַבער, וועלכער האָט זײַן פֿאַמיליע פֿאַרביטן אויף „סאַליאַם אַלייקום”? ווי שיין איז געווען דער אויסוואַל!”

ס'איז מאַמעש צו באַוואונדערן, ווי לײַכט און טרעפֿלעך שאָלעם-אַלייכעם פֿלעגט געפֿינען פֿאַר זיך א וועג צו דער סאַמע נאָבלסטער ליטעראַרישער סוויווע פֿון זײַן צײַט און זיך אָנשליסן אין איר מיט זײַנע שפּערישע אינטערעסן. ס'זײַנען דאָך דעמלט ניט געווען קיין „קאָמפּעטענטע אָרגאַניזאַציעס” אויף זיך

מעיאשעוו זײַן מיט זיי און באַקומען הילף —
ניט קיין שפּעריִשע קאַמיסיִעס פונעם שרײַ-
בער-פאַרבאַנד, ניט קיין ליטקאָנסולטאַציעס.
און ער, א שרײַבער פונעם טכום, האָט זיך
איבערגעשריבן ווי א גלײַכער ניט מיט אבי-
וועמען — מיט טאָלסטאָיען, טשעכאָוון, גאָר-
קין, קאָראָלענקאָן. מאַקסים גאָרקי האָט אים
געשריבן: „אופריכטיק געאַכטעטער מיטברו-
דער"! און ער פון זײַן זײַט, — וועגן גאָרקין
אין די צײַטן פון דער רעוואָליוציע פון
1905-טן יאָר: „הײַנט איז גאָרקי — קימאַט
דער ערשטער מענטש אין דער וועלט". ליעוו
ניקאָלײַעוויטש טאָלסטאָי איז געווען צופרידן,
וואָס ניט קיין אַנדערער, נאָר שאָלעם-אליי-
כעם האָט איבערגעזעצט אויף ייִדיש זײַנע „דרײַ
מײַסעס", וועלכע זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן
פאַר דער זאַמלונג „הילף". ווען שאָלעם-
אַלייכעם איז אין 1904 יאָר געקומען צוליב
פּערזענלעכע איניאָנים קיין פּעטערבורג, האָט
ער זיך דאָרט באַגעגנט מיט די „הערשער
פונעם געדאַנק" — מאַקסים גאָרקין, לעאָניד
אַנדרייעוון, אַלעקסאַנדער קופּרינען, ניט מיט
מיטלמעסיקײַטן, וואָס דרייען זיך אַרום דער
ליטעראַטור. „ער (גאָרקי) האָט מיך אויפגע-
נומען ריין-כאַווערישׁ, — האָט שאָלעם-אליכעם
געשריבן צו זײַנע קינדער פון פּעטער-
בורג, — ...און ס'איז אַוועק א שמועס וועגן
ליטעראַטור-איניאָנים, אַלגעמיינע און ייִדישע..."

פונקט אזוי ווי אין דער ליטעראַטור, זײַ-
נען שאָלעם-אליכעמען אויך אינעם לעבן
אָנגעגאַנגען ניט בלויז ייִדישע, נאָר אַלגעמיי-
נע אינטערעסן. ער האָט פילבאַר זיך אָפּגע-
רופן אויף די וויכטיקסטע געזעלשאַפטלעכע
פּראָבלעמען, אַרויסגעוויזן שטענדיקע פײַנט-
שאַפט צום צאַריזם, ניט אויסגעמיטן צו אַנט-
בלויזן דעם עמעסן פּאַרצעף פונעם קאַפּיטאַ-
ליזם. צוזאַמען מיטן האַרעפּאַשנעם פאָלק איז
ער געגאַנגען אַנטקעגן דער ערשטער רוסי-
שער רעוואָליוציע. די פאַרגעשריטענע לייע-
נער פונעם אָנהייב יאָרהונדערט האָבן פאַר-
שטאַנען, אז די פּערסאָנאַזשן, וועלכע ער
שילדערט אין זײַנע ווערק, האָבן פונקט ווי
אויפגעזאַמלט זיך אויפן שייד-וועג פון דער גע-
שיכטע: די מענאַכעם-מענדלס וועלן בלײַבן
אין דער פאַרגאַנגענהײַט, און טעוויעס יאָר-
שים וועלן אויפבויען די צוקונפט.

נאָכפאָלגנדיק דעם בײַשפּיל פון זײַן
גרויסן פאָרגענגער מענדעלע מוכער-ספאָרים,
וועמען מע קאָן אָנרופן שטשעדרין פונעם
טכום-האַמוישעוו, איז שאָלעם-אליכעם דער-
שינען אלס ריטער פון דער רעאַליסטישער
קונסט. ער האָט נאָך אין זײַן שפּעריִשער
יוגנט אָנגעשריבן דעם בליציקן פּאָלעמישן
בוך „שאָמערס מישפּעט" — א באַשולדיקונגס-
אַקט קעגן שונד און כאַלטורע, וועלכע האָבן
אין יענער צײַט געהאַט די איבערהאַנט אין
דער ייִדישער ליטעראַטור. מיט א גאַנצן קאַס-
קאַד רעאַליסטישע ראָמאַנען האָט דער פּאָ-
לעמיסט שאָלעם-אליכעם שפּעטער באַשטע-
טיקט דעם זיג איבער די פאַרפאַסער פון
פּסעוודאָליטעראַטור. אינעם באַגריף רעאַליזם
האָט ער אומגעוואַקלט אײַנגעשלאָסן דעם
קלאַסן-צוגאַנג, די סאָציאַלע קריטיק פון די
אײַנפירונגען אין דער קאַפּיטאַליסטישער גע-
זעלשאַפט.

דעם הומאָר האָט שאָלעם-אליכעם גע-
האַלטן פאַר א שאַרף געווער אינעם אידעאָ-
לאָגישן קאַמף, פאַר א מיטל צו געפינען דעם
וועג צום האַרצן פונעם מאַסן-לייענער. דער
אויסוואַל אין אָט דעם פאַל פון דעם הומאָ-
ריסטישן זשאַנער איז געווען א באַווײַז פון
דעם קינסטלערס מוט, און די גלענצנדיקע
פאַרקערפּערונג פון די הומאָריסטישע מיטלען
האָט אַנטפּלעקט זײַנע גענ.אַלע מעגלעכקײַטן.
אין לעצטן רעזולטאַט האָט די וועלט-ליטעראַ-
טור זיך באַרײַכערט מיט אייביקע ווערק, אין
גרונט פון וועלכע עס ליגן טרויעריקע לעבנס-
פאַקטן, וואָס הַאַגאַם זיי זײַנען ביז גאָר אומ-
געלומפּערטע, רופן זיי דאָך אַרויס א ווילן
צו לאַכן און צו וויינען, אויף וויפל וועגן זיי
דערציילן יענע מענטשן, וועלכע זײַנען אליין
די אָביעקטן פון די אומגעלומפּערטע לעבנס-
פאַקטן.

די אומשטענדן, וואָס האָבן געדינט דעם
שרײַבער אלס מאַטעריאַל אויף צו שאַפן זײַנע
ווערק, זײַנען ווירקלעך געווען שטאַרק טרויע-
ריקע. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך פאַר די
מענטשן לייד און פײַן, טרערן און זאָרגן. ווען
דער שרײַבער וואָלט דערציילט וועגן דעם מיט
אַזעלכע מיטלען, וועלכע זײַנען געוויינלעך
פאַר ענלעכע פאַלן, דאַן וואָלט מען זײַנע
ווערק געדאַרפט אָפּטראָגן צום טראַגעדיע-
זשאַנער. ס'איז אָבער געווען אַן אַנדער וועג —
א זעלטענער און שווערער: באַווײַזן די אומ-
נאַטירלעכקײַט פון די געשאַפענע מיצאַד סאָ-
ציאַלע פאַקטאָרן לעבנס-ווידעראַנאַנדן, „קאָ-
מענטירנדיק" זיי, ד.ה. אויפקלערנדיק זייער
אומגעלומפּערטקײַט, זייער מענטשנפײַנטלעכ-
קײַט. און דאָ טאַקע האָט זיך אַרויסגעוויזן
פאַר אַמערסטן פּאַסיק דער קאָמיזם, וועלכער
האָט ווי אַרײַנגעפירט די טראַגעדיע טיף אין
דער נעשאָמע, אַרויסגערופן געלעכטער דורך
טרערן.

פון די סאַמע שול-יאָרן ווייסן מיר, אז
עס איז פאַראַן א הומאָר פון אומשטענדן און
א הומאָר פון כאַראַקטערן. בא שאָלעם-אליי-
כעמען אָבער איז קאָמיש ניט דאָס, וואָס מיט
די מענטשן קומט פאָר, נאָר דאָס, וואָס זיי

דערציילן וועגן דעם געשעענעם. דער דערציילער אנטפלעקט אין דעם טרויעריקן צופאל דאָס לעכערלעכע. עס באקומט זיך — א געלעכטער ווי א זעלבסטלײַטערונג (самоочищение). דער הומאָר איז טאָמיד ארויסגעשטעלט אף צו היטן זיך פונעם גוירל, — ווי עס האָט געזאָגט קארעל טשאפעק. וויינען פון צאר קאָנען אלע, לאכן פון צאר — איז דאָס מאזל פון אָפטימיסטן. שאָלעם-אליכעם איז א גרויסער קלאסיקער פון אָט דעם מין הומאָר.

ס'קאָן זײַן, אז דאָס איז איינע פון די סיבעס, וואָס זײַן באדײַטונג און זײַן ווירקונג זײַנען אוניווערסאל, אלגעמיין-מענטשלעך. אף א באליביקער שפראך קאָן מען זאָגן מיט דורכדרינגלעכן סארקאזם, אזוי ווי שאָלעם-אליכעם: „לאכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאכן”, אָדער — „מיר איז גוט, איך בין א יאָסעם”, אָדער — „ווארפט זיך אזוי ניט מיט מענטשן, מאדאם, ווײַל „מענטשן” — זײַנען אויך מענטשן, דער רועך זאָל אײַך נעמען”, אָדער — „אין אמעריקע לעבט מען ניט, אין אמעריקע ראטעוועט מען זיך”...

שאָלעם-אליכעם איז געווען א מוסטער פון א פראָפעסיאָנעלן שריפטשטעלער. ביים דער ארבעט איז ער געווען אָפגעשלאָסן פון אלץ, וואָס רינגלט אים ארום, ניט געפילט קיין צײַט, קיין מידקײַט, קיין הונגער, קיין באדערפעניש צו שלאָפן. דאָס לעצטע, ניט פארענדיקטע קאפיטל פון „מאָטל פייסי דעם כאזנס” האָט ער געשריבן פיר טעג פארן טויט. געארבעט האָט ער באטאָג און באנאכט, ניט אוועקלייגנדיק אף א מינוט די פען אין א זײַט, געשריבן אין בעט, זײַענדיק קראנק. ער האָט זיך געאײַלט, געפילט, ווײַזט אויס, אז ס'איז אים ניט באשערט לאנג צו לעבן. אין דער זעלבער צײַט האָט ער גוט פארשטאנען, וואָס פאר א שעפערישע מיסיע עס ליגט אף אים, און ער פלעגט זיך לאנג מיִען אף אויסבעסערן, אָפשלײַפן, דערארבעטן די אָנגעשריבענע ווערק.

געשריבן האָט שאָלעם-אליכעם מיט א פרייד-געפיל. די האנט האָט זיך געאײַלט, ניט אָפצושטיין פונעם געדאנק. דער קסאוו איז געווען בא אים א פארשטענדלעכער, א פערלדיקער. „איך בין א שרײַבער פיר און צוואנציק שאָ אין מעסלעס”, — פלעגט ער וועגן זיך זאָגן. ער האָט ניט געוווּסט פון קיין שרײַבערישער פאָזע, גערעדט וועגן זײַן פאך ערנסט. אין די בריוו און אין די ווערק איז די זעלבסט-אָפשאצונג בא אים א הויכע: — איך בין א פאָלקס-שרײַבער! און דאָס פלעגט שטענדיק באטײַטן: אָפגעבן דעם טאלאנט לעטויוועס דעם פאָלק.

זײַנע שטוב-מענטשן האָבן דערציילט, אז ער פלעגט צום שרײַבן אָנטאָן הענטשקעס, ווײַל, פארגעסנדיק זיך, פלעגט ער ביז בלוט בײַסן זיך די נעגל. די הענטשקעס האָבן אָבער ניט געהאָלפן, ווײַל אויך זיי פלעגן זײַן צעביסן און מיט שפורן פון בלוט.

מיר געדענקען זײַנעם א זאָג וועגן זיך, אז אין דער קינדהײַט האָט ער ניט געקאָנט קוקן גלײַכגילטיק אף ווײַס פאפיר, ס'האָט אים געצויגן עפעס אָנשרײַבן. אגעוו, שטארבנדיק (באם פולן זינען), האָט ער געביסן זיך די פינגער — הייסט עס, ער האָט עפעס געשאפן, ניט האָבנדיק קיין קויעך פארשרײַבן עס. דער דאָזיקער פאקט גיט אונדז דאָס רעכט צו זאָגן, אז דער גרויסער שרײַבער איז אוועקגעגאנגען פון דער וועלט, מיטנעמענדיק מיט זיך ניט באוווּסטע פאר אונדז שורעס און סוזשעטן. דעריבער דארף מען אויך אונטער זײַנע פובליקירטע ווערק ניט שרײַבן דאָס וואָרט „סאָף”, בעסער — „פאָרזעצונג קומט”, ווײַל אזעלכע שרײַבער, ווי שאָלעם-אליכעם, לעבן אייביק, און מיר, די דאנקבארע שפעטערדיקע דוירעס, זעצן פאָר צו לייענען זיי, געפינענדיק פאר זיך נײַע געדאנקען און געפילן.

■

לעאָניד דײַנעקאָ

ווײַסרוסישער שרײַבער

דוירעס לייענער גלייבן אים

מיר באערן שאָלעם-אליכעמען, דעם גרויסן יידישן שרײַבער-הומאניסט, א מענטשן מיט א ליבנדיקער, פילבארער נעשאָמע, וועלכער האָט זיך אײַנגעקוקט מיט א שארף אויג אין דער ארומיקער וועלט, אינעם לעבן פון דעם דערשטיקטן פון נויט און פינצטערניש פאָלק און האָט דערציילט וועגן זײַן פאָלק דער גאנצער וועלט. דער העכסטער ציל, דער

באַרוף פון יעדן פאָלקס-שרײַבער איז — ריידן פאַר יענע, וואָס גייען אוועק אין דער אייביקייט. און שאָלעם-אליכעם האָט גערעדט, גערעדט אף אַ לעבעדיקער, זאַפטיקער פאָלקסשפּראַך. און דווקא לייענער גלייבן אים.

אף אַט דעם יוביל-אָוונט רעפּרעזענטיר איך די שרײַבער-אָרגאַניזאַציע פון ווײַסרוסלאַנד. אין די צײַטן, ווען שאָלעם-אליכעם האָט געשאַפן, האָט ווײַסרוסלאַנד זיך גערופן צאָפן-מיזרעכדיקער קאַנט, און וועמענס גובערניעס עס האָט זיך געפונען אַ טייל פון דעם אַזויגערופענעם טכום-האַמוישעוו. די ווײַסרוסישע שטעטלעך האָבן מיט קיין זאַך זיך ניט אונטערשיידט פון די אוקראַיִנישע, וועלכע ס'האָט מיט אַזאַ האַרצוואַרעמקייט באַשריבן אין זײַנע ווערק דער גענ‌יאַלער ייִדישער שרײַבער. דאַלעס, שווערע אויסמאַטערנדיקע האָרעוואַניע, אויסגאַנגלאָזיקײַט — אָט וואָס עס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דאָס פאַר-רעוואָלוציאָנערע ווײַסרוסישע שטעטל. דאָס שטעטל אין ווײַסרוסלאַנד... אַ מין קלינגענדיק, שטראַלנדיק-רירנדיק וואָרט. דאָס איז געווען אַ טורמע פאַר הונדערטער טויזנטער ייִדן, און צוזאַמען מיט זיי — פאַר ווײַסרוסן, רוסן, פּאָליאַקן.

וואָס פאַר אַ לעבנסליבנדיק האַרץ האָט מען געדאַרפט פאַרמאָגן, קעדיי פון אָט דעם כוישעך אַרויסטראָגן פונקען פון געלעכטער, שטראַלן פון שײַן! גיט אַ קוק, וואָס פאַר אַן אָפּטימיסטישע ניט-פאַרומערטע פאָלקס-כאַראַקטערן עס לעבן אף די זײַטלעך פון שאָלעם-אליכעמס ביכער, ווי עס זינגען און טאַנצן, ווי עס ליב זײַנע העלדן! וואָס פאַר אַ וואָרט האָט איין שאָלעם-אליכעמס טעוויע דער מילכיקער! און האַגאַם עס איז צומאָל געווען אַ געלעכטער דורך טרערן, איז עס פונדעסטוועגן געווען אַ געלעכטער, און אַ געלעכטער, ווי באַוווּסט, איז דאָס געווער פון שטאַרקע מענטשן.

מיט זײַן פאָלקסטימלעכקײַט, מיט זײַן טיפן הומאַניזם, געשפּאַנטער אויפמערקזאַמקײַט צו דעם ניט-לײַכטן גוירל פונעם „קליינעם מענטשן" איז שאָלעם-אליכעם קרויוויש צו אַזעלכע קלאַסיקער פון דער ווײַסרוסישער ליטעראַטור, ווי יאַנקאַ קופּאַלאַ, יאַקוב קאָלאַס. ניט צופעליק האָבן זיי קעסיידער זיך אינטערעסירט מיט זײַן שאַפונג. יאַנקאַ קופּאַלאַ איז, פּונקט ווי שאָלעם-אליכעם, געשטאַנען פאַר אַן אויסוואַל — אף וואָס פאַר אַ שפּראַך שרײַבן? עטלעכע ערשטע לידער זײַנע האָט ער געשריבן אף פּויליש, אָבער שפּעטער איז ער אף זײַן גאַנץ שעפערישן לעבן געבליבן טרײַ דער לעבעדיקער ווײַסרוסישער פאָלקס-שפּראַך.

מיר לעבן הײַנט אין אַ געפּאַרפּולער, אָנגעגליטער וועלט. איבער דער מענטשהײַט איז פאַרהויבן די אַטאָם-שווערד פונעם אימפּעריאַליזם. דוכט זיך, וואָס קאָנען אַרויסשטעלן טעוויע דער מילכיקער און מאָטל פּייסיס (דער בוך וועגן מאָטל פּייסי דעם כאַזנס איז, אַגעוו, דרײַ מאָל דערשינען אף דער ווײַסרוסישער שפּראַך) קעגן אָט דער אומבעראַכמאָנעסדיקער שווערד? אָבער אין דעם גייט עס דאָך, וואָס דאָס לעבן איז שטאַרקער פונעם טויט, שאָלעם-אליכעמס געלעכטער פליט העכער און ווײַטער פון די פליגל-ראַקעטעס, און ס'איז פאַראַן דער טיפסטער עמעס אין דעם, וואָס די טרערן פון אַלע מענטשן זײַנען ענלעך צווישן זיך. יאָ, דער טיפסטער עמעס און די עכטסטע מענטשלעכקײַט איז אין דעם, וואָס בײַס דער אַנטיפאַשיסטישער מילכאָמע האָבן ווײַסרוסישע פּרויען, ריזיקירנדיק מיטן אייגענעם לעבן, געראַטעוועט פונעם טויט ייִדישע קינדער.

לאָמיר מויכל זײַן די גרויסע שרײַבער, ווען אין זייערע אויגן באַווײַזן זיך טרערן. זיי האָבן געוויינט, נאָר זײַנען פאַרבליבן אָפּטימיסטן, געגלייבט אין אַ בעסערן טאָג פאַר זייער פאָלק, פאַר זייער וואָרט. שאָלעם-אליכעם איז האַרציק נאָענט פאַר מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן און פון פאַרשיידענע דוירעס מיט זײַן אָרגאַנישער מענטשלעכקײַט. מע לייענט אים און מע וועט אים לייענען. און וואָס נאָך דאַרף אַ שרײַבער?

בײַ די יאַפּאַנער איז פאַראַן אַזאַ ווערטל: „יעדער עכטער מאַנצבל דאַרף אָבליגאַטאָריש האָבן זיבן אומפרײַנט". די יאַפּאַנער, ווי איר זעט, האָבן אַלץ אונטערגערעכנט. ווען שאָלעם-אליכעם האָט אָנגעהויבן זײַן שווערן רומפולן וועג, האָט ער געהאַט אומפרײַנט מער פון זיבן, אָבער אומפאַרגלײַכלעך מער האָט ער געהאַט געטרײַע פרײַנט, אויפריכטיקע פאַרערער פון זײַן טאַלאַנט, וועלכע האָבן געגלייבט אין דעם קלוגן, ערלעכן וואָרט פונעם שרײַבער. און ס'איז אויסער יעדן צווייפל, אַז וואָס ווײַטער, אַלץ גרעסער וועט ווערן די צאָל פון זײַנע פרײַנט.

■

דאַוויד דראַגונסקי

גענעראַל־פּאָלקאָווניק, צוויי מאָל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד, פאָרזיצער פונעם אַנטיציוניסטישן קאָמיטעט פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט

פאַרוואָס האָבן מיר ליב שאָלעם-אַלייכעמען

מיר דאַכט זיך, אַז קיין איין וועלטן-ווער פון די שרײַבער האָט געקענט אַזוי אַרײַנדרינגען אין די טיפעניש פון דער נעשאָמע פון אַ פּראָסטן מענטשן, ווי שאָלעם-אַלייכעם. אַלעמאָל, ווען דו הייבסט אָן בלעטערן זײַנעם אַ בוך און פאַרטיפסט זיך אין לייענען, קערסטו זיך ווידער אום אין די יאָרן פון דער ווײַטער קינדהײַט. דעם שרײַבערס העלדן זײַנען אַזוי ענלעך אָף די מענטשן, מיט וועלכע איך האָב געהאַט צו טאָן אין מײַן געבורטס-דאָרף סוויאַטסק, אין די שטעטלעך פון אוקראַיִנע און ווײַסרוסלאַנד, גלײַך ווי ער וואָלט געשריבן זײַנע העלדן פון מײַנע אייגענע, פון מײַנע שכיינים, פון מײַנע לאַנדסלײַט, פון די מענטשן, וועלכע איך האָב געקענט אין נאָוואָזיבקאָוו אָדער דאָברוש, אין האָמעל צי אין זשלאָבין, — אַזוי לעבעדיק, אַזוי בולעט שטייען זיי אוף פון זײַנע ווערק מיט אַלע זייערע פריידן און לײַדן, טרוימען און האָפענונגען. בילדעריש גערעדט, — שאָלעם-אַלייכעם האָט דאָס גאַנצע לעבן געשריבן די ביִאָגראַפיע פונעם האָרעפּאַשנעם פאָלק. אָפטמאָל דאַכט זיך מיר, אַז ער האָט באַשריבן דאָס לעבן פון מײַן זיידן מוישע, פון מײַן באָבע כאַווע, פון מײַן מאַמע ראָכל, און ער האָט עס געטאָן מיט אַזאַ קראַפט, וואָס עס איז בעקוויעך צו טאָן בלויז אַן עכטער פאָלקס-שרײַבער.

מיר האָבן ליב שאָלעם-אַלייכעמען פאַר זײַן הומאָר, פאַר זײַן שמייכל, פאַר זײַן געלעכטער. שאָלעם-אַלייכעמס הומאָר איז ניט געווען אַזאַ לײַכטער און אומשולדיקער, ווי עס קאָן זיך דוכטן אױפן ערשטן בליק. אַליין דאָס לעבן מיט זײַנע ווידערשפּרוכן האָט געגעבן שטאָף שאָלעם-אַלייכעמען, און ער האָט טאַלאַנטפול באַשריבן אַזעלכע לעבנס-סיטואַציעס, וועלכע רופן אַרויס אַמאָל אַ שטילן שמייכל און אַמאָל אַ הילכיקן געלעכטער. שאָלעם-אַלייכעם האָט מיט דער הילף פון געלעכטער אַנטבלויזט די מאַקעס פון יענער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, וועלכע האָט פאַריאָגט די מענטשן אין טעמפּן ווינקל פון הילפלאָזיקײַט. דער שרײַבער האָט געשאַפן אין זײַנע ווערק אַ דערשיטערנדיק בילד פון דער טראַגעדיע פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, וועלכע איז אַרײַנגעטריבן געוואָרן מיצאַד דער צאַרישער רעגירונג אין טכום-האַמוישעוו. און, ווירקלעך, הינטער יעדער שורע זײַנער פילט זיך אַ טיפער טרויער. „אייניקע לאַכן, לייענענדיק דײַן טרויעריקן הומאָר, און איך וויין", — האָט אים געזאָגט דער גרויסער קופּרין.

שאָלעם-אַלייכעמען האָבן מיר ליב פאַר זײַן סינע צו מילכאָמעס. די ערשטע וועלט-מילכאָמע האָט אַרויסגערופן באַם שרײַבער אַ צאָרנדיקן פּראָטעסט, און ער האָט פאַרורטיילט די אומזיניקע בלוטפאַרגיסונג. אין 1914 האָט ער אין דער דערציילונג „מײַסעס פון טויזנט און איין נאַכט" געשריבן: „און מע וואַרפט זיך איינער אױפן אַנדערן, און מע האַקט קעפּ, ווי מע האַקט קרויט, און מע שעכט מענטשן, ווי מע שעכט, לעהאַוודל, כאַזיירים, און בלוט גיסט זיך, ווי וואַסער". צו דעם געדאַנק וועגן דעם אומזין פון מילכאָמעס קערט זיך דער שרײַבער אום ניט איין מאָל.

שאָלעם-אַלייכעמען האָבן מיר ליב פאַר זײַן אינטערנאַציאָנאַליזם. אַ בולעטער באַווײַז דערצו זײַנען זײַנע בריוו און זײַנע פאַרבינדונגען מיט ל. טאָלסטאָי, מ. גאָרקי, א. טשעכאָוו און מיט אַנדערע קאָריפייען פון דער רוסישער ליטעראַטור. לייענענדיק די דאָזיקע בריוו, איבערצײַגסטו זיך נאָכאַמאָל אין זײַן קאָלאָסאַלער ליבשאַפט צו די קלאַסיקער פון דער רוסישער ליטעראַטור און אין דער גרויסער ליבשאַפט, וואָס עס האָבן געפילט גאָרקי, טשעכאָוו, קופּרין צום טאַלאַנטפולן גרונטלייגער פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

שאָלעם-אַלייכעמען האָבן מיר ליב פאַר זײַן אומגעהויער ליבשאַפט צו די פאָלקס-מאַסן, פאַר זײַן גלויבן אינעם זיג פון עכטמענטשלעכע באַציִונגען אין דער געזעלשאַפט, פאַר זײַן פײַנטשאַפט צו אונטערדריקונג, גוואַלדטאַט, סאָציאַלער אומגלײַכהײַט. ער איז ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנער, נאָר מע

דארף אויך זאָגן, אז ער האָט ניט געהערט צו קיין איינער פון די ייִדישע בורזשואזע אָדער קליינבירגערלעכע נאציאָנאליסטישע פארטייען: ניט צו די בונדיסטן, ניט צו די ציִעניסטן. האגאם סײַ די, סײַ יענע האָבן זיך באמיט אים צוציִען אף זייער זײַט.

אף דער זיצונג פונעם פרעזידיום פון דעם אנטיציִעניסטישן קאָמיטעט פון דער סאָוועטישער געזעלשאפטלעכקײַט איז מיט רעכט אָפגעמערקט געוואָרן, אז שאָלעם-אלייכעם האָט גערופן אין זײַנע ווערק צו אינטערנאציאָנאלער איינהײַט פון די ארבעטס-מענטשן. די דאָזיקע אידיי פון אינטערנאציאָנאלער אכדעס פון די אונטערדריקטע אין קאמף קעגן סאָציאלן און גײַסטיקן יאָך האָט שטענדיק ארויסגערופן צאָרן בא די ציִעניסטן, בא קאָל-האמינים נאציאָנאליסטן.

אונדז קומט אויס האָבן צו טאָן מיט פאקטן, ווען די ציִעניסטישע אידעאָלאָגן נעמען פאר באמיִונגען אויסצוטײַטשן די שאפונג פון שאָלעם-אלייכעמען אין זייערע אינטערעסן. ניט לאנג צוריק איז אין יִסראָעל ארויסגעגעבן געוואָרן שאָלעם-אלייכעמס א זאמלונג, וועלכע האָט געדארפט באווײַזן, אז דער גרויסער שרײַבער האָט קלוימערשט שטענדיק ארויסגעוויזן סימפאטיע צום ציִעניזם. קריכנדיק פון דער הויט ארויס, קעדיי צו באשטעטיקן, אז אזוי איז עס טאקע, האָבן די ציִעניסטישע פארלעגער איבערגעטאשט די קאָרטן, געמאכט א גראָבן שווינדל. אפילע דעם שרײַבערס דערציילונגען פאר קינדער, אין וועלכע עס ווערן באשריבן די טראדיציעס פון ייִדישע יאָמטויווים, גיבן אויס די יִסראָעלדיקע פארלעגער פאר א באווײַז פון שאָלעם-אלייכעמס ציִעניסטישע סימפאטיעס.

יעדן איינעם, וועך עס איז באקאנט מיט שאָלעם-אלייכעמס ביִאָגראפיע, מיט זײַנע ווערק, איז באוווּסט, אז אים זײַנען פרעמד געווען די אידייען פון כיוועווי-ציִאָן, וועלכער איז דעמלט ערשט אופגעקומען. אָט וואָס ער שרײַבט: „וואָס הערט זיך עפעס בא אײַך מיקויעך דער קאָלאָניזאציע פון פאלעסטינע? שא, שטיל, מע הערט ניט און מע זעט ניט!.. וואָס קער זיך אָן פאלעסטינע מיט דעם קלאל-יִסראָעל? ווייס איך, פאלעסטינע! די גאזעטן האָבן שוין ניט וואָס צו שרײַבן, האָבן זיי זיך אָנגעכאפט אין פאלעסטינע און דרייען א מויעך!..” דאָס האָט שאָלעם-אלייכעם אָנגעשריבן מיט הונדערט יאָר צוריק!

ווען אין 1886 האָט דער אָדעסער פארלעגער ראווניצקי פאָרגעלייגט שאָלעם-אלייכעמען, ער זאָל אָנשרײַבן א זאך פארן פאלעסטינאָפילישן זאמלבוך „דער וועקער”, האָט אים דער שרײַבער געענטפערט: „איך קאָן ניט הייסן יענעם גלייבן דאָרט, ווו איך גלייב אליין זייער ווינציק... ניין, איך בין ניט קיין אסימיליאטאָר און ניט קיין פאלעסטינעץ...”

שאָלעם-אלייכעמס פאָפולערקײַט אינעם פאָלק איז געווען אזא גרויסע, אז די ציִעניסטן האָט ניט געלוינט, ער זאָל ארויסזאָגן אזעלכע אומגינסטיקע געדאנקען וועגן זייערע אידעאלן. זיי זײַנען געקראָכן פון דער הויט, קעדיי ארײַנשלעפן דעם שרײַבער אין זייער קאָמפאניע, אָך, האָט זיך זיי געוואָלט, אז דער שרײַבער זאָל כאָטש איין מאָל באזוכן דאָס „לאנד פון די אָוועס”! וואָס פאר א טומל וואָלט מען געקאָנט אופהייבן ארום אזא געשעעניש, וואָס פאר א קאפיטאלכל פארדינען דערבײַ! און די לעצטע באמיִונג איז פאָרגעקומען געוואָרן אין 1909, ווען שאָלעם-אלייכעם האָט זיך געהיילט אין איטאליע און האָט ניט געהאט קיין גראָשן געלט אף צו באצאָלן פאר נאכטלעג אינעם האָטעל. די צײַטונגען פון דער גאנצער וועלט האָבן פלוצעם גענומען טרומייטערן וועגן דער „נאָבעלער קאוואָנע” פון די קיִעווער ציִעניסטן — זיי האָבן דערקלערט א זאמלונג פון געלט-מיטלען, קעדיי אײַנקויפן פארן טויט-קראנקן שרײַבער א שטיבל אין פאלעסטינע אפן ברעג פונעם מיטללענדישן יאם, ווײַל די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אז אויך אפן קומענדיקן זומער וועט ער זיך נייטיקן אין א ווארעמען קלימאט.

פון אָט דעם טומל האָט זיך, ווי מע האָט געקאָנט דערווארטן, ארויסגעלאָזט א בוידעם. שאָלעם-אלייכעם האָט גלײַך פארשטאנען, אז דאָ שמעקט מיט אומפארשעמטער ספעקוליאציע ארום זײַן נאָמען.

דער גורל האָט פארוואָרפן שאָלעם-אלייכעמען אין דער פרעמד, נאָר מיט אלע זײַנע געדאנקען איז ער געווען דאָ, אין רוסלאנד, אין זײַן היימלאנד, צווישן זײַנע העלדן. וועגן דעם איז געזאָגט געוואָרן אין זײַן באוווּסטער צאוואָע.

שאָלעם-אלייכעם האָט דאָס גאנצע לעבן געטרוימט וועגן פרײַהײַט און גלײַכבארעכטיקונג פון די ייִדישע ארבעטנדיקע, וועגן זייער איינהײַט מיט אנדערע פעלקער, וועלכע האָבן געלעבט אין רוסלאנד. די דאָזיקע טרוימען זײַנע זײַנען פארווירקלעכט געוואָרן בלויז נאָך דער גרויסער סאָציאליסטישער אָקטיאבער-רעוואָליוציע.

■

אנאטאָלי מאָראָז

אוקראַיִנישער פּראָזאַיִקער, סעקרעטאַר
פֿונעם רעפּובליקאַנישן שרײַבער־פֿאַרבאַנד

דער ניצאָכן פֿונעם שרײַבער

א פֿייגל ווערט געבוירן אין א נעסט. א בוים וואַקסט פֿון דער ערד. שאָלעם-אלייכעם איז געבוירן געוואָרן אויף דער אוראַלטער, פֿאַרצויגענער מיט בילינע-עפּאָס ערד פֿון פּערעיאַסלאַוו. אגעוו, וועגן דעם פֿאַרגאַנגענעם טאָג אורטיילן מיר געוויינלעך לויט דעם הײַנטיקן, וועלכן ס'איז דעמלט, אין דער פֿאַרגאַנגענהײַט, ניט לײַכט געווען צו דערזען. שאָלעם-אלייכעם איז געבוירן געוואָרן אין די צײַטן פֿון דעם לײַב-אייגנטום-רעכט. די וועלט, וועלכע האָט ארומגערינגלט דעם שריפֿטשטעלער אין די גאָר יונגע יאָרן, איז געווען א קאָמפּליצירטע און שווערע. דאָס איז געווען א וועלט פֿון געלט-גיריקײַט, פֿון טכום-האַמוישעוו און שוואַרצמייִדיקע פּאָגראָמען, ווי אויך א וועלט פֿון דעם אופֿקומענדיקן פּראָטעסט און רעוואָלוציאָנערן קאַמף. אויף אָט דעם באָדן איז ער, שאָלעם-אלייכעם, אויסגעוואַקסן.

דעם גוירל פֿון א שריפֿטשטעלער באַשטימען, מיסטאַמע, צוויי זאַכן — טאַלאַנט און דער אויסוואַל. דער יונגער שרײַבער האָט געזען דעם געפּעכט צווישן גוטן און בייזן, דער רעזולטאַט פֿון וועלכן עס וועט באַשטימט ווערן פֿיל שפּעטער און שוין ניט בײַ זײַן לעבן. פֿאַרשיידענע וועגן האָט ער געקאָנט אויסקלײַבן פֿאַר זיך. שאָלעם ראַבינאָוויטש האָט זיך גענומען א פּסעוודאָנים שאָלעם-אלייכעם — שאָלעם אײַך, מענטשן. א גוטן שמייכל דעם אָרעמאַן, דעם האָרעפּאַשניק, און א שאַרפֿע צעשמעטערנדיקע איראָניע — דעם בלוטזויגער. און ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן אויף דער שפּראַך פֿונעם פּאָשעטן פֿאָלק. פֿאַר אונדז, שרײַבער, איז שאָלעם-אלייכעמס לימעד א לימעד פֿון א גוטן האַרץ.

אין אוקראַיִנע באַערט מען דעם גרויסן שריפֿטשטעלער. מע דאַרף זאָגן, אַז דאָס וואָרט „באַערן" איז דאָ ניט אינגאַנצן פּינקטלעך. שאָלעם-אלייכעם פֿאַרבלײַבט א לעבעדיקער, איינער פֿון די אַמערסטנס לייענבאַרע שרײַבער אין אונדזער רעפּובליק. דער פֿאַרלאַג „דניפּראָ" האָט צום יוויל אַרויסגעלאָזט מיט א גרויסן טיראַזש זײַנע „אויסגעוויילטע ווערק" — דער בוך איז מאָמענטאַל אויסגעפֿאַרקויפֿט געוואָרן. איצט איז אופֿגעשוווּמען די פֿראַגע וועגן אַרויסגעבן אין דער נאָענטסטער צײַט א נײַע אופֿלאַגע פֿון דער פֿירבענדיקער אויסגאַבע פֿון זײַנע ווערק אויף אוקראַיִניש.

און אָט וואָס איז אינטערעסאַנט. כ'וויל זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם אייגנאַרטיקן פֿענאָמען פֿון שאָלעם-אלייכעמס איבערזעצונגען אין אוקראַיִנע. בײַ אונדז זײַנען פֿאַראַן גוטע איבערזעצער, וועלכע האָבן דערטראָגן צום אוקראַיִנישן לייענער דעם גײַסט פֿון די ווערק פֿון האָמערן, סערוואַנטעסן, שעקספּירן, גאַרסיאַ לאָרקאַ. אָבער די איבערזעצונגען פֿון שאָלעם-אלייכעמען ווערן אופֿגענומען מיצד דעם ברייטן אוקראַיִנישן לייענער, ווי זיי וואָלטן געווען אַליין דער אָריגינאַל. אינעם פֿאָלק זעט מען אין שאָלעם-אלייכעמען א שרײַבער, וועמען מע דאַרף ניט איבערזעצן — קלוימערשט, ער האָט געשריבן אויף אונדזער שפּראַך, אויף אוקראַיִניש. איך ווייס ניט, פֿון וואָס פֿאַר א זײַט איז עס גוט, און פֿון וואָס פֿאַר א זײַט איז עס ערגער, אָבער דאָס איז, אָן שום ספֿק, א רעזולטאַט און אַן אײדעס פֿון לעבעדיקע און נאָענטע צו אונדזער לעבן בילדער, וועלכע דער שרײַבער האָט געשילדערט. אויב טעוויע דער מילכיקער, לעמאַשל, רעדט וועגן עפּעס, וואָס כאַזערט זיך איבער: „די זעלבע יענטע, נאָר אַנדערש געשלייערט", און אויף אוקראַיִניש קלינגט עס: «Та сама Хивря, тільки інакше зачесана» — דאַן קאָן אונדזער לייענער בעשום-אויפֿן ניט אונטערשיידן, וואָס עס האָט געשאַפֿן דער איבערזעצער און וואָס איז געשריבן אינעם אָריגינאַל.

שאָלעם-אלייכעמס שאַפֿונג זעצט פֿאָר איר לעבן, און דער שטרענגער און אומבעראַכמאָנעסדיקער געריכט פֿון דער צײַט פֿאַרטיפֿערט בלויז איר באַדײַטונג. די צײַט באַשטעטיקט, אַז שאָלעם-אלייכעם האָט געמאַכט א קלוגן אויסוואַל — ער האָט ריכטיק אויסגעקליבן די שפּראַך, און האָט ניט געמאַכט קיין טאָעס אינעם אויסוואַל פֿון זײַן העלד. ער איז געווען א גוטער מענטש און בעעמעס א כאָכעם, מיט זײַן האַרץ האָט ער געזען ווײַט, אָט דער מענטש מיטן אויסזען פֿון א רויפֿע אָדער פֿון א לערער.

זייַן גוירל פון א ייִדישן שריפטשטעלער אין צארישן רוסלאנד איז געווען א שווערער. אָבער סאָפקאָלסאָף האָט ער אָפּגעהאלטן א ניצאָכן. איז דען ניט שאָלעם-אליכעמס ניצאָכן, אויב אין א סאך ערטער, פונוואנען עס האָבן אים אין די צארישע צייַטן פארטריבן די אכזאָריעס פון די שטארקע און די נארישקייַט פון די זשעדנע לייַט, גייען הייַנט דורך איינע נאָך דער אנדערער זייַנע יובילייפייַערונגען.

א גרויסער אָוונט איז דורכגעגאנגען אין קיִעוו. עס זייַנען פאָרגעקומען פייַערונגען אינעם שרייַבערס היימשטאָט פערעיאסלאוו-כמעלניצקי, ווו ס'איז געשאפן געוואָרן א הויז-מוזיי פון שאָלעם-אליכעמען. ס'איז פאָרגעקומען אן אָוונט אין טשערנאָוויץ. און גאנץ אָפט האָט מען אין אָט די טעג געהערט אין סאמע פארשיידענע ערטער פון די שטעט — אין מאגאזינען, אנשטאלטן און טראמווייַען: „שאָלעם-אליכעם", „שאָלעם-אליכעם". די דאָזיקע ווערטער קלינגען ווי א באגריסונג.

א גרופע סאָוועטישע שריפטשטעלער, — ייִדן, רוסן, אוקראַינער — האָבן פארפלאנצט אין פערעיאסלאוו, לעבן דעם מוזיי פונעם שרייַבער, א דעמבן וועלדל לעקאָוועד שאָלעם-אליכעמען. די ערד אף פערעיאסלאוושטשינע איז א גוטע. אף אָט דער ערד וואקסן דעמבן הונדערטער יאָרן. א סאך דורעס וועלן קומען אהער, קעדיי זען דאָס דאָזיקע דעמבן וועלדל און דערהערן אין זייַן נאָמען גוטע, אייביקע ווערטער: שאָלעם-אליכעם, מענטשן!

■

סטאַניסלאַוו שושקעוויטש
ווייַסרוסישער שרייַבער

די ליבשאפט פון מיליאָנען לייענער

הייַנט איז דער זאל פונעם מינסקער ליטעראטן-הויז פולגעפאקט מיט צושויער, און דאָס איז א בוילעטער באווייַז פון דער פאָפולערקייַט פונעם גרויסן שרייַבער שאָלעם-אליכעם. אין זייַנע ווערק האָט ער אין די סאמע שווערע יאָרן דרייסט געשילדערט די סאָציאלע און פאָליטישע רעכטלאָזיקייַט פון די ייִדישע פאָלקסמאסן.

אין סאָף פון די צוואנציקער יאָרן האָב איך זיך באקאנט מיט שאָלעם-אליכעמס ווערק אף ווייַסרוסיש אין דער גלענצנדיקער איבערזעצונג פון זמיטראָק ביאדוליא. דער איבערזעצער האָט זייער גוט געוווּסט די ייִדישע שפראך פון די פאָלקסמאסן און איז אייַנצייַטיק געווען איינער פון די בעסטע קענער פון דער ווייַסרוסישער ליטעראַרישער שפראך. שאָלעם-אליכעמס יעדעס וואָרט, יעדער זאץ האָט דער קלאסיקער פון דער ווייַסרוסישער ליטעראטור אָפּגעוויגן, קעדיי די איבערזעצונג זאָל קלינגען פראָסט און נאטירלעך. זמיטראָק ביאדוליאס איבערזעצונגען זייַנען דערשינען עטלעכע מאָל און האָבן באקומען א הויכע אָפּשאצונג מיצאד די לייענער און אין דער פעריאָדישער פרעסע. וועגן זיי האָט, אגעוו, געשריבן דער ייִדישער סאָוועטישער שרייַבער אורי פינקעל — איינער פון שאָלעם-אליכעמס בעסטע ביאָגראפן. בייס דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע האָבן די דייַטשישע פאשיסטן פארברענט שאָלעם-אליכעמס ווערק, ארעסטירט די מענטשן, בא וועלכע מע האָט זיי געפונען. אזוינס האָט געטראָפן אויך מיטן קראנקן ווייַסרוסישן דיכטער וויקטאָר קאָזלאָווסקי — מע האָט בא אים געפונען שאָלעם-אליכעמס א זאמלונג אין ווייַסרוסיש. דעם שרייַבער האָט זיך אלפי-נעס אייַנגעגעבן אראָפּשפרינגען פון דעם לאסט-אווטאָמאָביל, אין וועלכן מע האָט אים געפירט, זיך באהאלטן אין א וועלדל און אזויארום זיך ראטעווען פון א זיכערן טויט.

אין די דערציילונגען פונעם פאָלקסשרייַבער פון ווייַסרוסלאנד מיכאס לינקאָוו „דער גוי", „אינעם שטעטל", „בעניע-באלעגאָלע", אין וויקטאָר קאָזלאָווסקיס פאָעמע „ראכיל", אין מיכאס טשאראָטס ווערק, אין וועלכע עס ווערט געשילדערט דאָס לעבן פון דער ייִדישער האָרעפּאשנער באפעלקערונג אין ווייַסרוסלאנד, פילט זיך באשייַמפערלעך די ווירקונג פון שאָלעם-אליכעמען. און דאָס איז א גאנץ נאטירלעכע דערשייַנונג. אין די ווערק פונעם גרויסן קלאסיקער פון דער וועלט-ליטעראטור קאָן מען, ווי אין א שפיגל, זען דאָס לעבן און דעם שטייגער פון אלע שיכטן פון דער ייִדישער באפעלקערונג, און אין זיי איז געגעבן א ריכטיקע אָפּשאצונג פונעם קלאסנקאמף און דעם פאָלק.

שאָלעם-אַלייכעמס ווערק זייַנען אין ווייַסרוסלאַנד אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ סך מאָל, מיט אַן אַלגעמיינעם טיראַזש פון העכער צוויי הונדערט טויזנט עקזעמפּליאַרן. דער אינטערעס צו דער קלאַסישער ייִרושע פונעם שרייַבער-אינטערנאַציאָנאַליסט וואַקסט, און מע קאָן האָפן, אַז גאָר אינגיכן וועלן נייַע אויסגאַבעס פון זייַנע ווערק באַשייַנען די פּאָליצעס פון אונדזערע ביבליאָטעקן, און צו זיי וועלן זיך מיט ליבשאַפט ציִען די הענט פון פיל מיליאָנען לייענער. ■

אַ ל ע ג ט ש אַ ר נ אַ ה ו ז
אוקראַינישער שרייַבער

דער שטערן פון ערשטער גרייס

אַנגעזעענע שרייַבער זייַנען שטענדיק ערלעך: פאַר זיך, פאַר זייער צייַט, פאַר זייער פאָלק. דאָס פאָלק און די צייַט פאַרשטייען זייער גוט איינער דעם אַנדערן.

אַזאַ שרייַבער איז געווען דער קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור שאָלעם-אַלייכעם. צו יעדערן פון אונדז זייַנען זייַנע ווערק, ווי אויך זייַן נאָמען, געקומען צוזאַמען מיט די נעמען פון סאַטיריקער פון פאַרשיידענע צייַטן און פעלקער — סערוואַנטעסן, מאַרק טווענען, בראַניסלאַוו נושיטשן, טשאַרלז דיקענסן, ניקאָלייַ גאָגאָלן, קאַרעל טשאַפּעקן, יאַראָסלאַוו האַשעקן. אַזעלכע נעמען פאַרמאָגט די וועלט-ליטעראַטור ניט קיין סך. און שאָלעם-אַלייכעם האָט באַשטעטיקט זייַן רעכט צו שטיין באַנאַנד מיט די גרעסטע וועלט-קינסטלער מיט זייַן גאַנץ לעבן, מיט זייַן געניאַלער שאַפונג. אָט די געוינים האָבן אַרויסגעטראָגן און געהאַלטן אַף זייערע פּלייצעס דעם רום פון גאַנצע פעלקער. אַזאַ איז פאַרן רוסישן פאָלק געווען אַלעקסאַנדער סערגייעוויטש פּושקין. אַזאַ איז פאַרן אוקראַיִנישן פאָלק געווען טאַראַס גריגאָריעוויטש שעווטשענקאָ. אַזאַ איז פאַרן ייִדישן פאָלק געווען שאָלעם ראַבינאָוויטש, וועמען די פעלקער פון דער וועלט קענען לויטן פּסעוודאָנים שאָלעם-אַלייכעם — אַ פּסעוודאָנים, וואָס איז פול מיט טיפן אינהאַלט.

די פעלקער געבוירן געוינים, ווען זיי אַליין, די פעלקער, לעבן. הייַנט קאָן מען זיך אַפילע ניט פאָרשטעלן, וואָס עס וואָלט געווען, ווען אַף אונדזער פּלאַנעטע וואָלט פאַרשווּנדן געוואָרן דאָס אָדער יענץ פאָלק. צי וואָלטן מיר געהאַט פּושקינען, שעווטשענקאָן, שאָלעם-אַלייכעמען? די מענטשהייַט וואָלט געהאַט אַ בלאַסע, גרויע וועלט אָן שטערן. שאָלעם-אַלייכעם האָט ניט דערלעבט איין יאָר צו דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע, אָבער ער האָט געגלייבט אין איר, ער האָט זי געפילט. לאָמיר, לעמאָשל, דערמאָנען זייַן ראָמאַן „דער מאַבל". דער פרייַלעכער מייַסטער האָט דורך דער פּריזמע פון אומעט געקוקט אַף דער וועלט, געקוקט מיט ניכטערע, גוטע און ערלעכע אויגן. מאָלנדיק דאָס רעכטלאָזע, שווערע לעבן פון דער ייִדישער אָרעמשאַפט, האָט ער קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם קאַנט, ווו ס'האָט געלעבט דאָס ייִדישע פאָלק. די דאָזיקע טיפע סימפּאַטיע פילן מיר אינעם פּאַטאָס פון זייַנע ווערק, אין די ליבע פּייזאַזשן פון אוקראַיִנע, אינעם אויסנוצן די אוקראַיִנישע לעקסיק און די אוקראַיִנישע פאָלקסלידער. מיט גרויס כשיוועס האָט דער שרייַבער געשאַפן אַ גאַנצע גאַלעריי פון אוקראַיִנישע האָרעפּאַשניקעס. אָבער מיר, אוקראַיִנער, האָבן אים ליב ניט בלויז דערפאַר און מיר זייַנען שטאָלץ ניט בלויז דערמיט, וואָס ער איז געבוירן געוואָרן אַף אונדזער ערד. יעדערן פון אונדז, ווי אויך די מענטשן פון אַנדערע פעלקער פון דער וועלט, איז שאָלעם-אַלייכעם טייַער, ווי אַ גרויסער הומאַניסט, רעאַליסט און אינטערנאַציאָנאַליסט. ווי טיף שאָלעם-אַלייכעם איז באַ אונדז געשעצט און געאַכטעט, זאָגט איידעס דער פאַקט, וואָס מיר האָבן געשאַפן אין פּערעיאַסלאַוו-כמעלניצקי אַ ליטעראַרישן מוזיי אַף זייַן נאָמען (דאָס איז עפּשער דער איינציקער אין דער וועלט!), וווּהין מיט דאַנקבאַרקייַט און ליבשאַפט עס קומען איצט

מענטשן פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן, און מיר האָבן אוועקגעשטעלט א דענקמאָל שאָלעם-אליכעמען אין זײַן היימשטאָט.

פונקט ווי שאָלעם-אליכעם האָט אָרגאַניש אײַנגעזאַפּט אין זײַן שאַפונג דעם אוקראַיִנישן פאָלקלאָר, אַזוי האָט די שפּעטערישע אינטעליגענץ פון אונדזער פאָלק זיך אויך באַהעפט צו דער ירושה פון אָט דעם מײַסטער פונעם ייִדישן קינסטלערישן וואָרט. מיר ווייסן, ווי טיף און אופריכטיק עס האָבן ליב געהאַט זײַן טרעפלעך וואָרט, זײַן פאָלקס-אָפּטימיזם די שרײַבער פיליפּ קאַפּעלגאָראָדסקי, אָסטאַפּ ווישניא, סטעפּאַן אָליינִיק. שאָלעם-אליכעמס נאָמען האָט באַזונגען אין זײַן פּאָעמע „צום ייִדישן פאָלק" פּאַוולאָ טיטשינאַ. אוקראַיִנישע אַקטיאָרן האָבן מײַסטעריש געשאַפן אויף דער בינע שאָלעם-אליכעמס געשטאַלטן.

דער שרײַבער האָט אָפּגעלעבט אינגאַנצן זעקס און פופציק יאָר, און אַרום פופציק פון זיי אויף דער אוקראַיִנע. די דאָזיקע יאָרן זײַנען געווען א צײַט פון באַזונדערס שווערער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. אין צאַרישן רוסלאַנד, וואָס לעניִן האָט אָנגערופן „די טורמע פון פעלקער", האָבן אין דער זעלבער מאָס געליטן פון אונטערדריקונג און פאַרפאָלגונג די שפּראַך, די קולטור און די נאַציאָנאַלע ווירדע סײַ פון די אוקראַיִנער, סײַ פון די ייִדן. שאָלעם-אליכעם האָט צוזאַמען מיט אַלע פּראָגרעסיווע טוער פון זײַן צײַט — מיט די גרויסע רוסן לעוו טאָלסטאָי, אַנטאָן טשעכאָוו, מאַקסים גאָרקי, מיט די אוקראַיִנער לעסיאַ אוקראַיִנקאַ, פּאַוולאָ גראַבאָווסקי, מיכײַלאָ קאָציובינסקי — געקעמפט קעגן דעם צאַרישן ווילקיר, פאַרן זיג פון דער גערעכטיקײַט.

פאַר דעם אַלץ — א גרויסן דאַנק אים און קאָוועד. שאָלעם-אליכעם וועט שטענדיק זײַן מיט אונדז, קאָלזמאַן ס'וועלן זײַן שאָלעם און רו אויף דער וועלט. און אויב מיר, די מענטשן פון דער פּלאַנעטע, וועלן זיך אויסלערנען סאָפּקאָלסאָף לעבן אין פרײַנטשאַפט, וועלן דער שאָלעם און די רו זײַן אייביק איבערן וויגעלע פון דער ציוויליזאַציע, וועלכע האָט געגעבן דער מענטשהײַט אַזויפיל רומפולע נעמען. צווישן זיי שײַנט העל אויפן הימלבויגן פון די וועלט-ליטעראַטורן דער שטערן פון דער ערשטער גרייס, דער שטערן, וואָס וועט זיך קיינמאָל ניט אויסלעשן — שאָלעם-אליכעם!

■

באָ ר י ס ס אָ ט ש ע נ ק אָ

ווײַסרוסישער שרײַבער

קאָוועד און ליבע

אײדער ער איז געוואָרן באַוווּסט אין דער גאָרער וועלט אַלס שאָלעם-אליכעם — דער קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, איז שאָלעם ראַבינאָוויטשן אויסגעקומען דורכמאַכן זייער ניט קיין גרינגן לעבנס-וועג. אין דער ליטעראַטור האָט ער דעביוטירט צו צוואַנציק יאָר.

פאַרזעצנדיק די טראַדיציעס פון די רוסישע קלאַסיקער און וועלט-קלאַסיקער, האָט שאָלעם-אליכעם אין זײַנע ווערק געשילדערט געשטאַלטן פון טאַלאַנטפולע פאָלקס-מענטשן, וועלכע זײַנען געצוווּנגען געווען צו וועלקן און זיך מאַטערן אין די פאַרדומפּענע באַדינגונגען פונעם צאַרישן רוסלאַנד. א טאַלאַנטפולער הומאָריסט, פלעגט ער מיט זײַנע ווערק מונטערן די פאָלקס-מענטשן, פאַרפלאַנצן אין זיי דעם גלויבן אין דער ליכטיקער צוקונפט.

שאָלעם-אליכעם איז געווען דער גרינדער פון דער יערלעכער אויסגאַבע „די ייִדישע פאָלקס-ביבליאָטעק", אַרום וועלכער עס האָבן זיך גרופּירט די טאַלאַנטפולסטע שרײַבער — מענדעלע מוכער-ספאָרים, י.-ל. פּערעץ, י. לינעצקי, א. גאָטלאָבער און אַנדערע, און דאָס האָט געשפּילט א גרויסע ראָליע אין דער באַהעפטונג פון די בעסטע ליטעראַרישע קוויכעס, וועלכע האָבן געשאַפן ווערק אויף ייִדיש — דער שפּראַך, וואָס איז נאָענט און פאַרשטענדלעך געווען פאַר די ברייטע אונטערדריקטע מאַסן.

אָבער דער הויפּט-פאַרדינסט פון שאָלעם-אליכעמען, פאַר וואָס מע האָט אים ליב און עס שעצן אים מיליאָנען, באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט געשאַפן אויסגעצייכנטע ווערק, וועלכע זײַנען פאַררעכנט אין אוצער

פֿון דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור — אַזעל־כע ווי „מענאַכעם־מענדל“, „יאָסעלע סאָלאָ־וויי“, „טעוויע דער מילכיקער“, „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס“, „בלאָנדזנדע שטערן“, „דער מאַבל“, „פֿונעם יאַריד“, דורכגעדרונגענע מיט געלעכטער דורך טרערן.

אין אַלע זײַנע ווערק טרעט אַרויס שאָ־לעם־אַלייכעם ווי אַ גרויסער קינסטלער־רעאַ־ליסט, ווי אַן אויסדריקער פֿון די געדאַנקען און טרוימען פֿון די האָרעפּאַשנע מאַסן.

שאָלעם־אַלייכעם איז איינע פֿון די סאַמע קאָלאָריטע פּערזענלעכקײַטן אין פּעריאָד פֿון דער רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראַטישער באַ־וועגונג אין רוסלאַנד. אים האָבן הויך געשעצט ל. טאָלסטאָי, אַ. טשעכאָוו, אַ. קופּרין, ל. אַנד־רייעוו. אַ גרויסע ראָליע האָט ער געשפּילט אין דער אַנטוויקלונג פֿונעם ייִדישן טעאַטער.

דער דראַנג צו וויסן וואָס מער וועגן זײַן פֿאָלק שטויסט שאָלעם־אַלייכעמען צו רײַזן ניט נאָר איבער די שטעט פֿון רוסלאַנד, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער. זײַנע מאַרשרוטן זײַנען דורכגעלייגט געוואָרן אויך דורך עסט־רײַך, איטאַליע, דענעמאַרק, שווייץ, אַמערי־קע. שאָלעם־אַלייכעם איז אויך געווען באַ אונדז אין ווײַסרוסלאַנד. אין די ווערק, וואָס ער האָט געשאַפֿן אין יענער צײַט, וואַרפֿט ער אָפּ דעם טרוים פֿון די „קליינע מענטשעלעך“ וועגן דעם גאָלדענעם לאַנד אַמעריקע. דאָרט, ווו אױפֿן ערשטן פּלאַן שטייט געלטגיריקײַט און ביזנעס, האָט ער באַוויזן, — דאָרט קאָן ניט זײַן קיין גליק. די צוקונפֿט פֿונעם פֿאָלק האָט דער שרײַבער געזען „דאָ, אינעם לאַנד, ווו מיר לעבן“.

ביז הײַנטיקן טאָג איז שאָלעם־אַלייכעם איינער פֿון די פּאָפּולערסטע און באַליבטסטע שרײַבער אין דער וועלט. זײַנע ווערק האָבן זיך געדרוקט און דרוקן זיך אױף פֿיל שפּראַכן, דערונטער אויך אױף ווײַסרוסיש.

צוזאַמען מיט מיליאָנען מענטשן פֿון דער גאָרער וועלט, דאַנקבאַרע ליבהאָבער פֿון זײַן מעכטיקן מענטשלעכן טאַלאַנט, גיבן אָפּ אין אָט די טעג אויך די אַרבעטנדיקע פֿון אונד־זער לאַנד, דעם לאַנד פֿון עכטער פֿרײַנטשאַפֿט צווישן פֿעלקער און אינטערנאַציאָנאַליזם, קאָ־וועד און ליבע דעם באַרימטן זון פֿונעם ייִדישן פֿאָלק.

■

בראַניק

אין דער איבערזעצונג אױף רוסיש

צו שאָלעם־אַלייכעמס 125־טן געבורטסטאָג האָט דער כאַבאַראָווסקער ביכער־פֿאַרלאַג אַרויסגעלאָזט אין רוסיש אַ זאַמלונג דערציילונגען אונטערן נאָמען „אָרעמע און פֿריילעכע“.

אינעם בוך פֿונעם קלאַסיקער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור זײַנען אַרײַן „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס“, „יוסעף“, „גימנאַזיע“, „דער ניסרעף“ אאַ. (איבערזעצער — מ. שאַמבאַדאַל און יאַ. טײַץ. אילוסטראַציעס — מענדל גאָרשמאַן).

■

אינעם פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“ איז דערשינען אַ נײַע אויפֿלאַגע פֿון דאָוויד בערגעלסאָנס ראָמאַן „באַם דניעפּער“. אין בוך זײַנען אויך אײַנגעשלאָסן אַ ריי דערציילונ־גען אין דער איבערזעצונג פֿון אי. באַבעל, ב. טשערניאַק, וו. כינקיס און אַנדערע.

די זאַמלונג איז דערשינען אין אַ מאַסן־טיראַזש — 100 טויזנט עקזעמפּליאַרן.

פון רעדאקציע. צוויי אוקראַיִנישע דיכטער האָבן אויסגעדריקט זייער באַציִונג צום יִדישן קלאַסיקער מיט לידער, וועלכע זיי האָבן אָנגעשריבן ספּעציעל צו זײַן 125־יאָריקן יובילײ און זיי געלייענט פאַרן אוילעם אָף די פײַערלעכע אָוונטן.
מיר ברענגען דאָ די לידער אין דער איבערזעצונג פון דאָרע כײַקינע.

סטאַניסלאַוו זינטשוק

ווי טוי פּאַרטאַגיקער אָף קווייטן

א ליבּ צו דעם, וואָס ווינטשט גוטהאַרציק שאָלעם אײַך,
און מיט דעם גוטן ווונטש באַקרוינט ער האָט זײַן נאָמען.
ער איז מיט אָרעמע געוועזן גלײַך אָף גלײַך,
די גווירים פײַנט געהאַט, ווי וויסטע, שוואַרצע טהאָמען.

געשריבן וועגן אים האָט ווערטער פּוסטע, הילכיקע,
עפּעס א מענטשל, וואָס זײַן שפּור איז ניט געבליבן:
„זײַן העלד איז א געוויסער טעוויע-מילכיקער,
און מאָטלען, אָט דעם קאַפּצעניוק, ער מאָלט מיט ליבע...״

מיט די „מיליאָנשטשיקעס״ איז ער ניט קאָשע,
דעם ראָווס ניט אָרנטלעכקײַט ברייט ער מאַכט באַקאַנט.
און אופגעלעבט ער האָט זײַן טײַער מאַמע-לאָשן,
די פאָלקס-שפּראַך אויסגעשלײַפט אַזוי ווי א בריליאַנט.

א קישעפמאַכער איז ער, שאָלעם-אַלייכעם,
אין שרײַבן גאָטסגעבענטשט, קלוג ווי די וועלט.
די פאַלשע מענטשן מיט דער כוט-האַשעדרע ווייכער
פאַר דעם געלעכטער-טריבונאַל האָט ער געשטעלט.

ער פלעגט ניט אָפּלאַכן, ניט פאָכען מיט דער שווערד,
ווען וועגן אָרעמע דערציילן פלעגט ער האַרציק.
דאָרט האָט געבּרויזט דער וויי, וואָס שווערער איז פון שוועך,
און טרערן פאַלן פלעגן אָף די אויסיִעס שוואַרצע.

און איבער אַלעמען — זײַן גוטער שמייכל העלט,
ווי מיט זײַן גוטסקײַט וואָלט ער גאָרע פײַן פאַרפלייצן,
ווי ער געליטן וואָלט פאַר דער קאַפּצאָנים-וועלט,
און האָפענונגסלאָז ניט געבויגן שטיל די פלייצע.

עס ווערט ניט בלאַסער אינעם גיכן יאָרן-פלי
די שיינע ליטערקײַט פון זײַן נעשאָמע ברייטער.
זײַן שמייכל וואַרעמט אונדז, ווי גאָלד פון זונען-גלי,
זײַן טרער בריט אָפּ, ווי טוי פּאַרטאַגיקער אָף קווייטן.

פּעטראָ אָסאַדטשוק

זײַן לעצטער ווונטש

אין דער ענגשאַפט פון שטיינערנער וועלט,
ווו געווען איז די זון-ליכט פאַרשטעלט,
צווישן פײַער — פון כּוישעך נאָך שווערער,
ווען דער טויט האָט געדריקט אַף די אַקסלען
אינעם פרעמדן ניו-יאָרק, — ער דורך טרערן
האָט געזען אינעם טרוים פּערעיאַסלאַוו.

זיך געראַנגלט אַזוי מיטן טויט —
פאַר זײַן בליק האָט אַ שטעג זיך צעבלויט
אין אַ פעלד, אונטער הימל-הויך קלאָרער —
ווי אַמאָל, דורך די פליינען מיט ווייץ
קומען וועט ער, ווו ער איז געבאָרן,
ניט אין פרעמד-אָקעאַנישן פלייץ.

אין דער ענגשאַפט פון שטיינערנער וועלט,
ווו געווען איז די זון-ליכט פאַרשטעלט,
אין דעם קלעם פון די פּעט-גראָבע קלינגערס,
עס דערוואַרעמט זײַן פּײַן כאָטש קוים-קוים,
עס צעבלויטיקט זײַן וויי און פאַרגרינגערט
פונעם היימלאַנד דער היילִיקער טרוים.

אָ, ווי ווײַט ס'איז... אַהיים פון דער ווײַט
זײַן נעשאָמע דורך וווּרסטן און צײַט
האָט זיך אומגעקערט, ווי אַ שטרויס-פויגל,
דורך מעכיצעס, רעדיפעס אַ שלאָל.
ס'האָט געהאָלפן אין אייביקײַט גלויבן
פון דער ליבע צום היימלאַנד דער קוואָל.

נאָך אַ פּרוּוו, וועלכער איז ניט באַזיגט...
ס'איז דאָס טײַערע היימלאַנד אים ליב —
ווײַל צו וואָס טויג אַ מענטשן דער וואַנדל?
ס'האָט קיין מאָזל ניט דער פּיליגרים...
פונעם ביטערן שווינדל און האַנדל
ציט אַהיים פון אַמעריקע אים.

אין דער ווײַט — זי איז טונקל און גרוי —
האָט ער ניט אויסגעמיטן דעם טויט,
יאָ, פאַרקירצט יענע ווײַט האָט זײַן קיִעם.
און ער האָט דורך דער קעלט און דורך היץ,
ווי געוואָלט, — אומגעקערט זיך קיין קיִעוו,
שוין אַף אייביק זיך אומגעקערט איצט.

■

די שאָלעם־עליכעם־וואָך אין טשערנאָוויץ

זײַן נאָמען האָט אַרויסגעשײַנט פון די אַפישן, וועלכע זײַנען געווען צעהאַנגען איבער דער שטאָט:

— שאָלעם־אַלייכעם.

זײַן נאָמען האָט אין די דאָזיקע טעג אָפּט גע־קלונגען אין שטאָטקאָם פון דער פּאַרטיי, אין דער שרײַבער־אָרגאַניזאַציע, אין די קאָנצערט־אַנשטאַלטן, אין וועלכע עס איז אויסגעאַרבעט און געשליפן געוואָרן די פּראָגראַם פונעם אָוונט: אין דעם טשער־נאָוויצער אוקראַיִנישן דראַמאַטישן טעאַטער, אין דער געגנטלעכער פילהאַרמאָניע, אין דער מוזיקאַ־לער שול, ווו עס זײַנען געגאַנגען די רעפּעטיציעס פון דער קאָנצערט־פּראָגראַם.

דער נײַגעריקער טשערנאָוויצער אוילעם האָט ניט אופגעהערט איבערצופרעגן איינער באַם אַנ־דערן וועגן דער דאַטע פון דער פײַערונג, וועגן דעם טאָג־סיידער פונעם אָוונט. געווען ניט ווייניק אַזעלכע, וואָס האָבן טאַקע דורך דעם טעלעפאָן פאָרגעלייגט פאַרשיידענע קאָרעקטיוון, דערמאָנט אַזוינס, וואָס איז, מעגלעך, דורכגעלאָזט געוואָרן, אָדער וואָס קיינער ווייסט ניט, און ס'איז זייער נייטיק, אַז אַלע זאָלן וועגן דעם וויסן. עס איז דאָך שאָלעם־אַלייכעם!

און אַוואַדע האָבן זײַן נאָמען אין מעשעך פון אָט די טעג אָן אופהער איבערגעכאַזערט די היגע ייִדישע, אוקראַיִנישע, רוסישע און מאָלדאַווישע שרײַבער, וועלכע האָבן זיך געגרייט צו דעם אָוונט — ווער מיט אַ וואָרט און ווער מיט אַ ליד, געווידמעט שאָלעם־אַלייכעמען. ס'איז אַפילע דער־גאַנגען דערצו, אַז ווען אין די טעג האָבן זיך באַ־געגנט רוסישע אָדער אוקראַיִנישע שרײַבער, האָבן זיי זיך באַגריסט אויך אַף דעם אויפן:

— שאָלעם־אַלייכעם.

דער רעזשיסער מוישע לאָיעוו, וועלכער האָט אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דער רעזשיסור פון דעם קינסטלערישן טייל, האָט אין מעשעך פון אַ גאַנ־צער וואָך זיך געשלאָגן מיט דער דייע — וואָס זאָל

ער אליין פאַרלייענען פון שאָלעם־אלייכעמס ווערק? דעם מאַנאָלאָג פון „גיטל פורישקעוויטש", צי עפּשער „ווען איך בין ראָטשילד"? וועגן דער פּרעזשעניצע, צי עפּשער וועגן בריַינדעלע קאָזאַק פון די „בלאָנדזנדע שטערן", וואָס ער אליין האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק אינסצענירט פאַרן היגן טעאַטער?

און איבער דער שטאָט האָט געשפּאַנט דער פרילינג. מיט יעדן טאָג איז דער ארום געוואָרן אלץ גרינער און גראָזיקער, און אַף די פּריש־פּאַרזעצטע קלומבעס אין די סקווערן האָבן זיך צעבליט די טולפּאַנען, באַשײַנענדיק די יונגע גרינקײַט מיט זייער רויטן צוויט. די שטאָט איז געווען ערעוו־יאָמטעוודיק צוגעפּוצט, ערשטמײַיש־ציכטיק, און פון אלע גאסן און געסלעך האָבן געהאַלטן אין איין צוקומען פאַרפּוצטע מענער און פרויען, יונג און אלט. אלע האָבן זיך געײַלט פאַרנעמען וואָס בעסערע ערטער אינעם גאַנץ גרויסן זאַל פון דער געגנטלעכער פילהאַרמאָניע. ווער טאַקע יאָמטעוודיק פאַרפּוצט, און ווער אין דער ארבעטער־ספּעצאָווקע, גלײַך פון דער פאבריק, פונעם זאַוואָד.

דעם אָוונט האָט געעפנט דער סעקרעטאַר פון דער טשערנאָוויצער שרײַבער־אָרגאַניזאַציע וואסילי פּאָלוואַראַטשני. אים איז עס אויסגעפאלן צו זאָגן די ערשטע ווערטער וועגן דעם גרויסן פאָלקס־שרײַבער, דעם קלאַסיקער פון דער יִידישער ליטעראַטור, וועלכער איז באליבט בא אלע פעלקער.

מיט א רעפעראַט וועגן שאָלעם־אלייכעמס שאַפונג איז ארויסגעטראָטן כאַיִם מעלאַמוד. דערנאָך האָט באַקומען א וואָרט פאַר א באַגריסונג דער גאַסט פון קיִעוו הערשל פּאָליאַנקער. און ווידער שרײַבער — יִידישע, אוקראַיִנישע, רוסישע, מאָלדאַווישע. ווער מיט א וואָרט, ווער מיט א ליד און ווער מיט א קורצער דערמאָנונג אָדער פאָרלעזונג. מיכײַלאָ איוואַסיוק און ניקאָלײַ פּאַלאַגוטאַ, יויסעף בורג און באָגדאַן מעלניטשוק, וויטאַלי קאָלאָדי און מיקאָלאַ בוטשקאָ. ס'איז געווען נאָך א גאַסט פון דער הויפּטשטאָט פון דער רעפּובליק, דער סעקרעטאַר פון דער קיִעווער שרײַבער־אָרגאַניזאַציע פּעטראָ אָסאַדטשוק. זײַן ליד וועגן שאָלעם־אלייכעמען האָט דער אוילעם, ווי אַלדאָס אַנדערע, אופגענומען מיט גרויס באַגײַסטערונג.

אויך ארבעטער זײַנען ארויסגעטראָטן. און סטודענטן אויך. מיט ליבע און יִיראַס־האַקאָוועד האָבן גערעדט וועגן דעם גרויסן יִידישן שרײַבער די ארטיסטן פון דער פאַרייניקונג „עלעקטראָמאַש" טאַמאַרע שעווליאַקאָווא און די סטודענטקע פונעם טשערנאָוויצער אוניווערסיטעט אָקסאַנע קאָלאָדי.

אזוי איז פון רעפעראַט צו רעפעראַט, פון וואָרט צו וואָרט, פון ליד צו ליד אַנגעמאָלט געוואָרן דאָס געשטאַלט פונעם שעפער פון די אומשטערבלעכע ווערק, וועלכע פאַרכאַפּן ביז איצט אלץ נײַע און נײַע דורות לייענער מיט זייער פאַרביקײַט און צוטריטלעכקײַט, מיט זייער קלוגשאַפט און גרויסער ליבע צום פּאָשעטן מענטשן.

דער רעזשיסער פונעם טשערנאָוויצער אוקראַיִנישן דראַמאַטישן טעאַטער, די פאָלקס־ארטיסטקע פון אוסער יעווגעניִע זאָלאָטאָוואַ האָט גערעדט וועגן שאָלעם־אלייכעמס דראַמאַטורגיע, וועלכע האָט דעראָבערט די בינע ניט בלויז פון די יִידישע טעאַטערן, נאָר אויך פון די רוסישע און אוקראַיִנישע, ארײַנגערעכנט דעם טשערנאָוויצער אוקראַיִנישן דראַמאַטישן טעאַטער (דאָ איז געשטעלט געוואָרן „טעוויע דער מילכיקער", „צוויי הונדערט טויזנט" און „בלאָנדזנדע שטערן"). יעווגעניִע זאָלאָטאָוואַ האָט געמאָלדן, אז איר טעאַטער איז צוגעטראָטן צו באַנײַען די שטעלונג „טעוויע דער מילכיקער", א פראַגמענט פון וועלכער עס וועט באַלד באַוויזן ווערן...

און אין דער זעלבער מינוט, ווען דער אוילעם האָט אַפּלאָדירט דער פריידיקער ידיִעה, האָט פון אונטער די קוליסן זיך דערהערט אַן אויסגעשריי, און אַף דער בינע איז א צעדרודערטער, א פאַרסאַפּעטער ארויף... טעוויע (פאָלקס־ארטיסט פון דער רעפּובליק פּיאָטער ניקיטין). נײַן, פריִער איז ארײַנגעלאָפן גאָלדע (ארטיסטקע ליודמילע מילינטשוק), דערנאָך האָט זיך דערהערט טעוויעס געשריי. און ס'איז אוועק יענער באַוווסטער עפּיזאָד וועגן טעוויע דעם מילכיקערס צוגעטראַכטן כאָלעם, ווען ער, דער טאַטע, וויל צעשטערן דעם שידעך פון האָדלען מיטן פאַרגרעבטן גוויר לייזער־וואָלף.

אין גאַנג פון אָט דעם אָוונט זײַנען געווען פיל מינוטן פון וווּנדערבאַרע, אומדערוואַרטע איבערפלעכטונגען: א וואָרט פון א שרײַבער, און א סצענע פון א ספּעקטאַקל, א דורכגעלייענטע ליד און אַן ארויסטרעטונג פונעם וואָקאַלן אַנסאַמבל „מאַריטשקאַ".

און אין פּרעזידיום איז געזעסן דער סעקרעטאַר פונעם שטאָטקאָם פון דער פּאַרטיי וואַלענטינע קאָסיאַטשענקאָ, געגאַפּט איינעם מיט אלעמען און געערגערט זיך אויך ניט ווייניקער. זי איז דאָך געקומען אהער ניט קעדײַ אָפּזיצן אין פּרעזידיום אלס אָפיציעלער פאָרשטייער. אין אָט דעם אָוונט האָט זי ארײַנגעלייגט ניט ווייניק מי, ניט ווייניק האַרץ. איצט האָט זי אַלעמאָל געפרעגט בא אירע שכייִנים פון רעכטס און פון לינקס:

— ווי גייט דער אָוונט? איר מיינט, אז ער גייט גוט?

יאָ, אלץ איז געווען ווי געהעריק. אָקאָרשט האָבן זיך אָפּגעזעגנט מיט די צושויער טעוויע מיט גאָלדען, און גלײַך איז אַף דער סצענע ארויס בריַינדעלע קאָזאַק פון די „בלאָנדזנדע שטערן" (פאַרדינסטפולע ארטיסטקע פון אוסער נאָנאַ פּיאַלקאָ). אוי, איז דאָס געווען א בריַינדעלע!

אַן אומדערוואַרטער סיורפּריז: די ארויסטרעטונג פונעם אָרקעסטער פון די פּעדאַגאָגן פון דער מוזיקאַלער שול אונטער דער אָנפירונג פון מיכאַיִל אַטשעסאַלסקי. דערנאָך האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז מיכאַיִל אַטשעסאַלסקי איז אַן אייניקל פונעם באַרימטן קאָמפּאָזיטאָר סעמיאָן באַומאָוויטש שטײַנבערג. דער אָרקעסטער האָט אויסגעפּילט א פּראָגראַם, וועלכע איז באַשטאַנען פון כאַסענע־מעלאָדיעס — יענע באַוווסטע „שערן" און „פריילעכסן", אָן וועלכע עס איז ניט מעגלעך זיך פאָרשטעלן די יִידישע מוזיק. און מע האָט געקאָנט זען און הערן, וויאַזוי, זיצנדיק, טופּען אונטער הונדערטער פיס.

ס'האָט געפעלט ניט קיין סאך, דער אוילעם זאָל זיך אופהייבן און זיך נעמען פאר די הענט.

צום שלוס איז ארויסגעטראָטן דער יונגער זינגער דאָוויד סטעפאנאָווסקי. אין דער באגלייטונג פונעם פּיאניסט וואלערי לאָמאניעץ האָט ער אויסגעזונגען עטלעכע ייִדישע פאָלקסלידער. אויסגעזונגען מיט גלאנץ, מיט זײַן פרעכטיקן באריטאָן, וואָס רעגט און באוווּנדערט.

...און איצט — וועגן נאָך אן איבערלעבונג אף אָט דעם מערקווירדיקן אָוונט.

אין די לעצטע טעג איז איינער א מענטש יעדן גאנצפרי געקומען אין דער געגנטלעכער פילהארמאָניע און פארבראכט דאָרט פיל שאָען. דאָס איז דער געוועזענער פארטרעטער פונעם דירעקטאָר פון דעם דאָזיקן אנשטאלט פּינכוס פאליק, וואָס האָט אָפּגעארבעט אף אָט דעם פּאָסטן מער פון דרײַסיק יאָר. איצט האָט קיינער ניט געלייגט קיין אכט אף זײַן אָפטן ארײַנקומען אין דער פילהארמאָניע. מע האָט דאָס אופגענומען, ווי זײַנע אן אלטע געוווינהייט, ווען ער פלעגט יעדן גאנצפרי גיין אהער אײַנעם מיט זײַן פרוי סידי טאל. קיינער האָט זיך איצט ניט אָנגעשטויסן, אז דאָס גייט ער טאקע אף אן ארבעט מיט איר צוזאמען, דער אָקאָרשט פארשטאָרבענער גרויסער ייִדישער אקטריסע: ער „רעפּעטירט" מיט איר איר ארויסטרעטונג אפן שאָלעם-אלייכעם-אָוונט, עמעס, בלויז מיט ריין טעכנישע מיטלען, קעדיי זיך דערשלאָגן צו נאטירלעכער קלינגעוודיקײַט פון איר שטים אף דער מאגניטאָפאָנלענטע.

און ווען אפן אָוונט איז געמאָלדן געוואָרן, אז באלד וועט סידי טאל אויספילן איר „מאָטל פּייסי דעם כאזנס", האָט דער זאל א ציטער געטאָן. אין דער מינוט איז אופגעקומען עפּעס קישעפדיקס, צי ריין מײַסעדיקס. טאקע גאָר ניט לאנג צוריק האָט אין דעם זאל געקלונגען איר לעבעדיקע שטים. און אָט...

די באקאנטע, צוויבערפולע, הארציקע און רעגעוודיקע שטים, די לעבעדיקע שטים פון דער אומפארגעסלעכער סידי טאל. און אין זאל... ס'איז געווען א געמיש פון לאכנדיקן און וויינענדיקן. מע האָט ניט געקאָנט ניט לאכן, הערנדיק, ווי פרעכטיק די אקטריסע שפּילט אויס אלץ, וועגן וואָס עס דערציילט מאָטל פּייסי דעם כאזנס. פיל בײַוועזנדע האָבן אָבער געווישט דערבײַ די אויגן. דאָס איז געווען דער עמעסדיקער שאָלעם-אלייכעמישער געלעכטער דורך טרערן...

דער גאנצער זאל האָט זיך אופגעהויבן און שטייענדיק אפּלאָדירט דער בארימטער אקטריסע, איר לעבעדיקער שטים.

דרײַ מיט א האלבער שאַ האָט געדויערט דער שאָלעם-אלייכעם-אָוונט אין טשערנאָוויץ.

א. סאלקאָווער

יוסף בורג

דאָס לעבן

דער דאָקטער הירש איז געקומען פון דער קליניק א מידער.

בא זײַנע פינף און זעכציק יאָר איז דער טאָג היינט אויסגעפאלן פאר אים א זעלטן שווערער. ער געדענקט ניט, ווען ער זאָל געווען זײַן אזוי צעשרויפט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז דער טאָג ציט זיך אָן א סאָף. ער האָט שוין געטראכט אוועקצוגיין פריער און איבערלאָזן פאר זיך דעם יונגן, נאָרוואָס געענדיקטן דאָקטער, זײַן אסיסטענט. נאָר ווי אומיסטן, זײַנען פאציענטן היינט געווען ערנסט קראנקע, וועלכע האָבן באדארפט א באזונדערע אויפמערקזאמקייט. און ער איז נאָך אַלץ געבליבן אַף דער ארבעט. א שאָ נאָך א שאָ. און יעדע שאָ איז געוואָרן לאנג, ווי אן אייביקייט.

ער איז ארויס פון דער קליניק אן אויסגעמאטערטער, געוואָלט נעמען א טאקסי, נאָר זיך בארעכנט און איז אוועק צופוס.

צי פון דעם, וואָס ער איז זיך דורכגעגאנגען אַף דער פרישער לופט, טיף אײַנגעאָטעמט דעם רייעך פון קילע ווינטעלעך, צי פונעם געדאנק, אז דער טאָג האָט זיך ענדלעך געענדיקט — אזוי צי אזוי, נאָר מידקייט האָט באם אָנקומען אהיים קענטיק נאָכגעלאָזט, ווי צערונען געוואָרן. בלויז אין דער ברוסט איז פארבליבן עפּעס אן ענגשאפט און געשפּארט דעם אָטעם. ער האָט עס צוגעשריבן דער היינטיקער פארמאטערטקייט און, פארשארצנדיק די גארדינע, ברייט געעפנט דאָס פענצטער.

די גאס איז פול געווען מיט יונגווארג, מיט טומל, מיט אומרויִקע אויגן, וואָס האָבן זיך געלאָשן, געצונדן, דער הימל איז געלעגן איבער די דעכער אן אָנגערויטלטער, ווי ער וואָלט אָפּגעשלאָגן א נאָענטע סרייפע, און א פלאַמיקע שקיִע האָט באזילבערט די פארנאכטיק-גרויע קאשטאנען-ביימער.

דער דאָקטער האָט זיך פארטראכט.

— עפּשער אונטערציִען א סאכאקל?

די מאכשאָווע איז אופגעקומען פלוצעם, ווי א בליץ וואָלט א זעץ געטאָן איבערן לויטערן הימל.

וואָס הייסט אונטערציִען?

און יענע, וועלכע קומען צו אים טאָג נאָך טאָג מיט זייערע ליידן און האָפענונגען, מיט זייער אָפּשײַ צו אים און מיט ליבשאפט, זיי האָבן שוין גאָרניט וואָס צו זאָגן? וויפל מענטשן האָט ער אויסגעהיילט, צומאָל מאמעש באם טויט פון די נעגל ארויסגעריסן! אים ווײַזט זיך אויס, אז קיינער קען ניט די כירורגישע קונסט אזוי גוט, ווי ער. קיינער האָט ניט אזא לײַכטע געשיקטע האַנט, אזא אבסאָליוטע קענטעניש פונעם מענטשלעכן קערפּער... בלויז אין קליניק, וווּ ער היילט און אָפּערירט, פילט ער, אז ער לעבט, אז דאָס בלוט פולסירט אין זײַנע אָדערן.

אונטערציִען א סאכאקל...

וויאזוי האָט אים גאָר געקאָנט קומען אזעלעכס אפן געדאנק? פון וואָס פאר א פינצטערע ווינקלען אין זײַן מידן מויעך האָט ער עס אויסגעגראָבן?

אפן שכייניש באלקאָן, קעגנײַבער, האָט זיך באוויזן אן אײדעלער פרויען-סילועט, ווי אײַנגעראמט אין פארנאכטיקן הימל-געוועלב. דאָס איז געווען א יונגע לערערן מיט א ליבלעך ברוינהויטיק פּאָנעם און העלע אויגן, בלויע, ווי קאָרנבלומען, גלײַך די זון אליין האָט זיי געצערטלט.

— סאַראַ געלײַטערטע און כײַנעוודיקע זי איז, — האָט דאָקטער הירש איבערגעפּירט דעם געדאַנק, פּונקט ער זעט זי צום ערשטן מאָל, — אַ שטיק צאַפּלענדיק לעבן...

זי איז געשטאַנען, ווי אַן אויפגעלעבטער טרוים, ווי אַ וווּנדער, וועלכן מע זעט נאָר אין כאַלעם. און דאָקטער הירש האָט געטראַכט: וואָלט ער געווען אַ סקולפּטאָר, וואָלט ער אין שטיין אויסגעהאַמערט איר מיידלשע גראַציע און טאַקע אָנגערופן דאָס ווערק: „לעבן".

אים האָט זיך געדאַכט, אַז פון איר שטראָמט הוילע פרייד — פריש און יונג, ווי דער פרילינג, און אַז די פרייד פאַרפלייצט דעם אָוונטיקן דרויסן, שפּאַלט די דעמערונג, און אַזאַ ליכטיקייט גייט אויף.

— אויף שיינקייט, ווי אויף לעבן, האָט רעכט יעטווידער מענטש, — האָט זיך ווײַטער געפּאָלדעוועט זײַן געדאַנק, — יעדע שיינקייט איז אַן אויסדרוק פון קראַפט, אָבער אין דער שיינקייט פון אַ יונגער פרוי איז די קראַפט אַ באַזונדערע, אַ מאַגישע, אַ צוזאָגנדיקע...

ער זעט אָפּ, ווי צו דער לערערן גייט אַרײַן זײַן אַסיסטענט, אַ יונגער דאָקטער מיט אַ רויטלעך-גאָלדיק, פאַרשפּיצט בערדל, וואָס פּאַסט זייער צו זײַנע ברוינע שפּילעוודיקע אויגן, צו די פולע, זאַפטיק שמייכלענדיקע ליפּן.

ער כאַפּט זיך, אַז מיט אַ קאַרגן יאָר צוריק, ווען די לערערן האָט זיך באַוויזן, איז אים אויך באַפאַלן עפּעס אַ ברענענדיקע לײַדנשאַפט צו אָט דעם יונגן מיידל, וואָס האָט געלאָקט, ווי אַ כאַלעם. אַ געפיל, פון וועלכן ער האָט עטלעכע טעג זיך ניט געקאָנט באַפרײַען, און דערנאָך געלאַכט פון זיך אַליין.

— וואָס, זיך פאַרליבט, אַלטער שירצניעגער?

נאָר ער ווייסט, אַז דאָס איז געווען ניט מער ווי אַן אָפּשײַן פון ליבע, פּונקט ווי לעוואַנע-ליכט איז דער אָפּשײַן פון זוניקער באַשטראַלונג.

פונדעסטוועגן, איז ער אין דער שטיל מעקאַנע געווען דעם יונגן דאָקטער, ניט דערפאַר, וואָס ער געפעלט דער האַרציקער שכיינע זײַנער, נאָר דערפאַר, וואָס ער איז יונג.

יונג... אַלט...

דאָס לעבן האָט אַכזאָריעסדיק אָוועקגעשטעלט אָט די אומפאַרמײַדלעכע גרענעץ. איז ער דען ניט אויך אַמאָל יונג געווען?

און ווען ער פלעגט אין די זומער-כאַדאָשים, אַ יונגער מעדיצין-סטודענט, אַראָפּקומען אין שטעטל צו זײַן אָרעמער מוטער, האָבן נעגידישע מיידלעך פאַרגעסן זייער ייִכעס, און רײַכע טאַטעס זײַנען גרייט געווען סילעקן פאַר אים גאָר גרויסע נאַדנס.

אַ קלייניקייט, אַ דאָקטער!

און בײַ אַלעמען האָט אַרויסגערופן אַ כידעש, וואָס אַזאַ אָרעמע אַלמאָנע, אַ בעקערן, וועלכע האָט קוים אַליין מיט וואָס דעם טאָג איבערצוקומען, האַלט אויס אַ דערוואַקסענעם זון, לערנט אים. און קיינער האָט ניט געוווּסט, די מאַמע אויך ניט, אַז דער צוקינפטיקער דאָקטער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די פאַרגעניגנס, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט די יונגע יאָרן, און אין די פריִע שאָען געווען אַ טרעגער בײַ דער באַן.

זײַן מאַמע...

אַ הייסע בענקשאַפט פאַרכלינעט אים בײַם דערמאָנען זיך אין זײַן מוטער, אין אײַנגעשרומפּענע ייִדענע, וועמען די פריצײַטיקע עלטער האָט צעקנייטשט דאָס פּאָנעם. זי פלעגט אויפשטיין מיטן טאָג גלײַך, זיך פאָרען בײַ צעווירטע מולטערס טייג און באַקן, באַקן... אויפן בײַשטידל פון דער טיר, אונטער דער מעזוזע, איז געהאַנגען אַ בלעכן מייער-באַלנעס-פּושקעלע, וווּהין זי פלעגט יעדן פרײַטיק אַרײַנוואַרפן אַן אָפּגעשפּאָרטן גראָשן אויף העלפן נויטבאַדערפטיקע, זײַענדיק אַליין אײַנגעטונקען אין נויט. זי האָט געגלייבט, אַז דערמיט פאַרלײַכטערט זי די צוקונפט פון איר זון, און די וואָכעדיקײַט, דורכגענומען מיט זויערע רייכעס פון ראָשטשינע, איז דורך אָט די גראָשנס געוואָרן אָנגעזאַפּט מיט שאַבעס, מיט יאָמטעוו, מיט וואַרטעניש אויף מאָשיעכן.

שרײַט בײַ דער דערמאָנונג דער מאַמעס בלוט פון ערגעץ אַ מאָסן-קיווער אַרויס. שרײַט מיט פאָרוואורף: פאַרוואָס האָט ער זי איבערגעלאָזט אײנע אַליין? פאַרוואָס ניט מיטגענומען אויף אַלע זײַנע וואָגלענישן?.. קלעמט דאָס האַרץ, קאָרטשעט זיך אין דער ברוסט פון ווייטעק. אים טוט באַנק, וואָס ער האָט ניט גענוג זיך אײַנגעקוקט אין די שטריכן פון דער מאַמעס פּאָנעם. ניט אײַנגעזאַפּט אין זיך די ריינקײַט און די ערלעכקײַט פון איר קאָל.

יונג... אַלט...

דער געדאַנק האָט זיך געגליטשט, ניט געפונען קיין אָנהאַלטעניש און געבליבן אָן האַפט, ווי אַ ווײַטער פאַרבלאָנדזשעטער אָפּקלאַנג.

די יונגע לערערן האָט אים באמערקט אין אָפענעם פענצטער און א שמייכל געטאָן האַלב-שעמעוודיק, האַלב-ערנסט:

— א גוטן אָוונט, אַלעקסאַנדער מיכײַלאָוויטש!

כאָטש דער אָוונט איז נאָך ניט צוגעפאַלן, אָבער דער טאָג איז שוין געווען ווײַט אַוועק. זי האָט אויסגעזען אויפגעלייגט, געפלעמלט, ווי די שקיִע, און אירע בלויע אויגן האָבן געשאָטן מיט פײַער.

דאָקטער הירש האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן פענצטער-זימס, אויך געוואָלט עפּעס ענטפערן מיט א שמייכל. האָט זיך אָבער דאָס מאָל דער שמייכל ניט אײַנגעגעבן.

ווו האָט ער געזען אזא בלויקײַט?

עפּעס האָט זיך א מיש געטאָן אין זיקאָרן, אויפגעלויכטן ווי ווײַטע שטערן און ווי שטערן, זיך געלאָשן.

...יאָ, ער איז דעמלט געווען קימאט אין דעם זעלבן עלטער, וואָס איצט דער יונגער דאָקטער. אין דער „אַנאַטאָמקע" האָט מען געבראַכט א טויטן מיידלשן קערפּער. דער קערפּער איז געווען א פרישער, ניט קיין פּרעפּאַרירטער. געווען דין, שלאַנק, ווײַס. איר וואַקסן פּאָנעם איז געווען צאַרט און האָט געטראָגן אף זיך אי דעם שימער פון פײַערלעכער שיינקײַט, אי דעם הארבן טרויער פון טויט, מיט זײַן עלנט, מוירע און צעפּאַלנקײַט. אירע וויעס זײַנען געווען פעסט צוגעשלאָסן, ווי עס וואָלטן שוין הינטער זיי באַצײַטנס אויסגערונען די אויגן, און עס האָט אויסגעזען, ווי זי שלאָפט.

ער איז צוגעגאַנגען צום קאָפּ און געעפנט איינס פון די פאַרמאַכטע אויגן-לעפּלעך. אף אים האָט א בליק געטאָן א בלוי אויג, א ווייכס, א טרויעריקס, גלײַך עס וואָלט געקלאָגט אף דעם יונג אויסגעלאָשענעם לעבן, אף דער שאַנד פון ליגן אַן אָפּגעדעקטע, און ווערן באַלד צעשניטן און צעשעדיקט.

לאַנג האָט אים דערנאָך פאַרפאָלגט דאָס טויטע בלויע אויג. ער האָט עס געזען קימאַט אין יעדן בליק פון יונגע פרויען. געזען אין כאָלעם, מיט אַלע פּראָטים, אפילע קלאָרער און דײַטלעכער, איידער אף דער וואָר.

דער דאָקטער איז מיטאמאָל אַרײַן אין אַן אַנדער וועלט און דערפילט דעם איבל פון פאָרמאַלין, פוילעניש און טויט.

פּלוצעם האָט ער זיך א וויג געטאָן.

דער הימל אף יענער זײַט פענצטער האָט גענומען פלאַצן, זיך אָנגעצונדן אין א העליש פײַער, און פון דעם פײַער איז א הייסקײַט אַדורך איבערן גאַנצן לײַב, געבריט די בלוטן, געשפּאַרט צו דער ברוסט, און עפּעס א ווײַטער דין-קלינגענדיקער רויש איז געשטאַנען אין די אויערן.

א שוויס האָט אים באַגאָסן. די קלעפּיקע פײַכטקײַט האָט זיך פאַרקליבן צום האַרצן. ער האָט עס אונטערגעהאַלטן מיט דער האַנט, ווי עס וואָלט זיך דאָרט עפּעס אָפּגעריסן. ער האָט געוווּסט, וואָס דאָס באַדײַט, וואָס פאַר א לאַטײַנישן נאָמען עס האָט, און מיט דער רויִקײַט פון א כירורג זיך אויסגעלייגט:

— ס'איז גאָרניט... דאָס לאָזט די מידקײַט זיך אַלץ נאָך פילן...

אָט אזוי האָט דער מענטש אין אים בײַגעקומען דעם דאָקטער.

אָבער אין א ווײַלע אַרום האָט א ריזיקע שווערקײַט זיך אָנגעוואַלגערט אף אים. ער האָט דערפילט, ווי דאָס האַרץ זינקט טיפער און טיפער אין עפּעס א וואַרעמען אָפּגרונט. פאַר די אויגן האָבן גענומען טאַנצן ווײַסע און רויטע פײַערלעך, ווי זיי וואָלטן די גאַנצע צײַט געהאַנגען און נאָר געוואַרט אף צו קאָנען זיך באַווײַזן. פלעמלעך האָבן זיך געצונדן אין מויער, זיך צעשאָטן אין דריבנע גליִענדיקע פונקען, זיך געלאָשן, אויפגעבליצט און ווידער זיך געלאָשן. און מיטאמאָל איז פינצטער געוואָרן.

אָבער ניט מער ווי א רעגע האָט געדויערט די פינצטערניש, גלײַך אַן אָדלער איז פאַרבײַגעפלויגן און מיט זײַנע צעשפּרייטע פליגל פאַרשטעלט די שקיִע.

— וואָס איז מיט מיר הײַנט? — האָט ער זיך געפרעגט.

ער האָט א כאַפּ געטאָן דעם אייגענעם פּולס צווישן די פינגער, געציילט דעם דויפּעק, און אַז דאָס קלאַפּן האָט זיך פאַרשנעלערט, האָט אין אים דער מענטש א צווייט מאָל אָפּגענאַרט דעם דאָקטער, גענומען ציילן צוויי קלעפּ פאַר איינעם, און עפּעס א הילפלאָזיקײַט האָט אַרויסגעשריגן פון זײַנע לאַנגע בײַנערדיקע פינגער.

די קויכעס, וואָס האָבן א רײַע איבער מענטש און גויר̄ל, האָבן אָנגעהויבן אים פאַרלאָזן. ביטערע ספּאַזמעס האָבן צונויפגעוואָרגן דעם האַלדז, דאָס פּאָנעם האָט ביסלעכווײַז

אַנגעווירן יעדן טראָפּן בלוט. ער האָט געפילט, ווי דאָס לײַב בריט און עפּעס אַ מוירעדיקער באַרג פאַלט אַף אים, צעקוועטשט אים אינגאַנצן.

ווי אין אַ נעפּל, זײַנען געהאַנגען איבער דעם דאָקטער אומקלאָרע פּנעמער. ער האָט פאַרנומען זייערע באַוועגונגען, געהערט זייערע שטימען, ווײַטע, ווי פון אַן אַנדער וועלט. ער איז געלעגן אין אַ ניט־שלאָפנדיקן און ניט־וואַכנדיקן באַוווּסטזײַן, און אין זײַן לעשנדיקן מויעך האָבן זיך געקײַקלט צעשוווּמענע, אָפּגעריסענע שטיקער לעבן, זיך געשטעלט צו־קאַפּנס, צופוסנס...

...אָט איז אַ וועג. אַ שמאָלער, שטויביקער, הינטערשטאָטישער וועג. איבערן וועג גייט אַ לעוויַע, באַגלייט פון אַ האַלבן מיניען מענטשן. אַ שיטערע, אָרעמע לעוויַע. ער דער־קענט זי באַלד. דאָס איז די לעוויַע פון זײַן פאָטער. דער אָרון אַף דער מיטע, איבערגעדעקט מיט שוואַרצן, שוועבט ווי אין דער לופט. נאָך אים שלעפּט זיך נאָך זײַן מוטער, אויך אין שוואַרצן אײַנגעהילט. זי הערט ניט אויף צו יאָמערן:

— גאָטעניו, ווי האָסטו עס באַ אַ קליין ווערעמל צוגענומען אַ טאַטן... אַזוי־אָ ניט געפּאַקט, ניט געמאָזלט...

אַ ייִד מיט אַ צעפּאַטלטער, כווישעכדיקער באָרד און מיט אַ צעקנייטשט אָפּגעברענט פּאָנעם, ווי פון אַ טראָפּישער מידבער־זון, זאָגט מיט אים קאַדיש. ער איז נאָך אָבער קליין, שרעקט ער זיך פאַר דעם ייִדן, און פאַרשלינגט דעם קאַדיש אינאיינעם מיט די טרערן.

אַ צווייטער ייִד אין אַ שטאַרק אָפּגעטראָגענעם, געלאַטעטן טיזליק און אין גראָבע שטיוול, פאַרבלאָטיקטע מיט קוואָרים־ערד, קאַלויטשעט מיט אַ בלעכענער פּושקע, און וועל־כער ס'קלינגען אַ פּאָר פאַריאָסעמטע גראָשנס.

— צדאָקע טאַציל מימאָוועס!..

זײַן קאָל איז אַלט, אומעטיק צעצויגן און עלנט, פּונקט ווי די לעוויַע. און עס פּלאָנ־טערט זיך אין אים דער מאַמעס נאָגנדיק יאָמער־געוויין.

דער דאָקטער האָט אַף אַ רעגע געעפנט די אויגן. זײַן כאָרעווער בליק איז געווען ווײַט...

אין פענצטער האָט אַרײַנגעקוקט אַ טיף־בלויער הימל, געדיכט באַדעקט מיט שטערן. קאַלט און שיין און אייביק האָבן זיי געלויכטן, די מיליאַרדן גרויסע און קליינע וועלטן, און אײַנציקווײַז זיך געלאָשן.

ס'האָט גענומען שאַרײַען אַף טאָג.

דעם דאָקטערס פּאָנעם איז פאַר דער נאַכט געוואָרן גרינלעך־בלייך. אונטער די אויגן האָבן זיך געריפט בלויע רינגען, געוואָרן אַלץ טונקעלער. פּונעם האַלדז האָט זיך געריסן אַ פאַרשטיקט כריפּערײַ. זײַן לעבן, ווי אַ קנויט אין אַ לאָמפּ אָן נאַפט, האָט לאַנגזאַם גע־צאַנקט.

ער האָט ווידער געעפנט די אויגן, זיי ברייט אופגעריסן, ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן אַרויסשפּרינגען פון די אויגנלעכער, דערזען לעבן זיך זײַן יונגן אַסיסטענט, וואָס איז גע־שטאַנען ווי אַ פאַרזאָרגטער זון, און אַ לײַכטער שמייכל האָט אַ ריר געטאָן זײַן פּאָנעם.

— ווי פילט איר זיך, אַלעקסאַנדער מיכײַלאָוויטש?

ביידנס בליקן האָבן זיך באַגעגנט, זיך צונויפגעגאָסן. דעם אַלטנס — ריינע, קימאַט דורכזיכטיקע, פאַרצויגענע מיט אַ מילדער פײַכטקײַט, זײַנען געווען אַ מין געמיש פון קלוג־שאַפט און הייוול־האַוואָלעמדיקײַט, און דעם יונגן דאָקטערס — פאַרצווייפלט־צעשראָקענע, וואָס האָבן געטרונקען דעם ביטערן אורטייל־גיפט.

זיי האָבן געקוקט איינער אַפן צווייטן, גלײַך דער נעכטן אַפן מאָרגן.

דאָקטער הירש האָט געמאַכט אַן אָנשטרענגונג עפּעס צו זאָגן, אָבער זײַנע ליפּן, בלוי־לעך־ווײַסע, האָבן פאַרהאַלטן דאָס וואָרט. ער האָט מיט אַ קורצן זשעסט אָנגעוויזן אַף דעם אַסיסטענטס רעכטער האַנט, און מיט דער רויִקײַט פון אַ כירורג אַרײַנגעלייגט אין איר זײַנע, ווי ער וואָלט אים עפּעס איבערגעגעבן...

שטיל, מיט דער לײַכטקײַט פון אַ דרעמל, איז דער דאָקטער אַריבערגעגאַנגען אין די אייביקע וועלטן און איבערגעלאָזט די קליניק, דאָס ליידיקע בעט און דאָס גרויזאַמע אייביקע שווײַגן.

אַ געפּלעפטע, איז, ווי פאַרשטיינערט, געשטאַנען די יונגע לערערן לעבן דעם פאַר־שטאָרבענעם. דאָס ערשטע מאָל האָט זי געזען דעם טויט אַזוי נאָענט און ניט פאַרשטאַנען,

וואָס ער איז איצט, אָט דער ליגנדיקער מענטש אין א רויטן אָרן, אײַנגעדעקט אין בלומען און קרענץ, וואָס איז נאָך נעכטן געווען דער באַרימטער דאָקטער הירש, צו וועלכן מע האָט געקאָנט זיך גריסן, און ער האָט געקאָנט ענטפערן מיט א ליבלעכן שמייכל. וואָס שטעלט ער מיט זיך פאָר? די פראַגע צי דעם ענטפער? און אירע שײנע בלויע אויגן האָבן פון זיך אליין זיך אָנגעגאָסן מיט טרערן.

און אף יענער זײַט גאַס, אין א שכײנישן געבורט-הויז, האָט א גליקלעכע מאַמע דער-הערט דעם ערשטן קוויטש.

— מאַזלטאָוו... א ייִנגל!..

און שטילער, שטילער איז איבערן הימל געשוווּמען א ריזן, בריליאַנטן שטערנדל.

כאַוועלע

מיט געצוימטע טריט האָט ער אריבערגעשפּאַנט די שוועל, אין דער אָפּענער פּאַראַד-נע טיר זיך א שטומע ווײַלע פאַרהאַלטן, ווי ער וואָלט זיך געקווענקלט, צי זאָל ער מאַכן נאָך א שפּאַן פאָרויס, צי זיך אומקערן עפּשער צום אלטן עפּלבוים, וואָס אין הויף, אָפּ-שטיין נאָך עטלעכע רעגעס אין זײַן שאָטן, און געגנוג.

ס'איז ניט געווען מער יענע שוועל באַם אַרײַנקער אין א קליין שטיבעלע מיט א געשניצט גאַנעקל פון פּאַרנט און מיט די דרײַ צעלעכצטע הילצערנע טרעפּ, וועלכע די צײַט האָט אויסגעהריזעט.

פון יענער שוועל, פון יענעם שטיבעלע איז געבליבן נאָר דער ווינט. און דער עפּלבוים איז געבליבן. האָט דער ווינט געוויגט דעם בוימס שווערע פאַרקרימטע צווײַגן, וואָס האָבן שטיל ארופגעפלאַטערט צו א ווײַטן פירשטאָקיקן הויז מיט א סאַך שוועלן, א סאַך גאַנעק-לעך און א סאַך טירן.

אין וועלכער אָנקלינגען?

דער פרילינג האָט ארויסגעשיקט זײַנע שענסטע טעג.

דער אלטער בוים האָט אומגעריכט זיך צעבליט מיט אלערליי קאָלירן: ראָזע, בלוילע-כע און ווײַסע. געבליט געדיכט, ווי ער וואָלט געפילט, אז זײַנע יאָרן זײַנען געציילטע, אז אָט-אָט וועלן שוין אויסטריקענען אלע זײַנע זאַפטן. זונען-שטראַלן האָבן גאָלדיק זיך געזיפּט דורך דעם בונטן צווײַגן-געפלעכט.

— כאַווע, כאַוועלע!..

אָט דער נאָמען האָט פון זיך אליין זיך אראָפּגעריסן פון די ליפּן און ארויסגערופן זיסע געפילן פון א לאַנגפאַרלאָפענער יוגנט.

...ער האָט דעמאָלט שטודירט אין אָדעסער קאָנסערוואַטאָריע. מוזיק איז געווען דער אינהאַלט פון זײַן יונג לעבן. ער האָט זי געהערט אומעטום, אין מעכטיקן, פײַערלעכן גע-זאַנג פונעם יאַם און אין געשריי פון די מעווועס. שוין זײַנע ערשטע אופטריטן האָבן ארויס-גערופן באַגײַסטערונג, און ער האָט געטרוימט צו ווערן א באַרימטער פידלער.

ווער כאָלעמט עס ניט, ווען עס גייט דער צוואַנציקסטער פרילינג!

ווי האָט אים געקאָנט אײַנפאַלן אפילע, אז זײַן דעביוט וועט פאָרקומען אין א קליין בוקאָווינער שטעטל, וווּ מוזיק האָט געהייסן דאָס שפּילן פונעם בלינדן בעטלער אף די יאַרידן אָדער קלעזמער אין די קרעטשמעס און אף כאַסענעס. בלויז די, וואָס האָבן גע-לערנט אין גרויסע שטעט, האָבן געוווּסט פון עמעסע קאָנצערטן.

זי האָט אויך ערגעץ-וווּ געלערנט.

דערזען האָט ער זי צום ערשטן מאָל, זיצנדיק אונטערן עפּלבוים לעבן דעם קליינעם שטיבעלע מיטן גאַנעקל פון פּאַרנט, וווּהין זי האָט ארויסגעטראָגן קעגן דער זון די באַכיינ-טע שפּיל פון איר יונג לײַב, פון אירע פײַן-געטאָקטע גלידער. זונען-שטראַלן האָבן גע-שליפן די צאַרטע שטריכן פון איר פּאָנעם, זיי באַדעקט מיט א דינער, גאָלדיקער ברוינ-קײַט און אײַנגענעם מיט אירע קיל-שוואַרצע אויגן, ווייכע אראָפּגעלאָזטע ווײַעס און שווערע געפלאָכטענע האָר געשאָפן א זעלטענע שיינהײַט.

פון א גראַמאָפאָן אַפּן גאַנעקל האָט א פּרויען-שטים אַרויסגעזונגען אַן אַלטע שליאַגער-ליד. די אויסגעשפּילטע פּלאַסטינקע האָט געציִשעט אַזוי, אַז די ווערטער האָט מען קוים געקאָנט פאַנאַנדערקלײַבן.

די מענער אַרומרינגלען מיך,
ווי מוקן די שײַן,
און אויב זיי פאַרברענען,
איז די שולד ניט מײַן...

ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די שטים פון דער זינגערין רײַסט זיך אַדורך פון ערגעץ גאָר ווײַט, ווי פון אַן אַנדער וועלט, און די גאַנצע ליד איז געווען ענלעך אויף אַן אַלטער אָפּגעבליאַקעוועטער פאָטאָ, באַדעקט מיט שטויב פון פאַרגעסנהייט.

ער האָט שטיל זיך דערגעענטערט און מיט עפּעס א פאַרכליִנעט קאָל אַרויסגערופן:

— סאַראַ ראַכמאָנעס אויף דעם גראַמאָפאָן און אויף דער זינגערין! מע קאָן מיינען, אַז דאָס גאַנצע גליק ליגט נאָר אין פאַרברענט ווערן...

זי האָט אויפגעהויבן אירע ווייכע וויִעס, אים א גלעט געטאָן מיט א געמישטן בליק פון די קויל-שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן געשאָטן מיט פײַער, פאַרריכט אין אײַלעניש די צעלאָזטע האָר, די ליפּן האָבן זיך א שלענגל געטאָן, ווי צו א שמייכל, און אירע ווײַסע פאַרכאַלעשטע ציין האָבן זיך געשוימט.

— וואָס, איַיך געפעלט ניט די ליד?

א ליכטיקייט האָט געשײַנט אויף איר אָפּן פּאָנעם און אין די אָפענע אויגן.

אין יענעם אָוונט האָט ער געשפּילט נאָר פאַר איר.

זײַן פּאָנעם איז געווען אײַנגעגראָבן אינעם ראַנד פונעם פידל. דער קערפּער האָט זיך געוויגט, געבויגן, ווי א זאַנג אויפן ווינט, גלײַך ער וואָלט געטאַנצט אויף אַן אָרט, און ס'איז שווער געווען צו באַנעמען, צי פירט ער דעם טאַנץ, צי דער טאַנץ פירט אים.

דער פידל האָט געזונגען, ווי א יונג פאַרבענקט האַרץ זינגט זײַן אייגן געזאַנג.

ווי א ווינט האָסטו אין פלאַמען צעבלאָזן
ראַנגלעניש ווילדע, ניט געצוימטע,
אָט ברִיענדיקע, ווי פײַער,
אָט כליפּענדיקע, ווי א וויכער.
אַרום א צעגליִטן שײַטער אין די בערג...

ס'האָבן זיך געגאָסן כוואַליִעס פון שטורמישע, ברויזנדיקע קלאַנגען, מעכטיקע, ווי הימלשע דונערן. טענער האָבן זיך געפלאָכטן, ווי שטרײַפן אין פאַרביקע רעגנבויגנס.

זי האָט פריִער קיינמאָל אַזאַ מוזיק ניט געהערט. איר יונג מיידלש האַרץ האָט זיך אויך, ווי א פידל, צעשפּילט. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס ציִען די פינגער זײַנע אַרויס פונעם פידל דעם ברויזנדיקן שקוואַל פון צויבער-קלאַנגען. בא קיינעם האָט זי נאָך אַזעלכע אײדעלע פינגער ניט געזען. און די טענער האָבן זיך געטראָגן, ווי אַרויסגעלאָזטע פייגל, געווען אָט ווײַט פון איר, אָט זיך אומגעקערט.

נאָך יענעם אָוונט האָט ער אָנגעהויבן זוכן אירע טריט, פאַרלויפן דעם וועג. און ווען זי איז אַנטקעגנגעקומען, האָט ער א ווײַלע זי אָנגעקוקט א שווײַגנדיקער, ווי ער וואָלט ערגעץ אונטערוועגנס פאַרלוירן די ווערטער, וועלכע ער האָט זיך געגרייט איר זאָגן, ביז ער האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— אָט א צופאַל... פונקט מיר וואָלטן זיך אָפּגערעדט, אירא!

ער האָט היימיש זי אָנגערופן באַם נאָמען, זיך צוגערירט מיט די שפּיץ פינגער צו איר האַנט. מיט די זעלבע פינגער, וועלכע זי האָט אַזוי באַוווּנדערט. איר האָט דאָס בלוט א שלאָג געטאָן אין פּאָנעם, און זי האָט געענטפערט מיט א פאַרשטעלט שמייכעלע:

— טאַקע א צופאַל?

די אויגן, די האָר, אַפילע די שמאָלע פּלייצעס מיט די שטילע באַוועגונגען — אַלץ אין איר האָט שעלמיש געשמייכלט, און ס'איז געווען אין אָט דעם שמייכל א יאַם פון פאַרהוילענעם צויבער, וואָס האָט פאַרשיקערט ביז פאַרגעסנהייט.

דערנאָך איז געווען יענע נאַכט פאַר זײַן פאַרלאָזן דאָס שטעטל.

א הייסע דאָרעמדיקע זומער-נאַכט, מיט א האַלבער לעוואָנע איבער א טונקעלן אויסגעשטערנטן הימל, און זיי ביידע אין דער געדיכטקײַט פונעם עפּלבוים, א באַגאָסענעם מיט זילבער-בלייכער שײַן, וואָס האָט אָנגעפילט די לופט מיט רייכעס פון פריצײַטיקע פיירעס.

— אירא, מאָרגן וועלן מיר זײַן ווײַט איינער פונעם אַנדערן!

זי האָט ניט געענטפערט, בלויז אראָפּגעלאָזט די אויגן, באַלד זיי צוריק אויפגעהויבן און א דריי געטאָן מיטן קאָפּ אזוי, ווי זי וואָלט געפרווט אראָפּווארפן פון זיך די גאנצע שיינקייט פון דער נאכט.

פלוצעם איז זי לייכט אונטערגעשפרונגען, אָנגעכאַפּט א לאנגע צווייַג, וואָס האָט געציטערט נאָכגיביק, פלינק אָפּגעריסן אן עפּל, און עס האָט זיך דערהערט א שאַרפער, זאפטיקער איינביס. דערנאָך האָט זי דעם עפּל, וואָס האָט זיך געווייסלט נאָר דאָרט, ווו עס האָבן זיך צוגעריירט אירע ציין, צוגעטראָגן מיט א צערטלעכן זשעסט צו זיין מויל. ס'איז געווען ווי עפּעס א שטומער ריטואל און פונקט ווי א קישעף-שטעקעלע וואָלט א פּיר געטאָן פאַר זיינע אויגן, האָט זיך אים געגומען דאכטן, אז ער איז אין גאנידן-גאָרטן.

— כאַווע, כאַוועלע...

דאָס האָט זיך אראָפּגעגליטשט פון זיינע ליפּן, און ס'איז געווען, ווי א טפילע, וואָס האָט גערופן און געבעטן איר נאָענטקייט, די זיסקייט פון איר אָטעם. ער האָט זי האסטיק ארומגענומען, זיינע ליפּן האָבן געזוכט איר מויל, א קליינס, א זאפטיקס. ער האָט אריינגעזאַפּט די ווארעמקייט, וואָס האָט געשלאָגן פון איר אָטעם.

— איך האָב דיך ליב, כאַוועלע...

— ליב, ליב... — האָט זי, ווי אן עכאָ, איבערגעכאַזערט.

די זומער-נאכט איז קורץ. און פאַר פאַרליבטע נאָך קירצער.

זיי האָבן אָפּגערעדט זיך צו טרעפן אין אָדעס, באַם שווארצן יאַם, וועלכן זי האָט קיינמאָל ניט געזען.

יענער זונטיק, וואָס האָט געדאַרפט זיין דער טאָג פון זייער באַגעגעניש, האָט זיך אָנגעהויבן מיט סרייפעס. די וועלט איז פלוצעם פאַרכאַפּט געוואָרן פון ווילדע פלאַמען, זיך צעבערנט אין א מוירעדיקער מילכאָמע.

ער האָט זי געזוכט אף אַלע וועגן, אף יעדן קער און ווענד, אינעם וויסטן מענטשן-געלויף, וואָס האָט געשטראָמט קיין מיזרעך. ביז איינמאָל, אין פעלד-לאַזארעט, שוין ווייט אף מייַרעוו, איז זי געקומען צו אים, ווי אין א פייַערדיקן נעפּל איינגעהילט, ווי זי וואָלט זיך אָפּגעשפּאָלטן פון א סרייפע, וואָס האָט העליש געפלאַקערט.

— זעסט, איך בין געקומען...

ער האָט געוואָלט אויסשרייַען — אירא, נאָר זיינע ליפּן האָבן ניט געפאָלגט און גערופן:

— כאַוועלע!..

זי האָט זיך אריבערגעבויגן איבער אים, צוגעטראָגן צו זיינע הייסע ליפּן א קענדל פרישן קוואַל-וואסער. דאָס וואסער איז געווען ניט קיין פּאָשעטס. ס'איז געבוירן געוואָרן אין א לאנגן וועג אונטער די שטערן. ער האָט זשעדנע געטרונקען די קילע פריסיקייט, נאָר דאָס פייַער אין אים האָט ניט געוואָלט זיך לעשן. און ער האָט אַלץ געטרונקען, געטרונקען...

לאנג האָט ער דערנאָך געטראָגן מיט זיך אף די גרויזאַמע מילכאָמע-וועגן איר שיינקייט, איר יוגנט. געטראָגן די לעצטע ברעקלעך האָפענונג, וואָס האָבן געטליעט אין זיין ברוסט. געטראָגן... און פאַרגעסן, ווי מע פאַרגעסט א שיינעם כאָלעם.

...ער האָט אריבערגעשפּאַנט די שוועל.

— צו וועמען דאַרפט איר?

די ווערטער האָבן ארויסגעהילכט פון א געעפנטער טיר, אָפּגעשלאָגן אין זיין געהער, זיך צעבערעקלט, ווי ניט איין מענטש וואָלט געפרעגט, און געקלונגען אזעלכע קלאָרע, אז מע האָט געקענט זיי ציילן.

אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז דאָס איז ניט קיין פרויען-שטים, וואָס קומט פון דער אָפענער טיר, נאָר דאָס פרעגט ער זיך אַליין.

צו וועמען טאַקע דאַרף ער?

בליץ-געדאַנקען האָבן זיך געצונדן, געלאָשן, געזוצט אין די שלייפן, און איידער ער האָט באַוויזן צונויפלייגן אין געדאַנק אן ענטפער, האָט זיך עמעצער ארויסגעשאַרט מיט שטילע טריט. און דער עמעצער איז געווען א פרוי אין די יאָרן, א קליינוווקסיקע, מיט מילדע טונקעלע אויגן, אין וועלכע נאָר די שווארצאַפּלען האָבן געפינקלט. און ס'האָט ארויסגעקוקט פון זיי א טיפקייַט און רויקייַט פון א שטילן הארבסטיקן וואסער-שפּיגל.

דאָס פּאָנעם באַ דער פרוי, מיט א נעץ פון דינע קנייטשעלעך, איז געווען קינדיש פאַרזאָרגט. און די טונקעלע אויגן, מיט דעם בלישטש אין די אַפּלען, וואָס האָט ניט געפּאַסט צו דער געדונצלטער הויט, האָט פאַרכידעשט געקוקט אף אים.

— איר זוכט עמעצן?

ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, זיך אויסגעגלײַכט. ס'איז געווען קענטיק, אַז ער איז ניט צוגעגרייט צו אַזאַ פראַגע.

טאַקע, וועמען זוכט ער?

עפּעס זייער נאָענטס האָט זיך דורכגעשמוגלט אין איר פּאָנעם, אין דער מאַניר פון האַלטן דעם קאָפּ, אין דער אינטאָנאַציע פון איר שטים. ער האָט געקוקט אויף איר מיט דער פרייד פון דערמאָנונגען, און יונגע טעג, אײַנגעוועבט אין לעבן, האָבן אויפגעוואַכט, גלײַך ווי דער אָפּגרונט, וואָס די צײַט האָט צעגראָבן, איז מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן.

דערנאָך — און וואָס ווײַטער אַלץ גיכער — האָט דאָס געשטאַלט, וועלכן ער האָט גע-טראָגן אין זײַן נעשאָמע, אָנגעהויבן בלייכן, ווי אַ פאַרגעלטע פאָטאָגראַפיע, ביז זי איז אײַנגאַנצן ניט צעשווומען. און די צווייטע האָט זיך אַנטפּלעקט אַלץ דײַטלעכער און קלאָ-רער.

— כאַוועלע!..

אַ הייסקייט האָט זיך צעגאָסן איבער זײַן לײַב. אויף די אָנגעצויגענע באַקן האָבן זיך באַוויזן רויטע פלעקן, און די אויערן האָבן געפלאַמט.

אין אָט דער מינוט האָט אויך פאַר אירע אויגן אַ פינקל געטאָן דאָס געשטאַלט פון יענעם יונגן פידלער, וואָס האָט דער ערשטער אין איר אָנגעצונדן דעם פלאַקער פון ליבע. ריידן זײַנען זיי ניט געווען בעקויעך, אָנשטאָט דער צונג האָבן גערעדט די אויגן. און די אויגן האָבן געזען איר געעלטערט פּאָנעם. זיי האָבן מיטאַמאָל דערזען, אַז ער איז אָן פינגער. אָן יענע אײדעלע לאַנגע פינגער, וועלכע האָבן אַרויסגעצויגן דעם קישעף פון זײַן פידל. איר האָט אַ ברי געטאָן אין מויעך און, ווי אָן ענטפער, האָט זיך אַ ריר געטאָן באַ אים אַ ליידיקער אַרבל.

דער כאַלעם איז צערונען געוואָרן.

אַ פײַערל אין די בערג

אַלעמאָל, ווען מיר קומט אויס אַרויספאָרן אין דער טיף פון די קאַרפּאַטן, בעט איך אונטערוועגנס דעם שאָפער פון טאַקסי פאַרקערעווען כאָטש ניט אויף לאַנג צום שטורמישן באַרג-טײַך, באַ וועלכן, כ'האָב מיט עטלעכע יאָר צוריק פאַרבראַכט אײנײנעם מיט אַ באַ-קאַנטן שרײַבער קימאַט אַ גאַנצן זומער.

איך זעץ זיך צו אויף אַ שטיין.

דער טײַך קײַקלט מיט אַ הילכיקן זילבער-בלויען געברום זײַנע וואַסערן. אָפּגעריסענע שטיקלעך זונענשײַן פלאָנטערן זיך אין די קרוינען פון טרויער-ווערבעס, וואָס הענגען איבערן טײַך און זעען אויס, ווי טונקעלע צעשויבערטע סילועטן אויפן פאָן פונעם פאַרנאַכ-טיקן הימל, אַ באַפאַרבטן מיט מאַטן גלאַנץ פון גאָלד און מיט דער רויטקייט פון בלוט.

ערגעץ אין די בערג שפּילט אַ פּאַסטעך אויס אויף אַ דודקע אַ בעטלער-ניגן. דער ווינט וויגט דעם אומעטיקן צאַרטן טרילער, וועקט אַ פאַרהוילענע בענקשאַפט. איך פאַר-מאַך די אויגן, און אין זיקאָרן וואַכט אויף אַן אַנדער פאַרנאַכט, אויך אַ באַשטראַלטער מיט פלאַמיקע שקיִע-קאָלירן.

מיר זיצן מיט דעם שרײַבער באַ דעם זעלבן ברעג. ער לייענט פון אַ העפט וועגן שיינקײַטן, ליבע, וועגן דער אײביקײַט פון דער נאַטור און קורצהאַפּטיקײַט פון מענטש-לעכן גליק. און אין אַ פאַרביקער שפּיל פון זונשטראַלן בײַטן זיך מיט די ווערטער ליכט און שאָטן...

אָט זײַנען אײניקע נאָטיצן פונעם שרײַבערס העפט.

...אַ גרויסע בלוט-רויטע זון האָט זיך דערנעענטערט צו מײַרעוו. באַם ברעג האָט אין דעמערונג זיך געוויַיסט אַ צוגעאַנקערט מאַטאָר-שיפל. די כוואַליעס האָבן שטיל געריזלט אַרום דעם, ווי זיי וואָלטן עפּעס דערציילט דעם שיפער, אַ ברייטביינערדיקן, מיט עטוואָס געבויגענע אַקסלען, וואָס איז געזעסן אַ פאַרטראַכטער, מיט ווײַטע בליקן געווענדט צו די טונקל-גרינע בערג.

— דאָברי וועטשער!

ער האָט אַף מײַן באַגריסונג ניט געענטפערט.

עפּשער האָט דער ווינט אַזוי שטיפעריש פאַרטראָגן אין אַ זײַט מײַנע ווערטער? צי דרעמלט ער גאָר מיט אָפענע אויגן נאָך אַ שווערן אַרבעטסטאָג? און איך האָב נאָכאַמאָל, צעטיילנדיק די צוויי ווערטער אין זילבן, אויסגערופן אַף אַ קאָל, פּונקט ווי איך וואָלט זיך פאַרמאָסטן איבערשרײַען דעם רויש פון טײַך:

— דאָב-רע ווע-טשער...

אַף אַ רעגע האָט זיך זײַן קאָפּ עפּעס אַ ריר געטאָן. ער האָט אָנגעשטעלט אַף מיר אַ פּאָר שפּיזיקע בליקן, האַלב-פאַרשטעלטע פון צעפּאָלאָשעטע ברעמען, און ס'האָט אַ בלענד געטאָן זײַן פאַרשפּיצט אָפּגעצויגן פּאָנעם, באַדעקט מיט אַ נעץ פון דינע רונצלען, כאָטש אויסגעזען האָט ער גאָר ניט אַזוי אַלט. אין זײַנע אויגן, ווי די ליידיקײַט פון אַן אָפּגרונט, האָב איך דערזען טיפן טרויער.

ער איז מיסטאָמע פון די, וואָס האָבן ניט ליב קיין פרעמדע מענטשן אַרום זיך, האָב איך געטראַכט, ווילן זײַן מיט זיך אַליין. און אָט בין איך געקומען און צעשטערט זײַן אַליינקײַט. נאָר וואָס זאָל באַדײַטן דער טרויער אין זײַנע אויגן? וואָס פאַר אַ יעסורים קוקן אַרויס פון דאָרט?

— איר וואַרט עפּשער אַף עמעצן?

— ניין!

דער טײַך האָט זשעדנע געטרונקען די לעצטע שטיקלעך זון, זיך געפּוצט אין קאָ-לירן פון פליסיקע שטרײַפן. אַ ווייכע בײַנאַכטיקע שטילקײַט האָט געפּלייצט צווישן הימל און ערד, און די שטילקײַט האָט אײַנגעשלונגען דאָס איינציקע וואָרט, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון זײַנע ליפּן.

איך בין צוגעגאַנגען נעענטער און געפרעגט, צי וואָלט ער זיך ניט אַראָפּגעלאָזט מיט מיר צו דער הרעבליע, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן מיט עטלעכע יאָר צוריק אַף צו זאַמ-לען די באַרג-וואַסערן, וועלכע פלעגן יעדע וועסנע פאַרטרינקען די בײַבערגישע דערפער. זײַנע צעפּאָלאָשעטע ברעמען זײַנען צוריק אַרײַן אין די טיפע קנייטשן פון זײַן שטערן. דער אויסדרוק פון זײַן פּאָנעם האָט זיך געביטן, און אין דעם בײַט איז געווען קענטיק, אַז ער איז מאַסקים.

איך בין אַרײַנגעשפּרונגען אין שיפל, און באַלד האָבן מיר זיך געפונען אין מיטן שטראָם, ווײַט פון יִשעוו, צווישן טונקעלע שטילע באַרג-אָפּהאַנגען און ריזיקע סקאַלעס. דער ווינט האָט שטיל געברומט אין פלאָנטער פון די אַלטע סאָסנעס, ווי ער וואָלט דערציילט מײַסעלעך פון פאַרצײַטן, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז יעדע רעגע קאָנען פון די באַרג-שפּאַלטן אַרויס הײַדוקן, פײַל-אויסן-בויגן זיך טראָגן אַף פײַערדיקע פערד. אָדער פון די וואַסער-טיפענישן קאָן פּלוצעם אַרויסשווימען אַ וווּנדערשיינע פרויען-גע-שטאַלט, מיט לאַנגע צעלאָזטע האָר און נאַקעטע פּלייצעס, האַלב-מענטש, האַלב-פיש, זיך פאַרטשעפּען אין אונדזער שיפל און זינגען, זינגען... און ס'וועלן די בערג צעטראָגן איר געזאַנג איבער היילן און אָפּגרונטן. און אומהיימלעך איז געוואָרן פון אָט דער בערישעס-דיקער שטילקײַט.

איך האָב זיך אויסגעדרייט צום שיפער און געפרעגט, צי ס'איז נאָך ווײַט ביז דער הרעבליע. און ווי ער וואָלט געוואַרט אַף אַזאַ פראַגע, האָבן אין זײַנע אויגן זיך אָנגע-צונדן בייזע פײַערלעך. צוויי בלוט-פלעקן האָבן זיך אַרויסגעדריידלט אַף זײַן פּאָנעם, און ער האָט אין אײַלעניש אַרויסגעזיפּט דורך די ציין:

— אַ מין האַלבע שאָ.

אָבער אײדער זײַן ענטפער איז ריכטיק דערגאַנגען צו מײַן געהער, איז דאָס שיפל פאַרטראָגן געוואָרן אין אַ קעסלגרוב, זיך אָנגעהויבן ווילד צו דרייען אַף אַן אָרט. אָט-אָט וועט עס זיך איבערקערן. מיך האָט באַפאַלן אַן אומרו, פאַר וועלכן איך האָב ניט געהאַט קיין דערקלערונג. איך האָב געפילט, ווי אין מיר שטעלן זיך אָפּ די בלוטן, ווי עס ווערט פאַרכאַפּט דער אָטעם און קאָן ניט אײַנהאַלטן אין זיך דאָס קלאַפּן פון האַרץ.

דער שיפער האָט אָבער קרעפטיק און זיכער געשפּאַלטן מיט די וועסלעס די ווירב-לענדיקע כוואַליעס, ווי ער וואָלט זיך געראַנגלט מיט אַ ווילדער כײַע, וועלכע ער מוז בײַקומען, קעדיי ניט פאַרצוקט צו ווערן. און ווען מיר זײַנען שוין געווען אין מיטן שטראָם, האָט ער מיך אַ שניט געטאָן מיט אַ מאָדנעם גלי אין די אויגן, אַז איך האָב פאַרשטאַנען, אַז כ'האָב אויוער געווען אַף עפּעס אַן אײַנגעשטעלטן באַרג-געזעץ. ניט געדאַרפט פרעגן אין מיטן וועג. דער טײַך און די בערג האָבן פײַנט מענטשלעכן אומגעדולד, מענטשלעכן אומרו.

מיטאַמאָל איז צוגעפאַלן די נאַכט.

אין די בערג איז די שקיעה א קורצע און די נאַכט פאַלט צו טייקעף.

איר אַנקום האָט געווירקט אף מיר סוידעסדיק און פרעמד, אַנגעפילט דאָס האַרץ מיט דעם אייביקן אומרו פון נאַכט און פינצטערניש. איך האָב דערפילט איר מוירעדיקן אָנריר אף מײַן לײַב און שוין געוואָלט בעטן דעם שיפער, ער זאָל לאָזן אין גאַנג דעם מאָטאָר, מיר זאָלן קעגן שטראָם זיך אומקערן צוריק.

פלוצעם האָט אין דער פינצטערניש אופגעבליצט א קליין אויסטערליש פײַערל, ווי א שטערנדל וואָלט זיך אָפגעריסן פונעם הימל און געבליבן הענגען צווישן די בערג. די ווערטער, וועלכע כ'האָב געגרייט זיך זאָגן, זײַנען געבליבן פאַרשטאַרט אף מײַנע ליפּן.

— וואָס איז עס? — האָב איך אין א ווײַלע אַרום, א פאַרכידעשטער אויסגערופן, ניט אָפרײַסנדיק די פאַרגאַפטע בליקן פונעם בליצנדיקן פײַערל.

— וועסט באַלד זען.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס קאָל באַם שיפער האָט לײַכט אופגעציטערט.

ער האָט פאַמעלעך געדרודערט נענטער צום ברעג, נאָר אין דער ריכטונג פון דעם פײַערל, און אין עטלעכע מינוט אַרום האָב איך טאַקע דערזען ניט ווײַט פון דעם אָרט, וווּ מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן, א צאַרטע פרויען-געשטאַלט, וואָס האָט זיך, ווי א פאַרקישעפטע, באַוועגט אַרום א קליין לאַמטערנדל, וועלכן זי האָט געפּרוּווט אופהענגען אף א צווײַג פון א סאָסנע-בוים. אין דער מאַטער שײַן האָבן זיך גרוילעך געצייכנט די שטריכן פון א קראַנקהאַפט אויסגעמאָגערט פּאָנעם, באַרעמלט פון נאַכלעסיק צעשאָטענע האָר. א טונקל געשטאַלט צווישן טונקעלע סילועטן.

צי דען איז עס איינע פון יענע וואַלד-פייעס, וואָס קענען פאַרלעשן די זון, פאַרקלעמען אין די פויסטן א רעגנבויגן, פאַרפירן אין די טיפענישן פונעם טײַך און אין די הייליקן פון די בערג?

נאָר דאָס פּאָנעם האָט אויסגעזען אופריכטיק באַשטראַלט פון עפּעס אן אינערלעכער שײַן, וואָס האָט געלויכטן מיט ליבע און גלויבן. אירע גרויסע פאַרלענגערטע אויגן האָבן פיבערהאַפט געפינקלט. און איך האָב געטראַכט, אַז אַזאַ פּאָנעם, אַזעלכע אויגן זײַנען פאַראַן נאָר בּאַ פאַרליבטע קאַלע-מיידלעך, וואָס וואַרטן אף זייער באַשערטן.

דער שיפער האָט, זעט אויס, פאַרשטאַנען מײַן געדאַנק.

— ניין, ער וועט ניט קומען... ניט הײַנט, ניט מאָרגן, קיינמאָל ניט...

און עפּשער האָט ער עס אַזוי גערעדט צו זיך אַליין. און איך האָב אין א שלעכט פאַרשטעלטער שפּאַנונג א פרעג געטאָן:

— ווייסט דען ניט די פרוי, אַז איר געליבטער וועט ניט קומען?

— זי ווייסט, נאָר זי וויל ניט גלייבן... זי וואַרט און הערט ניט אוף וואַרטן...

ער האָט א קוק געטאָן אף מיר מיט פאַרצוקטע בליקן, ווי בּאַ א געהעצטער כײַע, און די אויגן זײַנע האָבן ווילד געבליצט, אויך ווי בּאַ א כײַע. פלוצעם, ווי די נאַכט וואָלט זיך צעזונגען, האָט זיך דערהערט פון דאָרט, וווּ די פרוי האָט זיך נאָרוואָס באַוועגט, א ריינע, צויבערנדיקע שטים, פול מיט אומרו און געבעט:

פאַרוואָס עפּעס, זאָג מיר,
פאַרוואָס?
עס טוען זיך די סאָסנעס א ריר,
און אומעטיקער ווערט אַלץ דאָס וואַרטן אף דיר?..

און די קלאַנגען זײַנען געוואַקסן פלאַמיקע, פאַרצווייפלטע און טראַגישע. דער שיפער, באַהערשט פון דעם געזאַנג, האָט אַרומגעכאַפּט דעם קאָפּ, באַהאַלטן דאָס פּאָנעם אין די ברייטע האַנט-פלאַכן, זײַן לײַב האָט געציטערט, ווי בּאַ א גערירטן פון זינען, די ברוסט האָט שווער געצויגן דעם אָטעם, און ער האָט אַרײַנגעזיפצט אין דער כאַשכעסדיקער ווײַט.

— ניין, ער וועט ניט קומען...

איך בין באַשטאַנען, מיר זאָלן באַלד זיך אומקערן צוריק. נאָר אין דער זעלבער צײַט האָט דערוואַכט אין מיר אן אַנדער געפיל, און איך האָב געהאַפט צו הערן פונעם שיפער די גאַנצע געשיכטע.

...אָט די פרוי הייסט אָקסאַנע. זי איז די טאָכטער פון א וואַלדהיטער, וועלכער וווינט א שפּאַן וועג פון דאַנען. מיט א יאָר פינף צוריק איז זי געווען א זעלטענע שיינהײַט. מע האָט ניט געקאָנט בלײַבן גלײַכגילטיק, דערזעענדיק אירע גרויסע פאַרלענגערטע טונקל-

בלויע אויגן און בלוילעך-שוואַרצלעכע האָר, וואָס יעדעס הערל האָט ווי א זײַדן פּעדעמל געגלאַנצט. אירע ליפּן האָט געשנירלט א זאַפטיקער שעלמישער שמייכל, און אין די בליקן — שײַדימלעך צוויי.

זי איז געווען ליכטיק און שטאָלטיק, ווי א סאָרנע.

יונגעלײַט האָבן זיך געצויגן צו איר, ווי פלאַטערלעך צו ליכט, און פאַרברענט גע-וואָרן פון אירן א בליק, פון אירן א וואָרט. זי האָט געקישעפט מיט איר יונגער פריש-קייט און איבערגעלאָזט ארום זיך א פלאַטער פון בלוי-שוואַרצע האָר, פון זאַפטיקע ליפּן. און דער פלאַטער האָט געוועקט בענקשאַפט און באַגערן.

דאָרף געשען, אז אָפ דער בריוונג פון דער הרעבליע איז אַראָפּגעקומען א יונגער אינ-זשעניער. ער איז געווען אָפ אַזויפיל יונג, אז אַלע האָבן אים גערופן פּאַשעט באָם נאָ-מען — יאַשע.

אין אָט דעם יאַשען האָט זיך פאַרליבט די שיינע אַקסאַנע.

יאַשע האָט מיט גאָרנישט זיך ניט אויסגעטיילט פון אנדערע. ניט מיט זײַן אָפּגע-ברענט פּאָנעם פון זון און ווינט, ניט מיט זײַנע שטאַרקע, ברייטע אַרעמס, עפּשער נאָר מיט די קויל-שוואַרצע גלאַנצנדיקע פאַטלעס האָר, טונקלע שטאָל-אויגן און פאַרלדיקע ציין, וואָס האָבן אויסגעגעבן זײַן אָפּשטאַם.

גיי ווייס די פאַרהוילענע וועגן פון ליבע!

יעדן אָוונט, ווי נאָר ס'איז געוואָרן גוט פינצטער, האָט אַקסאַנע אָפ א צווײַג פון א סאָסנע-בוים אופגעהאַנגען א לאַמטערן, און ער האָט לויט דער שײַן געטראָפן צו איר, אויסמײַדנדיק אי קעסלגריבער, אי אָפּגרונטן.

אַזוי אָוונט נאָך אָוונט.

זי האָט געלעבט מיט די קלאַנגען פון זײַן שטים, מיט די בליקן פון זײַנע אויגן. פאַר-שיקערט פון גליק, האָט איר פּאָנעם געשײַנט מיט דעם קישעף פון פרילינג. און איר קערפּער, ווי א צעבליטער רוזין-קוסט, האָט געאָטעמט מיטן אַראָמאַט פון יונגקייט און ליבע. פאַר איר איז געווען ניט נאָר יאַשע. ס'איז געווען זי אַליין, וואָס פון אייגענעם פײַער ווערט זי אָפּסניי געבוירן. און דאָס פײַער האָט געשלאָגן פון אירע האָר, פון אירע אויגן, פון איר קלינגענדיקער שטים.

יעדער, ווער עס האָט זי געקענט, האָט זיך געפרייט מיט איר פרייד, אויסער...

נאָכאַמאָל פונעם שרײַבערס נאָטיצן:

לאַנגע עטלעכע מינוט זײַנען דורכגעגאַנגען אין שטילשווײַגן.

מײַנע בליקן האָבן זיך צוגעווינט צו דער פינצטערניש, געוואָרן אַזוי שאַרף, אז כ'האָב אָן שוועריקייטן געקאָנט אויסטיילן יעדע אומרויקע באַוועגונג אָפן שיפערס פּאָנעם. זען די אויגן, וואָס האָבן געקוקט אהין און צוריק, מיט א לאַנגן צעפלויגענעם בליק, וואָס זיי וואָלטן זיך געאַמפּערט מיט זיך אַליין. און מיר האָט זיך זייער געוואָלט פרעגן בא אים:

— אויסער וועמען?

נאָר עפּעס האָב איך ניט געוואָגט איבערצושלאָגן זײַן שטילשווײַגן.

ס'האָט זיך געדאַכט, אז אפילע דער ווינט האָט פאַרטײַעט דעם אָטעם, און די אַרומיקע בערג האָבן זיך אויך טיף פאַרטראַכט.

און דאָך האָב איך ניט אויסגעהאַלטן, אָפּוואַרטנדיק א פּאַסיקע רעגע, האָב איך א פרעג געטאָן:

— אויסער וועמען?

ער האָט מאָדנע צעטראָגן א וואָרף געטאָן אָף מיר א בליק. זײַנע אויגן האָבן גע-גלאַנצט מיט א שימער פון אומזיניקײַט. דער אָטעם איז געוואָרן שווער און אָפּגעהאַקט. ער האָט פלינק זיך איבערגעבויגן איבערן באָרט פונעם שיפל, אָנגעשעפּט אין ביידע הענט א זשמעניע קאַלט וואַסער און א כליאַסקע געטאָן זיך אין פּאָנעם אַרײַן, ווי ער וואָלט גע-וואָלט אָפּוואַשן עפּעס א צעקרימטע פּײַן, וואָס האָט זיך צעלייגט אָף אים.

ס'איז געווען אן אָנגעשטרענגטע רעגע.

ער האָט קענטיק זיך געשלאָגן מיטן געדאַנק, צי זאָל ער ענטפערן אָף מײַן פראַגע, צי ניט. מיטאַמאָל האָבן פון זײַן מויל זיך געגאָסן שיטן צעדרויבלטע, צעריסענע ווערטער:

— אויסער יענעם, וועלכער איז אַליין געווען פאַרליבט אין איר...

און דער שיפער האָט דערציילט:

...זײַן הונגער צו אַקסאַנען איז געווען אַזוי גרויס, אז ער האָט זיך געבידעשט, וואָס זי דערהערט ניט זײַן שטום געשריי. און וואָס שטאַרקער ער האָט געוואָלט זעטיקן זײַן

הונגער, אלץ אויסגעהונגערטער איז ער געוואָרן. ניט קיין ליבע איז עס געווען, נאָר א פלאַקער פון מעשוגאַס. פאַרדראָסן, וואָס האָבן געברויזט אין אים, האָבן ניט אופגעהערט צו שוימען. ער האָט געפּילט, ווי עפּעס שווימט אוועק פון אונטער זײַנע פיס און ער ווערט אָן יעדן באַריר מיטן לעבן. ער האָט געהערט, ווי די צײַט לויפט, געקאָנט אָנטאַפּן קימאַט יעדע רעגע. ער איז געווען זיכער, אז נאָר א ווײַלע — און אלץ איז פאַרלוירן.

אַקסאַנע האָט אים אויסגעזען ווי א זון-פלעק, וואָס אנטלויפט, ווען מע יאָגט זיך נאָך אים. נאָר ערגעץ-ווו האָט דער שטאַרקער ווילן צו ליבע אים אָפּגענאַרט מיט קליינינקע בליצלעך פון האָפענונג.

אזוי זײַנען אָפּגעלאָפן טעג און וואָכן.

עס זײַנען אָנגעקומען געדיכטע פינצטערע נעכט, פול מיט סודעס און געפאַרן. יעדע נאכט האָט אַקסאַנע אָנגעצונדן איר לאַמטערן און זיך אומגעקערט אהיים ווארטן אף איר יאשען.

און אין איינער אזא שטאָק-פינצטערער נאכט האָט דער סאָטן זיך אַרײַנגעמישט אין זייער ליבע, פאַרלאָשן דעם לאַמטערן, און יאשע האָט פאַרלוירן דעם וועג צו זײַן שיינער אַקסאַנע...

נאָכאַמאָל פונעם שרײַבערס נאָטיצן:

א קליין פײַערל, ווי א שטערנדל, האָט געבלינצלט אין דער פינצטערניש. דאָס שיפל האָט מיט אָפּגעלאָזטע וועסלעס געפּלעשטשעט איבער די כוואַליעס, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז דאָס שווימט אזוי יאשע צו זײַן אַקסאַנע, צעשפּאָלטנדיק מיט פעסטע אָרעמס די ווירבלענדיקע וואַסערן.

און געדאַנקען, ווי בליצן אין דער נאכט, זײַנען מיר אַדורכגעלאָפן.

...מעגלעך, אז דײַנע טעג און נעכט, אַקסאַנע, וואָלטן געפלאָסן אומגעשטערט, ווי א באַרג-טײַך. דו וואָלסט געטאָן דײַן טאָגטעגלעכע אַרבעט אין דער דאָרפישער ביבליאָטעק, זאָרגלאָז זיך געשפּאַנט מיט צעשפּרייטע אָרעמס איבערן בריק פונעם לעבן. און יונגעלײַט, באַצויבערט פון דײַן פאַרשײַטן געלעכטער, וואָס האָט זיך געקנײַלט מיטן אָפּגלאַנץ פון דײַנע בלוי-שוואַרצע האָר, וואָלטן דיר נאָכגעגאַנגען פוסטריט. איבערצעוועקטע וואָלקאַנישע קייכעס וואָלטן פּלוצעם ניט אופגעטרייסלט דײַן געמיט.

דו זעסט מיסטאָמע שטענדיק דאָס אָרט און די צײַט, ווו און ווען ס'איז פאָרגעקומען אײַער ערשטע באַגעגעניש. ער האָט אין איינעם א פאַרנאַכט זיך געיאָוועט אין דײַן קליי-נינקער ביבליאָטעק, און דו האָסט זיך געוווּנדערט, וואָס ער זוכט נאָר וועגן הידראָוי-ליק און בריקן-בוי. ער האָט געליבט דײַן קליין פאַרמעגן, און דו האָסט אָנגעקוואָלן פון זײַן ליוב. דיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז דו האָסט שוין ערגעץ-ווו אים באַגעגנט. קאָן זײַן, אף א יוגנט-פעסטיוואַל אין קיִעוו אָדער מאָסקווע.

דו הערסט זיך אײַן אינעם רויש פונעם ווינט, און דיר דאַכט זיך אוואדע, אז דאָס רעדט אזוי יאשע, א פאַרשיקערטער פון דער ערשטער ליבע. א געפּיל, וואָס אים איז שווער אַרויסצוברענגען אין ווערטער, נאָר פאַר וועלכן דער ווינט האָט טאָמיד זײַנע גליקלעכע וואָרטלאָזע אויסדרוקן.

יעדע נאכט פאַלט א בלעטל פונעם קאַלענדאַר.

דער קאַלענדאַר אף דער וואַנט מיט זײַנע גרויסע ניכטערע ציפערן זעט אויס וואַכע-דיק און אומשולדיק, נאָר ער איז, קאָן זײַן, א פאַרהוילענער שוטעף צו דײַן גורל.

יעדע נאכט פאַלט א בלעטל, ווי ס'פאַלט א טרער פון דײַנע אויגן, ווי ס'ווערט אין יעדן קאַיאָר פאַרלאָשן דאָס פײַערל אין די בערג, און ס'טוט די נאכט זיך אָן אין א טרויער-שלייער.

טרויער און גורל.

און א קליין פײַערל אין די בערג רופט צו ליכט און ליבע.

...א קליין פײַערל.

ווי איך וואָלט זיך מיטאַמאָל אופגעכאַפּט פון א שווערן אומרויִקן כאַלעם, האָב איך א פרעג געטאָן באַם שיפער:

— און וואָס איז געשען מיט אַקסאַנע, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אז איר יאשע איז אומגעקומען?

— זי גלייבט ניט ביז איצט, — האָט ער אין א ווײַלע אַרום געענטפערט. — יעדע נאכט הענגט זי אוף דעם לאַמטערן און וואַרט, וואַרט...

זײַנע רייד זײַנען געפלאָסן אָט ברענענדיקע, ווי פײַער, אָט כליפּענדיקע, ווי א וויכער פון זיפצן. און זײַן שטים איז געווען א טונקעלע, אָן אָפּגעשפּאָלטענע.

— און דער, וואָס האָט פאַרלאָשן דאָס ליכט, ווו איז ער איצט?

דער שיפער איז געזעסן מיטן פּאָנעם צו די טונקעלע בערג און האָט געשוויגן. און דאָס שווײַגן איז געווען פאַרשטענדלעך אָן ווערטער...

א נאכט-פויגל האָט זיך צעשריגן לאנג און יאָמערלעך. איך האָב אופגעציטערט. מיר האָט זיך געדאכט, אז דאָס רופט אזוי די שיינע אַקסאַנע איר יונגע אומגעקומענע ליבע, אף וועלכער זי וואַרט יעדע נאכט...

און איך האָב פאַרשטאַנען, אז אין אָט דער נאכט האָב איך מיט די אייגענע אויגן געזען דעם הייליקן פלאַם פון ליבע, וועלכער איז ענלעך אף א פינקלענדיקן פײַערוועריק, וואָס ווערט געבוירן און פאַרלאָשן מיט דעם זעלבן שימער...

איך בין זיך פאַרזעסן באַם ברעג.

א ברייטע בלוט-גאָלדיקע שקיע האָט גרויסאַרטיק געפלאַקערט הינטער די בערג, לאַנגזאַם אָנגעטאָן דעם גאַנצן ארום אין ווייכע שאָטנס. איך האָב ניט געהערט דעם שאַפערס אומרויִקע סיגנאַלן. איך האָב געקוקט אף די טונקלווערנדיקע באַרג-שפּאַלטן, און מיר האָט זיך געדאכט, אז אָט-אָט וועט אופבליצן אין זיי א קליין העל פײַערל.

■ ■ ■

כראָניק

געווידמעט דעם 70־טן געבורטסטאָג פון הענעך שוועדיקן

אין מינסק איז אינעם ליטעראַטאָר־הויז פאָרגעקומען אן אָנדענק־אָוונט, געווידמעט דעם 70־טן געבורטסטאָג פונעם ייִדישן סאָוועטישן דיכטער הענעך שוועדיק, וועלכער איז אומגעקומען אין שלאכט מיט די פאַשיסטן אף דער סמאָלענסקער ערד דעם 11 אָקטיאבער 1942.

דער גרויסער זאַל איז געווען פול. עס זײַנען געקומען שרײַבער, ארטיסטן, קינסטלער, זשורנאַליסטן — די, וועלכע האָבן געלייענט ה. שוועדיקס לידער אין ייִדיש, און אויך ליבהאָבער פון זײַן שאַפונג אין דער ווײַסרוסישער און רוסישער איבערזעצונג.

פון דער בינע קוקט אראָפּ ה. שוועדיקס פּאָרטרעט, באַצירט מיט בלומען. באַם פּרעזידיום־טיש — דער לאורעאט פון דער מעלוכע־פּרעמיע פון ווײַסרוסלאַנד ריגאָר באָראָדולין, דער פאָלקס־קינסטלער פון סאָוועטנפאַרבאַנד זאַיִר אזגור, די ווײַסרוסישע פּאָעטעסע עדזי אגניאַצוועט, דער ייִדישער שרײַבער הירש רעלעס, ה. שוועדיקס אלמאָנע בעטי רובינע און אנד.

מיט אן ארײַנפיר־וואָרט איז ארויסגעטראָטן ריגאָר באָראָדולין. ער האָט גערעדט וועגן ה. שוועדיקס פּאָעזיע, ציטירט זײַנע לידער.

עדזי אגניאַצוועט, וועלכע האָט געקענט ה. שוועדיקן לויט דער קאָמיוג־ארבעט אין די דרײַסיקער יאָרן, איז ארויסגעטראָטן מיט זיכרוינעס וועגן אים. זי האָט פאַרענדיקט איר וואָרט מיט א פאָרלעזונג פון ה. שוועדיקס לידער, וועלכע זי האָט איבערגעזעצט אף ווײַסרוסיש.

אינטערעסאַנט זײַנען געווען די דערינערונגען פון הירש רעלעסן וועגן הענעך שוועדיקן, מיט וועלכן ער האָט א געוויסע צײַט געארבעט צוזאמען אין דער רעדאַקציע פון דער מינסקער קינדער־צײַטונג.

דער זשורנאַליסט אײַזיק שפּילבערג פון סמאָלענסק האָט דערציילט, וויִאזוי ס'האָט זיך אים אײַנגעגעבן צו געפינען ה. שוועדיקס קייווער.

עס זײַנען ארויסגעטראָטן דער ווײַסרוסישער דיכטער סטאַניסלאַוו שושקעוויטש, דער סקולפּטאָר זאַיִר אזגור און בעטי רובינע.

אינעם קינסטלערישן טייל פון דעם אָוונט האָבן ארטיסטן פאָרגעלייענט הענעך שוועדיקס ווערק און געזונגען לידער אף זײַנע ווערטער.

א. בערג

ארון ביגעלמאַן

אַ מאָדנער טאָג

1

ווען מע האָט איגאָרן דעמאָביליזירט פון דער אַרמיי און ער איז אַרויס פון האָספּיטאַל מיטן רוקזעקל אַף דער פּלייצע, האָט ער געמיינט, אַז פאַר אים האָט זיך די מילכאָמע פאַרענדיקט. ער האָט אָפּגעגעבן פאַרן זיג אַלץ, וואָס אַ מענטש, אַ שלאַכטמאַן קאָן אָפּגעבן. ער האָט פאַרלאָרן די אייגענע, די עלטערן — געבליבן איינער אַליין אַף דער וועלט. יוועגן דעם, אַז ער איז געוואָרן אַ קאַליקע, האָט ער ניט געקלערט. ער האָט זיך אָנגעזען מיט אַזויפיל צעקאַליעטשעטע מענטשן — אָן פיס, אָן הענט, בלינדע, און מיט אַזויפיל טויטע, און אים האָט זיך געדוכט, אַז אין פאַרגלייַך מיט יענע אומגליקלעכע, האָט אים אָפּגעגליקט, אַז זייַן צעשעדיקטע האַנט איז אַ קלייניקייַט און ער דאַרף בענטשן גוימל.

אַזוי האָט איגאָר גאָנטשאַר געטראַכט, ער האָט אָבער אַ גרויסן טאָעס געהאַט. ער האָט אַ סאַך געזען אַפן פראָנט און דאָך זיך ניט פאָרגעשטעלט, וואָס עס דערוואַרט אים אין זייַן היימשטאָט.

איגאָר האָט זיך אַליין ניט געקענט אָפּגעבן קיין דין-וועכעזשבן, פאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי געריסן אין זייַן היימשטאָט.

בייס מע האָט אים דעמאָביליזירט, האָט מען אים געפרעגט, פאַרוואָס ער וויל דאַפקע פאָרן אין זייַן היימשטאָט, דאָרט איז דאָך בא אים קיינער ניט פאַרבליבן, האָט איגאָר געענטפערט: „אייגענע בלאָטעס זייַנען טייַערער פון גרויסשטאָטישע פּראָספּעקטן”.

נאָר ווען ער איז אַרויס פון האָספּיטאַל, זייַנען די טרויעריקע געדאַנקען, די שרעק פאַר דעם, וואָס וועט מיט אים ווייַטער זייַן, אָפּגעטראָטן אין אַ זייַט, ערגעץ פאַרשוווּנדן. אים האָט אַרומגעכאַפּט אַ פריידיק געפיל, אַזאַ ווי בא אַ כוילע, ווען עס לאָזן אים אָפּ די שרעקלעכע ווייטיקן און עס ווערט אים מיטאַמאָל לייַכט, עס גלייבט זיך ניט, אַז ער האָט אַזוינס איבערגעטראָגן.

דערצו איז נאָך דער טאָג געווען אַ פּרעכטיקער. אַ לייַכט ווינטל האָט געקרעפּטיקט. זעלטענע שנייעלעך זייַנען לאַנגזאַם געפאַלן אַף דער ערד פונעם נידעריקן ווינטערדיקן הימל.

פונקט אַזאַ שניי, אַ לאַנגזאַמער, אַ פוילער, איז געגאַנגען דאַן, ווען ער איז דאָס לעצטע מאָל פאַרווונדעט געוואָרן. נאָר געפאַלן איז ער דעמאָלט ניט אַף פאַרשנייטע, פאַרפרוירענע גאַסן, ווי איצט, נאָר אַף אַ שוואַרצן צעאַקערטן פעלד. ער האָט געפויזעט איבער אָט דעם פעלד, געפויזעט איבער דער קלעפּיקער, פייַכטער ערד, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ טיפן שפּור, און אַרום האָט געדונערט, געגרילצט, עס האָבן זיך געריסן סנאַריאַדן, מינעס און נאָך יעדן אויפרייַס האָבן פון דער ערד זיך אַרויסגעשלאָגן פאָנטאַנען פון שוואַרצער בלאָטע... דער שניי איז אַלץ געפאַלן און געפאַלן, שטיל, לאַנגזאַם, פונקט ווי איצט.

איגאָר האָט זשעדנע געקוקט דורכן פענצטער פון טראַמווייַ אַף די מענטשן אין גאַס. זיי זייַנען געגאַנגען ניט געייַלט. די פּנעמער זייַנען געווען פאַרטראַכט. אָבער דער אויס-

---

פראַגמענטן פון אַ גרעסערער דערציילונג.

דרוק פון פּאָנעם איז בײַ די מענטשן איצט געווען גאָר אַן אַנדערער, איידער מיט דרײַ יאָר צוריק, אַפילו מיט אַ יאָר צוריק, ווען מע האָט אָפטער געטראַכט וועגן טויט, ווי וועגן לעבן. איצט, האָט זיך אים געדאַכט, קלערן די מענטשן וועגן לעבן, טרוימען, וואָס פאַר אַ לעבן עס וועט זײַן.

איגאַר האָט אויך געקלערט וועגן לעבן, ניט וועגן זײַן פּערזענלעכן, נאָר וועגן לעבן בכלל נאָך דער מלחמה. און אים האָט געפרייט, וואָס ער וועט אויך געניסן פון דעם לעבן. עס האָט געלויכטן אַ שיינער טאָג, און די שטימונג איז בײַ אים געווען אַ גוטע. אַלץ, וואָס ס'האָט מיט אים פּאַסירט דעם טאָג, האָט ער אויפגענומען ווי אַ גוטן סימן.

דער טראַמוויי האָט זיך קוים-קוים געשלעפּט צום וואָקזאַל, ניט געאײַלט, ווי די מענטשן אין גאַס, ווי דער שניי. אייניקע פּאַסאַזשירן זײַנען אַרויסגעגאַנגען, אייניקע — אַרײַנגעגאַנגען. בלויז איינער — דער, וואָס איז געזעסן פאַר אים, מיט דער פּלייצע צו איגאָרן, אין אַזאַ שינעל, ווי בײַ אים, אָן פּאָגאָנעס, — איז אַלץ ניט אַרויסגעגאַנגען. קימאַט אַלע מאַנצבילען האָבן דעמאָלט געטראָגן שינעלן. בײַ אייניקע זײַנען זיי געווען מיט פּאָגאָנעס, בײַ אַנדערע אָן. איגאָר האָט באַמערקט, אַז דער אויפֿעם אין טראַמוויי האָט מער ווי אַף אַנדערע געקוקט אַף דעם, וואָס איז געזעסן פאַר אים. מע קוקט שווײַגנדיק, ניט אַרויסברענגענדיק קיין וואָרט. נאָר מיטאַמאָל האָט אַ קליין מיידעלע, וואָס איז געזעסן בײַ דער מוטער אַף די קני, אויסגעשריִען:

— מאַמע, זע, דער פעטער לאַכט.

די מוטער האָט טייקעף זיך אויסגעדרייט מיטן קינד צום קעגנײַבערדיקן פענצטער און געזאָגט:

— דו זעסט, אָט פאָרט אַ פערדל.

— ווו פאָרט אַ פערדל? ווו? איך זע ניט קיין פערדל.

דער מענטש, וואָס איז געזעסן פאַר איגאָרן, האָט אָבער ניט געלאַכט, ער איז שטיל געזעסן. איגאָרן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער שלאָפט.

יענער איז אָבער ניט געשלאָפן. ווען דער טראַמוויי האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן קורסקער וואָקזאַל, איז ער אויפגעשפּרונגען, אַרופגעוואָרפן אַף דער פּלייצע דאָס רוקזעקל און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. איגאָר האָט אויך גענומען זײַנע זאַכן און אוועק נאָך אים.

Z

באַם וואָקזאַל-פּלאַץ איז איגאָרס מיטפאָרער אַוועק צום לינקן פראָנטאָן פון דער געבײַדע. איגאָר האָט דערזען, אַז אַהין זײַנען אויך געגאַנגען אַנדערע מענטשן אין שינעלן. ער האָט אַ קלער געטאָן, עפּשער זאָל ער אויך אַהין גיין. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אַפן הויפּט-אַרײַנגאַנג פון וואָקזאַל. אין דער הויכער טיר זײַנען אַרײַנגעגאַנגען מערסטנס ציווילע פּאַסאַזשירן.

וואָקזאַלן און פּאָטשטאַמטן, ווו עס פאַרזאַמלען זיך געוויינלעך אַ סך מענטשן, האָבן בײַס דער מלחמה געשפּילט אַ באַזונדערס וויכטיקע ראָל. די מלחמה האָט צעוואָרפן, צעשלײַדערט די מענטשן אין פאַרשיידענע זײַטן. ס'איז קימאַט ניט געווען קיין משפּחה, אין וועלכער עמעצער איז ניט פאַרשוווּנדן געוואָרן, וועלכע האָט עמעצן ניט געזוכט.

איגאָר האָט לאַנג גאָרנישט ניט געוווּסט וועגן זײַנע אייגענע. די שטאָט, אין וועלכער עס האָבן געלעבט זײַנע עלטערן, האָבן אין סאַמע אָנהייב פון דער מלחמה פאַרכאַפּט די דײַטשן. ער האָט געהאָפט, אַז די עלטערן און די שוועסטער האָבן באַוויזן זיך עוואַקוירן. איצט האָט ער זיך געדאַרפט דערוויסן וווּהין. און איגאָר האָט אָנגעהויבן זוכן. באַהאַוונטע מענטשן האָבן אים געראַטן שיקן בריוו צום אויפאַדרעס, האָט ער געשריבן בריוו אַפן טאַטנס נאָמען, אַף דער מאַמעס, אַף דער שוועסטערס און צעשיקט אַף די פּאָטשטאַמטן פון פאַרשיידענע שטעט אין הינטערלאַנד. פריִער האָט ער זיי געשיקט פון פראָנט, דערנאָך פון האָספּיטאַל, וווּהין ער איז אַרײַנגעפאַלן נאָך דער ערשטער פאַרווונדונג, נאָר קיין ענטפער האָט ער ניט באַקומען. די זעלבע באַהאַוונטע מענטשן האָבן אים געזאָגט, אַז אין די פּאָטשטאַמטן פון מיטל-אַזיע, סיביר און אַנדערע ווײַט-ערטער, וווּהין מע האָט עוואַקוירט די מענטשן, זײַנען פאַראַן ביכער, אין וועלכע מע רעגיסטרירט די מעלדונגען וועגן די געמענטשן, זוכטע קרויווים. איגאָרן האָט זיך זייער געוואָלט באַזוכן כאָטש איינעם פון די פּאָטשטאַמטן,

עפשער וועט ער דאָרט געפינען יעדיִעס וועגן זײַנע אייגענע, אָדער אַן אָנפראַגע פון זײַנע אייגענע וועגן אים. זיי זוכן דאָך אים אויך געוויס. בלויז נאָך דער צווייטער פארוואונדונג, ווען מע האָט אים ארויסגעפירט פון סטאַלינגראַד און געבראַכט קיין מיטל-אזיע זיך היילן, האָט ער געקאָנט ארײַנגיין אין אזא פּאָטשטאַמט. קיין בוך, וועגן וועלכן מע האָט אים געזאָגט, איז ניט געווען, נאָר מעלדונגען וועגן געזוכטע קרויווים זײַנען יאָ געווען. מע האָט געשריבן אַף די ווענט, די גאַנצע פאַסאַד-זײַט איז געווען באַקלעפּט מיט פּאַפּירלעך, פאַרשריבן מיט פאַמיליעס.

פאַמיליעס, אָן א שיר פאַמיליעס און נעמען פון שטעט און שטעטלעך, אייניקע זײַנען געווען פּאַשעטע, לאַקאָנישע, ווי, צום בײַשפּיל, „נאַזאַרענקאָ גאַלינא סערגייעוונא פון אומאַן זוכט איר מאַן נאַזאַרענקאָ וואַסילי איוואַנאָוויטש. כ'בין דאָ געווען, איך פאָר ארויס אין קזיל-אָרדא. פרעג זיך נאָך אַף דער פּאָטשט". ס'זײַנען אויך געווען אַזעלכע: „יעווע גאַלפערין פון זלאַטאָפּאָל בעט אַלעמען, ווער עס ווייסט עפּעס וועגן איר ברודער יויסף גאַלפערין, זיך מעראַכעם זײַן אַף איר און געבן איר צו וויסן. מיר זײַנען געבליבן אַלבעצווייט פון א גרויסער מישפּאָכע". מעלדונגען זײַנען געווען פאַרשיידענע, געשריבענע מיט א בלײַער און מיט טינט פון פאַרשיידענעם קאָליר. איגאָר האָט געלייענט, געלייענט, גאָרנישט ניט געפונען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איבערלייענען אַלץ, וואָס איז אָנגעשריבן, איז אומעגלעך און ס'קאָן זײַן, אַז גראָד דאָס, וואָס דו זוכסט, קענסטו דורכלאָזן.

ער האָט זיך ארומגעקוקט. אויסער אים איז בײַ דער וואַנט געווען נאָר איין אַלטער מאַן. דער אַלטער האָט, ווײַזט אויס, ניט געלייענט. ער איז געשטאַנען און געקוקט אין איין פּינטל. ווײַזט אויס, ער האָט אין ערגעץ ניט געאײַלט. אויך אַנדערע מענטשן אין גאַס זײַנען געגאַנגען לאַנגזאַם, און דאָס האָט איגאָרן דערמאָנט זײַן ווײַטע לײַבלעך-אייגענע אוקראַאינישע שטאָט. עפשער זײַנען זיי ענלעך דערפאַר, ווײַל ביידע שטעט זײַנען פרידלעכע. ער האָט טייקעף מיט ווייטיק א טראַכט געטאָן: „פרידלעכע, איין שטאָט האָבן פאַרכאַפּט די דײַטשן, און אין דער אַנדערער איז אָט די פאַרשרײַבענע וואַנט". איגאָר האָט ווידער אָנגעהויבן לייענען די מעלדונגען. ער האָט געפרעגט באַם אַלטן:

— אנטשולדיקט, עס האָט געטראָפן, אַז מע האָט עמעצן געפונען לויט די מעלדונגען?

דער אַלטער האָט געשוויגן.

— וואָס שטייט איר דאָ, אויב איר לייענט ניט?

דער אַלטער האָט אויפמערקזאַם א קוק געטאָן אַף איגאָרן. ער האָט דערזען דאָס שטעקל בײַ אים אין האַנט.

— אָ, איר זײַט פאַרוואונדעט, און איך האָב ניט באַמערקט. הייסט עס, אַז איר זײַט ערשט פון האָספּיטאַל, א פראָנטאָוויק. נו, און איצט, ווידער אַהין?

איגאָר האָט ניט געענטפערט.

— איר פרעגט, וואָס טו איך דאָ, אויב איך לייען ניט. כ'האָב שוין אַלץ איבערגעלייענט. הײַנט איבערגעלייענט דאָס לעצטע קוואַדראַטל.

— וואָס פאַר א קוואַדראַטל? — האָט ניט פאַרשטאַנען איגאָר.

— אַט, איר זעט די ליניקע? — דער אַלטער האָט ארויסגעשלעפּט פון קעשענע א ווירע און דערקלערט: — די גאַנצע וואַנט האָב איך צעטיילט אַף קוואַדראַטלעך און געלייענט. איצט איז אַלץ, כ'האָב קיין זאַך ניט דורכגעלאָזט.

— לויט קוואַדראַטלעך? — האָט א שמייכל געטאָן איגאָר. — דאָס איז אינטערעסאַנט. איר האָט עס גוט צוגעטראַכט. אַפן פראָנט טוט מען אויך אַזוי, נאָר דאָרטן לייענט מען ניט, מע שיסט לויט קוואַדראַטן.

— יאָ, יאָ, — האָט צוגעשטימט דער אַלטער. — אין אונדז האָט מען אַזוי געשאָסן, געשאָסן אין קוואַדראַטן. און מײַן ווײַב און די ייִנגערע טאָכטער האָבן זיך געפּאַקט אין אַזא קוואַדראַט. זיי האָבן געפירט וואַסער פון טײַך אַף א שליטל.

— פונוואַנען זײַט איר? — האָט שטיל געפרעגט איגאָר.

— איך בין א לענינגראַדער.

— איר זײַט פון לענינגראַד? — איגאָר האָט שווײַגנדיק געקוקט אַף אים. — אנטשולדיקט, כ'האָב מיט אײַך ניט גוט גערעדט.

— יעדעס מאָל, ווען איך לייען איבער א קוואַדראַטל און געפין ניט קיין שום יעדיִעס, הער איך אויף צו גלייבן. איך זוך מײַן עלטערע טאָכטער. זי האָט ביז דער מילכאָמע געלעבט אין כאַרקאָוו. דאָס איז דער איינציקער אייגענער מענטש, וואָס איז בײַ מיר פאַרבליבן. איך זוך זי אומעטום. איך בין געווען אין א סאַך שטעט — אין סיביר און דאָ, אין

מיטל-אזיע. און אומעטום איינס און דאָס זעלבע. די זעלבע פאַרשריבענע וואַנט אין די פּאָטשטאַמטן. די וואַנט איז די זיבן-און-פופציקסטע.

— לויט קוואַדראַטלעך?

— יאָ, לויט קוואַדראַטלעך. און יעדעס מאָל כאַזערט זיך איבער איינס און דאָס זעלבע. איך לייען איבער דאָס לעצטע קוואַדראַטל און הער אויף גלייבן. אָבער א מאָדנע זאַך, די האָפענונג לעבט אין מיר. — ער האָט א קוק געטאָן אף איגאָרן מיט יונגע, לויטערע אויגן. — איך האָף, כאָטש דאָס איז קעגן יעדער לאָגיק. פאַרלירט ניט די האָפענונג, יונגערמאַן.

ער האָט א שמייכל געטאָן. דער שמייכל האָט זיך באַקומען א מאָדנער, ווי ער וואָלט איינהאַלטן טרערן.

— די האָפענונג לעבט. ווי קאָן זיין אַנדערש. אָן איר קען מען ניט לעבן. זוכט איַער וואַנט, יונגערמאַן, זוכט. איך וועל אויך זוכן.

3

איגאָר האָט ניט געפונען זיַן וואַנט. די טויטע האָבן זיך פריִער אָפּגערופן, איידער די לעבעדיקע.

אין יענעם טאָג, ווען דאָס האָט געטראָפן, האָט מען אים אויך אויסגעשריבן פון האָספיטאַל. נאָר דאַן איז ער געפאָרן פון מאָסקווע ניט אַהיים, ווי איצט, נאָר צוריק אפן פראָנט. דעם פאַרוווּנדעטן פוס האָט מען אויסגעהיילט, און ער האָט זיך אומגעקערט אפן פראָנט.

דאָס אויסשרייַבן זיך פון האָספיטאַל איז שטענדיק פאַרבונדן מיט פאַרשיידענע פאָרמאַליטעטן. אייניקע זאַכן דאַרף מען אָפּגעבן, מע דאַרף באַקומען דורכפאָר-דאָקומענטן, פּראָדוקטן, פּאַפּירלעך, פּאַפּירלעך. און אַלץ דאַרף מען באַקומען ניט נאָר פאַר זיך, נאָר פאַר דער גאַנצער גרופּע. מע האָט אים אויסגעקליבן אַלס עלטסטן. איז ער פאַר אַלץ פאַראַנטוואָרטלעך. פון אינדערפרי איז ער אַרומגעלאָפן. ענדלעך, האָט ער אַלץ אָפּגעגעבן און אַלץ באַקומען.

ווען זיי זייַנען געקומען אפן וואָקזאַל, איז שוין דער צוג געשטאַנען בא דער פּלאַטפאָרמע, און די פּאַסאַזשירן האָבן פאַרנומען זייערע ערטער.

— איר גייט אין וואַגאָן, און איך וועל גיין נאָך בילעטן, — האָט געזאָגט איגאָר צו זייַנע מיליטערלייַט.

— ווער דאַרף די בילעטן? — האָט געבורטשעט אַן עלטערער לייטענאַנט מיט א מאָרעשכוירעדיקן פּאָנעם. — אפן פראָנט וועט מען אונדז דערפירן אָן בילעטן.

— מע וועט, פאַרשטייט זיך, דערפירן... — האָט געזאָגט איגאָר און איז אַוועקגעלאָפן צו דער קאַסע.

— אין וואָס פאַר א וואַגאָן? — האָט אים נאָכגעשריִען דער לייטענאַנט.

נאָר איגאָר האָט אים שוין ניט געהערט. ער האָט דערלאַנגט אין פענצטערל די דאָקומענטן און עפּעס געפרעגט בא דער קאַסירשע.

— איגאָר! גאָנטשאַר! — האָט אפן גאַנצן קאָל געשריִען דער לייטענאַנט. — אין וועלכן וואַגאָן?

דערהערנדיק זייַן אויסגעשריי, האָט זיך איינע פון די פרויען, וואָס איז געזעסן אין זאַל, אופגעהויבן פון אָרט. איר דאַר, פאַרזאָרגט פּאָנעם, די טרויעריקע אויגן האָבן אף א רגע אופגעלויכטן, און די ליפּן האָבן געשעפּטשעט:

— איגאָר, גאָנטשאַר?

עס האָט זי געטרייסלט, ווי אין פיבער. אף איר פאַרמוטשעטן פּאָנעם האָט זיך באַוויזן א קרענקלעכער אויסדרוק. זי איז לאַנגזאַם געגאַנגען אַהין, פון וואַנען זי האָט דערהערט דעם אויסרוף פונעם לייטענאַנט. אַהין, ווו ס'האָט זיך געפונען איגאָרס גרופּע.

— ווער איז דאָ איגאָר, ווער איז גאָנטשאַר? — האָט זי געפרעגט. קיינער האָט איר ניט געענטפערט. איגאָר איז אָפּגעגאַנגען פון קאַסע און הויך געזאָגט צום לייטענאַנט:

— וואָס שרייַסטו? הערסט דען ניט? אין דריטן וואַגאָן פאַר מיליטערלייַט.

דער בייזער לייטענאַנט האָט, ניט לייגנדיק קיין אכט אף דער פרוי, א מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אויסגעשריִען די קאָמאַנדע:

— אריַין!

די פרוי האָט קיינעם ניט געזען. זי האָט נאָר געזען איגאָרן. ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען צו איר מיט דער פּלייצע, אָנגעבויגן צום פענצטערל. ווען איגאָר האָט זיך אויסגעדרייט צום ליטענאַנט און אָנגערופן דעם נומער פון וואַגאָן, האָט די פרוי אים דערקענט און אַוועק אים אַנטקעגן. זי האָט זיך שווײַגנדיק אָפּגעשטעלט לעבן אים.

איגאָר האָט גאָרנישט ניט באַמערקט. ער האָט אונטערגעײַלט די קאַסירשע, א יונג מיידל, געשפּאַסט:

— וואָס אײַלט איר זיך אַזוי, איר וועט באַוויזן, — האָט געזאָגט די קאַסירשע און געטאָן אַירס: עפּעס געשריבן, געקלאַפּט מיטן קאָמפּאָסטער. — איר וועט באַוויזן, — האָט זי איבערגעכאַזערט און נאָכאַמאָל א קלאַפּ געטאָן מיטן קאָמפּאָסטער. — דער צוג ווערט נאָך שטיין אַכט מינוט. נעמט אײַערע בילעטן.

— אַזוי גיך! — האָט זיך דערפרייט איגאָר. — מיט אײַך פאַרשפּעטיקט מען ניט. ווי איז אײַער נאָמען?

— ליענט, — דאָס מיידל האָט באַוויזן אויפן פענצטערל.

איגאָר האָט איבערגעלייענט: „קאַסע נומ. 2".

— פאַרשטאַנען? — האָט געפרעגט דאָס מיידל.

איגאָר האָט ניט באַוויזן ענטפערן — ער האָט דערזען די פרוי, זי האָט נאָך גאָרנישט ניט געזאָגט, נאָר איגאָר האָט דערפילט עפּעס שרעקלעכס. ער האָט אויפגעהערט שמייכלען.

— איר זײַט איגאָר גאָנטשאַר, דעם לערער מיכאיל וולאַדימיראָוויטשעס א זון? — האָט געפרעגט די פרוי.

— יאָ, דאָס בין איך, — האָט ער געענטפערט און פון זײַן פּנים איז פאַרשוווּנדן דער לעצטער סימען פון א שמייכל. ער האָט, א דערשראָקענער, געקוקט אויף דער פרוי.

— און איך בין סאָפיע באַריסאָווּנאַ. איך פלעג אַמאָל אַרײַנגיין צו אײַך. איר געדענקט?

— כ'געדענק, כ'געדענק.

די פרוי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער דערקענט זי ניט, אַז ער איז אַזוי מעוווּלוול געוואָרן, אַז ער געדענקט איצט קיין זאַך ניט און ער וואַרט נאָר, זי זאָל אים דערציילן וועגן זײַניקע. נאָר זי האָט געשוויגן, ניט אַנטשלאָסן זיך, ניט געקענט אַזוי פּלוצעם אים זאָגן.

דאַן האָט איגאָר מיט א ציטערנדיקער שטים געפרעגט:

— איר ווייסט, איר ווייסט וועגן מײַנע עלטערן?

די פרוי האָט זיך צעוויינט.

— אַזאַ אומגליק, אַזאַ אומגליק, — האָט זי וויינענדיק געזאָגט. זי האָט זיך געײַלט, ווי מוירע האָבנדיק, אַז ער וועט אַוועקגיין. — איך בין געווען די לעצטע, וועמער ס'האָט מיט זיי גערעדט. כ'האָב אַלץ אַליין געזען. ווי זשע האָב איך געקאָנט אײַך ניט זאָגן? איר ווערט דאָך באַלד אַוועקפאָרן. כ'האָב אײַך ערשט דערזען, און איר פאָרט באַלד אַוועק...

איגאָר האָט געקוקט אויף איר. אַלץ אַרום איז מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן. עס איז געבליבן נאָר אָט די פרוי. עס איז נעלעם געוואָרן דאָס פענצטערל, וווּ ער האָט ערשט באַקומען די בילעטן, דאָס כיינעוודיקע פּאָנעם פונעם מיידל אין קאַסע, ער האָט ניט געזען דעם זאַל, וווּ ער האָט זיך געפונען, און די מענטשן — אַלץ איז פאַרשוווּנדן. אַרום איז געוואָרן פּוסט. און אין קאָפּ האָט ער אויך דערפילט א מאָדנע פּוסטקײַט. ער האָט ניט געפילט די אייגענע הענט, די אייגענע פיס. נאָר א שרעקלעכע שווערקײַט האָט פאַרקלעמט זײַן האַרץ.

— אַלע, — האָט ער געפרעגט, — און די שוועסטער אויך?

די פרוי האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ און האָט זיך היסטעריש צעוויינט. זי האָט זיך אָבער טייקעף גענומען אין די הענט, פאַרהויבן דעם קאָפּ און האָט אָנגעהויבן דערציילן:

— מע האָט אונדז די גאַנצע צײַט באַרויִקט, געזאָגט, אַז די דײַטשן זײַנען נאָך ווײַט פון אונדזער שטאָט, און פּלוצעם האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז זיי זײַנען דערנעבן. א סאַך מענטשן האָבן געפּרוּווט אַוועקפאָרן. דאָס זעלבע איך מיט מײַן מאַן. מיט אונדז זײַנען אַרויס פון שטאָט אויך אײַערע עלטערן. די צוגן זײַנען שוין ניט געגאַנגען, קיין מאַשינען זײַנען אויך ניט געווען. מע האָט זיך גראַטעוועט ווי ווער ס'האָט געקאָנט. מיר האָבן געדונגען וועגענער, און אַזוי זײַנען מיר אַרויסגעפאָרן. אַרויסגעפאָרן זײַנען מיר אין אָוונט און זיך באַוועגט א גאַנצע נאַכט; דער וואָגן, אויף וועלכן עס זײַנען געווען אײַערע עלטערן, איז די גאַנצע צײַט געפאָרן פאַר אונדז. איינמאָל האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אָנקאָרמען די פערד. מיר זײַנען אַראָפּ פון די וועגענער און זיך צונויפגעקליבן אַלע אינײנעם. די מאַנצבלען האָבן געשוויגן, און מיר, די פרויען, האָבן גערעדט. אײַער מוטער און די שווע-

סטער אַסיע האָבן זיך זייער באַומרויִקט וועגן אײַך. איר זײַט דאָך געווען אַ מיליטערישער. וועגן אײַך, וועגן אײַך האָבן זיי געקלערט אין זייער לעצטער נאַכט...

די פֿרוי האָט זיך ווידער צעכליפּעט. איגאָר האָט קיין יאָך ניט געזען. ער האָט שוין ניט געזען אויך די פֿרוי. טרערן האָבן אים פֿאַרשטעלט די אויגן. ער איז געשטאַנען, ווי אַ געליימטער.

— אַ גאַנצע נאַכט זײַנען מיר געפֿאָרן, — האָט ער ווידער דערהערט. — הינטער אונדז האָט מען די גאַנצע צײַט געשאָסן. און אינדערפֿרי האָט זיך דאָס שיסערײַ דערהערט גאָר נאָענט לעבן אונדז. די פֿורמאַנעס האָבן אָפּגעשטעלט די פֿורן. ווײַטער פֿאָרן האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט. פֿורן זײַנען געווען אַ סאַך — עפּשער צען, פֿופֿצן, צי אַלע צוואַנציק, איך האָב ניט געציילט. פֿון אַלע פֿורן זײַנען אַראָפּגעגאַנגען מענטשן, געקליבן זיך אײַנײַנעם און באַראַטן זיך, וואָס טוט מען ווײַטער, וווּהין פֿאָרט מען. מע האָט זיך געאַמפּערט, געקריגט. אין דער צײַט בין איך בלויז אויף איין מינוט צוגעלאָפֿן אין אַ דערבײַיִק וועלדל... און אין דער מינוט האָט עס געטראָפֿן. עס האָבן זיך באַוויזן עטלעכע טאַנקען, און אָנגערוקט האָבן זיי זיך פֿון דער זײַט, פֿונוואַנען מע האָט זיך ניט געקאָנט ריכטן — פֿון פֿאָרנט. די לעצטע עטלעכע פֿורן האָט זיך אײַנגעגעבן אַראָפּפֿאָרן פֿון וועג, נאָר אויך זיי האָט מען דערשאָסן פֿון האַרמאַטן, די איבעריקע זײַנען אומגעקומען, צעקוועטשט אונטער די רייפֿן.

— אַלע? — האָט איגאָר געפֿרעגט.

— נאָר עטלעכע מענטשן האָבן זיך געראַטעוועט. מיר האָבן זיך דערקליבן ביז קריוואָי ראָג, דאָרט זײַנען נאָך געווען אונדזערע, און די צוגן זײַנען געגאַנגען.

איגאָר האָט שוין ניט געהערט, וואָס זי דערציילט. טרערן האָבן זיך געגאָסן איבערן פּנים און ער האָט זיי ניט געקענט אײַנהאַלטן.

— אַלע, אַלע... — האָט ער איבערגעכאַזערט.

די פֿרוי האָט געקוקט אויף אים מיט אַ שטאַרן בליק, און אירע אויגן, פֿול מיט טרערן, זײַנען געווען ברייט צעעפֿנט. זי האָט געקוקט אויף אים און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: אַראָפּ-אַרויף, אַראָפּ-אַרויף.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ קלונג און צו איגאָרן איז דערגאַנגען עמעצנס אַ געשריי:

— איגאָר, וואָס שטייסטו, דער צוג ריִרט זיך.

איגאָר האָט אויפֿגעציטערט, זיך אַרומגעקוקט און דערזען אַלץ: דעם זאַל, די מענטשן אַרום אים, די אָפֿענע טיר, וואָס האָט געפֿירט צו דער פּלאַטפֿאָרמע, און דעם צוג.

— איך גיי, — האָט ער שטיל געזאָגט.

ער האָט זיך אומגעקוקט צו דער פֿרוי און דערלאַנגט איר בײדע הענט. די הענט זײַנען אָבער געווען פֿאַרנומען מיט די בילעטן, דאָקומענטן. ער האָט אַ שפּאַן געטאָן נעענטער צו איר און זיך פֿאַרנייגט.

— זײַט מאַצליִעך! — האָט אויסגעפּליסטערט די פֿרוי.

4

ער האָט ניט דערקענט די פֿרוי, ער האָט זיך ניט געקאָנט דערמאָנען, ווען און ווו ער האָט זי געזען. נאָר איצט האָבן אים אַלע וואָקזאַלן, גרויסע צי קליינע, דערמאָנט אָט די באַגעגעניש. און אויך איצט, אַוועקפֿאָרנדיק פֿון מאָסקווע, שטייענדיק אויפֿן פּלאַץ לעבן קורסקער וואָקזאַל, האָט ער זיך דערמאָנט. „זײַט מאַצליִעך" — האָט אים געוווּנטשן די פֿרוי. דאָס לעצטע מאָל האָט אין אים געטראָפֿן אַ סנײַפּערישע קויל. ער האָט געפּויזעט איבער אַ פֿײַכט, אויפֿגעאַקערט פֿעלד, און דער סנײַפּער האָט געשאָסן פֿון אַן אונטערגעקלאַפּטן דײַטשישן טאַנק. דער טאַנק איז געשטאַנען אויך דאָ, ווען איגאָר איז אַ פֿאַרווונדעטער אַוועקגעגאַנגען פֿון דער פֿאָדער-ליניע. און אים אַנטקעגן, אויף זײַן אָרט, איז שוין געגאַנגען אַן אַנדערער, אַ שיינער לייטענאַנט מיט וואָנצעלעך.

— נעם זיך ניט צום האַרצן, איגאָר, — האָט אויסגעשריִען דער לייטענאַנט, — איך וועל זיך צו אים דערקלײַבן. איך וועל אים אָפּצאָלן פֿאַר דיר, דעם פֿאַשיסטישן סנײַפּער.

איגאָר, אַ בלייכער, אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים, האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן לייטענאַנט. דער לייטענאַנט איז אים געווען ניט צום האַרצן. ער איז געקומען פֿונעם פֿאָלק-

רעזערוו. ביז דער איצטיקער פֿאַרוווּנדונג האָט אים איגאַר געזען אַ מאָל דרײַ און אַלעמאָל האָט יענער געדעדט וועגן זײַן דערפֿאָלג בײַ פֿרויען.

— אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג, — האָט געזאָגט דער לייטענאַנט, — כ׳וועל זיך מיט אים צערעכענען.

איגאַר האָט אים גאָרנישט ניט געענטפֿערט. ניט דאַן, ניט שפּעטער, ליגנדיק אין די האָספּיטאַלן, האָט ער ניט געקאָנט זיך דערמאָנען, ווי מע האָט אים גערופֿן דעם לייטענאַנט: סאַשע אָדער דימע.

איגאַר איז געבליבן לעבן. דער סנײַפּער האָט געצילט אין קאָפּ און געטראָפֿן אין האַנט. די פֿרוי האָט דאָך אים געוווּנטשן, ער זאָל מאַצליעך זײַן.

וויאַזוי האָט ער זיך געקאָנט טרעפֿן מיט איר? צופֿעליק? פֿאַרשטייט זיך. אַזוינע צופֿעליקײַטן האָבן אין צײַט פֿון מילכאָמע פּאַסירט ניט זעלטן. דער ביטערער גורל טרײַבט די מענטשן פֿון איין אָרט אויפֿן אַנדערן. דאָ אַהער, דאָ אַהין. מע באַגעגנט זיך טויזנטער קילאָמעטער ווײַט פֿון דער היים. מע טרעפֿט זיך געציילטע מינוטן, אַמאָל שעהען, און ווידער צעגייט מען זיך אין פֿאַרשיידענע זײַטן. אָט אַזוי האָט ער אויך זיך באַגעגנט מיט אָט דער פֿרוי.

ווײַזט אויס, אַז דעם מענטשנס נאַטור איז אייגנטימלעך פֿאַרגעזועצלעכן זעלטענע דערשײַנונגען. נאָך דער באַגעגעניש מיט דער פֿרוי פֿלעגט איגאַר יעדעס מאָל, ווען ער פֿלעגט זײַן אויף וואָקזאַלן, ניט ווילנדיק זיך אַרומקוקן, זוכן צווישן פֿרעמדע מענטשן אַ באַקאַנט פּנים. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער וועט ווידער עמעצן באַגעגענען.

איבערהויפּט איז בײַ אים געווען אַזאַ פֿאַרגעפֿיל אין יענעם טאָג, ווען ער האָט זיך געקליבן אַוועקפֿאָרן פֿון מאָסקווע, ווען ער איז לאַנגזאַם, איבערגייענדיק דעם פּלאַץ, צוגעגאַנגען צום צענטראַלן אַרײַנגאַנג פֿון קורסקער וואָקזאַל. אַ גאַנצן אינדערפֿרי האָט אין אים געלעבט דאָס דאָזיקע פֿאַרגעפֿיל. עפּשער איז עס געשען דערפֿאַר, ווײַל דער טאָג איז געווען אַזאַ: פֿאַר אים האָט זיך די מילכאָמע פֿאַרענדיקט און ער האָט זיך געקליבן פֿאָרן אין זײַן געבורט-שטאָט. די דערוואַרטונג האָט בײַ אים געשאַפֿן אַ באַזונדערס פֿאַרשאַרפֿטן געפֿיל. ער האָט דערוואַרט, אַז מיט אים דאַרף זיך טרעפֿן עפּעס אומגעווײנלעכס. איין אומדערוואַרטע געשעעניש איז מיט אים שוין הײַנט אינדערפֿרי פֿאַרגעקומען.

איגאַר האָט געזוכט אַ מענטשן, געטרוימט באַגעגענען זײַן בעסטן פֿרײַנט גענע.

גענע האָט געלעבט אין מאָסקווע, און ווען איגאַר איז אַרײַנגעפֿאַלן אין מאָסקווער האָספּיטאַל, האָט ער אַלץ געטראַכט, וויאַזוי קען ער זיך מיט אים באַגעגענען. דאָס איז געווען ניט אַזוי פּשוט. גענעס אַדרעס האָט ער פֿאַרלוירן און דעם נאָמען פֿון דער גאַס, אויף וועלכער גענע האָט געלעבט, האָט ער פֿאַרגעסן. דאָס איינציקע, וואָס עס האָט זיך אים פֿאַרגעדענקט — אין דעם נאָמען פֿון גענעס גאַס איז געווען עפּעס מיליטעריש. די מענטשן, צו וועמען ער האָט זיך געווענדט, האָבן אים אָנגערופֿן — קראַסנאָאַרמייסקאַיאַ, קראַסנאָגוואַרדייסקאַיאַ, סאָלדאַטסקאַיאַ, קאַזאַרמענאַיאַ... נאָר די אַלע נעמען האָבן גאָרנישט ניט דערמאָנט איגאַרן, ניט לויטערער געמאַכט זײַן זיקאָרן.

דעם נאָמען פֿון דער גאַס האָט איגאַר פֿאַרגעסן, נאָר ווי זי האָט אויסגעזען האָט ער גוט פֿאַרגעדענקט. ביז דער מילכאָמע איז ער צען טעג געווען צוגאַסט בײַ גענען און פֿאַרגעדענקט די שטילע, שמאָלע גאַס, דעם הויף, וווּ גענע האָט געוווינט, דאָס ערשטע הויז, וואָס איז געשטאַנען נאָכן האָג, און דאָס הויז אַנטקעגנאיבער. ער האָט אויך פֿאַרגעדענקט דעם לאַנגן קאָרידאָר מיט די פּילצאָליקע צימערן אויפֿן ערשטן שטאָק. אין צוויי פֿון זיי, פֿון וועלכע איין צימער איז געווען אַ פֿינצטערער, אָן פֿענצטער, אַ מין פּאָדער-צימער, האָט געוווינט גענע מיט זײַן מוטער און מיט זײַן שוועסטער.

ביז דער מילכאָמע האָט ער זיך געלערנט מיט גענען אין איין מיליטער-שול, און נאָכן פֿאַרענדיקן זי האָט מען זיי ביידע קאָמאַנדירט אין איין פּאָלק. צוזאַמען געפֿאָרן אינעם לעצטן אורלויב. דאָס איז געווען פֿאַר דער מילכאָמע. גענע האָט אײַנגעלאַדן איגאַרן צו זיך.

די צען טעג, וואָס איגאַר האָט פֿאַרבראַכט אין מאָסקווע, האָט ער פֿאַרגעדענקט און אָפֿט דערמאָנט אין די שווערע מילכאָמע-יאָרן. אָט די צען טעג, ווי דאָס גאַנצע לעבן פֿאַר דער מילכאָמע, האָט זיך אים געדוכט, זײַנען געווען אַזוי לאַנג, ווי עפּעס אין אַן אַנדער וועלט, אַזויווי הינטער אַ פֿאַרבאַטענער פֿאַרצוימונג-ליניע. און אַלץ, וואָס איז געווען הינטער דער פֿאַרצוימונג-ליניע, אַלץ, וואָס איז געווען אינעם לעבן ביז דער מילכאָמע — די מענטשן, די גאַסן, אַפֿילע אייניקע איבערלעבונגען, — האָט ער דערמאָנט מיט צאַרטקײַט, אַלץ איז אים געווען טײַער. גענע האָט זיך נאָכן אורלויב אין פּאָלק ניט אומגעקערט. ער איז אָנגעקומען אין דער מיליטערישער אַקאַדעמיע און פֿאַרבליבן אין מאָסקווע. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, און מער האָבן זיך די פֿרײַנט ניט באַגעגנט.

איגאַר האָט געוווּסט, אַז גענע איז אין מאָסקווע. איידער מע האָט איגאָרן פֿאַרוווּנדעט, האָט ער באַגעגנט אַ קאַפּיטאַן, זײַנעם און גענעס אַ באַקאַנטן. יענער האָט אים דערציילט, אַז גענע האָט געענדיקט די מיליטערישע אַקאַדעמיע און מע האָט אים איבערגעלאָזט אַף אַרבעט אין שטאַב.

דער קאַפּיטאַן האָט, מינאַסטאַם, געוווּסט ווי ס׳רופֿט זיך די גאַס, ווו גענע האָט געלעבט. ליגנדיק אין מאָסקווער האָספּיטאַל, האָט איגאָרן באַנג געטאָן, וואָס ער האָט זיך ניט דערוווּסט באַם קאַפּיטאַן דעם אַדרעס. ליגנדיק אין בעט, האָט ער אָנגעשטרענגט זײַן זיקאָרן, געפּרוּווט זיך דערמאָנען ווי ס׳הייסט די גאַס, נאָר אומזיסט.

אין איינעם אַן אינדערפֿרי, ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף, האָט ער זיך מיטאַמאָל דערמאָנט אַ מיידל, מיט וועלכער ער האָט זיך באַקאַנט, פֿאַרברענגענדיק זײַן לעצטן אורלויב באַ גענען. ער האָט זיך געוווּנדערט: אין צײַט פֿון מילכאָמע האָט ער קיין איין מאָל ניט געקלערט וועגן איר, און מיטאַמאָל איז אים אויפֿגעקומען אַפֿן זינען נינאַ. נינאַ פּושקאַריאָוואַ...

— פּושקאַריאָוואַ! — אַזוי ווי אַן עלעקטרישער שטראָם וואָלט אים געטראָפֿן. — פּושקאַריאָוואַ! דערמאָנט! פּושקאַריאָוואַ הייסט די גאַס.

זײַן פֿרייד איז געווען גרויס, נאָר געקומען איז זי צו שפּעט. ער האָט געדאַרפֿט אוועקפֿאָרן. דער צוג גייט אָפּ צוועלף אַזייגער. צוגיין צו גענען וועט ער שוין ניט באַווײַזן. נאָר דאָס געפֿיל, וואָס האָט אים פֿון אינדערפֿרי אַרומגעכאַפּט, דאָס געפֿיל, אַז הײַנט דאַרף מיט אים פֿאָרקומען עפּעס אויסערגעוויינלעכס, האָט זיך פֿאַרשטאַרקט, ווען ער האָט אַזוי אומדערוואַרט זיך דערמאָנט ווי ס׳הייסט די גאַס. און כאָטש ער האָט נאָך געהאַט גענוג צײַט ביז דער צוג וועט אָפּגיין, איז ער טייקעף אוועקגעפֿאָרן פֿון האָספּיטאַל. דאָס זעלבע געפֿיל האָט אים אַרומגעכאַפּט, ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַפֿן פּלאַץ באַם צענטראַלן אַרײַנגאַנג אין וואָקזאַל.

באַ דער טיר האָט ער דערזען אַ מענטשן אין אַ שוואַרצער שינעל. אַ שוואַרצע שינעל האָבן געטראָגן אײַזנבאַנלער, און אַ היטל האָט ער געטראָגן אַ גרוי, אַ סאָלדאַטיש. ווען איגאָר האָט זיך צו אים דערנעענטערט, האָט יענער גלײַכגילטיק אַ קוק געטאָן אַף אים און געזאָגט:

— דער זאַל פֿאַר מיליטערישע געפֿינט זיך אינעם לינקן פֿליגל.

איגאָר האָט שמייכלענדיק געענטפֿערט:

— איך ווייס.

באַמערקנדיק, אַז איגאָר שמייכלט, האָט דער מענטש אין דער שוואַרצער שינעל זיך אויך צעשמייכלט, אויפֿמערקזאַם זיך אײַנגעקוקט אין אים.

— אָפּגעמילכאָמעוועט? — האָט ער געפֿרעגט.

— אָפּגעמילכאָמעוועט.

— און איצט וווּהין? אַהיים?

— אַהיים.

דער מענטש אין דער שוואַרצער שינעל האָט געזאָגט:

— איך האָב אויך אָפּגעמילכאָמעוועט. דו זעסט, כ׳האָב פֿאַרביטן די שינעל.

— און דאָס היטל, — האָט שמייכלענדיק געפֿרעגט איגאָר, — פֿאַרוואָס האָסטו דאָס היטל ניט געביטן?

— דאָס היטל? דאָס היטל וועל איך נאָך דערווײַל טראָגן. קוק זיך אײַן. — ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל. — זעסט, אָט דאָ האָט מען עס פֿאַרציירעוועט. דאָ איז געווען אַ לעכל. און דאָ, — ער האָט באַוויזן אַף זײַן קאָפּ, — האָט מען אַרײַנגעשטעלט אַ פּלאַסטינקע, פֿאַרשטאַנען?

— פֿאַרשטאַנען.

— און באַ דיר איז וואָס?

— די האַנט.

— די לינקע, צי די רעכטע?

— די לינקע.

— דאָס איז גוט. די לינקע איז ניט די רעכטע.

— יאָ, פֿאַרשטייט זיך, — איז מאַסקים געווען איגאָר.

— וווּהין פֿאָרסטו?

איגאָר האָט אים געענטפֿערט.

דער מענטש אין דער שוואַרצער שינעל האָט מיטפֿילנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— הײַנט וועסטו מיסטאמע ניט אַוועקפֿאָרן. ס'האָט עפּעס געטראָפֿן. ווײַטער פֿון קורסק גייען ניט די צוגן.

— אָבער ס'וועלן הײַנט זײַן צוגן? — האָט איגאָר געפֿרעגט.

— קאָן זײַן. אין בעסטן פֿאַל — אין אָוונט.

— אויסגעצייכנט! — האָט מיט פֿרייד אויסגעשריִען איגאָר. — דאָס האָט מיר פּאַשעט אָפּגעגליקט. — באַמערקט, אַז דער מענטש אין דער שוואַרצער שינעל קוקט אַף אים, ווי אַף אַ מעשוגענעם, האָט ער אין פֿאַרלעגנהײַט אויסגעשטאַמלט: — כ'האָב ניט באַוויזן זיך זען מיט מײַן פֿרײַנט, און איצט וועל איך באַווײַזן.

— אָ! — האָט זיך יענער צעשמייכלט. — אָט וואָס! אַלע פּאַסאַזשירן ערגערן זיך, און דו פֿרייסט זיך גאָר. נו, איך ווינטש דיר דערפֿאָלג.

איגאָר איז אַרײַן אין זאַל.

אַף לאַנגע בענק, וואָס זײַנען געשטאַנען פּאַזע די ווענט און אינמיטן זאַל, זײַנען געזעסן, געלעגן, געשלאָפֿן מענטשן. לעבן יעדן פֿון זיי, אַף דר'ערד, אַף די בענק זײַנען געלעגן טשעמאָדאַנעס און פּעקלעך. אָט דער אָנגעוואַלגער פֿון טשעמאָדאַנעס און פּעקלעך האָט זיך איגאָרן צום אַלעם ערשטן געוואָרפֿן אין די אויגן, שאַפֿנדיק אַ פֿײַנלעכן אײַנדרוק פֿון היימלאָזיקײַט, וואָס מאַכט ענלעך אַלע וואָקזאַלן, גרויסע און קליינע, שטאָטישע און פּראָווינציעלע, איינעם אַפֿן צווייטן.

איגאָר איז לאַנגזאַם געגאַנגען צווישן די בענק, איבערגעטראָטן איבער פֿיס, טשעמאָדאַנעס, פּעקלעך, אויפֿמערקזאַם זיך אײַנגעקוקט אין די מענטשן, געזוכט אין זייערע פֿאַרמאַטערטע פּנימער באַקאַנטע שטריכן. ער איז דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן זאַל, אַרויס צום סאַמע ברייטן דורכגאַנג, וואָס פֿירט צום אַרויסגאַנג. ער האָט מיטאַמאָל באַמערקט, אַז אַ פֿרוי אין אַ ווײַסן פּוכאָווען טיכל, וואָס איז געווען אַרופֿגעוואָרפֿן אַף איר פּלייצע, האָט אויפֿמערקזאַם געקוקט אַף אים. איגאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט. אים האָט פֿאַרוווּנדערט ניט דאָס, וואָס זי האָט געקוקט אַף אים. איר קוק איז געווען אַ רויִקער, אַ ליבלעכער. פֿאַרוווּנדערט האָבן אים אירע אויגן, אַזעלכע גרויסע, אומגעהויער גרויסע. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט זיי ערגעץ געזען. ווו? איגאָר האָט ניט זיכער געמאַכט עטלעכע שפּאַן אין איר זײַט. אין דער צײַט האָט זיך באַוויזן אַ קאַפּיטאַן מיט אַ רויטער סטענגע אַפֿן אַרבל. דאָס איז געווען דער מיליטערישער קאָמענדאַנט פֿונעם וואָקזאַל. די פֿרוי האָט מיט דעם זעלבן רויִקן בליק איצט געקוקט אַפֿן קאַפּיטאַן; איגאָר האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זי האָט אַף אַלעמען אַזוי געקוקט. און דאָ האָט ער זיך דערמאָנט, אַז אַזעלכע גרויסע אויגן זײַנען געווען אויך בײַ נינע פּושקאַריאָווען, וואָס האָט אים הײַנט אַזוי אומגעריכט דערמאָנט דעם נאָמען פֿון דער גאַס. נאָר איצט האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז די פֿרוי האָט ניט געקענט זײַן נינע. זי איז געווען אַ סאַך עלטער. איגאָר האָט זיך געקליבן אַוועקגיין. נאָר גלײַך אַוועקגיין האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן. צו אים איז צוגעגאַנגען דער קאַפּיטאַן מיט דער רויטער סטענגע.

— איך קוק אַף דיר, — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן, — און קען זיך ניט דערמאָנען, ווו האָב איך דיך געזען. דו ביסט ניט פֿון דער צענטער גוואַרדייִשער?

„אָט איז עס" — איז דורכגעלאָפֿן אַ געדאַנק. מײַן פֿאַרגעפֿיל האָט מיך ניט אָפּגענאַרט. ער האָט געוווּסט, אַז הײַנט דאַרף בײַ אים פֿאָרקומען אַן אומדערוואַרטע באַגעגעניש. איגאָר האָט אָנגעשטרענגט זיך אײַנגעקוקט אינעם קאַפּיטאַן. אַ יונגער, עטוואָס עלטער פֿון אים, אַ דרייסטער מענערישער פּאָנעם, שאַרף אויסגעשפּראָכענע שטריכן. איגאָר האָט דעם מענטשן געזען צום ערשטן מאָל און אין דער צענטער גוואַרדייִשער האָט ער קיינמאָל ניט געדינט.

— ניין, — האָט מיט באַדויערונג געזאָגט איגאָר. ער האָט זיך ווי געפֿילט אין עפּעס שולדיק. — אין דער צענטער גוואַרדייִשער האָב איך ניט געדינט.

— אַ שאָד, מיר האָט זיך געדוכט, אַז כ'האָב דיך ערגעץ געזען. ביסט מיר עפּעס זייער קענטלעך. עס טרעפֿט. דו האָסט זיך צערעכנט, פֿאָרסט אַהיים?

— אַהיים.

— וווּהין?

איגאָר האָט אָנגערופֿן זײַן שטאָט.

דער קאַפּיטאַן האָט אױך אַ סוויסטשע געטאָן.

— זייער לאַנג וועט דיר אויסקומען וואַרטן אַף אַ צוג. ס'האָט דיר ניט אָפּגעגליקט. — ער האָט זיך אַרומגעקוקט, און אָנבייגנדיק זיך צו איגאָרן, שטיל געזאָגט: — מע האָט אויפֿגעריסן דעם וועג אַרום כאַרקאָוו. די באַנדיטן אַרודעווען דאָרט. — און אַף אַ קאָל: — איך קאָן דיר געבן אַ בילעט אין קינאָ, אָדער ערגעץ אַנדערש.

— א דאנק, — האָט זיך אָנגערופן איגאָר. — איך האָב דאָ א פרײַנט, וועל איך צו אים צופאָרן. זינט די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן מיר זיך ניט געזען.

— ווי דו ווילסט. נאָר פון אָנהייב גיי אַרײַן אינעם זאַל פאַר מיליטערישע. גיב אָפּ דעם ליטער און נעם א בילעט, און דאַן קאָנסטו פאָרן רויִק ביז אין אָוונט, כאָטש אַף א גאַנצן טאָג.

5

איגאָר האָט זיך ניט געײַלט גיין אין זאַל פאַר מיליטערישע. איצט איז אים פאָרגע-שטאַנען פאָרן צו געגנען. ער איז לאַנגזאַם געגאַנגען איבער דעם וואָקזאַל-פלאַץ, זיך אײַנ-געקוקט אין די מענטשן. אַרום אים האָבן זיך אַלע געײַלט, און ער האָט זיך אַלץ ניט אַנט-שלאָסן פרעגן עמעצן, וויאַזוי קאָן ער זיך דערקלײַבן ביז פושעטשנע.

ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט דער טראַמוויַ «Б», מיט וועלכן ער איז ניט לאַנג געקומען צו פאָרן. די טירן האָבן זיך געעפנט, און די מענטשן זײַנען אַרויס. אייניקע זײַנען אַרויס, אַנדערע — אַרײַן. דער טראַמוויַ האָט געריִרט פון אָרט, און איגאָר איז געבליבן אייגער אַליין. כוץ אים, איז נאָך געשטאַנען אַן אַלטיטשקע מיט אַן אוואָסקע. זי האָט זיך, ווײַזט אויס, אין ערגעץ ניט געײַלט, און איגאָר האָט באַשטימט זיך ווענדן צו איר.

זי האָט אים פאַרוווּנדערט אויסגעהערט און גוטווייליק דערקלערט:

— דו דאַרפסט אַף פושעטשנע, — ס'איז זייער פּאַשעט, מײַן ליבער, פאָר מיטן מעטראָ. ניט אַהין קוקסטו. זעסט א גרויס הויז, וווּהין מענטשן גייען אַרײַן?

— איך זע, איך זע. — איגאָר האָט ערשט איצט דערזען אַפן הויז א בוכשטאַב «M».

— פאָר ביזן צענטער. די גאַס געפינט זיך אין סאַמע צענטער, אַנטקעגן מאָסטאָרג, דאָרט, ווּ עס געפינען זיך רעסטאָראַנען.

— יאָ, יאָ, — האָט זיך איגאָר דערמאָנט, דער רעסטאָראַן „סאַוואָי". ווי האָט ער עס געקאָנט פאַרגעסן? אין דעם רעסטאָראַן איז ער טאַקע געווען מיט געגנען. — א דאַנק, באָ-בעשי, — איצט ווייס איך שוין.

נאָר דער אַלטיטשקער האָט זיך ניט געוואָלט אַוועקגיין.

— קיין פּאַגאָנעס זײַנען ישוין בא דיר ניטאָ, בלויז דער רוקזאַק אַף דער פלייצע, מי-סטאַמע פאַרוווּנדעט? פאָרסט אַהיים?

— אַהיים, — האָט צום וויפלטן מאָל פאַרן טאָג געענטפערט איגאָר.

— הייסט עס, מע האָט זיך אַף דיר דערוואַרט.

איגאָר האָט א ווײַלע געשוויגן. אים האָט זיך איצט ניט געוואָלט אַרײַנלאָזן אין לאַנגע רייד מיט דער אַלטיטשקער און אויסריידן פאַר איר זײַנע צאָרעס.

— מע האָט זיך דערוואַרט. — האָט ער געזאָגט.

— מיר האָבן זיך אויך דערוואַרט. מײַן זון האָט זיך אומגעקערט, געקומען אָן א פוס. נאָר דאַנקען גאָט דערפאַר. שיין א וואָך, ווי ער איז אינדערהיים, און מיר קענען זיך אַלץ צו זאַט ניט אָנקוקן אַף אים. די קינדער, דאָס ווײַב טרעטן פון אים ניט אָפּ, מע קושט זיך, מע האַלדזט זיך. איך שלאָף ניט, איך קוק אַלץ אַף אים. אַזוי לאַנג האָבן מיר געוואַרט. אַזוי געוואַרט. דיך וועט מען אויך אַזוי באַגעגענען. א מאַמע איז בא דיר פאַראַן?

— פאַראַן, פאַראַן, — האָט ער מיט געוואַלד אַרויסגעכריפּעט. ער האָט געפילט, ווי טרערן שטיקן אים. ווען ער פלעגט קומען אַמאָל אַהיים אין אורלויב, פלעגט די מאַמע אויך אָפּשטיין באַנאַכט. וויפל מאָל פלעגט ער זיך אויפכאַפּן און זען די מאַמע לעבן זײַן בעט...

די טאַנקען, די טאַנקען אַף זיי... — עס האָט זיך פון אים געריסן א געשריי, נאָר ער האָט פאַרשטשעמעט די ציין און, אײַנהאַלטנדיק די טרערן, באַדאַנקט דער אַלטיטשקער.

— א דאַנק אײַך, ליבע באָבעשי, א דאַנק.

— פאַר וואָס א דאַנק, טײַערינקער?

מער האָט זיך אים ניט געוואָלט שפּאַצירן, גיין איבערן פלאַץ, ריידן. ער האָט נאָר גע-דאַרפט וואָס גיכער אַרײַנגיין אין זאַל פאַר מיליטערישע, נעמען א בילעט און גלײַך פאָרן צו געגנען.

דער זאַל פאַר מיליטערישע איז מער געווען ענלעך אַף א גרויסן צימער, ווי אַף א וואָקזאַל: א געוויינלעכער באַלקן, פּאָשעטע פענצטער און טירן. איין טיר און איין פענצטער זײַנען געווען געווענדט צום פלאַץ. אַן אַנדער פענצטער און א טיר — צו דער פּלאַטפּאָרמע.

ווען איגאָר איז אַרײַן, איז די טיר, וועלכע איז געווענדט צו דער פּלאַטפֿאָרמע, געווען אָפֿן. בײַ דער פּלאַטפֿאָרמע איז געשטאַנען אַ צוג.

די אָפֿענע טיר, דער צוג בײַ דער פּלאַטפֿאָרמע האָבן וועגן עפּעס דערמאָנט איגאָרן. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער איז שוין אַמאָל דאָ געווען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַרומגעקוקט.

אין זאַל זײַנען געשטאַנען ניט קיין האַרטע בענק, ווי געוויינלעך אין וואָקזאַלן, נאָר לאַנגע, ווייכע דיוואַנען. די דיוואַנען זײַנען געשטאַנען לעבן די ווענט. אויף איינעם פֿון זיי, מיטן פּנים צו דער וואַנט, דעם קאָפּ אויפֿן רוקזאַק, איז געשלאָפֿן אַ מאַנצביל אין אַ שינעל אָן פּאָגאָנעס. לעבן שלאָפֿנדיקן בײַ זײַנע פֿיס זײַנען געזעסן צוויי יינגערע לייטענאַנטן און איבערגעביסן. אויף אַ פֿאַרשפּרייטער צײַטונג איז געשטאַנען אַ פֿלעשל בראָנפֿן. לעבן פֿלעשל איז געשטאַנען אַן עמאַלירט טעפּעלע און אַ פּושקעלע קאָנסערוון. מער גאָרנישט. די יינגערע לייטענאַנטן האָבן איינער נאָכן אַנדערן אַרײַנגערוקט זייערע לעפֿל אין די קאָנסערוון, לויט דער ריי געטרונקען פֿון איין טעפּעלע. זיי האָבן געשוויגן, ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, ניט קוקנדיק איינער אויפֿן צווייטן. אַנטקעגן זיי, פֿון דער צווייטער זײַט, זײַנען געזעסן פֿיר מענטשן. צוויי פֿון זיי האָבן געשוויגן, די אַנדערע צוויי האָבן הויך גערעדט, געלאַכט. אַן אַלטער מאַיאָר מיט אַ פֿאַרזאָרגטן פּנים איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק איבערן זאַל און געריכערט.

אין זאַל איז געווען ווייניק מענטשן, דערפֿאַר איז די פּלאַטפֿאָרמע געווען פֿול. מ׳האָט זיך געײַלט אַרײַנזעצן אין צוג.

איגאָר איז צוגעגאַנגען צום מאַיאָר.

— וווּהין גייט דער צוג?

— קיין קורסק, קיין קורסק, — האָט, ניט אָפּשטעלנדיק זיך, בייז געענטפֿערט דער מאַיאָר.

מיטאַמאָל האָט ער זיך אומגעקוקט אויף איגאָרן און אויסגעשריגן:

— און איך דאַרף דרינגענד פֿאָרן קיין כאַרקאָוו. קיין כאַרקאָוו! אומבאַדינגט! און קיין צוג איז ניטאָ. אײַזנבאַנלער! — ער האָט זיך אויסגעזידלט. — ווען מיר וואָלטן אַזוי מילכאָמע געהאַלטן, ווי זיי אַרבעטן, וואָלטן די דײַטשן לאַנג געווען דאָ.

— מע זאָגט, אַז עפּעס האָט געטראָפֿן, — האָט שטיל זיך אָנגערופֿן איגאָר.

— געטראָפֿן? — איז נאָך מער אויפֿגעבראַכט געוואָרן דער מאַיאָר. — אויפֿן פֿראָנט טרעפֿט יעדע מינוט עפּעס! איר ווייסט דען ניט? — מיט אַ קאַלטן בייזן בליק האָט ער באַטראַכט איגאָרן, נאָר דערזען זײַן פֿאַרווונדעטע האַנט, האָט ער שטיל געפֿרעגט. — וווּהין פֿאָרסטו?

— איך דאַרף נאָך ווײַטער, — האָט איגאָר געענטפֿערט.

— וואָס זשע פֿאַרטיידיקסטו זיי? — דער מאַיאָר האָט ווידער אָנגעהויבן גיין איבערן צימער.

איגאָר האָט אָפּגעזוכט די קאַסע, נאָכאַמאָל באַקוקט דעם צימער. די יינגערע לייטענאַנטן האָבן שוין אויסגעטרונקען דאָס פֿלעשל. איצט זײַנען זיי שווײַגנדיק געזעסן אָנגעשפּאַרט אויפֿן װענטל פֿון דיוואַן, אָפּגעשוואַכטע, ווי זיי וואָלטן ערשט פֿאַרענדיקט אַ שווערע אַרבעט. ער איז צוגעגאַנגען צו דער קאַסע און האָט זיך אין פֿאַרלעגנהײַט אָפּגעשטעלט. דאָס פֿענצטערל איז געווען פֿאַרמאַכט.

— פּרוּוו אָנקלאַפּן, — האָט אים געראַטן איינער פֿון די יינגערע לייטענאַנטן, — זי איז דאָרטן.

איגאָר האָט אָנגעקלאַפּט. דאָס טירל האָט זיך געעפֿנט.

— נו, וואָס קלאַפּט איר? — ער האָט דערהערט אַ בייזע מיידלשע שטים. — איר וועט באַווײַזן, דער צוג וועט נאָך שטיין פֿופֿצן מינוט. „איר וועט באַווײַזן”. איצט האָט ער פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער איז שוין דאָ אַמאָל געווען. פּונקט אַזוי, ווי איצט, איז די טיר געווען אָפֿן, דער צוג איז געשטאַנען בײַ דער פּלאַטפֿאָרמע און דער זעלבער זאַל, ניט קיין הויכער, ניט קיין גרויסער איז פּונקט ענלעך אויף יענעם. אויך דאַן האָט אַ מיידל געמאָלדן: „איר וועט באַווײַזן, דער צוג וועט נאָך שטיין”. דערנאָך האָט זיך באַוויזן יענע פֿרוי...

— וואָס זשע שווײַגט איר? — האָט ער דערהערט דעם מיידלס בייזע שטים הינטערן פֿענצטערל. — אָדער איר קלאַפּט, אָדער איר שווײַגט.

איגאָר האָט איר דערלאַנגט זײַן ליטער.

וואָס קומט מיט אים הײַנט פֿאָר? — האָט ער זיך אַליין געוווּנדערט. אַ גאַנצן טאָג ווײַזט זיך אים עפּעס אויס. אַזוי קאָן מען ווידער אַרײַנפֿאַלן אין האָספּיטאַל.

— וווּהין אײַלט איר? — האָט געזאָגט דאָס מיידל. זי האָט צוגעשטעמפּלט דעם קאָמפּאָסטער. — איר דאַרפֿט דאָך ניט אַף דעם צוג. און ווען וועט קומען אײַערער, ווייסט מען נאָך ניט, עפּשער שפּעט אין אָוונט. נעמט דעם בילעט.

זי האָט אַרויסגעקוקט פֿונעם פֿענצטערל.

— טוט א קוק, יענער שלאָפֿט נאָך. זינט ער האָט גענומען דעם בילעט, שלאָפֿט ער. ער וועט דאָך פֿאַרשפּעטיקן זײַן צוג. וועקט אים אוף.

— וועמען? — האָט איגאָר ניט פֿאַרשטאַנען.

— אָט דעם, וואָס ליגט דאָ אַנטקעגן.

איגאָר איז צוגעגאַנגען צום דיוואַן, זיך אָנגעבויגן איבערן שלאָפֿנדיקן און אָנגעהויבן אים טרייסלען.

— שטיי אוף, דער צוג גייט אַוועק.

יענער האָט זיך אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג און איבערגעדרייט זיך אַף דער פּלייצע.

— דער צוג גייט אַוועק, — האָט איבערגעכאַזערט איגאָר און זיך אויסגעגלײַכט. ער האָט דערזען דאָס פּנים פֿון דעם מענטשן, קיין מויל איז ניט געווען. אָנשטאָט א מויל — א לאָך. פֿון דער לאָך אין בײַדע זײַטן האָבן זיך אויסגעצויגן צו די אויערן, אַזוי ווי פֿײַלן, צוויי רויטע שראַמען. די שראַמען און די לאָך האָבן געמאַכט א שוידערלעכן אײַנדרוק. א מאָדנע גרימאַסע האָט געשוועבט אַפֿן צעקאַליעטשעטן פּנים. מיטאַמאָל האָט איגאָר זיך דערמאָנט דעם טראַמוויי, אַף וועלכן ער איז אַהער געפֿאָרן. דאָס מיידעלע בײַ דער מוטער אַף די הענט, דעם קינדס אויסגעשריי: „זע, דער פֿעטער לאַכט!" יאָ, דאָס איז געווען דער זעלבער, וואָס איז געזעסן פֿאַר אים, אין א שינעל אָן פּאַגאָנעס. אַלע אין טראַמוויי האָבן אַף אים געקוקט. איגאָר האָט איצט פֿאַרשטאַנען, אַז אַלעמען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז יענער לאַכט. די רויטע שראַמען, וואָס האָבן זיך געצויגן אַזש ביז די אויערן, און זײַן צעקאַליעטשעט מויל האָט געשאַפֿן אַזא אײַנדרוק. עס האָט דערמאָנט דעם העלד פֿון וויקטאָר הוגאָס באַוווּסטן ראָמאַן. נאָר באַם העלד פֿון ראָמאַן זײַנען געווען ציינער, און בײַ דעם זײַנען ניט געווען, ניט קיין ציינער, ניט קיין ליפּן. די שפּיץ נאָז איז אויך געווען צעקאַליעטשעט.

די אויגן האָבן זיך געעפֿנט און מיט סינע געקוקט אַף איגאָרן. נאָר אין א ווײַלע אַרום האָבן זיי אויפֿגעלויכטן, און ער איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון אָרט:

— איגאָר גאָנטשאַר! — האָט ער אויסגעשריִען און אַרומגענומען אים. — פֿונוואַנען האָסטו זיך גענומען?

איגאָר האָט פֿאַרלוירן געקוקט אַף יענעמס אויגן. אין דעם צעקאַליעטשעטן מויל, פֿונוואַנען עס זײַנען צו אים דערגאַנגען אומקלאָרע שאַמקענדיקע ווערטער, געקוקט און גאָרנישט ניט פֿאַרשטאַנען.

— איך בין געקומען פֿון האָספּיטאַל, — האָט ער געענטפֿערט.

— איך בין אויך פֿון האָספּיטאַל. זייער גוט, וואָס כ'האָב דיך באַגעגנט. דו ווייסט, איך האָב זיך צו אים פֿונדעסטוועגן דערקליבן!

איגאָר האָט ניט פֿאַרשטאַנען.

— צו וועמען האָסטו זיך דערקליבן?

— צום סנײַפּער.

— צום סנײַפּער? — האָט אַרויסגעבראָמט איגאָר. — צי דען ביסטו עס? דו?

יאָ, דאָס איז געווען יענער שיינער לייטענאַנט מיט די וואָנצעלעך, וועלכן מע האָט געשיקט אַף איגאָרס אָרט, ווען ער איז געגאַנגען א פֿאַרוווּנדעטער פֿון דער פֿאָדער-ליניע. דער, וואָס האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך דערקלײַבן צו דעם סנײַפּער און וועט זיך אָפּרעכענען מיט אים. איגאָר האָט זיך דערמאָנט, ווי מע האָט אַף אים געקוקט אין טראַמוויי, ווי מע האָט זיך געסטאַרעט, ער זאָל ניט באַמערקן, וואָס פֿאַר א שוידער עס רופֿט אַרויס זײַן אויסזען. ער האָט דאָך אַזוי ליב געהאַט צו ריידן וועגן פֿרויען, דערציילן וועגן זײַן דערפֿאָלג בײַ זיי. וועלכע פֿרוי וועט אים איצט ליב באַקומען?

— איר האָט זיך באַגעגנט? — האָט געפֿרעגט דער מאַיאָר. ער איז איצט געשטאַנען לעבן זיי.

— יאָ, זיך באַגעגנט, — האָט געענטפֿערט איינער פֿון די יונגע לייטענאַנטן, דער, וואָס האָט געראָטן איגאָרן אָנקלאַפּן אין פֿענצטערל. — און מיר האָבן זיך באַגעגנט.

— וואָס זשע שטייט איר? — האָט אויסגעשריִען די קאַסירשע. — ער וועט דאָך פֿאַרשפּעטיקן. — דאָס בייזע מיידל האָט זיך זייער באַאומרויִקט, ער זאָל ניט פֿאַרזאַמען. — גייט אַף דער פּלאַטפֿאָרמע!

— יאָ, טאקע, גייט, — האָט געזאָגט דער מאַיאָר. איר וועט זיך אָנריידן לעבן צוג. עס איז נאָך געבליבן א מינוט זיבן.

פאר די זיבן מינוט, וואָס זיי זײַנען געשטאנען לעבן וואגאָן, האָט אים דער לייטענאנט דערציילט, וויאזוי זיי האָבן זיך צערעכנט מיטן סנײַפּער. נעקאָמע גענומען פאר אים, איגאָרן, און פאר אלע דערהארגעטע און פארוווּנדעטע.

ער האָט דערציילט, אז אין יענעם טאָג זײַנען זיי אוועק אין אָנגריף, און ער, דער לייטענאנט, דער קאָמאנדיר פון דער ראָטע, וואָס האָט פארביטן איגאָרן, מיטן פארבינדלער און אָרדינארעץ האָבן זיך דערקליבן צו יענעם טאנק.

עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זיי זײַנען געווען זאלבעצווייט: דער סנײַפּער און א צווייטער, וואָס האָט נאָכגעשפּירט. זיי האָבן שוין ניט געשאָסן, זיי זײַנען געזעסן שטיל, פארטײַעט. ווען מע האָט זיי ארויסגעשלעפּט פון טאנק, האָט דער סנײַפּער אופגעהויבן די הענט און געבעטן, מע זאָל זיך דערבארעמען אף זיי: „קינדער, פראו!"

דער לייטענאנט איז געשטאנען לעבן וואגאָן און מיט ווייטיק פאָרגעזעצט:

— „קינדער, פראו"... און אף דער ביקס איז בא אים אָפּגעמערקט, וויפל אונדזערע ער האָט דערשאָסן, דער אויסוואורף. אונדזער טאָסיע, די סאניטארקע, האָט ער אויך דערהארגעט, אין דעם זעלבן טאָג, ווען מע האָט פארוווּנדעט איגאָרן.

איגאָר איז פארוווּנדעט געוואָרן, ווען ער האָט געפּויזעט מיט איינעם פון זײַנע פארבינדלער פונעם ראָטנעם אָקאָפּ צו דער פאָדער-ליניע. ביז דער פאָדער-ליניע איז געווען אײַנגאנצן פּופּציק מעטער. אָבער אָט די פּופּציק מעטער האָט מען געדארפט דורכפּויזען איבער א בלאָטיקן פלאכן שטעקל. די דײַטשן, דערוואַרטנדיק אונדזער אָנגריף, האָבן געשאָסן פון אלע מינים געווער.

זיי האָבן שוין דורכגעמאכט א האלבן וועג, ווען איגאָר האָט דערזען, אז זיי אנטקעגן פּויזעט א סאָלדאט.

— וווּהין טראָגט דיך? — האָט ער אים געפרעגט. דער סאָלדאט האָט געפּויזעט פון דער פאָדער-ליניע.

— איך בין פארוווּנדעט, — האָט געענטפערט דער סאָלדאט. זײַן פּאָנעם איז געווען אין בלאָטע.

איגאָר האָט געוואָלט פרעגן דעם סאָלדאט, וווּהין האָט אים געטראָפן די קויל, נאָר מיטאמאָל האָט ער באמערקט, אז לעבן דעם סאָלדאטס קאָפּ — פון רעכטס, פון לינקס שפּרינגען ארויס פאָנטאנען שמוץ. „ער שלעפּט נאָך זיך דעם סנײַפּער" — האָט א קלער געטאָן איגאָר. אין דעם מאָמענט איז דער סאָלדאט אומגעפאלן מיטן פּאָנעם אין דער בלאָטע, די קויל האָט געטראָפן אין קאָפּ. איגאָר האָט זיך א ריס געטאָן אינדערהייך, און דאָס האָט אים געראטעוועט. ווען דער סנײַפּער האָט דערזען, אז איינער איז אומגעפאלן, איז ער געווען זיכער, אז ער איז טויט, האָט ער טייקעף אויסגעשאָסן אין איגאָרן, נאָר איגאָר איז אזוי הויך אונטערגעשפּרונגען, אז די קויל, וועלכע איז געצילט געווען אין זײַן קאָפּ, האָט געטראָפן ניט אין קאָפּ, נאָר אין האנט.

— מע האָט מיך פארוווּנדעט, — האָט ער געזאָגט דעם פארבינדלער.

— מיך אויך, — האָט יענער געענטפערט.

דעם פארבינדלער האָט איגאָר מער ניט געזען. יענער איז אוועקגעלאָפן.

איגאָר איז געבליבן אליין. זעענדיק דעם ארום, ווי דורך א נעפּל, האָט ער דאָך מיט איבערמענטשלעכע קויכעס אָנגעשטרענגט דעם באוווּסטזײַן. ער האָט געוווּסט, אז דער סנײַפּער זעט זײַן ציל אין א קליינינקן קרײַז. אין דעם קרײַז געפינט זיך איצט איגאָר. דער סנײַפּער זעט אים און קען נאָכאמאָל אויסשיסן. איידער יענער וועט עס טאָן, דארף ער פונדאנען פארשווינדן.

איגאָר האָט זיך אָנגעהויבן קײַקלען פון איין זײַט אף דער אנדערער, אלץ ווײַטער פונעם אָרט, ווו עס האָט אים געטראָפן די קויל.

טאָסיען האָט דער סנײַפּער דערהארגעט, ווען זי האָט איבערגעבונדן איגאָרס וווּנד. די קויל האָט געטראָפן גלײַך אין הארצן. זי איז שטיל אומגעפאלן. דער בינט איז ארויסגעפאלן פון אירע הענט.

ווען דער לייטענאנט, וואָס האָט פארביטן איגאָרן, איז געקומען אין ראָטע, איז טאָסיע נאָך געלעגן. זי איז געווען טויט. די פיס אונטער זיך, אזא קליינינקע. עס האָט זיך ניט געגלייבט, אז זי איז טויט.

— זי איז דאָך געווען אזוי יונג, — האָט דער לייטענאנט טרויעריק געזאָגט.

— דעם סנײַפּער האָסטו דערהארגעט? — האָט געפרעגט איגאָר.

— איך האָב אים ניט געוואָלט דערהאַרגענען. כ'האָב אים געוואָלט אוועקשיקן אין שטאַב. ער האָט אופגעהויבן די הענט, דער אויסוואורף. איך האָב אים נאָר געוואָלט געבן אין מאָרדע, אין די ציין. ער האָט דאָך אַלץ געזען, ווען ער האָט געשאָסן אין טאַסיען.
— האָסט אים געגעבן אין מאָרדע? — האָט געפרעגט איגאָר.
— פאַרשטייט זיך.
— ווער זשע האָט אים דערהאַרגעט?
— די סאָלדאַטן. דער פאַרבינדלער און דער אָרדינאַרעץ. איך האָב אים געגעבן אין די ציין, און זיי האָבן אים דערלאַנגט פון אווטאָמאַטן.
— ווו האָט מען דיך פאַרוווּנדעט? — האָט איגאָר געפרעגט.
— מע האָט מיך פאַרוווּנדעט אין דער זעלבער שלאַכט. דער שפּליטער האָט געטראָפן אין מויל. אין די האָספּיטאַלן האָט מען מיר פאַרנייט דאָס פּאָנעם, נאָר ציין האָט מען מיר נאָך ניט ארײַנגעשטעלט. — ער האָט ארײַנגערוקט א פינגער אין מויל, באַטאַפּט די יאַסלעס און צוגעגעבן: — דערווײַל איז נאָך פרי. אין א יאָר ארום וועט מען ארײַנשטעלן. איצט פאָר איך אהיים. אין אָריאָל. — זײַנע אויגן האָבן מיט טרויער געקוקט אף איגאָרן. — איך פאָר אין מײַן היימשטאָט. זאָג דעם עמעס, איך זע אויס שרעקלעך?
איגאָר האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי ער וואָלט זיך פילן שולדיק אין עפּעס.
— נו, וואָס רעדסטו? — האָט ער געענטפערט.
עס האָט זיך דערהערט א הודאָק פונעם לאָקאָמאָטיוו.
— איגאָר, איגאָר! — האָט אויסגעשריִען דער לייטענאַנט. ער האָט געטרייסלט איגאָרס האַנט. — מיר האָבן זיך באַגעגנט!.. איגאָר, איגאָר! — האָט ער אַלץ געשריִען, שטייענדיק שוין אין טיר פונעם אָפּגייענדיקן צוג.
איגאָר איז געשטאַנען, געפאָכעט מיט דער האַנט. מיטאַמאָל האָט ער זיך געגעבן א ריס פאָרויס. ווי זשע רופט מען אים? דימע? און עפּשער סאַשע?

6

נאָך דער באַגעגעניש מיטן לייטענאַנט האָט זיך בא איגאָרן פאַרבעסערט די שטימונג. ער איז געווען זיכער, אז דאָס איז די טרעפונג, אף וועלכער ער האָט געוואַרט. אָט די אומדערוואַרטע באַגעגעניש, האָט איגאָר געהאַלטן, איז א גוטער סימען. ס'האָט זיך אים פאַרוואָלט דורכשפּאַצירן, א קוק טאָן מאָסקווע. צײַט איז בא אים געווען א סאַך.
ער איז ארויס פון מעטראָ אף דעם רעוואָליוציע-פּלאַץ און האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט געוווּסט, אז ער געפינט זיך אין צענטער פון מאָסקווע און ערגעץ גאָר נאָענט דאַרף זײַן דער רויטער פּלאַץ. עס האָט זיך אים אָבער ניט געוואָלט ווענדן זיך צו עמעצן, ער האָט אליין געוואָלט אַלץ געפינען. ער האָט דאָך ניט איין מאָל געזען אָט די פּלעצער אף פאָטאָגראַפיעס, אין קינאָ, געלייענט וועגן זיי און האָט אמאָל מיט געגנען דאָ שפּאַצירט.
ער האָט אויך דערזען א בנין מיט קאָלאָנעס, מיט פיר פערד פון אויבן און דערקענט דעם גרויסן טעאַטער. איגאָר האָט געדענקט, אז ערגעץ נאָענט פונעם גרויסן טעאַטער דאַרף זײַן נאָך איין טעאַטער, אָבער דערנעבן האָט ער דערזען נאָר צוויי בנינים — איינעם א גרויסן, מיט הויכע פענצטער, און א צווייטן — א נידעריקן, לאַנגן בנין.
אינעם גרויסן בנין זײַנען אומופהערלעך ארײַן און ארויס מענטשן. גיכער פון אַלץ, ווי ער האָט פאַרשטאַנען, איז עס געווען א מאַגאַזין. וואָס זשע האָט זיך געפונען אין דעם לאַנגן, נידעריקן בנין? עס האָט זיך ניט געגלייבט, אז דאָס איז דער קלײנער טעאַטער. ער האָט גאָרנישט ניט געדענקט, כאָטש ער ווייסט אף זיכער, אז ער איז דאָ געווען. פאַר דער צײַט האָט ער אַזויפיל איבערגעלעבט, אז אין זײַן זיקאָרן האָט זיך אַלץ פאַרפּלאָנטערט.
אפּאָנעם, אז דער גרויסער בנין איז דער מאָסטאָרג, דער גרעסטער מאַגאַזין אין מאָסקווע, און די פּושעטשנע גאַס דאַרף זײַן ערגעץ דערנעבן. ער האָט באַשטימט צוגיין אף פּושעטשנע עטוואָס שפּעטער, און דערווײַל נאָך א ביסל שפּאַצירן. ער האָט דערזען דעם היסטאָרישן מוזיי. איצט האָט ער שוין געוווּסט, ווו עס געפינט זיך דער רויטער פּלאַץ.
איגאָר איז זיך לאַנגזאַם דורכגעגאַנגען איבערן פּלאַץ, זיך אָפּגעשטעלט באַם לענין-מאַוואָלײ. ער האָט זיך געלאָזט אראָפּ און איז ארויס פון אַן אַנדער זײַט פון היסטאָרישן מוזיי אפן מאַניעזש-פּלאַץ.
דעם פּלאַץ האָט איגאָר אויך דערקענט. דאָ דאַרף זײַן דער מאָסקווער אוניווערסיטעט:

«МГУ». ער איז אַ רגע געשטאַנען און באַשטימט צוגיין נעענטער צום אוניווערסיטעט. דער בנין, אַ פּאַראָקטער אין הויף, הינטער אַנדערע בנינים, האָט אויסגעזען אַ סך קלענער, ווי אויף די פּאַטאַס. אין סקווער, אַ פּאַרשאָטענעם מיט שניי, זײַנען איבער די אײַנגעטאַפּטשעטע סטעזשקעס געגאַנגען באַכורים און מיידלעך, איינציקווײַז און פּאָרלעכווײַז. ער האָט אויך באַגעגנט פריילעכע קאָמפּאַניעס, וואָס האָבן זיך האַסטיק געטראָגן איבער די טרעפּ. איגאָרן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלע זײַנען זיי זעלבסטצופרידענע, זאָרגלאָזע, פריילעכע סטודענטן, און אַ שווער געפיל האָט צונויפגעדריקט זײַן האַרץ. אין פאַרגלײַך מיט דער יוגנט, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, איז ער שוין ניט יונג, אים איז שוין אַכט און צוואַנציק יאָר. און ניט נאָר איצט, נאָר אויך פריִער, מיט אַ יאָר, מיט צוויי, מיט דרײַ יאָר צוריק — האָט ער זיך שוין ניט געפילט, ווי אַ יונגער — די מלחמה האָט אָפּגעווישט זײַן יוגנט, אָפּגעווישט זײַנע בעסטע יאָרן... מיט אומעטיקע אויגן האָט ער געקוקט אויף די סטודענטן.

און די סטודענטן זײַנען אַלץ געגאַנגען און געגאַנגען. אויף אייניקע פון זיי זײַנען געווען אַזוינע שינעלן, ווי בײַ אים, אָן פּאַגאָנעס. איינער פון זיי איז דורכגעגאַנגען פאַרבײַ אים און מיטאַמאָל אומגעקערט זיך אויף צוריק און זיך אָפּגעשטעלט. איגאָר האָט באַמערקט, אַז ער הינקט. ער האָט דערהערט ווי עס סקריפּעט אַ פּראָטעז.

— דו קוקסט? — האָט ער געפרעגט. בײַ אים איז געווען אַ שמאָל, איידל פּאָנעם. זײַנע קלוגע אויגן האָבן מיט פאַרשטאַנד געקוקט אויף איגאָרן.

— יאָ, גלאַט אַזוי... — האָט געענטפערט איגאָר. — כ'בין פאַרבײַגעגאַנגען און אָפּגעשטעלט זיך.

— וואָס זשע האָסטו זיך אָפּגעשטעלט. גיי אַרײַן.

— וווּהין?

— אין אוניווערסיטעט.

— אין אוניווערסיטעט? — האָט איבערגעפרעגט איגאָר. אים איז עס אפילו ניט אײַנגעפאַלן, — צוליב וואָס?

אַ רגע האָט דער סטודענט שווײַגנדיק דורכגענומען אים מיט זײַן שאַרפן בליק.

— ביסט ערשט אַרויס פון האָספּיטאַל? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ. מע האָט מיך אויסגעשריבן.

— און איצט וואָס קלײַבסטו זיך טאָן?

— אַהיים. אויף אוקראַינע.

— וועמען האָסטו דאָרטן?

— קיינעם ניט.

— וואָס זשע וועסטו דאָרט טאָן, ווי וועסטו לעבן?

— ווי-ניט-איז. ס'לעבן דאָך דאָרט מענטשן.

— יאָ, יאָ...

דער סטודענט האָט זיך פאַרטראַכט.

— ביסט אַ לייטענאַנט? — האָט ער געפרעגט.

— אַן עלטערער.

— אַ קאָמאַנדיר פון אַ ראָטע?

— יאָ, פון אַ ראָטע.

— און וואָס האָסטו געענדיקט ביז דער מלחמה?

די פראַגן האָט ער פאַרגעבן גיך, ווי אויסגעשאָסן.

— פריִער האָב איך פאַרענדיקט צען קלאַסן, דערנאָך אַ מיליטערישע שול. — איגאָר האָט געענטפערט לאַנגזאַם. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, צוליב וואָס האָט זיך אָט דער אומבאַקאַנטער סטודענט אָפּגעשטעלט לעבן אים און פאַראינטערעסירט זיך מיט זײַן גורל.

— אַלץ פאַרשטענדלעך... — האָט געזאָגט דער סטודענט און אַנשוויגן געוואָרן. דאָס מאָל האָט ער לאַנג געטראַכט.

— אָט וואָס, — האָט ער סאָפּקאָלסאָף געזאָגט, — לאָמיר זיך באַקענען. ווי רופט מען דיך?

איגאָר האָט אַ פאַרוווּנדערטער געקוקט אויף אים. צוליב וואָס דאַרף ער עס?

— לאָמיר, — האָט ער אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס, — מיך רופט מען איגאָר. איגאָר גאָנטשאַר.

— הייסט עס, זײַנען מיר מיט דיר טיאָזקעס. איך הייס אויך איגאָר. איגאָר איוואָלעוו — אַ פּאָשעטע רוסישע פאַמיליע.

— נו, גוט, כ'וועל פֿאַרגעדענקען. איוולעוו. און וואָס ווײַטער? דו וועסט גיין אין אוניווערסיטעט, און איך וועל אוועקפֿאָרן אין אוקראַינע.

— דו וועסט אויך גיין אין אוניווערסיטעט.

— צוליב וואָס? — האָט אויסגעשריִען איגאָר. — איך פֿאַרשטיי ביכלאַל ניט, אַזויפֿיל מענטשן זײַנען פֿאַרבײַגעגאַנגען און קיינער האָט אויף מיר קיין אכט ניט געלייגט, און דו שטייסט צו מיר צו. שלעפּסט מיך אין אוניווערסיטעט.

— כ'האָב געפֿונען נאָך אַן איגאָר.

— איך פֿרעג דיך ערנסט.

— איך ענטפֿער דיר אויך ערנסט: נאָך אַ נאַר געפֿונען.

— נאָך אַ נאַר? — האָט איבערגעפֿרעגט איגאָר.

— נו, יאָ, נאָך איינעם. אַ צווייטן נאַר געפֿונען.

— און ווער איז געווען דער ערשטער?

— דער ערשטער בין איך.

איגאָר האָט שווײַגנדיק געקוקט אויף אים.

— נו, גענוג, — האָט איוולעוו איבערגעריסן, — שפּעטער וועסטו פֿאַרשטיין. קום.

— וואָס האָסטו זיך צו מיר צוגעטשעפּעט? — האָט ווידער אויסגעשריִען איגאָר. — וואָס וועל איך אַהין גיין, וואָס וועל איך דאָרט טאָן?

— וועסט זען שיינע מיידלעך.

— מיידלעך זע איך דאָ אויך.

— אָט וואָס, — איוולעוו האָט אַ קוק געטאָן אויף זײַן האַנטזייגער. — אין אַ שאָ אַרום איז בײַ מיר אַ זאַטשאָט. איך דאַרף נאָך איניקע פֿראַגן דורכקוקן, איבערכאַזערן. צוליב דעם בין איך אַהער געקומען מיט אַ שאָ פֿריִער, און דו פֿאַרהאַלטסט מיך. דו ווילסט, איך זאָל דורכפֿאַלן אויפֿן זאַטשאָט?

„וואָס האָט ער זיך צוגעטשעפּעט צו מיר, — האָט מיט כּעס געקלערט איגאָר. — איך פֿאַרהאַלט אים"...

— ווי וועל איך אַהין גיין מיטן רוקזאַק? — האָט ער שוין שטילער געפֿרעגט.

— דאָס מאַכט ניט אויס. מע האָט דאָרט לעצטנס געזען פֿאַרשיידנס. נאָר אויב דו שעמסט זיך, וועל איך טראָגן דײַן רוקזעקל.

— כ'וועל אַליין טראָגן. קום.

אויפֿן צווייטן שטאָק אין קאָרידאָר האָט זיך איוולעוו אָפּגעשטעלט.

— דו וואַרט דאָ צו, לעבן פֿענצטער, און איך וועל אַרײַן אין קאַבינעט. איך וועל דיך באַקאַנען מיט אַ פּראָפֿעסאָר. ער הייסט דמיטרי דמיטריִעוויטש.

— אַ פּראָפֿעסאָר? — האָט זיך פֿאַרוווּנדערט איגאָר. — וואָס האָסטו אויסגעקלערט?

— האָב קיין מורא ניט. ער איז אַן אונדזעריקער, אַ פּראָנטאָוויק, אַן אָפּאָלטשעניעץ. איך בין מיט אים געלעגן אין האָספּיטאַל. וואַרט דאָ צו, שטיי און קוק אויף די מיידלעך. זע, סאַראַ מיידלעך. איך וועל זיך באַלד אומקערן.

איגאָר האָט זיך אַרומגעקוקט. מיידלעך זײַנען טאַקע געווען אַ סך, זייער יונגע, איי־ניקע גאָר יונגע, גלײַך פֿון דער שול־באַנק. מאַנצבילן זײַנען געווען זייער ווייניק.

דאָס רוקזעקל האָט איגאָר אוועקגעלייגט אויפֿן פֿענצטער, פֿאַרשטעלנדיק עס מיט דער פּלייצע. נאָר דאָס רוקזעקל איז געווען אַ היפּשס און עס האָט זיך אַרויסגעזען פֿון הינטער זײַן פּלייצע. די מיידלעך האָבן געקוקט מיט נײַגער אויף איגאָרן, אויפֿן רוקזעקל. איגאָר האָט זיך געבייזערט. וואָס קוקן זיי אויף מיר? זיי מיינען, מיסטאַמע, אַז איך בין אַ העלד, ערשט פֿון פֿראָנט, ווו זשע איז איוולעוו? ווו איז ער פֿאַרפֿאַלן געוואָרן? איוולעוו איז אַרויס פֿון קאַבינעט, זיך אָפּגעשטעלט לעבן איגאָרן.

— דו קוקסט? — האָט ער געפֿרעגט, ווי דעם ערשטן מאָל, ווען זיי האָבן זיך נאָר באַגעגנט. — קוקסט אויף מיידלעך? און אויף די באָכערים קוקסטו ניט? קוק זיך אײַן און גיב אַ קלער.

— וועגן וואָס דאַרף איך קלערן? — האָט געפֿרעגט איגאָר.

ס'האָט זיך געעפֿנט די טיר פֿון קאַבינעט.

— דמיטרי דמיטריִעוויטש, — האָט שטיל זיך געווענדט איוולעוו און געמאַכט עטלעכע טריט אים אַנטקעגן.

— יאָ, איגאָר, וואָס האָסטו מיך אַרויסגערופֿן?

— אָט, כ'האָב צו אײַך געבראַכט נאָך אַ פֿאַרוואָגלטע נעשאָמע, דערקלערט אים, וואָס ער האָט צו טאָן, ווי איר האָט מיר דאַן אונטערגעזאָגט.

דמיטרי דמיטריעוויטש האָט אופמערקזאם געקוקט אף איגאָרן. איגאָרן האָט זיך אויסגעוויזן, אז דמיטרי דמיטריעוויטש איז ניט ענלעך אף א פּראָפעסאָר. ביז איצט האָט איגאָר געזען נאָר איין פּראָפעסאָר — שאפּאָוואלאָוון, און אויך שאפּאָוואלאָוו האָט, לויט זײַן מיינונג, ניט אויסגעזען ווי א פּראָפעסאָר. איגאָר האָט זיך פאָרגעשטעלט א פּראָפעסאָר אן אלטיטשקן, מיט אן אקוראט אונטערגעשוירן בערדל, מיט גאָלדענע ברילן. דמיטרי דמיטריעוויטש איז ניט געווען קיין אלטער מאן, בא די פופציק. די האָר זײַנען געווען שווארץ, געדיכט, קיין שום באָרד האָט ער ניט געטראָגן. ער איז געווען ריין געגאָלט, געטראָגן ברילן, אָבער ניט מיט קיין גאָלדענע רעמלעך. דורך די ברילן האָט ער אופמערקזאם געקוקט אף איגאָרן.

— איר פארשטייט, דמיטרי דמיטריעוויטש, — האָט אָנגעהויבן איוולעוו, — איך בין צוגעגאנגען צום אוניווערסיטעט און דערזען אים, — ער האָט אָנגעוויזן אף איגאָרן. — ער שטייט און קוקט, און די אויגן זײַנען אזוינע טרויעריקע, ווי בא מיר אין האָספּיטאל. אזוי זעען אויס מענטשן אף א לעוויַע. איר געדענקט, איר האָט מיר דאַן אזוי געזאָגט. איך האָב אף אים א קוק געטאָן און דערקענט אין אים זיך, דעם פריִערדיקן. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, פארגעבן אים עטלעכע פראגן און אלץ זיך דערוווּסט. ער האָט געענדיקט א צעניאָריקע שול, דערנאָך א מיליטערישע שול. אפן פראָנט איז ער געווען א קאָמאנדיר פון א ראָטע. אלס אינוואליד האָט מען אים איצט באפרײַט פון מיליטער-דינסט, און ער האָט באשטימט פאָרן אהיים אף אוקראַינע. פון דאָרט זײַנען ערשט אוועק די דײַטשן. אלץ איז רויִנירט, אלץ ליגט אין ברוכשטיקער. דאָרט איז בא אים קיינער ניט פארבליבן. אלע זײַנע אייגענע האָבן אומגעבראכט די פאשיסטן. איך האָב אים געפרעגט, ווי וועט ער דאָרט לעבן, האָט ער מיר געענטפערט: „ווי-ניט-איז". איר פארשטייט, דמיטרי דמיטריעוויטש, — האָט אויסגעשריִען איוולעוו, — שרעקלעכע ווערטער „ווי-ניט-איז". אָן א ציל, אָן א באָדן, א זומפּ, אין וועלכן ער וועט דערטרונקען ווערן.

— אנדערע לעבן דאָך, — האָט ווידער געזאָגט איגאָר.

— אנדערע? וואָס גלײַכסטו זיך צו אנדערע. בא אנדערע זײַנען פאראן הענט, פיס. פארוואָס האָט מען דיך אראָפּגענומען פון מיליטערישן דיסקאָנט?

— די האנט, — איגאָר האָט אופגעהויבן די לינקע האנט. — זי איז קירצער פון דער רעכטער אף דרײַ סאנטימעטער.

— אָט זעסטו, ביסט דאָך אן אינוואליד. קיין ספּעציאליטעט האָסטו ניט, קיין זאַך קענסטו ניט, נאָר שיסן. נאָר דו האָסט שוין דײַנס אָפּגעשאָסן, האָב איך אים פארשלעפּט אהער. — האָט זיך איוולעוו געווענדט צו דמיטרי דמיטריעוויטשן, — כ'האָב אים געבראכט צו אײַך. כ'האָב אים, פארשטייט זיך, אליין געקאָנט אונטערזאָגן, וואָס ער דארף טאָן, — וועט ער מיך דאָך ניט הערן. אין אויסשפּיר וואָלט ער, מיסטאמע, מיט מיר געגאנגען, וואָלט אײַנגעשטעלט זײַן לעבן, אָבער וויאזוי ער דארף לעבן, וואָס פאר א וועג ער דארף אויסקלײַבן — דאָס ניט. ער וועט מיך ניט הערן.

— יאָ, — האָט שטיל און ערנסט געזאָגט דמיטרי דמיטריעוויטש, — דאָס האָסטו ריכטיק געזאָגט, ווײַל וויאזוי לעבן, וועלכן וועג אויסקלײַבן אין לעבן איז אמאָל א סאך שווערער, איידער גיין אפן זיכערן טויט.

— יאָ, יאָ, דמיטרי דמיטריעוויטש, — איז מאסקים געווען איוולעוו, — אי שווערער, אי קאָמפּליצירטער. איבערהויפּט, ווען מע דארף אָנהייבן אלץ פון אָנהייב. מיר זײַנען דאָך אָפּיצערן! — האָט ער געזאָגט. — און וועלכע אָפּיצערן — העלדישע! און ווערן מיטאמאָל סאָלדאטן, געוויינלעכע סאָלדאטן? און די פארוואנדלונג אונדזערע הענגט אָפּ פון אונדז אליין. איר, איר געדענקט, דמיטרי דמיטריעוויטש, וואָס פאר א נאר איך בין געווען? וויפל איר האָט זיך מיט מיר געייסעקט? ארײַנגעקלאפּט אין מײַן נארישן קאָפּ... — ער איז מיטאמאָל אנשוויגן געוואָרן, א קוק געטאָן אפן זייגער און מיט שרעק אויסגעשריִען. — דער וואטשאָט!

— דו האָסט ווידער אָפּגעברענט, איגאָר? — האָט געפרעגט דמיטרי דמיטריעוויטש. אָנבייגנדיק דעם קאָפּ אין א זײַט, האָט ער געקוקט אף איוולעוון עטוואָס איראָניש.

— אָפּגעברענט, דמיטרי דמיטריטש, נאָר, בישקאָשע, ניט דעם ערשטן מאָל. ווי-ניט-איז. איר זעט, איך זאָג אויך „ווי-ניט-איז". נאָר עטלעכע ווערטער, און דאן וועל איך אײַך איבערגעבן דאָס וואָרט. אָט איז איגאָר, ער הייסט אויך איגאָר.

— אזוי גאָר! האָבן מיר נאָך אן איגאָר.

— יאָ, כ'האָב אים שוין געזאָגט: נאָך א נאר, ניין, ניין, דמיטרי דמיטריטש! ער וועט זיך ניט באלײדיקן. מיר זײַנען מיט אים אייגענע. מיטן טויט זײַנען מיר מיט אים אויך געווען אייגענע. טויזנטער מאָל האָבן מיר געקענט אומקומען, איבערגעלעבט פארשיידענע שוידערן.

עמעס, איגאָר, עמעס? — ער האָט, ניט אָפּווענדנדיק די אויגן, געקוקט אַף איגאָרן. — און אויב ס'איז עמעס, ווי זשע ווילסטו לעבן ווי־ניט־איז? און וווּ איז דײַן אײַגנליבע, די אײַגנליבע פֿון א פּראַנטאָוויק, די אײַגנליבע פֿון א געוואַגטן אָפּיצער?

— וווּ איז מײַן אײַגנליבע? — האָט געפֿרעגט איגאָר. ער איז געווען בלייך, אופֿגערעגט. — דו האָסט געזאָגט, איצט וועל איך זאָגן. איך האָב שוין לאַנג פֿאַרשטאַנען דײַן גאַנצע סטראַטעגיע און טאַקטיק. כאָטש איך בין א נאַר, ווי דו האָסט זיך אויסגעדריקט, און אַפֿילע ניט דער ערשטער, נאָר דער צווייטער, נאָר איך האָב פֿאַרשטאַנען.

— זעט איר, איגאָר, — האָט מיט שרעק געזאָגט איוולעוון דער פּראָפֿעסאָר.

— ניין, ניין, דמיטרי דמיטריטש, — האָט זיך נאָך מער איבערגעשראָקן גאָנטשאַר. — זײַט רויִק. איך האָב זיך אַף אים ניט באַליידיקט, ער איז גערעכט. מיר זײַנען טאַקע נאָענטע, נו, אַזויווי קרויווים. נאָר פֿונדעסטוועגן פֿאַרשטיי איך ניט. איך זע אים צום ערשטן מאָל. צוליב וואָס האָט ער עס אַלץ פֿאַרקאָכט? געצוווּנגען מיך קומען אַהער, אײַך, דמיטרי דמיטריטש, אָפּגעריסן פֿון וויכטיקע איניאַנים, געפּאַטערט אַזויפֿיל צײַט, צעיאַטערט די ווונדן, מיר, זיך, אײַך, דמיטרי דמיטריטש. צוליב וואָס? אונדז, פּראַנטאָוויקעס, איז דאָך אַזוי גרינג צעיאַטערן די ווונדן. בא אונדז זײַנען זיי נאָך פֿריש, זיי האָבן זיך נאָך ניט פֿאַרהיילט. צוליב וואָס, צוליב וואָס? — איגאָר האָט געקוקט אַף איוולעוון, — דו האָסט דאָך געקענט זאָגן מיר גלײַך אַפֿן גאַס, אַז איך דאַרף זיך לערנען, ווערן א סטודענט.

— ער איז, דאַכט זיך, גערעכט, איגאָר, — האָט געזאָגט דמיטרי דמיטריטש. — ער פֿאַרשטייט אַלץ.

— גאָרנישט פֿאַרשטייט ער ניט, — האָט ווי אָפּגעשניטן איוולעוו. — איך האָב ניט פֿאַרשטאַנען, און ער פֿאַרשטייט ניט. וואַרט אויס, דמיטרי דמיטריטש, ער וועט נאָך זאָגן.

— יאָ, יאָ, — האָט גאָנטשאַר געזאָגט, — דו ביסט גערעכט, איך האָב ניט געטראַכט וועגן לערנען זיך. אויך איצט פּאַטויפּעט זיך ניט אין קאָפּ...

— איר הערט, איר הערט, דמיטרי דמיטריעוויטש! — האָט אויסגעשריִען איוולעוו.

דמיטרי דמיטריעוויטש האָט געשוויגן. ער האָט זיך פֿאַרטראַכט און געקוקט אָט אַף איינעם, אָט אַף דעם צווייטן. „צוויי איגאָרן, — האָט ער געקלערט, — ערשט זיך באַקאַנט און גלײַך זיך באַפֿרײַנדעט. סימפּאַטישע, ווילדע בעווריע".

— איך האָב געוווּסט, געוווּסט, אַז ער וועט אַזוי זאָגן, — האָט איוולעוו איבערגעכאַזערט.

— דו האָסט גאָרנישט ניט געוווּסט! — האָט אויסגעשריִען איגאָר. — איך וועל זאָגן, איך וועל אַלץ זאָגן, לאָמיר אָנהייבן פֿון אָנהייב, ווי איך בין געשטאַנען אַפֿן גאַס. כ'ווייס ניט, וואָס האָסטו דערזען אין מײַנע אויגן. נאָר מיר איז טאַקע דאַן געווען טרויעריק. איך האָב געקלערט וועגן דעם, אַז מיר איז שוין אַכט און צוואַנציק יאָר...

— אַכט און צוואַנציק? — האָט געפֿרעגט דמיטרי דמיטריעוויטש ערנסט.

איוולעוו האָט ווידער מיט קאַס אויסגעשריִען:

— ווי געפֿעלט עס אײַך? אַן אַלטער מאַן. אים איז אַכט און צוואַנציק יאָר! איך האָב געוווּסט, אַז ער וועט פֿון דעם אָנהייבן.

— דו האָסט פֿאַרגעסן, אַז אַפֿן פֿראָנט רעכנט זיך איין יאָר פֿאַר צוויי? — האָט געפֿרעגט איגאָר.

— ריכטיק, עס ווערט פֿאַררעכנט. און דאָס איז אַפֿילע אַמאָל ווייניק. עס זײַנען געווען אַפֿילע אַזעלכע טעג, וואָס האָבן זיך געצויגן ווי א יאָר.

— אָט זאָגסטו דאָך אַליין.

זיי זײַנען געשטאַנען איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, צוויי איגאָרן, און זיך געאַמפּערט. דמיטרי דמיטריעוויטש האָט געשוויגן. ער האָט נאָר געקוקט אַף זיי.

— איך זאָג גאָרנישט, — האָט אָפּגעשניטן איוולעוו. — דו ביסט שוין אַן אַלטער מאַן און ס'איז שוין שפּעט זיך צו לערנען.

— און וועגן אײַגנליבע פֿון א פּראַנטאָוויק, וועגן אײַגנליבע פֿון אַן אָפּיצער האָסטו גערעדט?

איוולעוו האָט פֿאַרווּנדערט געקוקט אַף אים.

— טאַקע וועגן דעם האָב איך הויפּטזאַכלעך גערעדט.

— טאָ קוק זיך אײַן אין זיי! — האָט איגאָר געוויזן אַף די מיידלעך, די סטודענטקעס, וואָס זײַנען געגאַנגען איבערן קאָרידאָר. — דאָס זײַנען דאָך שילערנס, ערשט פֿון דער מאַמעס קליידל, ווי זשע קען איך זיך זעצן זײַט בא זײַט מיט זיי אַף איין באַנק נאָך אַלץ, וואָס איך האָב איבערגעלעבט?

— אַט וואָס עס קימערט דיך, — האָט אויסגעשריִען איוולעוו. — אַזוי פאַרשטייסטו אייגנליבע פֿון אַ פּראָנטאָוויק? — און שוין שטילער: — דורך דעם דאַרף מען דורכגיין. פאַרשטייסט, איגאָר? מע דאַרף עס איבערלעבן. איך האָב עס איבערגעלעבט, און אַלע מײַנע כאַווײרים האָבן עס איבערגעלעבט. דאָס גייט דורך, מע געוווינט זיך צו. און עס דוכט זיך שוין ניט, אַז עפּעס איז ניט נאָרמאַל. — ער האָט זיך צעשמייכלט, — דו האָסט געקוקט נאָר אַף די מיידלעך און האָסט זיך ניט צוגעהערט, וואָס איך האָב דיר געזאָגט, דו זאָלסט קוקן אויך אַף די באָכערים. דו קוק אַף זיי, פאַרגלײַך מיט זיך און דאַן וועסטו עפּשער עפּעס פאַרשטיין. וועסט אַט דעם, אַף די קוליעס, און יענעם אָן אַ האַנט? קוק אַף דעם, וואָס זיצט אין וועגעלע אַף פיר רעדלעך. דו ווייסט, ווער ער איז? אַ מאַיאָר. אים איז שוין איבער דרײַסיק. און מיר זיצן אַלע באַנאַנד מיט די מיידלעך, מיר האָבן זיך שוין צוגעוווינט. ס'וועלן דורכלויפן די פינף יאָר, און דו וועסט ווײַטער זײַן אַפן פערד.

— פינף יאָר... — האָט טרויעריק געזאָגט איגאָר. — פינף יאָר לעבן אַף סטיפּענדיע, פיר יאָר אַפן פראָנט, פינף יאָר דאָ, איר פאַרשטייט, איך וויל לעבן. איך האָב נאָך ניט געלעבט. כ'וויל אַהיים, כ'וויל זייער אַהיים. מיט צוויי כאַדאָשים צוריק האָב איך ניט געקלערט וועגן דעם, און איצט ציט מיך אַהין. איך ווייס, אַז דאָרט איז אַלץ רויִנירט. ס'קאָן זײַן, אַז ס'וועט ניט זײַן צו זאַט קיין עסן. דאָרט איז בא מיר קיינער ניט געבליבן, נאָר איך קען מיט זיך גאָרנישט ניט מאַכן. איך קען עס אײַך ניט דערקלערן, נאָר עס ציט מיך אַהין אומגעהויער.

איוולעוו האָט מיט באַדויערונג געקוקט אַף אים.

— נו, וואָס טוט מען מיט אים, דמיטרי דמיטריעוויטש? — האָט ער מיט אַ ציטערנדיקער שטים געפרעגט. — ער איז דאָך אַ איסוסיק, איך האָב עס באַלד פאַרשטאַנען.

דמיטרי דמיטריעוויטש האָט פאַרטרוילעך געזאָגט:

— איצט קען מען קיין זאַך ניט טאָן. ער איז נאָך ניט גרייט דערצו, נאָר דאָס לערנען וועט פון אים אין ערגעץ ניט אַנטרינען. ער וועט זיך אומבאַדינגט לערנען. איך פאַרשטיי אײַך, איגאָר, — צום ערשטן מאָל האָט ער אים אָנגערופן באַם נאָמען. — איך פאַרשטיי אײַך, ווען איר זאָגט, אַז אײַך ציט אַהיים. דאָס געפיל איז זיך שווער קעגנשטעלן. ווײַבאַלד איר האָט אַזוי באַשטימט, פאָרט! און אַט וואָס איך וועל אײַך זאָגן: ס'איז איצט אַ שווערע צײַט. אומעטום איז שווער, ס'איז דאָ שווער, און אַהין, וווּהין איר פאָרט, איז נאָך שווערער. נאָר וואָס עס זאָל מיט אײַך ניט זײַן, פאַרהיט אין זיך די געפילן פון אַ מענטשן. פאַראַט ניט דעם דאָזיקן טײַערן אוצער, איר פאַרשטייט מיך?

— איך פאַרשטיי, — האָט איגאָר געענטפערט. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אירינע וולאַדימיראָווּנע, אַ קראַנקע, איז געשטאַנען לעבן שאַפּאָוואַלאָוון און דאָס אייגענע געזאָגט אים. — איך פאַרשטיי. וועלכע אומשטענדן עס זאָלן ניט זײַן, דאַרף אין מענטשן זיגן דאָס מענטשלעכע.

— יאָ, איר האָט מיך פאַרשטאַנען. איר האָט זייער גוט געזאָגט.

— זייער גוט, — האָט איבערגעכאַזערט איוולעוו, — עס זאָל שטענדיק נעמען די איבערהאַנט דאָס מענטשלעכע, עס זאָל זיגן דער מענטש! — ער האָט אַרויסגענומען פון זײַן אָפיצעריִשן רענצל אַ בייגעלע פּאַפּיר, אַ בלײַער און עפּעס אָנגעשריבן. — אַט האָסטו מײַנע קאָאָרדינאַטן, שרײַב, און אויב דו וועסט וועלן, קום צו פאָרן. איך וועל וואַרטן.

איוולעוו האָט שטײַף אַ דריק געטאָן איגאָרס האַנט.

7

אַף פּושעטשנע איז איגאָר גאָנטשאַר געקומען ערשט צום סאָף טאָג.

ער האָט זיך ניט זייער געײַלט. ער איז פול געווען מיט אײַנדרוקן, און האָט זיך געדאַרפט פאַנאַנדערקלײַבן אין זיי, באַרויִקן. אַ מאָדנער טאָג, אַ מאָדנער און וווּנדערלעכער. ניט אומזיסט האָט ער זיך הײַנט אופגעכאַפּט מיט אַ געפיל פון דערוואַרטונג. ער האָט דערוואַרט, אַז מיט אים דאַרף עפּעס געשען אומגעווײנלעכס. איצט האָט ער געוואַרט אַף דער באַגעגעניש מיט גענען.

דער קורצער יאַנוואַר-טאָג איז קימאַט פאַרבײַ. דער ווינטערדיקער הימל האָט זיך אָנגערוקט גאָר נידעריק. ס'איז געווען פינצטער. די גאַסן זײַנען ניט באַלײַכט געוואָרן. ניט

אין די גאַסן, ניט אין די הײַזער האָט מען ניט געזען קיין ליכט. מאָסקווע איז געווען פאַרזונקען אין פינצטערניש.

איגאַר איז געגאַנגען איבער די טונקעלע מאָסקווער גאַסן. ער איז איצט געגאַנגען פון אוניווערסיטעט צום גרויסן טעאַטער. ער האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט און אײַנגעקוקט זיך. דערנאָך איז ער אַריבערגעגאַנגען די גאַס, האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם לאַנגן, נידעריקן ביניען און האָט דערזען אָסטראָווסקיס דענקמאָל. הייסט עס, אַז דאָס איז טאַקע דער קליינער טעאַטער.

איצט איז ער ווידער אַוועק גלײַך. ער האָט זיך אַלץ דערמאָנט, אַלץ דערקענט. „דאָרט, ווו די רעסטאָראַנען", — האָט אים געזאָגט די אַלטיטשקע. אָט זײַנען זיי: אַף רעכטס דער רעסטאָראַן „מעטראָפּאָל", אַף לינקס זעט זיך אויך אַ רעסטאָראַן, און אויבן איז דער רעסטאָראַן „סאַוואָי". פּושעטשנע איז געווען דערנעבן. איגאַר האָט באַשטימט אופהייבן זיך, אַ קוק טאָן אַפן רעסטאָראַן „סאַוואָי", וווהין ער פלעגט אַמאָל אַרײַנקומען און דערנאָך זיך אַראָפּלאָזן צו גענעס שטוב.

דער רעסטאָראַן „סאַוואָי" איז געשטאַנען אַ שטילער, אַ טונקעלער. די ברייטע טירן זײַנען געווען פאַרמאַכט. איגאַר איז געשטאַנען, געוואַרט, אַז די טירן וועלן זיך עפענען, נאָר זיי האָבן זיך ניט געעפנט.

אַמאָל, האָט ער זיך דערמאָנט, פלעגן זיך די טירן עפענען און אַרײַנלאָזן אים און גענען. זיי פלעגן טרינקען פאַרשיידענע ווײַנען, עסן פאַרשיידענע געריכטן, וועלכע איגאַר האָט פריער קיינמאָל ניט פאַרזוכט. די ווײַנען און די געריכטן פלעגט באַשטעלן גענע. און גערעדט האָט אויך גענע. גענע האָט גערעדט, און איגאַר האָט געהערט. איוולעוו האָט אים הײַנט מיט עפּעס דערמאָנט גענען. די זעלבע קלוגע אויגן, דאָס זעלבע איידעלע פּאָנעם.

גענע האָט אויך געהאַלטן, אַז איגאַר נייטיקט זיך אין זײַן אופזיכט. ער האָט געווייצעט, וואָס ער דאַרף טאָן און וואָס ער דאַרף ניט טאָן. ער האָט געזאָרגט וועגן זײַן קומענדיקן גורל. ווען זיי זײַנען צום לעצטן מאָל געווען אין רעסטאָראַן, האָט אים גענע אײַנגערעדט, ער זאָל אָנקומען אין דער מיליטערישער אַקאַדעמיע. ער אַליין האָט אָנגעגעבן די דאָקומענטן און האָט אײַנגערעדט איגאָרן טאָן דאָס אייגענע, נאָר איגאַר האָט דאַן ניט געוואָלט זיך לערנען. ער איז געווען מיד פון לערנען. די צעניאָריקע שול, די מיליטערישע שול. און ווען זאָל ער לעבן? דאַן האָט זיך אים געדוכט, אַז דאָס לעבן וועט דורכגיין און ער וועט עפּעס ניט באַווײַזן אופטאָן, עפּעס דורכלאָזן. איצט האָט זיך אים געדוכט, אַז ער האָט שוין אַלץ איבערגעלעבט און האָט נאָך ניט באַוויזן צו לעבן. איצט האָט ער פּאָשעט געוואָלט לעבן.

אַלץ איז אַף דער גאַס געווען, ווי ביז דער מילכאָמע. ס'האָט זיך קיין זאַך ניט געענדערט, — אַ קליינע, שטילע גאַס אין צענטער פון מאָסקווע.

אין גענעס הויף האָט מען געדאַרפט אַרײַנגיין דורך אַ נידעריקער, טונקעלער אַרקע. איגאַר האָט דערקענט סײַ די אַרקע, סײַ דעם אײַזערנעם טויער, וואָס איז אַלעמאָל געווען אָפן. איגאַר האָט אויך דערקענט דאָס ענגע הייפל. ער האָט זיך אַלץ דערמאָנט. ער האָט אויך דערקענט דעם לאַנגן, טונקעלן קאָרידאָר, ווו ס'האָט סײַ באַטאָג, סײַ באַנאַכט געברענט אַ ליכט. ער האָט לײַכט געפונען די טיר פון גענעס דירע.

די טיר, אַ באַדעקטע מיט טונקעלן דערמאַטין, איז געווען פעסט פאַרמאַכט. ביז דער מילכאָמע איז די טיר אָפט געווען האַלב-אָפן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז גענעס מוטער און זײַן שוועסטער פלעגן אָפט אַרויסגיין און אַרײַנגיין. די קיך האָט זיך געפונען אין סאָף פון קאָרידאָר, און זיי, אויסגעקומען גיין גרייטן דאָס עסן און טראָגן עס פון קיך אין צימער. איצט איז די טיר געווען פאַרמאַכט. ער האָט זיך אין פאַרלעגנהײַט אָפּגעשטעלט. עפּשער איז קיינער ניטאָ אינדערהיים. אַלע אַרבעטן. נאָר גענעס מוטער איז שוין ביז דער מילכאָמע געווען אַן עלטערע פרוי, און זי דאַרף שוין געוויס איצט ניט אַרבעטן. איגאַר האָט ניט דרייסט אָנגעקוועטשט אַף דער קנאָפּקע פונעם גלעקל. ס'איז דורכגעגאַנגען עטלעכע רגעס. דערנאָך האָט ער דערהערט, ווי די טיר עפנט זיך, און ער האָט דערזען אַ מיידעלע פון אַ יאָר פיר.

— וועמען דאַרפט איר? — האָט זי געפרעגט מיט אַ דין קעלכל. זי האָט געקוקט שטרענג און ערנסט.

— איך דאַרף דעם פעטער גענע, — האָט שטיל געענטפערט איגאַר.

— טאַטע גענע, — האָט זי אים פאַריכט.

— טאַטע? — האָט זיך פאַרוווּנדערט איגאַר. הייסט עס, אַז גענע האָט כאַסענע געהאַט.

— גענע איז מײַן טאַטע, — האָט נאָכאַמאָל געזאָגט די קליינע. — און איך בין זײַן טאָכטער, מאַשענקע.

— מאשענקע? — האָט איגאָר לאַנגזאַם אַרויסגערעדט און זיך צעשמייכלט.

דערזעען, ווי ער שמייכלט, ווי צאַרט ער כאַזערט איבער איר נאָמען, האָט דאָס מיידעלע דערפילט צו אים צוטרוי.

— וואָס זשע שטייען מיר, — האָט זי, ווי אַ דערוואַקסענע, געזאָגט, — וואָס ריידן מיר בײַ דער טיר? קומט אַרײַן. — און זי האָט אַראָפּגענומען דאָס קייטעלע און אַרײַנגעלאָזט איגאָרן.

איגאָר איז אַרײַן אין פּירהויז. אַ פֿינצטערער צימער, אין וועלכן עס האָט אַמאָל אַ גאַנצן טאָג געברענט ליכט. ער האָט דערקענט דעם דיוואַן, אַן אַלטער, אַ גרויסער. ער איז געווען באַצויגן מיט אַ מאַסיוון שטאָף פֿון אַן אומבאַשטימטער פֿאַרב. דוכט זיך, אַלץ, ווי געווען, נאָר עפּעס האָט זיך געענדערט.

— זיצט, — האָט געזאָגט מאשענקע, און אַליין איז זי געשטאַנען לעבן אים. זי איז געווען זייער אַן ערנסטע, אַן איידעלע, אָט די מאשענקע. געשטאַנען לעבן איגאָרן, אַ קליי־ נינקע, אַ דאַרינקע, מיט צוויי דינינקע צעפּעלעך, און מיט נײַגער געקוקט אויף אים.

— דו ביסט אַליין? — האָט ער געפֿרעגט.

— די מומע סאָניע איז אין קיך, און די מאַמע איז אויף דער אַרבעט. — און איידער איגאָר האָט באַוויזן נאָך עפּעס פֿרעגן, האָט זי אים אַליין געפֿרעגט:

— און ווער זײַט איר?

— מע רופֿט מיך איגאָר, דײַן טאַטנס אַ כאַווער.

— פֿאַרוואָס זײַט איר ניט אויפֿן פֿראָנט? — האָט שטרענג געפֿרעגט מאשענקע. — דער טאַטע האָט געשריבן, אַז איר זײַט אויפֿן פֿראָנט, און איר זײַט דאָ.

— דער טאַטע האָט געשריבן? — האָט איגאָר זיך פֿאַרוווּנדערט. — פֿונוואַנען האָט ער געשריבן? ווו איז דײַן טאַטע?

— דער טאַטע איז אויפֿן פֿראָנט.

— אויפֿן פֿראָנט? — איגאָר האָט געוווּסט, אַז גענע האָט געענדיקט די אַקאַדעמיע און מע האָט אים איבערגעלאָזט אין מאָסקווע. פֿאַרוואָס זשע איז ער אויפֿן פֿראָנט?

— מײַן טאַטע איז אַ קאָמאַנדיר, — האָט געזאָגט מאשענקע, — ער קאָמאַנדעוועט מיט... — זי האָט פֿאַרלוירן געקוקט אויף אים. — כ'האָב פֿאַרגעסן מיט וועמען ער קאָמאַנ־ דעוועט.

— מיט אַ ראָטע?

— ניין.

— מיט אַ באַטאַליאָן?

— יאָ, יאָ. דער טאַטע האָט געשריבן, אַז איר זײַט אויפֿן פֿראָנט. די מאַמע האָט מיר געלייענט זײַן בריוו. דער טאַטע האָט געשריבן, אַז די מילכאָמע וועט זיך אײַנגיכן ענדיקן, און ער וועט קומען אַהיים. ס'איז אומעטיק אָן דעם טאַטן.

— ער וועט אומבאַדינגט קומען, דײַן טאַטע. אָט בין איך דאָך געקומען. און ווו איז דײַן באָבע?

— די באָבע איז געשטאָרבן, — האָט געענטפֿערט מאשענקע.

— געשטאָרבן? — ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס פֿרעגן, נאָר ניט באַוויזן. עס האָט זיך געעפֿנט די טיר און ס'איז אַרײַן סאָניע, גענעס שוועסטער.

— מומע סאָניע, מומע סאָניע, — איז די קליינע צוגעלאָפֿן צו איר. — צו אונדז איז געקומען צו פֿאָרן דער פֿעטער איגאָר. דו קענסט אים? דאָס איז דעם טאַטנס כאַווער, — איגאָר האָט זיך געלאָזט איר אַנטקעגן.

— איר געדענקט... — האָט ער אָנגעהויבן.

סאָניע האָט פֿאַרוווּנדערט אַ קוק געטאָן אויף אים און מיט טרערן אין דער שטים געזאָגט:

— גענע האָט אײַך אָפֿט דערמאָנט אין זײַנע בריוו. ער האָט אײַך זייער געוואָלט זען. איך געדענק יענע גליקלעכע צײַט, ווען איר פֿלעגט צו אונדז קומען. ס'איז געווען אַזוי לאַנג, אַז ס'גלייבט זיך גאָרניט, אַז עס איז געווען. — זי האָט געקוקט אויף אים, און ער האָט דערזען טרערן אין אירע אויגן. — אַמאָל דוכט מיר, אַז קיין פֿרידלעך לעבן איז קיינ־ מאָל ניט געווען, אַז שטענדיק איז געווען די מילכאָמע, וואָס שלינגט אײַן אַזויפֿיל יונגע לעבנס.

איגאָר האָט געקוקט אויף איר און ס'האָט אים פֿאַרקלעמט באַם האַרצן. וואָס פֿאַר אַ צאָרעס האָבן אַזוי פֿאַרענדערט די דאָזיקע פֿרוי? ער האָט זי געדענקט אַ יונגע, לעבנסלוס־ טיקע פֿרוי פֿון אַ יאָר דרײַסיק. און איצט איז פֿאַר אים געשטאַנען אַ גראָווע פֿרוי מיט פֿאַר־ וויינטע אויגן.

— דו וויינסט ווײַטער, מומע, — האָט געזאָגט מאשענקע, — ווײן ניט. אז דו וויינסט, ווילט זיך מיר אויך וויינען.

— ניין, ניין, מאשענקע, איך ווײן ניט, — זי האָט איבערגוואלד א שמייכל געטאָן. — האָט קיין פאריבל ניט, איגאָר, כ'האָב אײַך אזוי מאָדנע באגעגנט.

— איך פארשטיי, מאשענקע האָט מיר דערציילט. בא אײַך איז אזא צאָרע. ס'איז געשטאָרבן אײַער מאמע.

— יאָ, די מאמע איז געשטאָרבן מיט א כוידעש צוריק. — זי איז אנשוויגן געוואָרן און טרויעריק געזאָגט: — אנטשולדיקט, איגאָר, איך האָב גאָרנישט ניט געפרעגט וועגן אײַך. דערציילט וועגן זיך.

— כ'בין געלעגן אין האָספיטאל. פון מיליטערישן דיסקאָנט האָט מען מיך אראָפּגענומען. איצט פאָר איך אהיים. הײַנט גייט אָפּ מײַן צוג.

— ווּהין האָט מען אײַך פארוואונדעט?

— אין האנט, — האָט געזאָגט איגאָר.

— אין וועלכער? — האָט געפרעגט מאשענקע. — אין דער? — זי איז צוגעגאנגען צו אים, צוגערירט זיך צו זײַנע פינגער. — ס'טוט וויי?

— איצט טוט שוין ניט וויי. — ער האָט א גלעט געטאָן איר בלאָנד קעפל. — מאשענקע האָט מיר אלץ דערציילט.

— וואָס האָט זי אײַך דערציילט?

— אז גענע איז אפן פראָנט, אז ער קאָמאנדעוועט מיט א באטאליאָן. סאָפיע איסײַעווּנע, ווי איז אלץ פאָרגעקומען?

— איר געדענקט מײַן נאָמען און דעם פאָטער-נאָמען?

— איך געדענק אלץ. מיר זײַנען דאָך מיט גענען געווען גוטע פרײַנט.

— יאָ, יאָ, — סאָפיע איסײַעוונע האָט מיט א שטאָרן בליק געקוקט אָף אים.

— גענע האָט דאָך געענדיקט די אקאדעמיע און מע האָט אים איבערגעלאָזט אין מאָסקווע, — האָט געזאָגט איגאָר.

— יאָ, יאָ, — האָט אלץ איבערגעכאזערט סאָפיע איסײַעוונע.

— אזא פארדראָס, איך האָב דאָך פארלוירן אײַער אדרעס, — האָט פאָרגעזעצט איגאָר. — דערפאר האָב איך ניט געשריבן. ערשט הײַנט, פארן אוועקפאָרן, האָב איך צופעליק זיך דערמאָנט ווי ס'הייסט אײַער גאס. פון אינדערפרי אָן, אז איך קלײַב זיך צו אײַך. אָבער ס'איז עפּעס א מאָדנער טאָג. פארשיידענע באגעגענישן און אלץ אזוינע אומדערווארטע, וואונדערלעכע. ערשט איצט האָב איך זיך צו אײַך דערקליבן. איך בין געווען זיכער, אז גענע איז אין מאָסקווע. א גאנצן טאָג האָב איך געטרוימט, ווי מיר וועלן זיך טרעפן. ווי זשע האָט זיך עס באקומען?

סאָפיע איסײַעוונע האָט געשוויגן.

— גיט מיר כאָטש זײַן פעלד-פּאָטשט, — האָט געבעטן איגאָר. עס האָט אים פארוואונדערט, וואָס סאָפיע איסײַעוונע שווײַגט.

— איר ווילט וויסן גענעס אדרעס? — האָט זי שטיל געפרעגט.

— נו, יאָ. כ'וויל אים אנשרײַבן.

— איר ווילט אים אָנשרײַבן? — זי האָט מאָדנע געקוקט אָף אים.

— כ'וועל אים אָנשרײַבן. פאר דער גאנצער צײַט וועל איך אים אָנשרײַבן.

— יאָ, יאָ...

מיטאמאָל האָט זי זיך ווי אופגעכאפּט פון שלאָף און א קוק געטאָן אָף איגאָרן.

— קומט, לאָמיר ארײַנגיין אינעם צווייטן צימער.

ווען זיי זײַנען ארײַן אינעם גרויסן צימער, האָט איגאָר דערזען, אז אויך דאָ האָט זיך עפּעס געענדערט. ער האָט אופמערקזאם זיך ארומגעקוקט.

— כ'האָב פארשטאנען! — האָט ער אויסגעשריִען, — כ'האָב פארשטאנען, דער דיוואן...

— וואָס פאר א דיוואן?

— דער דיוואן איז פריִער געשטאנען דאָ, אין דעם צימער.

— א, דער דיוואן... — האָט איבערגעכאזערט נאָך אים סאָפיע איסײַעוונע. זי איז צוגעגאנגען צום טיש. — זיצט, איגאָר, — זי האָט זיך אויך געזעצט אָף א שטול.

— דער דיוואן, — האָט זי נאָכאמאָל איבערגעכאזערט. — ווען גענע האָט כאסענע געהאַט, זײַנען מיר מיט דער מאמען איבערגעגאנגען אין יענעם צימער און מיטגענומען אהין דעם דיוואן. גענע האָט כאסענע געהאַט, ווען ער איז אָנגעקומען אין אקאדעמיע, ביז דער מילכאָמע... — זי האָט עטלעכע מינוט געשוויגן, געקוקט ערגעץ פארבײַ איגאָרן, און

מיטאמאָל מיט א געיאָמער אויסגעשריִען: — איך קען ב׳ין איצט ניט גלייבן, איך קען זיך ניט פאָרשטעלן!

זי איז געזעסן באם טיש, אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף די הענט, און שטיל געוויינט. טרערן האָבן זיך געגאָסן איבער איר פארומערטן פּאָנעם, זי האָט זיי ניט אָפּגעווישט. זי איז געזעסן, ניט גערירט זיך פון אָרט.

— בארויקט זיך, סאָפיע איסײַעוונע, בארויקט זיך. וואָס קאָן מען טאָן? בא מיר זײַנען אויך אומגעקומען די מאמע, דער טאטע און מײַן שוועסטער.

זי האָט א קוק געטאָן אויף אים מיט פארוויינטע אויגן.

— בא אײַך זײַנען אלע אומגעקומען?

— אלע.

— וווהין זשע פאָרט איר? איר האָט דאָך דאָרט קיינעם ניט! בלײַבט דאָ. וווינט בא אונדז.

— א דאנק, סאָפיע איסײַעוונע. נאָר כ׳קען ניט, איך דארף פאָרן.

— איר דארפט זיך לערנען. גענע האָט אלעמאָל געזאָגט, אז איר דארפט זיך לערנען.

— יאָ, יאָ, גיט מיר זײַן אדרעס. כ׳וועל אים אָנשרײַבן.

סאָפיע איסײַעוונע האָט ווידער אויף אים געקוקט מיט א מאָדנעם קוק.

— איגאָר, איך האָב אײַך ניט געוואָלט זאָגן דאָרטן, מאשענקע זאָל ניט הערן. זי דארף ניט וויסן. גענען קאָן מען שוין ניט שרײַבן. קיינמאָל וועט איר אים שוין ניט קענען שרײַבן, ניט איר, ניט עמעצער אנדערש. אויף דער וועלט האָט ער שוין ניט קיין אדרעס! — האָט זי אויסגעשריִען, און פארשטעלנדיק מיט די הענט דאָס פּאָנעם, ווידער זיך צעוויינט.

— ס׳קען ניט זײַן! — האָט איגאָר זיך א ריס געטאָן. — גענע?..

זי האָט א דערשראָקענע אראָפּגעלאָזט די הענט פון פּאָנעם.

— שטילער, איגאָר, שטילער. מאשענקע קאָן דערהערן. זי דארף ניט וויסן. שפּעטער. זי וועט אונטערוואקסן, וועט זי זיך דערוויסן.

איגאָר האָט אין טיפן טרויער געקוקט אויף איר.

— און איך בין געווען זיכער, אז כ׳וועל זיך מיט אים באגעגענען, א גאנצן טאָג האָב איך געטרוימט וועגן דעם.

סאָפיע איסײַעוונע האָט ניט געוויינט. זי האָט געשוויגן.

— ווען האָט עס געטראָפן? — האָט געפרעגט איגאָר.

סאָפיע איסײַעוונע איז צוגעגאנגען צו דער שאפע און ארויסגענומען פון דאָרט א פּאַפּירל.

— וואָס איז עס?

ער האָט שוין געזען, וואָס דאָס איז. ער האָט געלייענט:

„...דער קאפּיטאַן גענאדי איסײַעוויטש כענקין איז אין די שלאכטן פארן היימלאנד העלדיש אומגעקומען”.

— „העלדיש אומגעקומען”, — האָט איבערגעכאזערט איגאָר. א „פּאָכאָראָנקע”. ער איז דורכגעגאנגען די גאנצע מילכאָמע, געזען אזויפיל טויטע, נאָר קיינמאָל ניט געזען אָט די שוידערלעכע פּאפּירלעך. צום ערשטן מאָל האָט ער געהאלטן אין האנט א „פּאָכאָראָנקע”. דאָרט, אויף די שלאכטפעלדער, איז מען לעבן די טויטע געשטאנען פארשטיינערט. מע האָט ניט געוויינט. היינט זיי, מאָרגן מיר. דאָרט זײַנען די טויטע געלעגן שטיל. און דאָ — הונדערטער, טויזנטער קילאָמעטער פון שלאכטפעלד, האָבן זיי געשריִען, געריסן אויף שטיקער די נעשאָמע, אופגעטרייסלט דאָס לעבן. א שרעקלעך פּאפּירל!

איגאָר האָט נאָכאמאָל און איבעראמאָל געלייענט דאָס אָנגעשריבענע.

פלוצעם האָט ער אויסגעשריִען:

— ער איז אומגעקומען מיט א וואָך פאר דעם, ווי ס׳איז געשטאָרבן אײַער מאמע!

— יאָ, די מאמע איז געשטאָרבן פונקט אין א וואָך ארום, ווי מיר האָבן באקומען די „פּאָכאָראָנקע”.

— טײַערע סאָפיע איסײַעוונע, — האָט ער שטיל געזאָגט. איצט האָט ער פארשטאנען, פארוואָס זי איז גראָוו געוואָרן, אזוי אלט געוואָרן.

זי איז ווידער געזעסן א פארגליווערטע מיט א שטאָרן בליק.

— אָבער ווי האָט זיך עס באקומען? — האָט ער געפרעגט, — אים האָט מען דאָך איבערגעלאָזט אין מאָסקווע.

— יאָ, מע האָט אים איבערגעלאָזט אין מאָסקווע, נאָר ער האָט זיך געריסן אפן פראָנט. אײַך האָט ער אָפט דערמאָנט. ער איז געווען זיכער, אז איר זײַט אפן פראָנט. עס

האָט אים געמאַטערט דער געוויסן. ער האָט זיך געבעטן בא נאַטשאַלסטווע, געשריבן ראַ־פּאָרטן. דער ענטפער איז געווען: „אַז מע וועט דאַרפן, וועלן מיר אײַך שיקן". ער פלעגט זיך ניט באַרויִקן און ווידער אָנגעגעבן ראַפּאָרטן. מע האָט אים געדראָעט געבן אַן אויסרייד דערפאַר, וואָס ער רײַסט אונטער מיט זײַנע ראַפּאָרטן די דיסציפּלין. אָבער גענע האָט זיך ניט דערשראָקן. זאָל מען געבן אַן אויסרייד, — פלעגט ער זאָגן. — מיט אַן אויסרייד וועט מען גיכער שיקן אויפן פראָנט. סאָפּקאָלסאָף האָט ער זיך זײַנס דערשלאָגן. מע האָט אים געשיקט אין שטאַב פון פאָלק, פאַר עפּעס אַ געהילף.

— „פּנש"[1], — האָט געזאָגט איגאָר.

— יאָ, מיסטאָמע אַזוי. ער האָט אונדז אָפט געשריבן. דער לעצטער בריוו האָט פאַר־שפּעטיקט, ער איז אָנגעקומען נאָך דער „פּאַכאָראָנקע". ער האָט געשריבן, אַז זיי גייען אין אָנגריף, אַז די מילכאָמע וועט זיך איניגיכן ענדיקן, און ער וועט קומען אַהיים. איר פאַר־שטייט? ער איז שוין געווען טויט... — זי האָט צוגעלייגט די הענט צו די באַקן און עטלעכע מאָל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. — וועגן אײַך האָט ער אויך געשריבן אין די בריוו. ער האָט קיינעם ניט פאַרגעסן אין זײַן לעצטן בריוו. אַזוי ווי ס'וואָלט בא אים געווען אַ פאָרגעפיל, אַזוי ווי ער האָט זיך מיט אַלעמען געזעגנט. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט, צי ס'איז אָנגעקומען אַ בריוו פון אײַך, צי מיר האָבן זיך עפּעס דערוווּסט וועגן אײַך. ער האָט אויך געשריבן, אַז איצט איז ער, אַזוי ווי איר, אויף דער פאָדער־ליניע.

— ער איז דאָך געווען אין שטאַב.

— ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז ווייניק, און ער האָט געבעטן, מע זאָל אים אי־בערפירן אַלס קאָמאַנדיר פון אַ באַטאַליאָן.

— יאָ, יאָ, — האָט זיך דערמאָנט איגאָר, — מאַשענקע האָט מיר דערציילט.

— זי האָט זייער ליב דעם טאַטן, און נאָך דעם, ווי ס'איז אָנגעקומען דער בריוו, ווי ער שרײַבט, אַז ער וועט איניגיכן קומען, וואַרט זי אויף אים. יעדן טאָג פרעגט זי, ווען וועט קומען דער טאַטע. — מיטאַמאָל האָט סאָפיע איסײַעוונע זיך דערמאָנט, — מע דאַרף זי דאָך אָנהאָדעווען. — און איר, איגאָר, זײַט מיסטאָמע אויך הונגעריק. אָבער בא אונדז איז איצט אַן אָרעמער קיבעד. טיי. ס'איז אַפילע קיין צוקער ניטאָ.

איגאָר איז אויפגעשפּרונגען:

— ווי האָב איך זיך עס ניט געכאַפּט. בא מיר איז דאָך אַ גאַנצער רוקזאַק מיט פּראָ־דוקטן. קומט, קומט, סאָפיע איסײַעוונע.

אים האָט געפרייט, וואָס ער קאָן כאָטש מיט וואָס־ניט־איז העלפן דער אומגליקלעכער פרוי. ער איז גרייט געווען אָוועקגעבן איר אַלץ, וואָס בא אים איז געווען. אָבער סאָפיע איסײַעוונע האָט קיין זאַך ניט געוואָלט נעמען.

— ניין, איגאָר. איר ווייסט נאָך ניט, איר האָט נאָך ניט געלעבט אַזוי ווי מיר. מער וועט איר ניט באַקומען, איר דאַרפט זײַן זייער שפּאָרזאַם.

— איר מיינט, אַז איך קען אַזוי אָוועקגיין נאָך דעם, וואָס איך האָב זיך דערוווּסט? גענע איז אומגעקומען, די מאַמע איז געשטאָרבן. איר זיצט דאָ הונגעריקע מיטן קינד. ווי קען איך אײַך אַזוי איבערלאָזן?

ער האָט שטרענג געקוקט אויף איר.

— איגאָר! איגאָר! — סאָפיע איסײַעוונע איז צוגעפאַלן צו זײַן ברוסט און אויף אַ קאָל זיך צעוויינט.

8

ווען איגאָר האָט זיך דערקליבן ביזן וואָקזאַל, איז דער זאַל פאַר מיליטערישע געווען פול. מענטשן אין שינעלן, מיט פּאַגאָנעס און אָן פּאַגאָנעס, זײַנען געזעסן, אַרומגעגאַנגען, הויך גערעדט, געלאַכט, געטומלט. ס'איז געווען יענע אַטמאָספער, וואָס איז אַזוי גוט באַ־קאַנט געווען איגאָרן, ווען עס קלײַבן זיך צונויף מיליטערישע, ניט אין שערענגע, ווען יעדערער וואַרט אויף עפּעס, ווי איצט, ווען אומבאַקאַנטע מענטשן באַפרײַנדן זיך.

איגאָר איז דורכגעגאַנגען דורכן וואָקזאַל און איז אַרויס אויף דער פּלאַטפאָרמע. ס'איז שוין געווען פינצטער. און אין דער פינצטערניש אויף דער פּלאַטפאָרמע זײַנען געגאַנגען אַ סאַך מענטשן, מיליטערישע און ציווילע, מיט טשעמאָדאַנעס און קלומקעס.

[1] Помощник начальника штаба.

פלוצעם האָט ער דערזען דעם מאַיאָר, וועלכער האָט זיך אינדערפֿרי געזידלט, וואָס עס פאַרשפּעטיקט דער צוג. איצט איז ער רויִק געשטאַנען און גערייכערט. איגאָר איז צו אים צוגעגאַנגען און אויך פאַררייכערט.

— ווען וועט אָנקומען דער צוג? — האָט ער געפרעגט.

— אינגיכן, — האָט געענטפערט דער מאַיאָר, — און אײַנקוקנדיק זיך אין אים פונ־דערנאָענט, האָט ער אים דערקענט, — אַ, דאָס ביסטו? נו, דײַן פרײַנט איז אוועקגעפאָרן?

— אוועקגעפאָרן.

דער מאַיאָר האָט שווײַגנדיק פאַרגעזעצט רייכערן.

— אַ סך מענטשן האָט זיך אָנגעקליבן, — האָט געזאָגט איגאָר.

— ווי זשע. אַ גאַנצן טאָג איז קיין איין צוג ניט געווען. אײַזנבאַנלער... — ער האָט זיך אויסגעזידלט און מיט כּעס אַ וואָרף געטאָן דעם אָפּשניצל פון פּאַפּיראָס. — קום דער־ווײַל אין זאַל.

ווען זיי זײַנען אַרײַן אין זאַל, האָט זיך דערהערט אַ דונער.

— וואָס איז עס? — האָט זיך עמעצער פאַרוווּנדערט.

— מאָסקווע קעמפט, — האָט זיך געכאָכמעט אַ צווייטער.

אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר, וואָס האָט געפירט צום פּלאַץ. זיי אַנטקעגן איז געגאַנגען אַ מענטש מיט אַ רויטן באַנט אויפן אַרבל — דער מיליטערישער קאָמענדאַנט, יענער קאַפּיטאַן, מיט וועלכן איגאָר האָט אינדערפֿרי געשמועסט.

— כ'באַגריס אײַך, כאַווײרים, — האָט מיט אַ הילכיקער שטים געזאָגט דער קאַפּי־טאַן. — אונדזערע האָבן פאַרנומען וואַרשע! איר הערט, מאָסקווע סאַליוטירט.

— פאַרנומען וואַרשע? — האָט זיך דערהערט אַ פריידיקע שטים. — הוראַ!

— הוראַ־אַ־אַ!

דער גאַנצער אוילעם האָט אַ שפּאַר געטאָן אויפן פּלאַץ אַ קוק טאָן אויפן סאַליוט.

איגאָר איז געשטאַנען אויפן גאַנעק און געקוקט. אויפן טונקעלן הימל האָבן אויפגעבליצט פײַערדיקע בוקעטן, זיי בליצן אויף און ווערן לאַנגזאַם אויסגעלאָשן. ווידער הערט זיך אַ דונער און ווידער באַווײַזן זיך פילפאַרביקע בוקעטן. אַ דונער — און העלע קוויטן. און יעדעס מאָל, ווען אין הימל האָבן אויפגעבליצט די קוויטן, האָט מען געשריִען „הוראַ!". דער אויסגעשריי האָט זיך געטראָגן פון דערנעבן, פון פאָרנט, פונעם פּלאַץ, ווו ס'איז דורכגע־גאַנגען דער טראַמוויַ. אַלץ האָט זיך אויסגעמישט — געשרייען, דער דונער און קוויטן אין הימל.

— וואַרשע איז באַפרײַט, וואַרשע! — האָט עמעץ לעבן אים געשריִען. — איר פאַר־שטייט, וואַרשע, פונוואַנען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע. דאָס איז דער סאָף, דאָס איז דער זיג!

און ווידער האָט זיך דערהערט אַ דונער, ווידער קוויטן, ווידער „הוראַ!"

איגאָר האָט צוזאַמען מיט אַלעמען געשריִען. ער האָט געשריִען און געפילט, אַז דעם אָוונט אין דער פאַרטונקלטער מאָסקווע וועט ער פאַרגעדענקען אויף זײַן גאַנץ לעבן. ער וועט פאַרגעדענקען ווי אין הימל האָבן זיך באַוויזן פילפאַרביקע קוויטן, ווי פריידיקע אומבאַ־קאַנטע מענטשן האָבן זיך אַרומגענומען און געשריִען „הוראַ!" — אויף אייביק וועט ער פאַר־געדענקען דעם טאָג, ווען מע האָט באַפרײַט וואַרשע.

ווען דער סאַליוט האָט זיך געענדיקט און איגאָר האָט זיך אומגעקערט אין זאַל, איז נאָך דער צוג ניט געווען. איגאָר איז ווידער אַרויס אויף דער פּלאַטפאָרמע. ער האָט דערזען דעם קאַפּיטאַן מיטן רויטן באַנט.

— ווען וועלן מיר זיך דערוואַרטן אויף אַ צוג? — האָט געפרעגט איגאָר.

— וויפל מאָל קאָן מען איבערכאַזערן... — האָט דער קאָמענדאַנט אָנגעהויבן, נאָר זיך אײַנגעקוקט אין איגאָרן, האָט ער פריידיק אויסגעשריִען: — כ'האָב דיך גלײַך ניט דער־קענט. גוטן אָוונט, איגאָר!

— ווי האָט איר זיך דערוווּסט מײַן נאָמען? — האָט זיך פאַרוווּנדערט איגאָר.

— איך האָב געקלונגען אין דײַן האָספּיטאַל. בא מיר זײַנען פאַראַן אַלע טעלעפאָנען.

— נו, איז וואָס האָט מען אײַך געזאָגט?

— אַז אויב איך וועל דיך ניט אַרײַנזעצן אין וואַגאָן, וועט מען מיך שלאָגן מיט די קוליעס.

איגאָר האָט זיך צעלאַכט.

— איר קאָנט זאָגן, אַז איר האָט מיך ניט געפונען. אַזויפיל מענטשן.

— איך רייד ערנסט, — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן. — קום, קאָלזמאַן דער צוג שטייט

נאָך אין רעזערוו, דאָ ניט ווײַט, וועל איך דיך אַרײַנזעצן אין אַ פּוסטן וואַגאָן. קלײַב אויס וועלכן אָרט דו ווילסט.

— צוליב וואָס? איך וועל זיך דאָ זעצן.

— דו ווילסט ניט? — דער קאַפּיטאַן האָט אַ רעגע געקוקט אויף אים. — אַזוי גאָר! — האָט ער געזאָגט פֿאַרווּנדערט. — דו ביסט, לאָזט זיך אויס, איינער פֿון די מלאָכים. דערפֿאַר שטייען זיי אַלע אין האָספּיטאַל פֿאַר דיר שטאָל און אײַזן. נו, ווי דו ווילסט. אָבער דו שטעלסט זיך פֿאָר, וואָס דאָ וועט זיך באַלד אָנהייבן? מע וועט מיט גוואַלד אײַנעמען די וואַגאָנען.

— איך ווייס.

— דו ווייסט?

— פֿאַרשטייט זיך. איך פֿאָר ניט דאָס ערשטע מאָל.

— זאָג מיר נאָר, צו וועמען פֿאָרסטו, צו דײַן ווײַב, צו דער שוויגער?

איגאָר האָט זיך צעלאַכט.

— איך האָב ניט קיין ווײַב.

— וואָס זשע טראָגט דיך? פֿאַרבלײַב דאָ. מיר וועלן דיך דאָ אײַנאָרדענען און כאַסענע מאַכן.

— אַ דאַנק, נאָר איך וועל פֿאָרן.

— זע נאָר, ביסט אַן אײַנגעשפּאַרטער. נו, ווי דו ווילסט זיך. שטיי דאָ, דאָ וועט זיך אָפּשטעלן אײַער דריטער וואַגאָן. וואַרט אויף מיר, איך וועל קומען.

דער קאַפּיטאַן איז אַוועק.

איגאָר האָט געקוקט, ווי עס דערווײַטערט זיך דער קאַפּיטאַן און געשמייכלט. עס גליקט אים הײַנט אויף גוטע מענטשן. דאָס דריטע מאָל לייגט מען אים פֿאָר בלײַבן.

דער צוג איז אָנגעקומען אין אַ מינוט צען אַרום. ווי נאָר ער איז אָנגעקומען, איז אויפֿן פּעראָן געוואָרן אַ געדראַנג. עס זײַנען אָנגעלאָפֿן די, וואָס זײַנען געזעסן אין זאַל פֿאַר מיליטערישע. איגאָרן האָט מען פֿאַרקוועטשט פֿון אַלע זײַטן און אַ טראָג געטאָן צו דער טיר פֿון וואַגאָן. אין דער טיר איז געשטאַנען דער קאַפּיטאַן מיטן רויטן באַנט, דער מיליטערישער קאָמענדאַנט.

— שטיל זאָל זײַן! — האָט ער אויסגעשריִען מיט זײַן הילכיקער שטים.

דער עולם האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— די פֿאַרווּנדעטע פֿאָרויס! — האָט ער געגעבן אַ קאָמאַנדע. — די איבעריקע אין דער ריי איינער נאָכן אַנדערן. די פֿאַרווּנדעטע פֿאָרויס! — ער איז אַראָפּ אויף דער פּלאַטפֿאָרמע. אייניקע אָפּגעשטויסן, אייניקע דורכגעלאָזן פֿאָרויס. — ווער זײַט איר, איר זײַט דאָך מיליטערישע? — שטעלט זיך איינער נאָכן אַנדערן. — פּלוצעם האָט ער דערזען איגאָרן, גענומען אים פֿאַר דער האַנט און אַ שטויס געטאָן פֿאָרויס. — דו האָסט געהערט, וואָס איך האָב געזאָגט? וואָס שטייסטו, ווי אַ לעמעשקע, דו ביסט דאָך אַ פֿאַרווּנדעטער. מאַרש פֿאָרויס! לאָזט אים דורך, — האָט ער באַפֿוילן דעם פּראָוואָדניק.

איגאָר איז אַרײַן אין וואַגאָן.

9

אין וואַגאָן האָט מען אָפּגעהיט די שײַן-מאַסקירונג. קליינינקע לעמפּעלעך, פֿאַרבאַהאַלטענע אין לאַמטערנס, האָבן קוים געלויכטן. ס'איז געווען פֿינצטער און אומהיימלעך.

איגאָר האָט צעשפּרייט זײַן שינעל און זיך צוגעלייגט אויף דער מיטלסטער פּאָליצע. פֿון אַלע זײַטן האָט זיך געהערט אַ שטילע שושקערײַ. אַלע האָבן זיך שוין ווי-ניט-איז אײַנגעאָרדנט — אייניקע זײַנען געזעסן, אייניקע געלעגן און גערעדט צווישן זיך.

איגאָר האָט אין די געשפּרעכן ניט אָנטיילגענומען. ערשט איצט, ליגנדיק אינעם וואַגאָן, האָט ער דערפֿילט, ווי מיד ער איז. אַ מאָדנער טאָג, זייער אַ מאָדנער. ער האָט זיך ווידער אָנגעמען געזען, די, וואָס ער האָט הײַנט באַגעגנט. אין זײַן צעבויטעטן דימיען זײַנען זיי אויפֿגעקומען אָט אײנציקווײַז, אָט אַלע אינאיינעם. אָט איז פֿאַר אים געבליבן שטיין איוואַלווו. ער קוקט שטרענג אויף דער אַלטיטשקער מיט די גוטינקע אויגן און פֿאָדערט: „לערנען זיך, לערנען זיך...“ אָט זעט ער סאָפֿיע איסײַעוונען. זי טוליעט זיך צום לייטענאַנט מיטן צעקאַליעטשעטן פּנים. אָט איז מאַשענקע, דמיטרי דמיטריעוויטש, דער קאַפּיטאַן מיטן

דרויטן באַנט. איינער, אַ צווייטער, און מיטאַמאָל האָבן זיך אַלע צונויפֿגעקליבן אינאיינעם, געשטעלט זיך איינער נאָכן צווייטן, און אָט זײַנען זיי פֿאַרשוווּנדן. אַ סעקונדע, אַ צווייטע איז דורכגעגאַנגען, און ער האָט קיינעם ניט געזען. דערנאָך האָבן זיך צו אים דערנעענטערט אויגן, גרויסע, רויִקע אויגן. סאַראַ גרויסע אויגן! אַזעלכע באַקאַנטע אויגן!.. ווו האָט ער זיי געזען? — איגאָר האָט זיך געוואָלט דערמאָנען און ער איז אײַנגעשלאָפֿן.

ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ גרויסער סטאַנציע. ס'איז נאָך געווען פֿינצטער, און אויף דער פּלאַטפֿאָרמע, שטויסנדיק איינער דעם צווייטן, האָבן זיך מענטשן אַרײַנגעזעצט אין די וואַגאָנען. אין וואַגאָן איז געווען שטיל, טונקל. אַלע זײַנען געשלאָפֿן. לאַנגזאַם, אָנשפּאַרנדיק זיך אויפֿן עלנבויגן פֿון דער לינקער האַנט און האַלטנדיק זיך מיט דער רעכטער האַנט, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזן פֿון דער פּאָליצע. אינעם כאַלעל פֿון טיר איז געשטאַנען דער קאָנדוקטאָר. איגאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט דערנעבן.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ סטאַנציע? — האָט ער געפֿרעגט.

— אָריאָל.

— שוין אָריאָל? — האָט זיך איגאָר פֿאַרוווּנדערט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגער. וויפֿל זשע איז ער עס געשלאָפֿן? ס'איז געווען זעקס אַזייגער אינדערפֿרי. — זעקס אַזייגער, — האָט ער געזאָגט און אַרויסגעקוקט פֿון דער טיר.

קיין וואָקזאַל איז ניט געווען. ס'האָבן זיך נאָר געזען רויִנען.

— און וווּ איז דער וואָקזאַל? — האָט איגאָר געפֿרעגט.

— דער וואָקזאַל? — האָט איבערגעפֿרעגט דער קאָנדוקטאָר. — פֿאַר כאָטש ביז אָדעס, וועסטו ס'רוב קיין וואָקזאַלן ניט זען. אַלע זײַנען אויפֿגעריסן געוואָרן. אין ערגעץ איז ניטאָ, אין כאַרקאָוו איז אויך ניטאָ קיין וואָקזאַל.

— דעם כאַרקאָווער וואָקזאַל האָב איך געזען, — האָט געזאָגט איגאָר. — אַ גרויסער וואָקזאַל, אַ שיינער.

— געווען אַ שיינער וואָקזאַל, און איצט ליגט אויף זײַן אָרט אַ באַרג מיט שטיינער.

— ווען וועלן מיר שוין קומען צו פֿאָרן?

— אין כאַרקאָוו? ס'ווענדט זיך פֿון דעם, ווי מיר וועלן פֿאָרן. אַהער זײַנען מיר געקומען צו דער צײַט, און ווײַטער — ווער ווייסט. ס'איז נאָך ווײַט. גיי, גיי, לייג זיך צו שלאָפֿן, — האָט ער אים איבערגעריסן, — אַניט, וועסטו פֿאַרפֿרירן ווערן אין איין גימנאַסטיאָרקע.

איגאָר איז אַרײַן אין וואַגאָן.

ער איז געלעגן אויף זײַן פּאָליצע מיט אָפֿענע אויגן און געקוקט אין דער ווײַט. דאָס איז אָריאָל, — האָט ער געקלערט. — אַהער איז געפֿאָרן יענער לייטענאַנט מיטן צעקאַליעטשעטן פּאָנעם. איגאָר האָט זיך ווידער דערמאָנט דעם נעכטיקן טאָג. איצט האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס, וואָס מיט אים האָט נעכטן פּאַסירט, איז געווען שוין זייער לאַנג. ס'איז שוין געווען פֿאַרגאַנגענהײַט. איגאָר איז געלעגן און געקוקט אין דער פֿינצטער און מיטאַמאָל האָט ער דערזען אַ פּאָר אויגן, גרויסע, רויִקע... נינע פּושקאַריאָוועס אויגן. נינאַ פּושקאַריאָווא. איגאָר האָט זיך אָנגעהויבן דערמאָנען:

אַהיים איז ער דאַן געקומען גלײַך פֿון מאָסקווע. אַ טייל פֿון זײַן אורלויב האָט ער פֿאַרבראַכט בײַ געגנען, און דערנאָך איז ער אַוועקגעפֿאָרן אַהיים. דאָס איז געווען זײַן צווייטער אורלויב, דער צווייטער און דער לעצטער.

דער ערשטער אורלויב איז בײַ אים געווען נאָכן פֿאַרענדיקן די מיליטערישע שול. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי דער טאַטע האָט באַקוקט זײַן נײַע אוניפֿאָרם: די בלישטשענדיקע כראָמאָווע שטיוול, דעם ברייטן גאַרטל מיטן שטערן אויף דער קופּערנער ספּראָנזשקע, די גימנאַסטיאָרקע, די הויזן.

— אַלץ איז נײַ, גוט, — האָט ער פֿאַרוווּנדערט געזאָגט. — ווער זשע וועסטו איצט זײַן?

— אַ יינגערער לייטענאַנט.

— ס'הייסט אַן אָפֿיצער?

— בײַ אונדז זײַנען קיין אָפֿיצערן ניטאָ, — האָט געענטפֿערט איגאָר. — בײַ אונדז זײַנען קאָמאַנדירן.

— יאָ, יאָ, קאָמאַנדירן. — דער טאַטע האָט ניט ליב געהאַט זיך אַמפּערן.

יעדעס מאָל, ווען איגאָר פֿלעגט קומען אַהיים, פֿלעגט זײַן קומען פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ געשעעניש, און ניט נאָר פֿאַר זײַנע אייגענע. די שטאָט איז ניט קיין גרויסע, גיכער אַ שטעטל, און וועגן יעדן מענטשן ווייסט מען דאָ אַלץ. וועגן דעם, אַז איגאָר דאַרף קומען,

פלעגן זיך גלײַך דערוויסן אַלע שכנים, די אייגענע, באַקאַנטע. יעדערן האָט זיך געוואָלט קומען, זיך דורכריידן מיט אים.

זייער א סאך מענטשן זײַנען געקומען אין דער צײַט פון זײַן צווייטן אורלויב, אין זײַן לעצטן אורלויב. עפשער דערפאר, וואס אווגוסט, די צײַט פון קאניקולן בא די שילער, און זײַן טאטע, א לערער, איז די גאנצע צײַט געווען אין דער היים. סײַ דער טאטע, סײַ די מאמע. די טירן זײַנען קימאט די גאנצע צײַט געשטאנען אָפן — קום ארײַן, ווער עס וויל.

ס'איז אויך געקומען א מענטש מיט א מאָדנער פאמיליע נעכײַ, געקומען איז ער ניט ווי אנדערע, ניט שטיל, באשיידן, נאָר ראשיק, דערלאנגט די האנט און הויך אויסגעשריגן:

— דעם רויטן קאָמאנדיר אונדזער אכטונג!

איגאר האָט פארוואונדערט אָף אים געקוקט. דער מענטש איז אים געווען אומבאקאנט.

— גוט-מאָרגן, — ער האָט געדריקט די אויסגעצויגענע האנט. יענער האָט קוים גע-ענטפערט אָף זײַן האנט-דרוק. איגאר האָט ווידער אופמערקזאם א קוק געטאָן אין זײַן פאר-גרעבטן פּאנעם, אָף זײַנע פרעכע אויגן, אָף די ברייטע פּלייצעס.

— גוט-מאָרגן, גוט-מאָרגן, — האָבן זיך מיט אים באגריסט דער טאטע און די מאמע. נאָר אסיע, איגאָרס שוועסטער, האָט געשוויגן. איר פּאנעם, פון וועלכן ס'איז קײנמאָל ניט פארשווונדן דער שמייכל, איז איצט געווען שטרענג.

דער טאטע האָט אײַליק צוגערוקט א שטול.

— זעצט זיך, נעכײַ, וועט איר זײַן א גאסט.

— וואָס עפּעס א גאסט? איך בין אומעטום, ווי בא זיך אין דער היים, — האָט ער זיך צעלאכט. — ריכטיק זאָג איך, שיינהייט מײַנע? — ער האָט מיט שטעכיקע בליקן געקוקט אָף אסיען. — וואָס שווײַגסטו?

אסיע האָט, ניט ענטפערנדיק אָף קיין וואָרט, ניט קוקנדיק אין זײַן זײַט, זיך אופגע-הויבן פון אָרט און איז ארויס אין אנדער צימער. די מוטער האָט דערשראָקן א קוק גע-טאָן אָף נעכײַען.

— זי איז מיט עפּעס ניט צופרידן, — האָט געזאָגט נעכײַ, — עפשער געפעלט איך איר ניט? — ער האָט זיך ווידער צעלאכט.

איגאר האָט זיך אָנגעכמורעט: „ער איז שיקער, פּאשעט שיקער".

— וואָס ווילט איר, נעכײַ? — האָט דער טאטע געזאָגט מיט א גוטמוטיק שמייכעלע, — זי איז דאָך א מיידל, און בא מיידלעך טרעפן פארשיידענע קאפּריזן.

— וואָס רעדט איר וועגן מיידל. אָט האָט זיך דער רויטער קאָמאנדיר אויך אָנגע-בלאָזן, — האָט נעכײַ אָנגעוויזן אָף איגארן. זײַנע שטעכיקע אויגן האָבן אַלץ געזען, אַלץ באמערקט. — זײַ ניט אין קאַס, קאָמאנדיר. איך בין א גוטער מענטש.

— א גוטער, א גוטער, — איז מאַסקים געווען די מוטער.

נעכײַ האָט מיט פארדאכט א קוק געטאָן אָף איר.

— עפשער ניט?

הערט שוין אוף, — האָט ווידער געזאָגט דער טאטע. — לאָמיר בעסער טרינקען טיי. נעכײַ האָט זיך קרומערשט געקווענקלט, ער האָט א קוק געטאָן אָף אים.

— מיך וועט איר ניט אָפּנארן, — האָט ער זייער זיכער געזאָגט. — איך ווייס אַלץ. ער האָט א קוק געטאָן אָף איגארן, — דו כמורע זיך ניט, קאָמאנדיר. איך בין צו דיר געקו-מען ניט טיי טרינקען. מע זאָגט, דו ביסט געווען אין מאָסקווע און האָסט געבראכט פון דאָרטן א זייגערל פון די ערשטע סאָוועטישע זייגערלעך.

אין יענער צײַט האָבן זיך באוויזן אין פארקויף אונדזערע ערשטע זייגערס, און איגאר האָט טאקע, זײַענדיק אין מאָסקווע, געקויפט אזא זייגער.

— פונוואנען ווייסט איר? — האָט זיך פארוואונדערט איגאר. — איך האָב דאָך דער-ציילט נאָר די עלטערן.

— איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אז איך ווייס אַלץ. ווײַזט אָקאָרשט דעם זייגער. איך האָב ליב אונדזערע סאָוועטישע זאכן.

איגאר האָט אָפּגעשפּיליעט דעם זייגער.

— אָ, דאָס איז א זייגער! — איז ניספּאָעל געוואָרן נעכײַ. — זיי גייען פּינקטלעך.

— זיי גייען אויסגעצייכנט, ניט ערגער פון שווײַצישע.

— וואָס עפּעס ניט ערגער? בעסער, קאָמאנדיר, בעסער, ס'איז דאָך אונדזערע, סאָ-וועטישע.

— נו, איז וואָס, אז ס'איז סאָוועטישע? — האָט ער געפרעגט. נאָר דאָ האָט ער דערזען, אַז די מאַמע קוקט אויף אים מיט דערשראָקענע אויגן, און דער טאַטע האָט אויפגעהויבן אַ האַנט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך פון עמעצן פאַרטיידיקן. „וואָס האָבן זיי זיך דערשראָקן? — האָט ניט פאַרשטאַנען איגאָר. — פאַר וועמען האָבן זיי מורא?"

און נעכײַ האָט גאָרנישט ניט געזען, גאָרנישט ניט געהערט. ער האָט געקוקט אויפן זייגערל. מיטאַמאָל האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דורכדרינגלעך אַ קוק געטאָן אויף איגאָרן.

— פאַרקויף מיר דעם זייגער, קאָמאַנדיר.

— פאַרקויפן? — האָט איבערגעפרעגט איגאָר. — צוליב וואָס זאָל איך אים פאַרקויפן?

— פאַרקויף, פאַרקויף, איגאָר, — האָט אַ זאָג געטאָן דער פאָטער.

— פאַרוואָס דאַרף איך פאַרקויפן? — האָט אַלץ ניט פאַרשטאַנען איגאָר. — איך האָב דאָך געקויפט פאַר זיך.

— דו וועסט זיך קויפן אַן אַנדערן, — האָט געזאָגט נעכײַ, — אין מאָסקווע זײַנען זיי דאָ.

— איך וווין ניט אין מאָסקווע.

— דו ביסט דאָך פון דאָרטן געקומען.

— איך בין געווען צוגאַסט בײַ מײַנעם אַ פרײַנט.

— וועט ער דיר קויפן, דײַן פרײַנט.

— איך האַנדל ניט מיט קיין זייגערס.

— זונעלע, פאַרקויף, — האָט געבעטן די מוטער.

איגאָר האָט געשוויגן.

נעכײַ איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צום טיש און האָט פאַרזיכטיק אוועקגעלייגט דעם זייגער.

— מיר וועלן נאָך מיט דיר ריידן, קאָמאַנדיר, — האָט ער געזאָגט און דורכגעלעכערט איגאָרן מיט זײַן שטעכיקן קוק.

ווען ער איז אַוועק, האָט דער טאַטע געזאָגט:

— וואָס האָסטו אים ניט אָפּגעגעבן דעם זייגער? וואָס האָסטו זיך מיט אים אויפגעטשעפּעט?

— איך פאַרשטיי ניט, פאַרוואָס דאַרף איך אים אָפּגעבן? — האָט אויסגעשריִען איגאָר. — וואָס האָט איר פאַר אים מורא? ער איז פּאַשעט אַ פּרעכער טיפּ.

דער פאָטער האָט באַדויערנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ביסט נאָך אַ יונגער, מײַן זון, דו פאַרשטייסט נאָך גאָרנישט.

— נו, וואָס האָב איך מורא, וואָס ציטערט איר? — האָט איבערגעפרעגט איגאָר.

און איידער דער טאַטע האָט נאָך באַוויזן ענטפערן, האָט זיך געעפנט די טיר פון דעם צווייטן צימער און עס איז אַרײַנגעקומען אַסיע.

— ער שרײַבט מעסירעס, — האָט געזאָגט אַסיע. זי האָט אין איר צימער אַלץ געהערט.

מער האָט איגאָר ניט געזען נעכײַען.

אין יענעם אורלויב איז בײַ אים געווען אַ מאָדנע באַגעגעניש. אומגעריכט איז געקומען דער פעטער סאַשע. בכלל פלעגט דער פעטער סאַשע, דעם טאַטנס ברודער, צו זיי ניט קומען. ניט ער צו זיי, ניט זיי צו אים. אַזוי האָבן געלעבט צוויי ברידער אין איין שטאָט און פלעגן זיך באַגעגענען נאָר אין גאַס. איגאָר האָט זיך איבעריקס ניט אינטערעסירט מיט די קרוווישע באַציִונגען, נאָר ניט ווילנדיק זײַנען צו אים דערגאַנגען פאַרשיידענע ריידענישן. מע פלעגט זאָגן, אַז אין אַלץ איז שולדיק די מומע פּאַליע, דעם פעטערס ווײַב, אַז דאָס האָט זי אָפּגעריסן דעם פעטער פון די קרובֿים. באַם פעטער איז אַ שוואַכער כאַראַקטער. זי און איר פלעמעניצע, גאַליע, וועלכע זיי האָבן אַדאָפּטירט. דער טאַטע פלעגט עס אָפּלייקענען. ער פלעגט זאָגן, אַז די מומע האָט צו דעם קיין שײַכות ניט, און די פלעמעניצע אַוואַדע ניט. זי איז נאָך גאָר אַ קינד. מיט דעם, וואָס זיי האָבן גענומען צו זיך און אויפגעצויגן די פלעמעניצע, האָבן זיי געטאָן אַ גוטע זאַך. קיין אייגענע קינדער זײַנען בײַ זיי ניט געווען, האָבן זיי גענומען דעם ווײַבס פלעמעניצע, איר שוועסטערס טאָכטער, וועלכע איז פון קינדווײַז אָן געבליבן אַ יתומה. וואָס זשע קאָן מען וועגן זיי זאָגן שלעכטס? פאַרקערט, זיי האָבן געהאַנדלט מענטשלעך, דער טאַטע האָט געהאַלטן, אַז אין אַלץ איז שולדיק נאָר דער פעטער. קיין כאַראַקטער האָט ער, עמעס, ניט, נאָר אין די באַציִונגען מיט אים, מיט

זייַן עלטערן ברודער, האָט ער טאַקע אַ כאַראַקטער באַוויזן. און דער טאַטע האָט דערציילט אַן אַלטע געשיכטע:

זיי זייַנען געווען צוויי ברידער. ער, דער עלטערער, און דער פעטער, ייִנגער פון אים אויף דרייַ יאָר. דער עלטערער האָט פון קינדווייַז אָן געוואָלט זיך לערנען. די עלטערן האָבן ניט דערווידערט. זיי האָבן סייַ דעם עלטערן, סייַ דעם ייִנגערן אָפּגעגעבן אין שול. „לערנט זיך, — פלעגן זאָגן די עלטערן, — קאָלזמאַן מיר קענען אייַך העלפן, און דערנאָך וועט איר שוין אַליין דערגיין".

דער ייִנגערער האָט זיך געלערנט אָן פלייַס. ער האָט זיך ווי-ניט-איז אויסגעלערנט שרייַבן און לייענען, און אויף דעם האָט זיך זייַן לערע געענדיקט. דער עלטערער האָט אַרויס-געוויזן גוטע פעיִקייַטן, האָט זיך געלערנט, און ווען ער איז אונטערגעוואַקסן, האָט ער גע-לערנט און געאַרבעט. ער איז געוואָרן אַ לערער, און דער ייִנגערער ברודער איז געוואָרן אַ היטלמאַכער. ער האָט דאָס ניט געקאָנט מוחל זייַן דעם ברודער און פלעגט אים אויפ-וואַרפן, אַז צוליב אים, קעדיי ער זאָל זיך קענען לערנען, איז ער אַוועק אַרבעטן. אָט אַזאַ געשיכטע האָט דערציילט דער טאַטע און איז געווען זיכער, אַז דאָס איז די סיבע פון זייער אָפּגעפרעמדטקייַט. צי ס׳איז טאַקע געווען אַזוי, צי ניט, נאָר זיי זייַנען איינע צו די אַנדערע ניט געגאַנגען.

איגאָר פלעגט אַמאָל יאָ קומען צום פעטער. ער פלעגט גיין, און זייַן שוועסטער ניט. גאַליע, דעם פעטערס אַדאָפּטירטע טאָכטער, איז געווען מיט אים פון איין עלטער.

באַ דעם פעטער איז געווען אומעטיק. ווען איגאָר פלעגט אַרייַנקומען איין מאָל אין אַ יאָר, אָדער איין מאָל אין צוויי יאָר, פלעגט ער טרעפן די שטענדיקע שווערע אַטמאָספער. קיין זאַך פלעגט זיך דאָ ניט ענדערן. אַלץ איז געשטאַנען אויף די אייגענע ערטער, אַזוי-ווי צוגעוואַקסן, און דער פעטער האָט זיך אויך ניט געענדערט: גערעדט שטיל, ניט געקוקט אין די אויגן. די מומע פאָליע האָט איגאָר יעדעס מאָל ניט דערקענט. נאָר ווי נאָר עס פלעגט זיך באַווייַזן אויף איר פּאָנעם אַ זויער שמייכעלע, האָט ער זיך שוין געווונדערט, וויאַזוי ער האָט געקענט פאַרגעסן. דעם פעטערס מאַניר ניט קוקן אין די אויגן און דער מומעס זויער שמייכעלע זייַנען געווען ווי שטענדיק; אַלץ האָט זיך געשטעלט אויף אַן אָרט.

גאַליע איז געווען די איינציקע, וואָס האָט זיך געענדערט. איגאָר פלעגט באַמערקן, אַז מיט יעדן יאָר ווערט זי מיט עפּעס אַנדערש שענער, אָבער אויך מיט איר איז אים געווען שווער. זי האָט געהאַט אַ מום — אַ שלעכטן געהער. גערעדט שטיל און פלעגט ניט איבער-פרעגן. אויב זי האָט ניט דערהערט, פלעגט זי שמייכלען און קוקן מיט אַ שטעכנדיקן בליק. נאָר ווען ער האָט גערעדט העכער, פלעגט זי שוין זאָגן:

— וואָס שרייַסטו, איך הער.

פיל מאָל האָט גאַליע געשמייכלט אויך דאַן, ווען זי האָט געהערט און שטענדיק מיט איינעם און דעם זעלבן שמייכעלע — קויפ-קוים, עטוואָס. און דער בליק איז באַ איר געווען אויך אַ שטעכנדיקער. די אייגענע האָבן גאַליען אויך ניט ליב געהאַט.

איגאָר האָט צו איר קיין טייַנעס ניט געהאַט, אָבער גיין צום פעטער פלעגט זיך אים ניט וועלן. עס האָט אים געדריקט די אַטמאָספער פונעם פעטערס שטוב.

אָט אַזוי זייַנען געגאַנגען יאָרן. מע האָט געלעבט אין איין שטאָט און מע האָט זיך ניט געזען. נאָר יענעם זומער איז דער פעטער אומדערוואַרט געקומען. ער איז געקומען זייער פרי. אַסיע איז נאָרוואָס אַוועק אויף דער אַרבעט. אינדערהיים איז געווען איגאָר, די מאַמע און דער טאַטע. באַגעגנט האָט אים די מאַמע. אין דער ערשטער מינוט, ווען זי האָט אים דערזען, האָט זי זיך פאַרלוירן. זיך אָפּגעשטעלט און שווייַגנדיק געקוקט אויף אים.

דער פעטער האָט, ווי שטענדיק, אָפּגעווענדט די אויגן און שטיל אַרויסגעמורמלט:

— גוט-מאָרגן. — ער האָט געזאָגט אַזוי, ווי ניט צען יאָר וואָלט ער אַהער ניט אַרייַנ-געקומען, נאָר ערשט נעכטן דאָ געווען.

די מוטער האָט זיך אַזוי פאַרלוירן, אַז זי האָט אפילו ניט געענטפערט אויף דער באַ-גריסונג. סאָפּקאָלסאָף האָט זי אַ רוף געטאָן דעם מאַן:

— מישע!

איגאָר איז אַרויסגעגאַנגען נאָכן טאַטן פונעם צווייטן צימער.

— סאַשע! — האָט אויסגעשריִען דער טאַטע.

דער פעטער האָט זיך דערפרייט מיט זייַן קומען.

— וואָס זשע שטייסטו? וואָס האַלטסטו אים לעבן דער טיר? — האָט ער מיט רויגעז געזאָגט דער מאַמען, — גיי אַרייַן.

זיי זײַנען געווען פֿאַרשיידענע, אָט די צוויי ברידער. דער עלטערער איז געווען אַ הויכער, אַ פֿולער, מיט אַ לעבעדיקן, קלוגן אויסדרוק פֿון פּאָנעם. דער ייִנגערער איז געווען אַ נידעריקער, אַ דאַרינקער, אַ שטילינקער. אױפֿן פּאָנעם איז שטענדיק געלעגן דער אומעט.

— נו, ווי לעבסטו, סאַשע? — האָט געפֿרעגט דער טאַטע.

— דאַנקען גאָט, — האָט יענער געענטפֿערט און צום ערשטן מאָל אױפֿגעהויבן די אויגן. נאָר אַ קוק געטאָן האָט ער אויף איגאָרן און ניט אויף דעם טאַטן.

איגאָרן האָט פֿאַרוווּנדערט דער אויסדרוק פֿון זײַנע אויגן. זיי זײַנען געװען קלאָרע, קינדערשע. און געקוקט האָט ער ניט דרייסט, אומבאַהאָלפֿן. דאָס ערשטע מאָל האָט ער אַזוי געקוקט אויף איגאָרן. עס איז געווען אַזוי, ווי ער וואָלט פֿאַר אים צעעפֿנט זײַן נשמה. נאָר אין אַ רגע אַרום האָט ער ווידער אַראָפּגעלאָזט די אויגן און ווידער איז לעבן איגאָרן געזעסן אַ דערשלאָגענער, שטילער מענטש. איגאָר האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דער פֿעטער איז ניט אַזאַ, ווי ס'ווײַזט זיך אויס. ער איז פּאָשעט אַ שוואַכער מענטש, אַ שוואַכער און אַ גוטער. ער האָט אויך פֿאַרשטאַנען, אַז ניט ער, דער פֿעטער, איז שולדיק אין די באַציִונגען צווישן די ברידער, נאָר זי, די מומע.

דער פֿעטער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געפֿרעגט:

— פֿאַרוואָס קומסטו צו אונדז ניט? — לויט זײַן קול האָט זיך געפֿילט, אַז ער איז באַרויִקט.

— כ'וועל קומען, כ'וועל קומען, פֿעטער! — האָט הייס און ווי שולדיק אויסגעשריִען איגאָר.

— פֿאַראײַאָרן ביסטו אויך ניט געקומען. גאַליע איז אויף דיר באַרויִקט.

— כ'וועל קומען, כ'וועל קומען, פֿעטער. מאָרגן וועל איך אומבאַדינגט קומען.

— קום צו גיין. בײַ אונדז זײַנען פֿאַראַן נײַע פּלאַסטינקעס. צו גאַליען קומען אירע כאַווערטעס.

— ער וועט קומען, — האָט געזאָגט דער טאַטע און ווידער געפֿרעגט: — ווי לעבסטו? נאָר דער פֿעטער האָט זיך שוין אױפֿגעהויבן פֿון אָרט. ער איז, אױפֿן פּאָנעם, ספּעציעל געקומען, קעדיי אײַנלאַדן איגאָרן. שוין שטייענדיק בײַ דער טיר, האָט ער געזאָגט:

— ווי לעב איך? איך אַרבעט. — און ווידער געווענדט זיך צו איגאָרן: — קום צו גיין.

און איגאָר איז געקומען.

10

דער פֿעטער און די מומע זײַנען געזעסן אינעם פֿאָדערשטן צימער. דאָ איז דורכגעגאַנגען זייער גאַנץ לעבן. דאָ האָבן זיי געגעסן, געשלאָפֿן און דאָ האָט דער פֿעטער געאַרבעט. דער צווייטער צימער, אין וועלכן עס האָט געלעבט נאָר גאַליע, איז געווען אַ ריינער, אַ פּאַראַדנער. דער אַרײַנגאַנג אין אים איז געווען דורך דעם פֿאָדערשטן צימער, זייער אָן אָרעם מעבלירטן: צוויי שמאָלע קושעטקעס, אַ פּאָשעטער טיש און אַ ניי-מאַשין, אויף וועלכער דער פֿעטער האָט געאַרבעט. אָט די קושעטקעס, דעם טיש, די מאַשין און עטלעכע אַלטע שטולן האָט איגאָר פֿאַרגעדענקט אױפֿן גאַנצן לעבן.

פֿינף יאָר איז איגאָר דאָ ניט געווען. דרײַ יאָר האָט ער געלערנט אין דער מיליטערישער שול און פֿאַראײַאָרן איז ער אַהער ניט געקומען. ס'זײַנען דורכגעפֿלויגן פֿינף יאָר און קיין זאַך האָט זיך דאָ ניט געענדערט. דער פֿעטער און די מומע זײַנען, ווי פֿריִער, געזעסן אין פֿאָדערשטן צימער, דאָס מעבל איז געשטאַנען אויף זייערע ערטער. און פֿונדעסטוועגן האָט איגאָר דערפֿילט, אַז עפּעס האָט זיך געענדערט. דעם פֿעטער האָט ער שוין געזען נעכטן. ער איז געבליבן אַזאַ, ווי געווען. עפּשער איז די ענדערונג פֿאָרגעקומען מיט דער מומען. יאָ, געוויס. די מומע איז עלטער געוואָרן, שטאַרק זיך געעלטערט. נאָר ניט דאָס האָט איגאָרן געווונדערט. עפּעס גאָר אַן אַנדער אויסדרוק פֿון פּאָנעם איז בײַ איר געווען. זי האָט געשמייכלט, און געשמייכלט האָט זי צו אים פֿרײַנטלעך.

— איגאָר, כ'האָב דיך ניט דערקענט. אַ מאַנצבל, ביסט געוואָרן אַן עמעסער מאַנצבל, אַ כוואַסן-באָכער.

דער פֿעטער, וואָס איז, ווי געוויינלעך, געזעסן לעבן זײַן מאַשין, האָט אויך געשמייכלט. און דער שמייכל האָט באַשײַנט זײַן באַטריבטן פּאָנעם.

— א כאַסן־באָכער? — האָט איבערגעבאַזערט איגאַר און זיך צעלאַכט. דאָס ערשטע מאָל האָט ער געלאַכט אין דער שטוב, דאָס ערשטע מאָל איז אים דאָ געווען פריילעך.

— יאָ, א כאַסן־באָכער. וויפל יאָר איז דיר? ביסט אין איין עלטער מיט אונדזער גאַ־ליען. יאָ, די יאָרן גייען, — האָט די מומע אָפּגעזיפצט, — די קינדער זײַנען שוין דערוואַק־סענע. נאָר וואָס האָב איך זיך צערעדט? — האָט זי זיך געכאַפּט. — גיי, גיי אַהין, — האָט זי אָנגעוויזן אַפּן צווייטן צימער. — יונגע דאַרפן פאַרברענגען מיט יונגע.

יעדעס מאָל, ווען איגאַר פלעגט איבערגיין פון דעם ערשטן צימער אינעם צווייטן, פלעגט ער פילן ווי פאַרשיידן מעבלירט זיי זײַנען. איצט אָבער האָט זיך אים אין די אויגן געוואָרפן גאָר עפּעס אַנדערש. ער האָט דערזען גאַליען. ערשט איצט האָט ער פאַרשטאַנען, וואָס די מומע האָט געוואָלט זאָגן. זיי, די יונגע, האָבן זיך שטאַרק געענדערט. מיט פינף יאָר צוריק איז גאַליע געווען א יונג זיבעצניאָריק מיידל, און איצט האָט ער דערזען אין איר א רײַפע פרוי.

אינמיטן צימער איז געשטאַנען א קײַלעכדיקער טיש, באַדעקט מיט א מאַסיוון טיש־טעך. אַרום טיש זײַנען געשטאַנען ווייכע שטולן, א סערוואַנט, א שווערער גאַרדעראָב, א דיוואַן, פאַרשיידענע פּאָליצעס. דאָס מעבל האָט פאַרפולט דאָס צימער. יעדער זאַך האָט מען געקויפט צופעליק און עס איז געווען פון פאַרשיידענע סטילן.

גאַליע איז געזעסן באַם פענצטער און האָט צו אים געשמייכלט מיט א רייצנדיקן פרויישן שמייכל.

— אָ, גאַליע, — האָט ער פאַרווונדערט אויסגעשריִען. — צי דען ביסטו עס? ניט צו דערקענען.

ער איז געשטאַנען און מילד געקוקט אױף איר. די פילאַטקע, ווייליונגעריש אָנגעטאָן, האָט פאַרדעקט בלויז א האַלבן קאָפּ, און זײַנע האָר, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזען, זײַנען גע־ווען פון איין קאָליר מיטן פאַרברוינטן פּנים. א ברייטער רימען מיט א קופּערנער פּריאַזשקע האָט אַרומגענומען זײַן דינע טאַליע, און דאָס גאַנצע מיליטערישע אָנטאָן, וואָס איז געלעגן אױף אים ווי אויסגעגאָסן, האָט אונטערגעשטראָכן זײַן שלאַנקע פיגור. זײַן פּנים האָט זיך פריידיק געלויכטן.

— מאַדאַם, א גאַנצע מאַדאַם, — האָט געשמייכלט איגאַר.

— און דו ביסט פון קאָפּ ביז די פיס א מיליטערישער, — האָט גאַליע שטיפעריש גע־זאָגט. אין אירע אויגן האָט ער דערזען, אַז זי גרויסט זיך מיט אים.

— דו ביסט א לייטענאַנט? — האָט זי געפרעגט.

— א יינגערער לייטענאַנט, — האָט זיך דערהערט פון אַן אַנדער ווינקל פון צימער.

איגאַר האָט זיך אומגעקוקט, און באַלד דערזען אָט די אויגן: גרויסע, זייער גרויסע. זי איז געזעסן באַם טיש און געקוקט אױף אים אַזוי, ווי זיי וואָלטן פון לאַנג געווען באַקאַנט. רויק, מיט א פרײַנטלעכן בליק.

גאַליע האָט א קוק געטאָן אױף איגאַרן, אױף דעם מיידל און געזאָגט:

— זײַט באַקאַנט, דאָס איז מײַן כאַווערטע, נינע.

נינע איז אויפגעשטאַנען און דערלאַנגט אים די האַנט.

— נינע פּושקאַריאָווא, — האָט זי זיך פאָרגעשטעלט.

ער האָט זי, דוכט זיך, שוין אַמאָל ערגעץ געזען. אַלץ אין איר איז געווען אין דער מאָס, אויסער די אויגן, וועלכע זײַנען געווען זייער גרויס. אָט די זייער גרויסע אויגן זײַנען געווען שענער פון אַלץ בא איר.

— און איך בין איגאַר גאָנטשאַר, — האָט געזאָגט איגאַר און אויסגעשטרעקט זײַן האַנט.

ער האָט זיך געזעצט דערנעבן און אַרײַנגעקוקט איר אין די אויגן, געקוקט און ניט געקאָנט זיך אָפּרײַסן.

— איך ווייס, אַז מע רופט אײַך איגאַר, — האָט זי געזאָגט, — גאַליע האָט מיר וועגן אײַך דערציילט.

— גאַליע האָט אײַך דערציילט? — האָט ער איבערגעפרעגט. — וואָס זשע האָט זי אײַך אַזוינס דערציילט? נאָר עפּשער איז עס א סאָד? גאַליע, ס'איז א סאָד, צי ניט קיין סאָד?

— וואָס פאַר א סאָד? — האָט גאַליע א קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען.

— אַלציינס איז דאָס ניט אינטערעסאַנט. וואָס קאָן מען וועגן מיר דערציילן?

— צי דען איז אײַך ניט אינטערעסאַנט, וואָס מע דערציילט וועגן אײַך?

— כ'מיין, אַז ס'איז ניט שטאַרק אינטערעסאַנט. זאָגט בעסער, פונוואַנען קלײַבט איר זיך אַזוי גוט פאַנאַנדער אין די מיליטערישע ראַנגען? — האָט ער פילדײַטיק געפרעגט.

— איר מיינט געוויס, אַז איך האָב אַ גרויסע דערפאַרונג, האָט איר אַ טאָעס. מײַן ברודער איז אַ מיליטערישער. ער האָט מיך אויסגעלערנט זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין דעם דאָזיקן איניען.

— און איך פאַרשטיי אין דעם גאָרנישט, — האָט געזאָגט גאַליע, — איין קוביק, צוויי קוביקעס. איז זאָג זשע מיר, ווער ביסטו? אַ לייטענאַנט?

— אַ ייִנגערער לייטענאַנט, — האָט ווידער איבערגעכאַזערט נינע.

— אַ ייִנגערער? — האָט זיך געוווּנדערט גאַליע. — הייסט עס, אַז ס'זײַנען דאָ ייִנגערע און עלטערע?

— יאָ, ס'זײַנען פאַראַן ייִנגערע און עלטערע.

— און וועלכער לייטענאַנט איז אַ קאַפּיטאַן?

איגאָר האָט געלאַכט. ער האָט זיך איבערגעקוקט מיט נינען, ווי אַלטע גוטע-פרײַנט.

— דו פאַרשטייסט, — האָט ער געזאָגט, — אַ קאַפּיטאַן איז אַ קאַפּיטאַן, און אַ לייטענאַנט איז אַ לייטענאַנט.

גאַליע האָט שווײַגנדיק געקוקט אויף אים.

— נו, וואָס איז דיר ניט פאַרשטענדלעך? אַ בעהיימע איז אַ בעהיימע, און אַ הונט איז אַ הונט.

איגאָר האָט ווידער געקוקט אויף נינען. און ווידער האָבן זיי געלאַכט.

— אָ, כ'האָב פאַרשטאַנען! — האָט סאַפּקאָלסאָף אויסגעשריִען גאַליע. — אַ בעהיימע איז אַ בעהיימע, און אַ הונט איז אַ הונט.

זיי האָבן געלאַכט, שפּעטער זײַנען זיי אַרויס שפּאַצירן.

ווען זיי זײַנען דורכגעגאַנגען דעם ערשטן צימער, האָט דער פעטער געזאָגט:

— קום צו גיין, איגאָר.

די מומע האָט אויך געבעטן אַרײַנגיין.

זיי האָבן שפּאַצירט אינעם שטאָט-גאָרטן. שפּעט אין אָוונט, ווען זיי האָבן זיך שוין געקליבן גיין אַהיים, האָט איגאָר געזאָגט:

— קומט, נינע, לאָמיר באַגלייטן גאַליען.

אָט דאַן האָט איגאָר דערזען, ווי גאַליע קוקט מיט איר שטעכנדיקן בליק.

— איך וועל אַליין טרעפן דעם וועג, — האָט זי געזאָגט און, שטאָלץ אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַוועק אַהיים.

ווען זי איז אַוועק, האָט נינע געזאָגט:

— זי האָט זיך באַליידיקט. געוואָלט פאַרבלײַבן מיט אײַך אַליין. דעם גאַנצן אָוונט האָט זי געוואַרט, אַז איך וועל אַוועקגיין. נאָך דאָרט, אין דער היים, האָט זי געוואַרט. — און מיטאַמאָל אַ קוק געגעבן אויף אים מיט אַן אויספאָרשנדיקן בליק: — זעט, איגאָר, זיי וועלן אײַך כאַסענע מאַכן מיט איר.

איגאָר האָט זיך צעלאַכט.

— אָ, ניין, איצט וועל איך אַוודאי ניט כאַסענע האָבן מיט איר, און דו וועסט אין דעם זײַן שולדיק.

און שפּעטער, ווען זיי זײַנען געזעסן אין דער טונקעלער אַלייע און איגאָר האָט זי אַרומגענומען און געקושט, האָט זי זיך צוגעטוליעט צו אים און געזאָגט:

— זינט דו ביסט געקומען, גיי איך יעדן טאָג צו גאַליען און וואַרט, אַז דו וועסט קומען. כ'האָב דיך נאָך פאַראַיאָרן באַמערקט.

פון דעמלט אָן האָבן זיי זיך יעדן טאָג געטראָפן, און צום פעטער איז ער מער ניט געגאַנגען...

יאָ, דעם לעצטן אורלויב האָט ער גוט פאַרבראַכט. ליגנדיק אין וואַגאָן אויף דער אייבערשטער פּאָליצע, האָט ער זיך אַלץ דערמאָנט. נינע, נינע... די גאַנצע מילכאָמע האָט ער ניט געטראַכט וועגן איר. אַזוי גיך האָבן זיי זיך דערנעענטערט און אַזוי גיך פאַרגעסן. ערשט נעכטן האָט ער זיך דערמאָנט אין איר. ווו איז זי? וואָקוירט זיך, צי אין דער היים? צי וועט זיך אים אײַנגעבן זיך טרעפן מיט איר?

דער צוג האָט זיך דערנעענטערט צו כאַרקאָוו.

אמאָל איז פון כאַרקאָוו געגאנגען א צוג ביז צו זײַן שטאָט. איצט איז דער צוג געגאנגען נאָר ביז קרעמענטשוג, און דאָרט האָט מען זיך ווידער געדאַרפט איבערזעצן אַף אן אנדערן.

אין קרעמענטשוג איז איגאָר געקומען צו פאָרן באַטאָג. דער לאַנגער צוג, וואָס איז געווען צונויפגעטשעפּעט פון פאַרשיידענע וואַגאָנען, פראַכט-וואַגאָנען און וואַגאָנען פאַר פּאַסאַזשירן, האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף א פּוסטן פלאַץ. ניט קיין וואָקזאַל, ניט קיין געבײַ האָט מען ניט געזען. אַרום איז געלעגן א טיפער שניי. נאָר פון פאָרנט, א מעטער צוויי הונדערט פון צוג, איז געשטאַנען אן איינזאַם נידעריק שטיבל. אַהער האָט מען זיך געצויגן פון גאַנצן צוג. איגאָר איז אויך מיט זײַן לײַכטן רוקזעקל, ווו ס'זײַנען פאַרבליבן נאָר פּיש-קאָנסערוון און א פּאָרל וועש, אַוועק אַהער. לאָזט זיך אויס, אַז דאָס שטיבל האָט פאַרביטן א וואָקזאַל. מע האָט עס אינדערגיך צונויפגעקלאַפּט, ניט אָפּגעשטוקאַטורעט ניט פון אויסן, ניט פון אינווייניק און עס איז באַשטאַנען בלויז פון איין צימער. דער צימער איז געווען פול מיט מענטשן, און א סאַך האָבן ניט געקענט דורכשטופּן זיך אַהין. איגאָר איז אויך אַהין ניט אַרײַן. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז זײַן צוג, מיט וועלכן ער דאַרף אַוועקפאָרן, וועט ערשט זײַן אין אָוונט. מע האָט געדאַרפט וואַרטן עטלעכע שעה. איגאָר האָט באַשטימט צוגיין אין שטאָט.

ער האָט געוווּסט, אַז קרעמענטשוג איז שטאַרק רויִנירט. ער האָט דאָ ניט ווײַט מילכאָמע געהאַלטן, פאָרסירט דעם דניעפּער אין האַרבסט 1943. ער האָט געזען א סאַך צעשטערטע שטעט: קאָבעליאַקי, פּאָלטאַווע, קריוואָי ראָג. אָפּטרעטנדיק, האָבן די דײַטשן אויסגעריסן אַלץ, וואָס האָט זיך געטראָפן אַף זייער וועג. זיי האָבן פאַרברענט דאָס ברויט אַף די פעלדער, פאַרברענט אין די קאָפּנעס. אַפן אָרט פון די קאָפּנעס זײַנען געבליבן שוואַרצע פלעקן. ער האָט געקוקט אַף די שוואַרצע פלעקן, אַף די רויִנירטע הײַזער, און דאָס האַרץ האָט געוויטיקט;

איגאָר האָט שוין פריִער געזען אַזוינע שטעט אין אוקראַיִנע און אין אנדערע ערטער. ער איז דאָך דורכגעגאַנגען די גאַנצע מילכאָמע. און גייענדיק איבער די גאַסן פון דעם רויִנירטן קרעמענטשוג, קוקנדיק אַף די פּוסטע קאַסטנס, אַף די לעכער, דורך וועלכע עס האָבן זיך געזען געפאַרבטע ווענט, טאַפּעטן, האָט זיך אים געדוכט, אַז ער איז דאָ שוין אמאָל געווען. אַלע רויִנירטע שטעט זײַנען ענלעך איינע אַף די אנדערע, אַזוי ווי ס'זײַנען ענלעך אַלע סטאַנציעס אָן וואָקזאַלן. איגאָר האָט געזען די שטעט גלײַך נאָך די שלאַכטן, ווען מע האָט אַף זיי קיין לעבעדיקן מענטשן ניט געזען. פּוסטע גאַסן. און איצט, גייענדיק איבער די גאַסן פון קיִעוו, האָט ער באַגעגנט א סאַך מענטשן. ס'האָט אים געוווּנדערט: ווו זשע לעבן זיי? ווען ער האָט זיך צוגעקוקט, האָט ער באַמערקט, אַז אין אייניקע הײַזער זײַנען די לעכער פאַרלייגט מיט שטיינער, פאַרקלאַפּט מיט ברעטער און ווו-ניט-ווו זעט זיך א רויך. דאָס לעבן, האָט ער געטראַכט, ווערט פאַרגעזעצט, ניט געקוקט אַף די שוידערלעכע איִנויִם. די, וואָס זײַנען געבליבן לעבן, ווילן לעבן און ווידער אויפשטעלן זייערע היימען.

פון דעם געדאַנק איז אים געוואָרן לײַכטער אַפן האַרצן.

ער איז געווען הונגעריק. נעכטן באַטאָג האָט ער אין כאַרקאָוו אויפגעגעסן דאָס לעצטע שטיקל ברויט. פון אַריאַל ביז כאַרקאָוו זײַנען זיי געפאָרן זייער לאַנג. דער צוג פלעגט שטיין אַף די סטאַנציעס. אין כאַרקאָוו איז ער געשטאַנען א גאַנצן מעסלעס. אַלע פּראָדוקטן, וואָס מע האָט אים געגעבן אין האָספּיטאַל, האָבן זיך געענדיקט. עס איז נאָר געבליבן איין באַנקע קאָנסערוון. איצט האָט זיך אים געדוכט, אַז אין האָספּיטאַל האָט מען אים מיטגעגעבן צו ווייניק פּראָדוקטן: דרײַ באַנקעס קאָנסערוון, ברויט, פּוטער, צוקער און א שטיקל כאַזערשמאַלץ. איין באַנקע קאָנסערוון, די פּוטער, דעם צוקער און א העלפט פונעם ברויט האָט ער אָפּגעגעבן געגנעס שוועסטער, סאָפיע איסײַעוונען. דאָס איבעריקע האָט ער אויפגעגעסן. ניט איין מאָל האָט ער געוואָלט עפענען די לעצטע באַנקע קאָנסערוון, נאָר געצווונגען זיך דאָס ניט טאָן. ווער ווייסט וואָס עס דערוואַרט אים. זאָלן כאָטש זײַן די קאָנסערוון. קעדיי שטילן דעם הונגער, האָט ער גערייכערט. נאָר אָט האָבן זיך בא אים געענדיקט אויך די פּאַפּיראָסן.

ער איז אַוועק אַפן קרעמענטשוגער מאַרק אײַנהאַנדלען עפּעס צום רייכערן.

איגאָרן איז שוין פריִער אויסגעקומען זײַן אַפן מאַרק. און ווער איז אין צײַט פון מילכאָמע ניט געווען אַף די מערק? פונעם מאַרק האָבן א סאַך מענטשן געלעבט. אַפן מאַרק

פֿלעגט מען ניט אַזוי קויפֿן און פֿאַרקויפֿן, ווי מע פֿלעגט זיך בײַטן. מע האָט געביטן אַלץ: ברויט, צוקער, טאַבעק, פֿאַרשיידענע קליידונג, געפֿעס. אַלץ האָט מען געביטן. אויפֿן קרעמענטשוגער מאַרק איז אויך געווען, ווי אויף אַלע איבעריקע מערק. איגאָר האָט געזען אַ שיין געקליידטן מאַנצבל, וואָס האָט פֿאַרקויפֿט שמאַטעס, וואָס האָט פֿאַרקויפֿט אַ טײַערן קאָסטיום. ער האָט געזען דאַרע, אויסגעדייוועטע מענטשן און זאַטע, זעלבסטצופֿרידענע. איגאָר האָט געקויפֿט מאַכאָרקע בײַ אַ פֿול-לײַביקער פֿרוי. אויף די פּלייצעס האָט זי געטראָגן אַ טײַערע שוואַרצע שאַל, אַן אויסגעניייטע מיט ווײַסע קווייטן.

— קום אַהער, קום אַהער, מײַן טײַערער, — האָט זי אים גערופֿן. — פֿאַרייכער עמעסע קרעמענטשוגער מאַכאָרקע.

— וואָס איז עס פֿאַר אַ מאַכאָרקע? — האָט געזאָגט איגאָר. ער האָט אַ קוק געטאָן אין זאַק, וואָס איז געשטאַנען לעבן איר. — דאָס איז דאָך סאַמאָסאַד.

— פֿונוואַנען ביסטו אַראָפּגעקומען, טײַערער מײַנער? — האָט זי זיך צעלאַכט. — מאַכאָרקע האָט זיך אים פֿאַרוואָלט. איצט איז אַלץ סאַמאַ. — זי האָט געלאַכט און עס האָבן געלאַכט אויך אַנדערע לעבן איר.

פֿון זייער אײַזדיעקוועז זיך איבער אים, האָט איגאָר זיך דערפֿילט ווי אַ בעטלער, וואָס בעט אַ נדבֿה.

— וויפֿל קאָסט אַ גלאָז? — האָט ער געפֿרעגט.

— בײַ אַלעמען איז די זעלבע פּרײַז — צען רובל אַ גלאָז.

— צען רובל? אַ פּעקל פּאַפּיראָסן „קאַזבעק” האָט געקאָסט לויט מעלוכישע פּרײַזן דרײַ רובל מיט פּופֿצן קאָפּעקעס.

איגאָר האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן זאַק. אַ קלערער געטאָן, וויפֿל קען דאָ זײַן גלעזער. פֿאַר יעדער גלאָז — צען רובל. אַ זאַק סאַמאָסאַד — אַ זאַק מיט געלט.

— פֿונוואַנען האָסטו זיך גענומען? — האָט ווידער געפֿרעגט די פֿרוי. — ביסט אַראָפּגעפֿאַלן פֿון דער לעוואָנע?

— ניין, ניט פֿון דער לעוואָנע, — האָט ער שוין מיט רויגעז געענטפֿערט. ער האָט איר געוואָלט פֿאַרגעבן די זעלבע פֿראַגע, פֿונוואַנען האָט זי זיך גענומען, נאָר ניט געוואָלט זיך מיט איר פֿאַרפֿירן, — גיב אַהער דײַן „מאַכאָרקע”, — האָט ער געזאָגט.

איגאָר האָט אויך געקויפֿט פֿאַר פֿינף רובל אַ שוואַרץ אַלטגעבאַקן פּלעצל, די גרויס פֿון אַ טיי-שאָל. און ער האָט עס טייקעף אויפֿגעגעסן.

פֿופֿצן רובל האָט ער געפּאַטערט. געבליבן איז בײַ אים זעקס הונדערט רובל, וואָס ער האָט באַקומען אַלס קאָמאַנדיר. ער האָט געמאַכט אַ כעזשבן, וויפֿל קען מען פֿאַר די זעקס הונדערט רובל קויפֿן אַזעלכע פּלעצלעך, און וויפֿל גלעזער מאַכאָרקע. אים איז געוואָרן שרעקלעך, נאָר באַלד האָט ער זיך פֿאַרשעמט פֿאַר זיך אַליין. מענטשן לעבן דאָך, און ער וועט לעבן, ער וועט אַרבעטן, און אַז ער וועט אַרבעטן, וועט ער באַקומען סײַ זײַן פּענסיע, אַלס אינוואַליד, סײַ געהאַלט. ער וועט אויך באַקומען קאַרטלעך אויף פּראָדוקטן. און ער האָט מיט פֿאַרלײַכטערונג אָפּגעעטעמט און אַוועקגעשפּאַנט צום וואָקזאַל.

ווען דער צוג איז אָנגעקומען, איז שוין די פּלאַטפֿאָרמע געווען פֿול מיט מענטשן. קיין באַזונדער וואַגאָן פֿאַר מיליטערישע איז ניט געווען, קיין קאַפּיטאַן מיט אַ רויטן באַנט אויפֿן אָרבל איז אויך ניט געווען, און איגאָר האָט זיך קוים אַרײַנגעזעצט אין צוג.

דער וואַגאָן, ווהין איגאָר איז אַרײַן, איז געווען איבערגעפֿולט. מע איז געשטאַנען אַפֿילו אין דורכגאַנג. נאָר דער צוג האָט זיך אָפּט אָפּגעשטעלט, און אויף יעדער סטאַנציע זײַנען אַראָפּגעגאַנגען מענטשן, עס האָבן זיך באַפֿרײַט ערטער, און אין אַ שעה צוויי אַרום האָט איגאָר פֿאַרנומען אַן אָרט אויף אַן אונטערשטער פּאָליצע.

ער איז געזעסן אינמיטן וואַגאָן און האָט געזען אַלעמען, ווער עס גייט אַרויס און ווער עס קומט אַרײַן.

אויף איינער פֿון די סטאַנציעס זײַנען אין וואַגאָן אַרײַן צוויי מאַנצבלען. איינער ניט קיין הויכער, אַ יונגער, אין אַ לעדערנעם לאַנגן מאַנטל און אַן אָפֿיצערישן פּלײַערהיטל. בײַ אים אויפֿן אַקסל איז געהאַנגען אַ באַיאַן. ער איז געגאַנגען אונטערהינקענדיק, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף אַ שטעקל, און אַרײַנגעקוקט אין יעדער קופּע, געקוקט אויפֿמערקזאַם, אַזוי ווי ער וואָלט געציילט, וויפֿל מענטשן זיצן אין יעדער קופּע.

אויף זײַן דאַרן, שמאָלן פּנים האָט די גאַנצע צײַט עפּעס געצוקט, און אין די אויגן האָט עפּעס געבליצט. הינטער אים איז געגאַנגען דער צווייטער, מיט אַ קאָפּ העכער פֿון אים, אַ גוואַר, אין אַ סאָלדאַטישער שינעל און אַ היטל. פֿון אונטערן היטל, איבערשנײַדנדיק דעם שטערן, האָט זיך געצויגן אַ טיפֿער שראַם.

אינמיטן וואַגאָן האָט דער דאָרער אינעם לעדערנעם מאַנטל זיך אָפּגעשטעלט לעבן איגאָרן.

— פון האָספּיטאַל? — האָט ער געפרעגט.

— אַף שטענדיק, — האָט איגאָר געענטפערט.

דער דאַרער האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. און ווי נאָר ער האָט א שאָקל געטאָן, איז דער גוואַר אין סאָלדאַטישן שינעל צוגעגאַנגען נעענטער צום יינגל, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן איגאָרן.

— באַפרייַ אַן אָרט פאַר אַן אינוואַליד, — האָט ער הויך געזאָגט.

דאָס יינגל איז געשלאָפן און האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. דאַן האָט דער הויכער אויסגעצויגן די האַנט און אָנגעכאַפּט אים פאַרן אַקסל. יענער האָט זיך אויפגעכאַפּט, דערשראָקן געקוקט אַפן גוואַר. ער האָט גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען, נאָר דערזעענדיק דעם אויסדרוק אַף זייַן פּאָנעם און דעם רויטן שראַם אַפן שטערן, איז ער אויפגעשפּרונגען פונעם אָרט און אָפּגעגאַנגען אין א זייַט.

— זיצט, קאַפּיטאַן, — האָט געזאָגט דער הויכער אין לעדערנעם מאַנטל.

די פרוי, וואָס איז געזעסן לעבן דעם יינגל, האָט אויך געוואָלט אַוועקגיין, נאָר דער קאַפּיטאַן האָט זי אָפּגעשטעלט.

— איר זיצט, מיר דאַרפן נאָר איין אָרט. — ער איז צוגעגאַנגען צו דער פּאָלקע און, אָנשפּאַרנדיק זיך אַפן שטעקל, אויסגעצויגן די פוס אינעם פּראָטעז.

איגאָר האָט פאַרוווּנדערט געקוקט אַף אים.

מיר אינפֿאָרמירן אונדזערע לייענער

דער עמעס קעגן שעקער

דעם 15 מײַ 1984 איז אינעם פּרעסע־צענטער פֿונעם אויסערן־מיניסטעריום פֿון פֿססר פֿאַרגעקומען א פּרעסע־קאָנפֿערענץ פֿון דעם אנטיציִעניסטישן קאָמיטעט פֿון דער סאָוועטישער געזעלשאַפֿטלעכקײַט פֿאַר די סאָוועטישע און אויסלענדישע זשורנאַליסטן. אין איר האָבן זיך באַטייליקט דער פֿאָרזיצער פֿונעם קאָמיטעט, גענעראַל־פּאָלקאָווניק, צוויי מאָל העלד פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד ד. א. דראַגונסקי, דער ערשטער שטעלפֿאַרטרעטער פֿונעם פֿאָרזיצער, פּראָפֿעסאָר ס. ל. זיווס, דער שטעלפֿאַרטרעטער פֿונעם פֿאָרזיצער, קאַנדידאַט פֿון יורידישע וויסנשאַפֿטן מ. ב. קרופּקין, דער שטעלפֿאַרטרעטער פֿונעם פֿאָרזיצער, פֿאַרוואַלטער מיט אַן אָפּטייל פֿון דער צײַטונג „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ“, דאָקטאָר פֿון עקאָנאָמישע וויסנשאַפֿטן אי. פּ. בעליאַיעוו, שטעלפֿאַרטרעטער פֿונעם פֿאָרזיצער, דער שרײַבער יו. א. קאָלעסניקאָוו, דער מיטגליד פֿונעם פּרעזידיום פֿון קאָמיטעט, שלײַפֿער פֿונעם מאָסקווער זאַוואָד פֿון רעכענונגס־אַנאַליטישע מאַשינען, דעפּוטאַט פֿון אויבער־סאָוועט פֿון פֿססר וו. וו. פּושקאַריאָוו, די מיטגלידער פֿונעם פּרעזידיום פֿון קאָמיטעט, הויפּט־רעדאַקטאָר פֿונעם זשורנאַל „קאָמוניסטאַס“, דעפּוטאַט פֿונעם אויבער־סאָוועט פֿון דער ליטווישער סםר ג. אָ. זימאַנאַס און דער אַקאַדעמיקער מ. א. קאַבאַטשניק, דער פֿאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פֿונעם קאָמיטעט אָ. נ. ריבאַלטשענקאָ, דער מיטגליד פֿונעם קאָמיטעט, הויפּט־רעדאַקטאָר פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ א. ל. ווערגעליס, דער רעדאַקטאָר פֿון דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן“ ל. ב. שקאָלניק און אַנד. די פּרעסע־קאָנפֿערענץ האָט געפֿירט דער שטעלפֿאַרטרעטער פֿונעם פֿאַרוואַלטער מיטן פּרעסע־אָפּטייל פֿון דעם אויסערן־מיניסטעריום פֿון פֿססר וו. מ. קאַמענעוו.

מיר דרוקן דאָ די מאַטעריאַלן פֿון דער דאָזיקער פּרעסע־קאָנפֿערענץ מיט אייניקע קירצונגען.

ד. א. דראַגונסקי. מיר האָבן זיך מיט אײַך שוין באַגעגנט מיט א יאָר צוריק, ווען ס'איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער אַנטיציִעניסטישער קאָמיטעט פֿון דער סאָוועטישער געזעלשאַפֿטלעכקײַט. זײַן גרינדונג האָט אַרויסגערופֿן א ברייטע שטיצע מיצאַד די סאָוועטישע בירגער.

די גאַנצע טעטיקײַט פֿון אונדזער קאָמיטעט איז דורכגעדרונגען מיט די אידייען פֿון אומצעשטערבאַרער פֿרײַנטשאַפֿט פֿון די פֿעלקער פֿון פֿססר, וועלכע איז, ווי ס'האָט אונטערגעשטראָכן דער גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון צק קפּסס, פֿאָרזיצער פֿונעם פּרעזידיום פֿון דעם אויבער־סאָוועט פֿון פֿססר ק. או. טשערנענקאָ, „איינע פֿון די וויכטיקסטע דערגרייכונגען פֿונעם סאָציאַליזם“.

כאַווײרים, הערן!

ס'איז גאַנץ באַוווּסט, אַז דער ציִעניזם איז פּילאַרטיק אין זײַנע פֿאַרברעכנס, פֿאַרשיידנאַרטיק זײַנען די מעטאָדן, וועלכע ער ווענדט אָן. מיר האָבן זיך באַמיט מיט אונדזער טעטיקײַט אויפֿדעקן דעם קאָנקרעטן טאָך פֿון זײַנע פֿאַרברעכנס, באַווײַזן די שעדלעכקײַט פֿון דער אידעאָלאָגיע און פֿון דער פּאָליטישער פּראַקטיק פֿונעם ציִעניזם. דאָס איז געווען און פֿאַרבלײַבט דער איקער פֿון אונדזער טעטיקײַט.

פֿירנדיק א קאַמף קעגן דעם ציִעניזם, האָבן מיר זיך באַמיט באַשיצן פֿון זײַן פֿאַרדאַרבנדיקער ווירקונג יענע, וואָס אויף זיי שטעלט די קאָרט די ציִעניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, מיר קעמפֿן קעגן די פּרוּוון אויפֿצולעבן אינעם באַוווּסטזײַן פֿון די מענטשן נאַציאָנאַליסטישע איבערבלײַבעכצן, אַרונטערײַסן די מאָראַליש־פּאָליטישע אייניקײַט פֿונעם סאָוועטישן פֿאָלק. דעריבער איז איינער פֿון די אַספּעקטן פֿון דער טעטיקײַט פֿונעם אַנטיציִעניסטישן קאָמיטעט — פֿאַרטיידיקן פֿון די ציִעניסטן און פֿון זייערע אַגענטן יענע, וועמען מע האָט געפּרוּווט אײַנרעדן אַרויסצופֿאָרן קיין ייִסראָעל.

דער אַנטיציִעניסטישער קאָמיטעט האָט קעסיידער געגעבן א ווידערשטאַנד די פּראָוואָקאַציאָנעלע אינטריגעס, וועלכע ס'האָבן פֿאַרגענומען די ציִעניסטישע און אַנדערע רעאַק-

ציִאָנערע קרײַזן אונטערן טערעץ פון „פּאַרטייִדיקן די סאָוועטישע ייִדן".

באַזונדערס סטאַרען זיך איצט אָט דעם פּלאַן די רעאַקציִאָנערע קרײַזן פון פּשא. דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט וואַגט צו ריידן וועגן אָן אָפּיציעלן אַנטיסעמיטיזם אין פּססר. אונדזער סאָוועטישע ווירקלעכקײַט לייקנט פולשטענדיק אָפּ אַזאַ מין שעקער. פאַרקערט, גראָד די אַמעריקאַנער געזעלשאַפט ווערט אַלץ אינטענסיווער דורכגעדרונגען מיטן סאַם פון אַנטיסעמיטיזם.

און נאָך וועגן איינער אַ פראַגע וואָלט זיך געוואָלט זאָגן.

אונדזערע קעגנער פּרוּוון פאָרשטעלן די זאַך אַזוי, אַז דאָס, וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן דער אַנטיציִעניסטישער קאָמיטעט פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקײַט, איז קלוימערשט אַ באַווײַז פון אַנטיסעמיטיזם אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

ס'איז שווער זיך פאָרשטעלן עפּעס-וואָס מער צינישס, פרעכס און פּראָוואָקאַטאָרישס!

אַן אָביעקטיווער באַאָבאַכטער האָט ניט איין מאָל געהאַט די מעגלעכקײַט צו קאָנסטאַטירן, אַז אונדזערע קעגנער זײַנען גרייט אויסצוגעבן אַ באַליביקע קריטיק פונעם ציִעניזם אַלס אַ באַווײַז פון אַנטיסעמיטיזם. אויך אַ באַליביקע, אַפילו די מינדסטע קריטיק פון דער פּאָליטיק פון ייִסראָעל קוואַליפיצירן די ציִעניסטן אַלס אַנטיסעמיטיזם.

פאַרשיידנאַרטיק זײַנען די פאָרמען און מעטאָדן פון דער אַרבעט פון אונדזער קאָמיטעט. דאָס איז — פּובליקאַציעס פון אַרטיקלען, בראָשורן, דאָס איבערשיקן קיין אויסלאַנד מאַטעריאַלן, אין וועלכע עס ווערן אויפגעדעקט די פאַלשיוּקעס פון דער אַנטיסאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע.

גרויס אויפמערקזאַמקײַט גיבן מיר אָפּ דער אַרבעט מיט בריוו. נאָרוואָס איז דערשינען אונדזער בראָשור אונטערן טיטל „וועגן וואָס ריידן די בריוו". ווער עס פאַרלאַנגט, קאָן זי באַקומען נאָך דעם, ווי די פּרעסע-קאָנפערענץ וועט זיך פאַרענדיקן.

אונדזער קאָמיטעט דערהאַלט אַ סאַך בריוו, דערונטער פון אויסלאַנד. די אַרבעט פון אונדזער קאָמיטעט באַקומט אַ ברייטע געזעלשאַפטלעכע שטיצע.

און הײַנט האָבן מיר אַ פולן גרונט זיך צו ווענדן אין נאָמען פון אונדזער קאָמיטעט מיט אַ רוף צו אַלע מענטשן פון גוטן ווילן, זיי זאָלן פאַרייניקן זייערע באַמיִונגען אויף ווײַטער צו דעמאַסקירן די פאַרברעכערישע פּאָליטיק פונעם צווישנפעלקערלעכן ציִעניזם.

וו. ג. פישער, שלאָסער־אינסטרומענטאַלשטשיק פונעם עקספּערימענטאַל־עלעקטראָמעכאַנישן זאַוואָד פון דעם מאָסקווער מעטראָפּאָליטען.

איך געהער צום פילנאַציאָנאַלן אַרבעטער-קלאַס פונעם סאָוועטנלאַנד, וועלכער שטיצט פולשטענדיק די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון קפּסס. מיטן גאַנצן האַרצן באַוויליקן מיר די טעטיקײַט פונעם אַנטיציִעניסטישן קאָמיטעט פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקײַט.

איך גופא אַרבעט אַלס שלאָסער-אינסטרומענטאַלשטשיק, זינט איך האָב פאַרענדיקט אין 1942 די האַנטווערקער-שול. מער פון דרײַסיק יאָר מי איך זיך אויף איין זאַוואָד.

מיט דער גאַנצער קלאָרקײַט וויל איך דערקלערן, אַז מיר, אַרבעטער, זײַנען אויפגעבראַכט פון די רעכילעס אויף אונדזער לאַנד, וואָס עס פאַרשפּרייטן די ציִעניסטן.

די סאָוועטנמאַכט האָט אָפּגעשאַפן אַלע פאַרבאָטן און באַגרענעצונגען — אַזעלכע, ווי דעם טרויעריק-באַרימטן טכום-האַמוישעוו. די ייִדן זײַנען געוואָרן אַ נאַטירלעכער באַשטאַנדטייל פונעם סאָוועטישן פאָלק.

אָבער די אומגעבעטענע אַדוואָקאַטן פון די ציִעניסטישע טויער פאַרקריפלען בעקיוון די פאַקטן פון אונדזער ווירקלעכקײַט און רעכענען אויס צו זייען אומצוטרוי צווישן די סאָוועטישע מענטשן.

דאָס אַלץ רופט אַרויס אַ געזעצלעכע און צאָרנדיקע אויפגעבראַכטקײַט בײַ אונדזער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקײַט.

אין נאָמען פון אַלע אַרבעטנדיקע וויל איך מעלדן, אַז באַליביקע פּרוּוון זיך אַרײַנמישן אין די אינערלעכע עניאָנים פון פּססר אונטערן שלייער פון דעם געמיינעם טומל וועגן דער „לאַגע פון די סאָוועטישע ייִדן" זײַנען פאַרורטיילט אויף אַ דורכפאַל.

נ. אי. גרינבערג, סטודענטקע פונעם מעכאַניקמאַטעמאַטישן פאַקולטעט פון דעם מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט.

אַלס פאָרשטייער פונעם יונגן דאָר וויל איך אַנטשיידן פאַרורטיילן די אינטריגעס פון די ציִעניסטן, זייערע פּרוּוון זיך אַרײַנמישן אין די עניאָנים פון אונדזער לאַנד, אויפווירקן אויף די מויכעס פון אונדזערע יונגע מענטשן.

ס'איז גוט באַוווּסט, אַז די אונטערײַסערישע פּראָפּאַגאַנדע ספּעקולירט ברייט אויף דער אויסגעטראַכטער פראַגע וועגן דער „אויפוואַכונג פונעם נאַציאָנאַלן באַוווּסטזײַן" בײַ די יונגע מענטשן, ייִדן לויט דער נאַציאָנאַליטעט.

אָפן מײַרעוו רעדט מען, אַז די ייִדישע יוגנט אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז קלוימערשט

„געענגט אין זייערע רעכט”, אַז זי ווערט „דיסקרימינירט”.

מע טרומייטעט וועגן דעם, אַז פאַר די יונגע ייִדן איז קלוימערשט פאַרמאַכט דער צוטריט צו הויכבילדונג.

עס געפינען זיך מענטשן, וועלכע זײַנען גרייט צו גלייבן אין אַזאַ פרעכן ליגן.

לעמאָשל, די פאַריזשער צײַטונג „מאָנד” האָט ניט לאַנג צוריק געשריבן, אַז אין סאָוועטנפאַרבאַנד דערלאָזט מען ניט די ייִדן אין די מאַטעמאַטישע הויכשולן, ביפראַט אַפן מעכמאַט פונעם מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט. פון אַזאַ ליגן קאָן מען זיך בלויז אויסלאַכן.

נאָר מיט דער הילף פון אַזעלכע טײַנעס ווילן די ציוניסטן אונדז אָנהענגען עפּעס אַ קאָמפּלעקס פון אוּלעס און פאַרדעכטיקײַט, מאַכן אונדז קאָנטאַקטלאָז מיט די פאָרשטייער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. מיט איין וואָרט, צוערשט אָפּזונדערן אונדז מאָראַליש און דערנאָך פּראָוואָצירן אַ פאַרלאַנג צו פאַרלאָזן אונדזער היימלאַנד.

מיר זײַנען פון קינדווײַז אָן דערצויגן אַזוי, אַז עס קומט אונדז ניט אַפן זינען אויסצוכעזשבענען די פּראָצענט־פאַרהעלטענישן צווישן פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, דערונטער צווישן די סטודענטן פון די הויכשולן.

איך, אַלס מאַטעמאַטיקער, בין איבערצײַגט, אַז מאַטעמאַטיק טויג ניט צוליב באַשטימען די שטופּע פון גערעכטיקײַט אָדער פרײַהײַט. מיט מאַטעמאַטישע כעזשבוינעס ווערט דען באַשטימט די ליבע צום היימלאַנד? ניין, קעדיי ליב האָבן דאָס היימלאַנד זײַנען קיין אַרגומענטן ניט נייטיק. די ליבע צו דער ערד, ווו דו ביסט געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן, איז אַ נאַטירלעכער געפיל פון יעדן סאָוועטישן מענטשן, צו וועלכער נאַציאָנאַליטעט ער זאָל ניט געהערן.

מיר זײַנען דערצויגן געוואָרן אין גײַסט פון אינטערנאַציאָנאַליזם דורך דעם גאַנצן אויפן פון אונדזער לעבן.

מיר שעצן דאָס, וואָס עס האָט אונדז געגעבן די סאָוועטנמאַכט, און קיין אַנדער היימלאַנד דאַרפן מיר ניט.

פראַגע פונעם קאָרעספּאָנדענט פון דער פוילישער אַגענץ „אינטערפּרעס”: די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, די מײַרעווודיקע קוואַלן פון מאַסן־אינפאָרמאַציע זעצן פאָר טײַנען, אַז אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד ווערן געענגט די רעכט פון די ייִדן אין געביט פון קולטור. וואָס שטייט הינטער די דאָזיקע טײַנעס?

א. ל. ווערגעליס. כ'וועל זיך דערלויבן, לויטן אַלטן ייִדישן שטייגער, ענטפערן מיט אַ פראַגע אַף פראַגע. וואָס שטעלט מיט זיך פאָר, אין טאָך גערעדט, די ייִדישע קולטור, וואָס איז דאָס אַזוינס? איך זאָג אַזוי קוידעמקאָל דערפאַר, ווײַל איך בין אַ שרײַבער. אויב עס שרײַבן זיך ביכער, אויב מע גיט זיי אַרויס, אויב מע לייענט זיי, הייסט עס, אַז עס איז פאַראַן אַ ליטעראַטור. איך דאַרף אײַך זאָגן, אַז די ייִדישע ליטעראַטור אַנטוויקלט זיך איצט נאָרמאַל בלויז אין איין לאַנד — אין סאָוועטנפאַרבאַנד. ס'איז ניטאָ קיין איין לאַנד אין אייראָפּע, וואָס וואָלט געקאָנט אַוועקלייגן אַפן טיש אַזאַ צאָל ביכער, נײַע ווערק אַף ייִדיש. באַלד וועל איך אײַך באַווײַזן די סאַמע לעצטע ביכער, וועלכע זײַנען דערשינען אין ייִדיש בײַ אונדז אין סאָוועטנפאַרבאַנד. אָט איז אַן אוניקאַלע אויסגאַבע — דער רוסיש־ייִדישער ווערטערבוך, וועלכן ס'האָט אַרויסגעגעבן אַן אויטאָריטעטער פאַרלאַג אין מאָסקווע. און אָט איז אַ בוך, וואָס איז אײַך שוין באַוווּסט, דאָס איז אַן אַלעפבייס. איר זעט — צוויי פאָליוסן, אַן אַלעפבייס פאַר קינדער און אַ ווערטערבוך פאַר דערוואַקסענע. דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד” דרוקט אין מעשעך פון אַ סאַך יאָרן לימודים פון ייִדיש. אין מאָסקווע און אין אַנדערע רעפּובליקן אַרבעט אַ גרויסער קאָלעקטיוו קינסטלער, איליוסטראַטאָרס פון ייִדישע ביכער. אַזוי־אַרום איז ניטאָ אַזאַ געביט פון דער סאָוועטישער ייִדישער קולטור, וועלכער זאָל זיך ניט אַנטוויקלען בײַ אונדז אין לאַנד.

די צושויער קוקן מיט פאַרגעניגן טעאַטראַלע פּרעמיערעס. דער ייִדישער מוזיקאַלער קאַמער־טעאַטער פון ביראָבידזשאַן האָט, לעמאָשל, פאַרווירקלעכט אַ נײַע שטעלונג פונעם „פידלער אַפן דאַך” לויט די מאָטיוון פון שאָלעם־אַליכעמס „טעוויע דער מילכיקער”. אין ווילנע האָט דער ייִדישער פאָלקס־טעאַטער באַוויזן אַ נײַעם מוזיקאַלן ספּעקטאַקל „די בראָדער זינגער”. די פירמע „מעלאָדיאַ” לאָזט רעגולער אַרויס פּלאַטן מיט ייִדישער פאָלקס־מוזיק.

פרילינג האַיאָר איז בײַ אונדז אין לאַנד ברייט אָפּגעמערקט געוואָרן דער 125־טער געבורטסטאָג פונעם קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור שאָלעם־אַליכעם. אין סאָוועטנפאַרבאַנד זײַנען שאָלעם־אַליכעמס ווערק דערשינען 542 מאָל אַף 24 שפּראַכן, מיט אַן אַלגעמיינעם טיראַזש פון 9,5 מיליאָן עקזעמפּליאַרן. דערלויבט פרעגן: אין וואָס פאַר אַ לאַנד (עפּשער אין פּשאַ אָדער אין ייִסראָעל?) איז אַרויסגעגעבן געוואָרן

מיט אַזעלכע טיראַנישן כאַטשבי אין ייִדישער שרײַבער?

פראַגע פֿונעם קאָרעספּאָנדענט פֿון דער פּרעסע־אַגענטור „נאָוואָסטי“: ניט איין מאָל איז מיטגעטיילט געוואָרן, אַז אין אַנטיציִעניסטישן קאָמיטעט פֿון דער סאָוועטישער געזעלשאַפֿטלעכקײַט קומען אָן בריוו פֿון געוועזענע סאָוועטיש בירגער. צי זעצן פֿאָר אָנקומען אַזעלכע בריוו?

ס. ל. זיווס. יאָ, אין דער פּאָטשט פֿונעם אַנטיציִעניסטישן קאָמיטעט זײַנען פֿאַראַן ניט ווייניק בריוו, וועלכע קומען אָן פֿון אויסלאַנד פֿון געוועזענע סאָוועטישע בירגער.

אָט זײַנען די דאָזיקע בריוו: פֿון עסטרײַך, פֿון פּשאַ, פֿון בעלגיע. אָט איז דער לעצטער בריוו, וואָס מיר האָבן דערהאַלטן אין אַפּריל פֿון ייִשׂראל, פֿון דער שטאָט קיריאַט־גאַט פֿון דעם פֿאַרפֿאַלק וו.

פֿול מיט ייִעוש און טראַגיזם זײַנען די בריוו פֿון די געוועזענע סאָוועטישע בירגער, וועלכע זײַנען זײַנערצײַט אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דער ווירקונג פֿון דער ציִעניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. אַזוי, לעמאַשל, שרײַבט דער אויטאָר פֿונעם בריוו, וועלכער איז אויך אין אַפּריל אָנגעקומען פֿון וואַשינגטאָן, אַז ער לעבט פּונקט ווי „מיט אַ שטריק אויפֿן האַלדז“.

די מיטגלידער פֿון איינער אַ מישפּאָכע, וואָס וווינט אין ווין אויף דער פּוגבאַכגאַסע, באַשרײַבן די שיווע מעדורע געהענעם, דורך וועלכע זיי זײַנען דורכגעגאַנגען. אין זייער בריוו ווערט געזאָגט, איך ציטיר: „מיר האָבן אָפּגעלעבט אַזויפֿיל יאָרן אינדערפֿרעמד און האָבן אויסגעפּרוּווט אַלע שוועריקייטן און ניסיוינעס אין דער ציִעניסטישער מעדינע. דאָרט הערשט אַ מיליטערישע דיקטאַטור. אַלץ איז געריכטעט אויף אונטערדריקן און פֿאַרשקלאַפֿן די פֿעלקער פֿון די שכייניִשע מעלוכעס. איצטער דויערט אונדזער פּײַן“...

דאָ, אויף דער פּרעסע־קאָנפֿערענץ, זײַנען בײַווײַזנד מענטשן, וועלכע האָבן אויך אויסגעפּרוּווט אויף זיך אַלע אַנטיקן פֿון דער „פֿרײַער וועלט“, און האָבן נאָך די פּלאָגן און ליידן זיך אומגעקערט קיין סאָוועטנפֿאַרבאַנד. איך לייג פֿאָר אויסהערן איינעם פֿון זיי, דעם כאַווער ג. א. איליִאַיעוו.

ג. א. איליִאַיעוו. איך, אַ בוכאַרער ייִד איליִאַיעוו גאַווריִעל אַלישײַעוויטש, וויל דערציילן וועגן מײַן צווייטן געבורטסטאָג. דאָס איז געשען דעם 7 אַפּריל 1983 מיט אַ יאָר צוריק, ווען כ׳בין אַראָפּגעגאַנגען פֿונעם טראַפּ פֿון דעם אַעראָפּלאַן אין מאָסקווער אַעראָפּאָרט שערעמעטיעוואָ.

אינעם אַעראָפּאָרט האָבן מיך באַגעגנט מײַנע קינדער און אייניקלעך, וועלכע זײַנען געקומען פֿון טאַשקענט. אָבער איידער איך זאָל זיי אַרומנעמען, האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און האָב אַ קוש געטאָן די ערד פֿון מײַן היימלאַנד. דאָס איז געשען נאָך אַן עלפֿיאָריקער צעשיידונג מיט די קרויווים און מיט מײַן היימלאַנד. אָט דעם טאָג האַלט איך איצטער פֿאַר דעם טאָג פֿון מײַן צווייטן געבורט.

אין 1972 האָב איך זיך ניט צוגעהערט צו די אייצעס און צו די וואָרענונגען פֿון מײַנע אייגענע און באַקאַנטע, איך זאָל ניט פֿאָרן קיין ייִשׂראל. איך בין געווען פֿאַרטשאַדעט פֿון די מײַסעס וועגן דעם מאַן, וואָס שיט זיך, קלוימערשט, פֿונעם הימל אין אָט דעם לאַנד. און צוזאַמען מיט אַנדערע, אויך אַזעלכע פֿאַרטשאַדעטע, בין איך טאַקע אוועקגעפֿאָרן.

עלף יאָר אין ייִשׂראל — דאָס איז פּײַן, פּלאָג און צאָרעס. מיך, אַ זאָקן, וואָס לײַדט פֿון אַסטמע, האָט מען באַזעצט אין ירושלאַיִם אין אַ פֿײַכטן קעלער. געהאַט האָט מען בלויז וואַסער אויף קאַשע, און איך בין געווען געצוווּנגען אין מײַנע 75 יאָר צו גיין אַרבעטן אַלס אײַנבינדער. אין ייִשׂראל ווייסט מען ניט פֿון קאָוועד צו אַזעלכע זקיינים, ווי איך. דאָרט קוקן מענטשן איינער אויפֿן אַנדערן ווי וועלף.

אין ירושלאַיִם איז פֿאַראַן אַ בוכאַרער סינאַגאָגע, נאָר שטענדיק הערט מען דאָרט זידלערײַ.

אַז איך בין באַגאַנגען אַ פֿעלער, קומענדיק קיין ייִשׂראל, האָב איך פֿאַרשטאַנען זייער גיך. אָבער אַרויסרײַסן זיך פֿון דאָרט איז ניט אַזוי פּאָשעט. ווּ נעמט מען געלט אויף בילעטן? איז אויסגעקומען צו פֿאַרקויפֿן אַלע זאַכן, וועלכע כ׳האָב געבראַכט פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד, און אויפֿן אויסגעלייזטן געלט קויפֿן אוויִאַ־בילעטן.

איך וויל אײַך זאָגן אָט וואָס. מיינט ניט, אַז מײַן לעבן אין ייִשׂראל איז אַ מין אויסנאַם. איך גופֿע ווייס צענדליקער און צענדליקער בוכאַרער ייִדן, וועלכע לעבן אין ייִשׂראל און כאַפּן זיך אַלע טאָג אויף בלויז מיט איין געדאַנק: וויִאַזוי אַנטלויפֿן אַהיים? — האָדעווען די מישפּאָכע?

אָט, לעמאַשל, פּוזײַלאָוו, אַ מילכאָמעאינוואַליד, איז געקומען צו פֿאָרן קיין ייִשׂראל לויטן אַרויסרוף פֿונעם ברודער, וועלכער האָט דאָרט געוווינט, נאָר יענער האָט אים אַרײַנגעלאָזט אין זײַן דירע בלויז אויף דרײַ טעג. אין זעקס כאָדאָשים אַרום איז פּוזײַלאָוו פֿון צאָרעס און נויט געשטאָרבן.

אַלע נעמען קאָן איך זיך שוין איצט ניט דערמאָנען, נאָר דער גורל פֿון אַ סאַך

בוכאַרער ייִדן אין ייִסראָעל איז קימאַט איינער און דער זעלבער.

כ׳וועל אײַך זאָגן דעם עמעס. אין ייִסראָעל איז ניט מעגלעך צו לעבן. אויב עס וואָלט דאָרט געווען גוט, ווי עס באַהויפּטן די ציִוניסטן, פאַרוואָס זשע לויפט יעדער איינער, ווען עס גיט זיך אײַן, פון דאָרטן? דאָס, וואָס איך האָב אײַך דאָ געזאָגט, האָב איך ניט איין מאָל דערציילט אין טאַשקענט און אין בוכאַרע. איך וועל פאַרזעצן צו וואָרענען די ייִדן: „הערט ניט די ציִוניסטן, גלייבט זיי ניט. אַלץ, וואָס זיי זאָגן צו, איז שעקער וועקעזעוו“.

פראַגע פונעם קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג „איזוועסטיאַ“: אַף איינער פון די פּרעסע־קאָנפערענצן, וועלכע איז פאָרגעקומען ניט לאַנג צוריק אַפן מײַרעוו, איז דערקלערט געוואָרן, אַז אין מײַ ווערט אָנגעמערקט א זיצונג פון דער אַזוי־גערופענער „צווישנפּאַרלאַמענטאַרער גרופּע פון פּאַרטייִדיקן די מענטשן־רעכט“, דערונטער די רעכט פון די סאָוועטישע ייִדן. וועלכע איז אײַער באַציִונג צו דער דאָזיקער גרופּע?

װ. װ. פּושקאַריאָוו. די אויסבילדונג און דער אָנהייב פון דער טעטיקייט פון דער אַזוי־גערופענער „צווישנפּאַרלאַמענטאַרער גרופּע פון פּאַרטייִדיקן די מענטשן־רעכט“ שטעלט מיט זיך פאָר אַן אָרדנטלעכער פּרווו אויפצולעבן די פּראָפּאַגאַנדיסטישע קאָמפּאַניע אַפן מײַרעוו פון „פּאַרטייִדיקן די מענטשן־רעכט“, וועלכע האָט זיך דיסקרעדיטירט איבערן אָפּווענדן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג פון דער וועלט פון די אַקטועלסטע און לעבנסוויכטיקע פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקייט.

באַזונדערס דאַרף מען אונטערשטרײַכן, אַז אין דער רעזשיסערישער פּאַנאַנדעראַרבעטונג פון די פּלענער פון דער אַזוי־גערופענער „צווישנפּאַרלאַמענטאַרער גרופּע“ אַנטפּלעקט זיך בולעט דער ציִוניסטישער אונטערשלאַק. די אַנטיקאָמוניסטישע, אַנטיסאָוועטישע אָנגעריכטקייט פון דער ציִוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע נערט, אין טאָג גערעדט, די פּלענער און די פּראָפּאַגאַנדיסטישע פּאָסטולאַטן פון דער „צווישנפּאַרלאַמענטאַרער גרופּע“.

דאָס גרינדן די „צווישנפּאַרלאַמענטאַרע גרופּע פון פּאַרטייִדיקן די מענטשן־רעכט“ שטעלט מיט זיך פאָר א פּרווו פון די ציִוניסטישע קרײַזן אַרײַנצוציִען אין דער קאָמפּאַניע ריטערס און וואָפּנטרעגערס פונעם אַנטיקאָמוניסטישן „קרייץ־צוג“ פּערזאָנען מיט פולמאַכטן פון פּאַרלאַמענטאַריער, אָנשליסן זיי דירעקט אין די אַנטיסאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדיסטישע אַקציעס.

ניט געקוקט אַף די באַמיִונגען צוצוגעבן דער „צווישנפּאַרלאַמענטאַרער גרופּע“ א כאַראַקטער פון אַן אָפיציעלן אָרגאַן, איז גאַנץ בולעט צו זען, אַז עס גייט א רייד וועגן א ניט אָפיציעלער פאַראייניקונג פון פּערזאָנען, וועלכע האָבן ניט אין דער ווירקלעכקייט קיין פולמאַכטן אַרויסצוטרעטן ניט אין נאָמען פון די נאַציאָנאַלע פּאַרלאַמענטן פון זייערע לענדער. ניט אין נאָמען פון וועלכע־ניט־איז צווישנמעלוכישע אָרגאַניזאַציעס.

מע קאָן בלויז אויסדריקן באַדויערונג אין שײַכעס מיט דעם, וואָס די פּאַרלאַמענטאַריער, וועלכע זײַנען אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער „צווישנפּאַרלאַמענטאַרער גרופּע“, זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין דער ציִוניסטישער פּאַסטקע.

פראַגע פונעם קאָרעספּאָנדענט פון דער וואָכנבלאַט „נעדעליאַ“: וואָס קאָנט איר זאָגן וועגן די ברוטאַלע מעטאָדן פון די ציִוניסטישע אונטערפירער?

י. א. קאָלעסניקאָוו. די רעאַקציאָנערע טעטיקייט פונעם צווישנפעלקערלעכן ציִוניזם, די אַגרעסיווע פּאָליטיק פון די ציִוניסטישע רעדלפירער פון ייִסראָעל לעגאַבע די אַראַבישע פעלקער איז פאַרורטיילט געוואָרן מיצאַד דער געזעלשאַפטלעכקייט פון דער וועלט אַלס א פאַרכאַפּערישע, טעראָריסטישע, ראַסיסטישע.

הײַנט זעט מען גאַנץ באַשײַמפּערלעך, אַז ייִסראָעל קאָן ניט, צוליב פאָרזעצן די פּאָליטיק פון אַגרעסיע און עקספּאַנסיע, זיכערן א נײַעם צופלוס פון מענטשלעכע רעסורסן.

אָבער די ציִוניסטן אָרדענען אײַן ראַשיקע יאָרידן, נוצן אויס פאַלשיווקעס און שאַנטאַזש, כאַבאַר און אָפּנאַרערײַ. זיי שעמען זיך ניט אײַנצווענדן דראָונגען און אַפילע גוואַלדטאַט — אַבי פאָרצוזעצן אַרויסנאַרן ייִדן פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

די דאָזיקע פּראָוואָקאַציע, א מיִעסע פון אָנהייב ביזן סאָף, איז אויסגערעכנט אַף צעשפּאַלטן די פילנאַציאָנאַלע מישפּאָכע פון די סאָוועטישע פעלקער, אַרויסרופן אַנטיסעמיטיזם.

אין פּערזענלעכן פּלאַן — אויב גוט זיך אַרײַנטראַכטן, איז עס — צעבראָכענע לעבנס, פילצאָליקע טראַגעדיעס. שרעקלעכע טראַגעדיעס!

מיט איין וואָרט, די הענט פון די ציִוניסטן זײַנען אויסגעווייקט אין בלוט. דאָס איז אַלעמען פאַרשטענדלעך.

אָבער איצטער, רייידנדיק וועגן די מעטאָדן פון די ציִוניסטישע מיסיאָנערן, וואָלט איך געוואָלט אײַך דערציילן וועגן א שרעקלעכער טראַגעדיע, וועלכע האָט פּאַסירט אין איינער א מישפּאָכע. אַגעוו, בעסער וועט זײַן, עס זאָל וועגן דעם דערציילן דער מענטש, ווע-

מען ס'איז אויסגעקומען אַליין איבערצולעבן די דאָזיקע טראַגעדיע.

איך בעט, אויב ס'איז מעגלעך, געבן דאָס וואָרט יעפים נאַטאַנאָוויטש לעכטן.

יע. נ. לעכטן. ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז עס וועט פאַרקומען די דאָזיקע באַגעגעניש, האָב איך אויסגעדריקט אַ פאַרלאַנג זיך באַטייליקן אין איר, קעדיי נאָכאַמאָל ווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון לײַכטזיניקע מענטשן ניט אַף דעם אומגליק, וואָס עס האָט מיך געטראָפן, נאָר אַפן טאָך פונעם ציִעניזם, וועלכער וועט קיינמאָל זיך ניט אָפּשטעלן ניט פאַר קיין מענטשלעכע קאָרבאַנעס, ניט פאַר קיין שום נידערטרעכטיקייטן און שעקער.

די טראַגעדיע פון מײַן מישפּאָכע איז, פאַרשטענדלעך, בלויז אַ פּריוואַטער בײַשפּיל, אָבער דער דאָזיקער צופאַל איז אַ כאַראַקטעריסטישער. ער באַווײַזט, אַז די ציִעניסטישע מיסיאָנערן שעמען זיך ניט פאַר גאָרנישט, בעעמעס פאַר גאָרנישט.

אין 1977 איז מײַן ווײַב פאַרשלאָפּט געוואָרן. עס זײַנען אָנגענומען געוואָרן אַלע מיטלען פון אינטענסיווער היילונג. דער דיאַגנאָז — אַ לונגען־קרעפּס. מע האָט זי אוועקגעלייגט אין וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישן אָנקאָלאָגישן צענטער אין מאָסקווע.

אונדזער אומגליק האָבן אָבער באַשלאָסן אויסנוצן די ציִעניסטישע אונטערבאָמקער. עס זײַנען אוועק ריידערײַען — פאַרזיכערונגען, אַז דאָס ווײַב קאָן מען אויסהיילן בלויז אין ייִסראָעל.

איך האָב געוווּסט, אַז דאָס איז אומעגלעך, כ'האָב ניט געגלייבט אין די אַלע מײַסעס, אַז אין ייִסראָעל האָט מען, קלוימערשט, געפונען אַ מיטל צו היילן פון קרעפּס. אָבער אַלע מײַנע אַרגומענטן זײַנען געווען אומזיסט. דאָרט, אין ייִסראָעל, האָבן געלעבט דער ווײַבס קרויווים פונעם צאַד פון איר מוטער. זיי האָבן אין די בריוו גענומען אײַנריידן: „קומט צו פאָרן. בלויז אין ייִסראָעל קאָן מען באַקומען אַן עמעסע רעפוע..." און מײַן ווײַב האָט אָנגעהויבן גלייבן, אַז דאָרט וועט מען זי ראַטעווען. מע דאַרף, געוויינלעך, פאַרשטיין, אין וואָס פאַר אַ לאַגע זי איז געווען.

ס'איז אָנגעקומען אַן אַרויסרוף פון ייִסראָעל. אין די פּאַפּירן איז געשטאַנען אויך מײַן נאָמען. איך האָב קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן.

דאָס ווײַב האָט באַשלאָסן מיך איבערלאָזן און אוועקפאָרן צוזאַמען מיט דער מוטער און מיט אונדזערע מינדעריעריקע קינדער. איך בין ניט געווען בעקויעך זיי אָפּצושטעלן. דערצו נאָך האָט זיך באַוויזן אַ סאַך געלט פאַר דער רײַזע, זייער אַ סאַך. מיט געלט האָבן זיי געהאָפּט מיך צוציִען, איך זאָל וועלן פאָרן. איינמאָל האָט דאָס ווײַב מיך געפרעגט: „דו וועסט ניט לאָזן, איך זאָל שטאַרבן?" וואָס זאָל מען ענטפערן אַף אַזוינס... זי האָט אָנגעגעבן אַף אַ געט.

פאַרשטייט זיך, קיין שום רעזולטאַט האָט די היילונג אין ייִסראָעל ניט געגעבן. מײַן ווײַב האָט זיך דאָרט אָנגעשטויסן אַף גרויסע שוועריקייטן, און אין 10 כאָדאָשים אַרום איז זי געשטאָרבן. די קינדער האָבן פאַרלוירן זייער מוטער, דאָס היימלאַנד, זיי זײַנען אָפּגעריסן געוואָרן פונעם פאָטער.

די ליגנערישע רייד האָבן אָפּגעטאָן זייער זאַך. מע האָט מיר צוגעשיקט אַ מיטיילונג וועגן איר טויט און אָנגעשריבן, וויאַזוי זי איז געשטאָרבן. איך בין זיכער, אַז זי האָט פאַרשטאַנען — מע האָט זי אָפּגענאַרט, און זי איז אײַנגעגאַנגען אַפן סאַמע שרעקלעכסטן... איבערגעשניטן זיך די אָדערן, מע האָט זי געראַטעוועט, אָבער אין צוויי וואָכן אַרום איז זי דערשטיקט געוואָרן.

אָט וואָס עס האָבן געבראַכט מײַן מישפּאָכע די ציִעניסטן. איך רעד וועגן דעם, ווײַל איך האָב אַ סאַך איבערגעלעבט, דער ווייטיק האָט זיך ניט געלינדערט, און צי קאָן ער בִכלאַל זיך לינדערן? וויפל זײַנען געווען אַנאָנימע קלונגען, דראָונגען בלויז צוליב דעם, איך זאָל אוועקפאָרן... נאָר לעבן מיר זײַנען געווען אונדזערע סאָוועטישע מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציִאָנאַליטעטן, מענטשן מיט אַ גרויסער האַרציקער נעשאָמע. זיי האָבן פאַרשטאַנען אין וואָס פאַר אַ שווערער לאַגע איך בין און האָבן מיר געהאָלפן מיט וואָס נאָר זיי האָבן געקאָנט. איך בלײַב ביזן סאָף דאַנקבאַר מײַן היימלאַנד, די סאָוועטישע מענטשן פאַר דער שטיצע און מענטשלעכקייט.

איך זאָג: מיטן ציִעניזם דאַרף מען קעמפן מיט אַלע צוגענגלעכע מיטלען, און אַנטבלויזן דעם ציִעניזם איז ניט קיין פּריוואַטע פראַגע, דאָס איז אונדזער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן גוירל פון מענטשן, וועלכע לאָזן זיך אָפּנאַרן.

פראַגע פונעם קאָרעספּאָנדענט פון דעם שפּאַנישן זשורנאַל „פּאַנאָראַמאַ": די ציִעניסטישע פּראָפּאַגאַנדע טײַנעט ניט זעלטן, אַז דאָס מינערן די רעכט פון די סאָוועטישע ייִדן דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס מע האָט, קלוימערשט, „פאַרהאַקט די טירן אַף אַרויסצופאָרן פון פססר".

ס. ל. זיווס. דאָס, וואָס עס האָבן געפּלאַצט די פּלענער און ס'איז דורכגעפאַלן די אויסרעכענונג פון די ציוניסטישע פּאָליטיקאַנער אַף אַרויסצונאַרן די ייִדן פון פססר, רופט אַרויס צאָרן און דענערווירונג צווישן יענע, וועלכע טרעטן צוויִעסדיק אַרויס אין דער ראַליע פון פאַרטיידיקער פון די רעכט און פרײַהײַטן פון די סאָוועטישע בירגער.

דער פּראָצעס פון פאַראייניקן די צעשיידטע מישפּאָכעס האָט זיך פּראַקטיש פאַרענדיקט. דאָס האָט געבראַכט צו א שאַרפער פאַרקירצונג פון דער צאָל פּערזאָנען, וועלכע פאָרן אַרויס פון פססר קיין ייִסראָעל. אַזאַ איז די ווירקלעכקייט, אַזעלכע זײַנען די רעאַלע פאַקטן.

די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע אָבער באַמיט זיך אַרויסגעבן דעם דאָזיקן געזעצמעסיקן פּראָצעס אַלס א רעזולטאַט פון ברעכן די רעכט פון די בירגער מיצאַד דער סאָוועטישער מאַכט.

נאָר די מעכאַניק פון דער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, דאָס גאַנצע ניט איבעריקע שיין בילד ווערט אַלץ מער באַשײַמפּערלעך. די פּרוּוון פון די ציוניסטן אַרויסצונאַרן קיין ייִסראָעל מענטשן פון פססר זײַנען דעמאַסקירט.

אין אָט דעם זין העלפט מיט די קריטיש-אויפקלערערישע בענעגייע דעם ציוניזם טעטיקייט, וואָס עס פירט דורך דער אַנטי-ציוניסטישער קאָמיטעט פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט, צו פאַרשטיין, צו וועלכע טראַגישע, בעעמעס פאַטאַלע פאָלגן עס ברענגט דאָס אָפּזאָגן זיך פון א ווידערשטאַנד דעם ציוניסטישן דרוק.

מיר קאָנען קאָנסטאַטירן, אַז אַפילע צווישן יענע פאַרהעלטנסמעסיק ווייניקע מענטשן, וועלכע האָבן, אַרונטערפאַלנדיק אונטער דער ווירקונג פון דער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, געהאַט בעדייע אַרויסצופאָרן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, וואַקסט די צאָל פון אַזעלכע, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען די שעדלעכקייט פון זייער קאַוואָנע, און זיי זאָגן זיך אָפּ פון איר.

אי. ס. טאָלמאַסקי. איך בין אַן אינזשעניער-עלעקטריקער. כ'האָב געאַרבעט, מיט אַלץ געווען באַזאָרגט, געווען גאַנץ צופרידן מיטן לעבן, און מיט מיר איז מען געווען צופרידן. נאָר אָט האָט מײַן לעבן זיך געטאָן א קער. מײַן ייִנגערע שוועסטער איז אַוועקגעפאָרן מיט איר מאַן קיין ייִסראָעל. זי האָט מיר צוגעשיקט אַן אַרויסרוף, און איך האָב אָפּגעטאָן אַזוינס, וואָס מע קאָן קימאַט ניט פאַריכטן: כ'האָב אָנגעגעבן אין „אָוויר" א מעלדונג אַף אַרויסצופאָרן קיין ייִסראָעל. אין משך פון א כוידעש צײַט האָט דער „אָוויר" מיר אויספאָרמירט א דערלויבעניש אַף אַרויסצופאָרן. נאָר איך האָב זיך באַצײַטנס געכאַפּט, כ'האָב פאַרשטאַנען, אַף וואָס פאַר אַן אומזיניקן טראָט איך גיי, און קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצופאָרן. דער געדאַנק גופע וועגן דעם, אַז אָט-אָט וואָלט איך געקאָנט פאַרלירן מײַן היימלאַנד, וואַרפט אַף מיר אַן א שוידער.

צו מיר האָט מען זיך באַצויגן מער ווי הומאַניש. איך אַרבעט, ווי פריִער, לויט מײַן ספּעציאַליטעט אין געביט פון עלעקטראָן-מעכאַניק. און דעריקער — איך האָב ווידעראַמאָל דעראָבערט דעם צוטרוי פון מײַנע כאַווײרים און קאָן מיט א ריינעם געוויסן זיי קוקן אין די אויגן.

אָבער איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן, וויִאַזוי כ'האָב זיך אַרײַנגעכאַפּט אין שפּינוועבס פון דער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע: אָנגעשריבן די אומגעלומפּערטע מעלדונג, ווי עס האָבן מיר אונטערגעזאָגט יענע, וועלכע האָבן מיך זייער פּיפּיק באַאַרבעט. באַרעכהאַבאָ, הייסט עס, אין „ציוניסטישן גאַניידן!"

עפשער איז עס פאַר די ציוניסטן טאַקע א גאַניידן, אָבער פאַר מײַן שוועסטער האָט זיך דער דאָזיקער גאַניידן פאַרוואַנדלט אין א געהענעם, וואָס מע קאָן זיך אַפילע ניט פאָרשטעלן, ווי שווער עס איז אין אים. ס'האָבן א שטראָם געטאָן פון מײַן שוועסטערס בריוו, פול מיט ייִעש. זי האָט געשריבן, אַז, ווי א סאַך אַנדערע, קאָן זי זיך ניט צוגעווינען צו יענער אָרדענונג, צו די זיטן, צום לעבנס-אויפן. זי קאָן זיך ניט צוגעווינען צו דער דיסקרימינאַציע בענעגייע די ייִדן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, צוגעווינען זיך צו פיל אַנדערע זאַכן, וועלכע עס פאַרשווײַגט די פאַרשאָלטענע ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע. און זי האָט מיט טרערן געבעטן ראַכמים, איך זאָל איר העלפן זיך אומקערן אַהיים. „א היימלאַנד איז דאָרט, ווו דו ביסט געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן, — האָט זי געשריבן. — קיין אַנדער היימלאַנד האָבן מיר ניט און קיין אַנדער היימלאַנד קאָן ניט זײַן". אָבער זיך אומקערן אַהיים איז איר שוין ניט געווען באַשערט. אינגיכן האָט מען מיר מיטגעטיילט, אַז זי איז שווער פאַרשלאָפט געוואָרן און איז געשטאָרבן. אין אָט דער טראַגעדיע זײַנען שולדיק די ציוניסטן.

אַף דער ביטערער דערפאַרונג, מײַן אייגענער און פון מײַן מישפּאָכע, האָב איך זיך איבערצײַגט, אַז איינע פון די וויכטיקע אויפגאַבן פון יעדן סאָוועטישן מענטשן, פון יעדן בירגער, און קוידעמקאָל פון א

בירגער, א ייִד לויט דער נאַציאָנאַליטעט, — איז קעמפן מיטן ציִעניזם, אויפדעקן דעם עמעסן זין פון זײַן פּראָפּאַגאַנדע.

פראגע פונעם איבערזיכטלער פון דער פרעסע־אגענטור „נאָוואָסטי”: די ציִעניסטישע פּראָפּאַגאַנדע עקספּלואַטירט קעסיידער די רעכילעסדיקע לעגענדע, אז אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד פאַרבאָט מען, קלויר־מערשט, דערמאָנען די פאַרברעכנס פון די נאַציסטן און די קאָרבאָנעס פונעם היטלערישן גענאָציד. מיט וואָס פאַר א ציל ווערט עס געטאָן?

ג. אָ. זימאַנאַס. יאָ, אָט די ציִעניסטישע אויסטראַכטעניש האָב איך געהערט, ווען איר שרײַט מען אַזוי הויך, אז ניט הערן קאָן מען נישט. אָבער דאָס האָט ניט אפילו קיין דערווײַטערטן שײַכעס צו דער ווירקלעכקײַט. כ׳וועל אָנהייבן פון פאַקטן. מער פון 700 טויזנט מענטשן זײַנען אומגעקומען אין דער קליינער ליטע, וווּ פאַר דער מילכאָמע האָבן געלעבט 3 מיליאָן אײַנוווינער.

אין ליטע, ווי אינעם גאַנצן סאָוועטנפאַרבאַנד, האַלט מען הייליק די ערטער, וווּ עס זײַנען באַערדיקט סאָוועטישע בירגער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן. אין יעדן ווערט אנטהילט א ריזיקער דענקמאָל. אינעם נײַנטן פאָרט, וווּ עס זײַנען אומגעקומען העכער 100 טויזנט מענטשן פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן.

וועגן דעם דאָזיקן אָרט זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן ביכער אויף ליטוויש און ייִדיש. עס זײַנען דערשינען ביכער וועגן דער קאָוונער געטאָ — אויף ליטוויש און ייִדיש. מער פון 80 טויזנט אסירים זײַנען אומגעקומען אין פּאָניאַרי הינטער ווילנע. איצט ווערן פאַרענדיקט די אַרבעטן אויף צו פאַרייביקן דעם אָנדענק פון די קאָרבאָנעס. ס׳איז פאַראַן א בוך אין ייִדיש, ווי אויך אין ליטוויש — „וועגן וואָס עס רוישן די סאָסנעס אין פּאָניאַרי”. א סאַך מענטשן האָבן די פאַשיסטן דערהאַרגעט און פאַרמוטשעט אין די שטעט און דערפער. אומעטום זײַנען די קווורע-ערטער פון די קאָרבאָנעס, די בעסוילעמס פון רויטאַרמייער, געבראַכט אין אָרדענונג, עס שטייען אויף זיי מאָנומענטן. בײַ יאָמטוווים ווערן אַרופגעלייגט בלומען. מיר באַערן דעם אָנדענק פון די אומגעבראַכטע מיצאַד די היטלערישע הענקער, עס זאָלן וועגן דעם וויסן די קינפטיקע דורות. מיר טיילן ניט די אומגעקומענע לויט די נאַציאָנאַליטעטן. צי וויסן וועגן דעם די ציִעניסטן? איך בין איבערצײַגט, אַז די רעדלפירער פון די ציִעניסטן וויסן גוט די לאַגע.

מיט וואָס פאַר א ציל ליִגן זיי? דאָס איז א קלאַסן-פּאָליטיק. זיי שווײַגן וועגן די נאַציסטישע פאַרברעכער, וועלכע מע באַהאַלט אויס אין דער דײַטשישער פעדעראַטיווער רעפּובליק און אין אַנדערע לענדער. און אין דער זעלבער צײַט פאַלט מען אָן אויף פּססר. זיי דאַרפן אויסבאַהאַלטן דעם עמעס וועגן זייער פּאָליטיק, זיי דאַרפן אָנוואַרפן א שלייער אויף די פאַרברעכנס אין ליוואַן, אויף דער שכיטע אין סאַברא און שאַטילאַ. זיי ליִגן וועגן פּססר, קעדיי אויסבאַהאַלטן זייערע אייגענע רעציכעס. אין דעם איז דער עמעסער זין פון די ציִעניסטישע רעכילעס.

פראגע פון דער טעלעוויזיע פון דענעמאַרק: אײַער קאָמיטעט איז אויסגעבילדעט געוואָרן מיט א יאָר צוריק, און מיר וואָלט זיך געוואָלט וויסן, צי איז דאָס ניט געווען א בײַשפּיל פאַר שאַפן אַזעלכע קאָמיטעטן אין אַנדערע לענדער?

ד. א. דראַגונסקי. מיר האָבן בריוו וועגן דעם, אַז אין א ריי לענדער, לעמאָשל אין לאַטײַן-אַמעריקע און אין אַנדערע, זײַנען געשאַפן געוואָרן קאָמיטעטן. נעכטן האָבן מיר באַקומען א בריוו פון אַרגענטינע, אין וועלכן עס ווערט מיטגעטיילט, אז די אַרגענטינישע געזעלשאַפטלעכקײַט האָט געגרינדעט אַן אַנאַלאָגישע אָרגאַניזאַציע.

פראגע פונעם קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג „פּאָליטיקען”: איך וואָלט געוואָלט וויסן וועגן דער שטעלונג פונעם קאָמיטעט צו דער אידיי גופע, וועלכע ליגט אינעם יעסאָד פון ציִעניזם: וועגן שאַפן א היימלאַנד פאַר די ייִדן פון דער גאָרער וועלט. וואָס פאַר א פּרינציפּיעלע אָפּשאַצונג ווערט געגעבן דער דאָזיקער אידיי, און די פּראַקטישע שטעלונג צו דער עקזיסטענץ פון ייִסראָעל און צו זײַן געפאַר־לאָזיקײַט?

ס. ל. זיווס. די אידיי פון צונויפזאַמלען די ייִדן פון דער גאַנצער וועלט, ווי איר האָט געזאָגט, אין איין היימלאַנד — די דאָזיקע אידיי איז ניט קיין ריכטיקע, ווײַל קוידעמקאָל האַלטן מיר, אַז עס איז ניטאָ, ווי עס טײַנען די ציִעניסטן, אַן אייניהײַטלעך ייִדיש פאָלק פון דער גאַנצער וועלט. עס זײַנען פאַראַן ייִדן פון דענעמאַרק און ייִדן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. פאַר די סאָוועטישע ייִדן איז זייער היימלאַנד דער סאָוועטנפאַרבאַנד. זייערע אָוועס זײַנען דאָ געבוירן געוואָרן און דאָ געלעבט. אין דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע האָבן זיי זיך געשלאָגן פאַר דער פרײַהײַט פון זייער היימלאַנד, פאַר פאַרניכטן דעם פאַשיזם, פאַר דעם, אַז דער פאַשיסטישער שטיוול זאָל קיינמאָל ניט טאָפּטשען ניט

די ערד פֿון אונדזער לאַנד, ניט די ערד פֿון
דענעמאַרק.
די סאָוועטישע ייִדן זײַנען אַן אָרגאַני-
שער טייל פֿון דעם סאָוועטישן פֿאָלק. אָט
פֿאַרוואָס די ציִעניסטישע אידיי פֿון צונויפֿ-
זאַמלען, אָדער, ווי זיי זאָגן אַפֿילע, פֿון
„רעפּאַטריִירן דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק"
איז לויטן טאָך ניט קיין אָנעמבאַרע, ניט קיין
ריכטיקע און זי ווערט אָפּגעוואָרפֿן מיצאַד
די סאָוועטישע ייִדן.
וואָס שײַעך דער באַציִונג פֿון אונדזער
קאָמיטעט צו ייִסראָעל, זאָגן מיר דאָ גאַנץ
קלאָר: מיר וואַרפֿן אָפּ די אידעאָלאָגיע פֿו-
נעם ציִעניזם. מיקויעך דער שטעלונג צו
מעדינאַס ייִסראָעל איז די סאָוועטישע פּאָ-
זיציע ניט איין מאָל אויסגעדריקט געוואָרן
אָפֿיציִעל. די אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַרײַ-
ניקטע נאַציִעס האָט באַהאַנדלט די אידיי
וועגן שאַפֿן צוויי אומאָפּהענגיקע מעלוכעס
אַף דער טעריטאָריע פֿון פּאַלעסטינע, וועל-
כע האָט זיך געפֿונען אונטערן מאַנדאַט, —
א זעלבשטענדיקע אַראַבישע און א ייִדישע.
דער סאָוועטנפֿאַרבאַנד האָט אָן קיין שום
באַוואָרענישן געשטימט אין לעצטן סאַכאַקל
פֿאַר שאַפֿן צוויי מעלוכעס אַף דער דאָזיקער
טעריטאָריע.
וואָס שײַעך דער געפֿאַרלאָזיקײַט פֿון
ייִסראָעל, מיין איך, אַז מײַן קאָלעגע איגאָר
פּעטראָוויטש בעליאַיעוו, וועלכער איז א
ספּעציִאַליסט אין די צווישנפֿעלקערלעכע
באַציִונגען פֿון אָט דעם רעגיִאָן, וועט פֿאַר-
זעצן דעם ענטפֿער.

אי. פּ. בעליאַיעוו. ווי ס'איז גוט באַ-
וווּסט, טרעט דער סאָוועטנפֿאַרבאַנד אַרויס
פֿאַר א פֿרידלעכער קאָעקזיסטענץ פֿון אַלע
לענדער און פֿעלקער אַפֿן נאָענטן מיזרעך,
דאָס הייסט אײַנגעשלאָסן ייִסראָעל, ווי אויך
פֿאַר אַכטן די נאַציִאָנאַלע רעכט פֿון דעם
אַראַבישן פֿאָלק פֿון פּאַלעסטינע. א סאַך
ייִסראָעלדיקע פּאָליטיקער הערן ניט אויף צו
טײַנען, אַז צוליב זיכערן די געפֿאַרלאָזיקײַט
פֿון ייִסראָעל איז נייטיק שיר ניט א צוגאָב-
לעכע טעריטאָריע, פֿאַרשטייט זיך, אַפֿן
כעזשבן פֿון די אַראַבישע שכיינים. ס'ווילט
זיך מיר אָבער דערמאָנען, אַז אין 1973
האָט ייִסראָעל קאָנטראָלירט א גרויסע טע-
ריטאָריע, אַרײַנגערעכנט די פֿאַרכאַפּטע אין
יוני 1967 אַראַבישע טעריטאָריעס. און ניט
געקוקט דערויף, האָט ייִסראָעל באַקומען א
מילכאָמע. זי האָט זיך אָנגעהויבן דעם
6 אָקטיאַבער 1973. די „אָקטיאַבער-מילכאָ-
מע" איז געווען דער ערשטער סיגנאַל, אַז
די אַראַבער קענען זיך פֿאַרטיידיקן. אַזוי-
אַרום, גייט ניט אין דער טעריטאָריע, נאָר
אין נאָרמאַליזירן די באַציִונגען פֿון ייִסראָעל
מיט די אַראַבישע שכיינים. אין דעם ליגט
דער שליסל צו לייזן זײַן געפֿאַרלאָזיקײַט.

פֿראַגע פֿונעם קאָרעספּאָנדענט פֿון דער ראַדיאָ-
סטאַנציע „שאָלעם און פּראָגרעס": צי וואָלט איר
געקאָנט ברענגען פֿאַקטן וועגן דעם, אַז די אופֿרײַס-
געפֿערלעכע סיטואַציע אַפֿן נאָענטן מיזרעך, א רעזול-
טאַט פֿון דער פּאָליטיק פֿון ייִרסאָעל און פֿון די
פּשא, דויערט אויך איצט?

אי. פּ. בעליאַיעוו. די מיליטעריש-פּאָלי-
טישע אומגעבונג אינעם ראַיאָן פֿאַרבלײַבט,
ווי פֿריִער, אַן אופֿרײַסגעפֿערלעכע מיט אַלע
פּראָדוציר-הויצאָעס און פֿאָלגן, וועלכע דרינ-
גען פֿון דעם אַרויס. ייִסראָעל זעצט פֿאָר
די מילכאָמע אין ליוואַן. האַגאַם ס'איז פֿול-
שטענדיק קלאָר, אַז דער אַגרעסאָר און די
פֿאַרייניקטע שטאַטן, וועלכע האָבן זיך אָפּן
מיט אים פֿאַרייניקט, האָבן די דאָזיקע מיל-
כאָמע פֿאַרשפּילט. וועגן דעם זאָגן אײדעס
אַזעלכע פֿאַקטן:
1. ס'איז אַנולירט געוואָרן די ייִסראָעל-
ליוואַנישע „פֿאַרשטענדיקונג וועגן שאָלעם"
פֿונעם 17 מײַ 1983. די דאָזיקע פֿאַרשטענ-
דיקונג האָט ווידערשפּרעכט די געזעצן און
איז געווען אָנגעבונדן ליוואַן, ווי א שווערער
יאָך, לויטן מוסטער פֿון קעמפּ-דעוויד.
2. די אָקופּאַנטן האָט זיך ניט אײַנגע-
געבן צו דערשטיקן די נאַציִאָנאַל-פּאַטריִאָ-
טישע קויכעס פֿון ליוואַן. אַפֿן דאָרעם פֿו-
נעם לאַנד, ווו די ייִסראָעלים באַלעבאַטע-
ווען נאָך, דויערט און פֿאַרשטאַרקט זיך הײַנט
דער אַקטיווער ווידערשטאַנד פֿון די פֿאַר-
טיזאַנער.
3. ענדלעך, זײַנען פֿון ביירוט מיט שאַנד
אַנטלאָפֿן ניט בלויז די אַמעריקאַנער יאַם-
פּעכאָטינצעס, נאָר אויך די אַזויגערופֿענע
„פֿילנאַציִאָנאַלע קרעפֿטן", וועלכע זײַנען
קאָמפּלעקטירט געוואָרן מיט מיליטער-טיילן
פֿון די הויפּט-מעלוכעס פֿון נאַטאָ (פֿראַנק-
רײַך, איטאַליע, ענגלאַנד).
אָבער ייִסראָעל אָקופּירט, ווי פֿריִער,
דעם דאָרעם פֿון ליוואַן און קלײַבט זיך
דערווײַל ניט אַרויספֿירן פֿון דאָרט זײַן מי-
ליטער. אַלעמאָל טראַכט מען אויס פֿאַרשיי-
דענע טערוצים, קעדיי דאָרט פֿאַרבלײַבן,
טראָץ די פֿאָדערונגען פֿון דער אָרגאַניזאַציע
פֿון די פֿאַרייניקטע נאַציִעס. ס'האָט זיך
אָנגעהויבן צו רעאַליזירן דער געפֿערלעכס-
טער אַנעקסיאָניסטישער פּראָיעקט, וועלכער
טראָגט דעם קאָד „דער צאָפֿנדיקער ברעג".
ער זעט פֿאָר אַן אינטעגראַציע פֿון די דאָ-
רעם-ליוואַנישע טעריטאָריעס און טײַכן מיט
דער טעריטאָריע פֿון ייִסראָעל. פֿאַקטיש איז

דער גרענעץ-פאס צווישן ליוואן און יִיס-ראָעל, וועלכער איז אנערקענט און פארגע-זעצלעכט מיצאד דער אָרגאניזאציע פון די פאראייניקטע נאציעס, בעקיוון פארניכטעט.

יִיסראָעל קאָן מיט דער סאמע אקטי-ווער שטיצע פון פשא פאַרנעמען אין א בא-ליביקן מאָמענט נאָך איין אגרעסיע — אויב ניט קעגן סיריע, איז קעגן יאָרדאניע, הא-גאם שאמיר זשאלעוועט ניט קיין ווערטער (אין אָנבליק פון די קינפטיקע וואלן), רופנ-דיק, קלוימערשט, די אראבער צו מאכן א סאָף מיט דער מיליטערישער קאָנפראָנטא-ציע. קעמפ-דעוויד בוקסעוועט. דאָס פאר-שטייט מען אלץ מער אין טעל-אוויוו. און אָט, קעדיי פאָרזעצן אָנצובינדן די אראבער דעם ציעניסטישן צוגאנג צו דער יִיסראָעל-פאלעסטינער, יִיסראָעל-אראבישער פראָבלע-מען, פירט איצט דורך די יִיסראָעלדיקע אַרמיי מיליטערישע מאנעוורען דירעקט בא דער עגיפטישער גרענעץ.

פראגע פונעם קאָרעספאָנדענט פון טאסט: לעצטנס האָבן אייניקע אמעריקאנער קאָנגרעסלייט און מיטגלידער פון די געזעצגעבערישע אָרגאנען פון באזונדערע שטאטן אָנגעהויבן, אונטערן דרוק פון דער פראָציעניסטישער לאָבי, ארויסטרעטן מיט דערקלערונגען, אין וועלכע זיי דריקן אויס זייער אזויגערופענע „פארזאָרגטקייט" מיקויעך דער לאגע פון די סאָוועטישע יִידן. ווי איז אייער באציונג צו אזעלכע דערקלערונגען?

מ. ב. קרופקין. לויטן אינהאלט זיינען אזעלכע דערקלערונגען וועגן פארטיידיקן די סאָוועטישע יִידן רעכילעסדיקע און זיי פאר-קריפלען גראָב די סאָוועטישעווירקלעכקייט. פונעם צווישנפעלקערלעך-רעכטלעכן שטאנד-פונקט שטעלן זיי מיט זיך פאָר א באשיים-פערלעכע אריינמישונג אין די אינערלעכע איניאָנים פונעם סאָוועטנפארבאנד. פונעם שטאנדפונקט פון די אלגעמיין-אָנגענומענע פרינציפן, וועלכע באשטימען די ראָליע פון די פארלאמענטן אין די צווישנמעלוכישע באציונגען, הייסט עס אומדערלאָזבאר אויס-נוצן דעם אוטאָריטעט פון אן אויסגעוויילטן געזעצגעבערישן אָרגאן צוליב עסקאלאציע פון אומפריינטלעכע (און ניט זעלטן פיינט-לעכע) געפילן לעגאבע דער רעגירונג און דעם פאָלק פון אן אנדער סוווערענער מע-לוכע.

אזעלכע, מישטיינסגעזאָגט, דאָקומענטן פון פארלאמענטארע אָרגאנען באזירן זיך אויף גראָבער פאלסיפיקאציע פון דער נא-ציאָנאלער פאָליטיק פון דער קפסס און סאָוועטישער רעגירונג און זיי דינען פאר א וויטערדיקן צעצינדן די אנטיסאָוועטישע היסטעריע.

פראגע פונעם קאָרעספאָנדענט פון דעם שפא-נישן זשורנאל „אקטואלידאד": האיאָר ווערט 50 יאָר זינט דער אויסבילדונג פון דער יִידישער אווטאָנאָמער געגנט. וואָס פאר א באדייטונג גיט איר צו אָט דער דאטע?

ל. ב. שקאָלניק. דער דאָזיקער יובילײ איז א וויכטיקע געשעעניש אינעם לעבן פון אונדזער פילנאציאָנאל לאנד. פאר די יאָרן פון איר עקזיסטענץ האָט די געגנט זיך פארוואנדלט אין אן עקאָנאָמיש און קול-טורעלן צענטער פונעם סאָוועטישן וויטן מיז-רעך מיט א הייַנטצייטיקער אינדוסטריע, הויכמעכאניזירטער פילצעצווייגטער לאנד-ווירטשאפט.

איינע פון די פאָרגעשריטענע אונטער-נעמונגען פון דער געגנט איז דער זאוואָד „דאלסעלמאש", וועלכער לאָזט ארויס אוני-קאלע אווטאָמאָטארישע קאָמביינען אויף אראָפ-צונעמען קערנער און רייז אויף באָדנס מיט העכערער פייכטקייט.

דער גאָלדענער פאָנד פון דער געגנט זיינען אירע מענטשן. איך וואָלט הייַנט גע-קאָנט אָנרופן הונדערטער נעמען, מיט וועל-כע עס שטאָלצירט די געגנט, נאָר כ׳וועל אָנרופן בלויז אייניקע: די העלדן פון סאָ-ציאליסטישער מי — דער מאשיניסט פון די אומדריי-אויוונס פון טעפלאָזיאָרסקער צע-מענט-זאוואָד וויקטאָר ווּרובלעווסקי און די נייטערן פון דער זאָקן-טריקאָטאזש-פאבריק יעלענא ארנאפאָלינא, דער דעפוטאט פונעם אויבער-סאָוועט פון פססר, ארבעטערן פונעם זאוואָד פון קראפט-טראנספאָרמאטאָרס ראָכל געלער און א סאך אנדערע.

דאָס גאנצע יאָר איז הייַנט פאר אונד-זער געגנט א יובילײ-יאָר. אין גאנג פון דער צוגרייטונג צום יאָמטעוו ווערן דורכ-געפירט פארשיידענע פעסטיוואלן, באגעגע-נישן מיט ארבעטס-וועטעראנען און מילכאָ-מע-וועטעראנען, מיט די ערשטע בויער פון דער געגנט. אין מיי וועלן אין ביראָבידזשאן דורכגעפירט ווערן טעג פון דער סאָוועטי-שער ליטעראטור, געווידמעט דעם 50-יאָריקן יובילײ פון דער געגנט.

* * *

מיר האָבן דערציילט בלויז וועגן א טייל פון דער ברייטער פרעסע-קאָנפערענץ פונעם אנטיציִע-ניסטישן קאָמיטעט פון דער סאָוועטישער געזעל-שאפטלעכקייט, וועלכע האָט ארויסגערופן א לעב-האפטן אינטערעס בא אלע אירע אָנטיילנעמער. זי האָט באוויזן: ווי שטארק עס זאָלן אונדזערע אידעאָלאָגישע קעגנער ניט קאמופלירן דעם שע-קער, איז דער זיג אף דער זייט פונעם עמעס.

„ליטעראטורנאיא גאזעטא"

זאַלמען ליבינזאָן
דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן, פּראָפעסאָר

ליאָן פויכטוואַנגער

(צו זײַן 100־טן געבורטסטאָג)

אויף דער פראַגע, וועלכע מע פלעגט פויכטוואַנגערן זייער אָפט שטעלן — וואָס פאַר א שרײַפטשטעלער ער איז, פלעגט ער געוויינלעך ענטפערן: מײַן שפּראַך איז דײַטש, מײַן מויעך איז אינטערנאַציאָנאַל, מײַן האַרץ איז ייִדיש. מע קען זאָגן, אז אין די דאָזיקע ווערטער איז אויסגעדריקט דאָס, וואָס ער האָט לײַדנשאַפטלעך געזוכט אין משך פון זײַן גאַנץ באַוווּסטזיניק לעבן, קימאַט אין אַלע זײַנע ווערק — די האַרמאָניע צווישן דעם נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן.

א ייִד לויטן אָפּשטאַם, איז פויכטוואַנגער געווען א דײַטשישער שרײַפטשטעלער. דאָס האָט פאַרבונדן אין זײַן לעבן אַזאַ קנופּ, אויף וועלכן ער פלעגט זיך שטענדיק אָנשטויסן. נאָך אין 1920 יאָר האָט ער אָנגעשריבן אַן אַרטיקל, וואָס איז געווען אָנגעצילט קעגן דער אַנטיסעמיטישער באַהויפּטונג, אז די מיזרעך-ליטעראַטורן זײַנען געוואָרן „פאַרייִדישט", ווײַל, קלוימערשט, קימאַט א פינפטל פון די אייראָפּעישע שרײַבער זײַנען ייִדן. אויב אפילע אָננעמען אַזאַ סטאַטיסטיק, קעגן וועלכער פויכטוואַנגער דערווידערט, זאָגט עס גאָרניט וועגן דער אָדער יענער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור. די אָנגעהעריקײַט צו א ליטעראַטור ווערט באַשטימט פון דער שפּראַך, אויף וועלכער דער שרײַפטשטעלער שאַפט זײַנע ווערק, קיין אַנדער סימען איז ניטאָ. פילאָן איז א גריכישער דענקער און שרײַפטשטעלער, האַגאַם ער איז א ייִד, העגריך היינע איז א דײַטשישער פּאָעט אאַוו. זיך אַליין האָט פויכטוואַנגער גערעכנט פאַר א דײַטשישן שרײַפטשטעלער, אָבער צום אונטערשייד פון אַנדערע ענלעכע שרײַפטשטעלער — דײַטשישע און ניט דײַטשישע — האָט זיך די נאַציאָנאַלע אָפּשטאַמונג שאַרף אַרויסבאַוויזן אין זײַן שאַפונג.

ער איז געבוירן געוואָרן דעם 7 יולי 1884 אין מינכען אין א ייִדישער מישפּאָכע, וועלכע איז דוירעסלאַנג געווען פאַרבונדן מיט דײַטשלאַנד, אין א מישפּאָכע, וואָס האָט אין משך פון איר לאַנגער געשיכטע א סאַך געליטן פון נאַציאָנאַלע פאַרפאָלגונגען. איינער פון פויכטוואַנגערס ביאָגראַפן ווײַזט אָן, אז שוין די ערשטע ידיעס וועגן דער דאָזיקער

מישפּאָכע זײַנען פאַרבונדן מיט א פּאָגראָם, וועלכער איז פאָרגעקומען אין 1555 יאָר אין דעם שטעטל פויכטוואַנגען, פונוואַנען עס שטאַמט די פאַמיליע פויכטוואַנגער. פון דאָרטן האָט זיך די מישפּאָכע איבערגעקליבן א ביסל דאָרעמדיקער — קיין בײַערן. אגעוו, מיט א פּאָגראָם פאַרענדיקט זיך די געשיכטע פון דער מישפּאָכע פויכטוואַנגערס אין דײַטשלאַנד.

דעם שרײַבערס זיידע פונעם טאַטנס צאַד איז געווען א גאָלדשמיד, דערנאָך האָט ער געגרינדעט א מאַרגאַרין-פאַבריק. דער פּאָטער — זיגמונד אַרן-מייער — האָט געיאַרשנט די פאַבריק און איז געוואָרן א רײַכער אונטערנעמער. די מוטער — יאָהאַנע — האָט אויך געשטאַמט פון א פאַרמעגלעכער יידישער מישפּאָכע. ליאָן איז געווען דער ערשטלינג צווישן די ניין קינדער אין דער מישפּאָכע. מע האָט אים געגעבן דעם נאָמען ליאָן יאַקאָב-אַריע.

דער פּאָטער — א מענטש א געבילדעטער, א מאַסקיל — האָט אָנגעקליבן אין שטוב א גרויסע ביבליאָטעק, וועלכע איז באַשטאַנען פון העברעיִשע און דײַטשישע ביכער (אָפּ יידישער טעמאַטיק), געווען א ליבהאָבער פון טעאַטער און ביכלאַל פון קונסט. אין לעבן האָט ער געפּאָלגט מוישע מענדעלסאָנס באַרימטן אופרוף — אינדערהיים זײַן א ייד, אין גאַס — א דײַטש. א קענער פון דער טוירע, האָט ער אין שטוב געפּאָדערט אויסצופילן אַלע רעליגיעזע מינהאָגים. ווען ליאָן איז אַלט געוואָרן פינף יאָר, האָט ער צו אים אײַנגעלאַדן א רעבע, וועלכער פלעגט קומען אַהיים און לערנען אים העברעיִש און אַראַמעיִש. אזא סײַדער האָט זיך פאַרהיט אויך שפּעטער, ווען אין א יאָר אַרום איז ליאָן אַוועק אין דער פאָלקסשול און דערנאָך — אין דער מינכענער ווילהעלם-גימנאַזיע.

אין אוניווערסיטעט — פון אָנהייב אין מינכען, דערנאָך אין בערלין — שטודירט ליאָן גערמאַניסטיק, פילאָסאָפיע און אַנטראָפּאָלאָגיע. צום סאָף באַשליסט ער פאַרנעמען זיך מיט ליטעראַטור-געשיכטע. זײַן אוניווערסיטעט-דיסערטאַציע איז געווידמעט הײַנעס ניט פאַרענדיקטער דערציילונג „דער רעבע פון באַכאַראַך", פאַר וואָס ער האָט באַקומען דעם טיטל דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן.

ליאָן באַשליסט ניט זײַן אָפּהענגיק פון די עלטערן, ער זאָגט זיך אָפּ פונעם כוידעשגעהאַלט, וואָס דער פּאָטער האָט אים פאַרגעלייגט, דינגט א קליינע דירע, פאַרנעמט זיך מיט געבן פּריוואַטע לימודים און מיט זשורנאַליסטיק, שרײַבט קליינע רעצענזיעס אָפּ ביכער און טעאַטער-פאָרשטעלונגען, פּרוּווט זײַנע פעיִקײַטן אין דער דראַמאַטורגיע, שאַפט א ריי איינאַקטערס. איינער פון זיי — „דער קיניג שויל און די פּרינצעסן האָלדע" — איז אין 1905 אופגעפירט געוואָרן אָפּ א מינכענער בינע און איז מיט א טראַסק דורכגעפאַלן. אָבער דער דורכפאַל האָט דעם מעכאַבער לאַכלוטן ניט אַנטוישט, ער זעצט פאָר די ליטעראַרישע אַרבעט, ווערט אָנפירער פון א ליטעראַרישן פאַריין „פעבוס", גרינדעט אין מינכען, נאָכן פאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט, א ליטעראַרישן זשורנאַל „דער שפּיגעל", וועלכער פלעגט אַרויסגיין יעדע צוויי וואָכן מיט בײַלאַגעס.

ס'זײַנען דורכגעגאַן באַ אָנדערהאַלבן צענדליק יאָר, פולע מיט וואַקלענישן און זוכענישן, ביז וואַנען ליאָן פויכטוואַנגער האָט געפונען זײַן טעמע, זײַן זשאַנער, זײַן נוסעך.

אײַנגעקליבן האָט ער סאָפּקאָלסאָפּ דעם זשאַנער פונעם היסטאָרישן ראָמאַן. פּאָלגנדיק אַריסטאָטעלן, מיינט ער אויך, אַז שילדערן די געשיכטע קען בעסער א דיכטער, איידער א וויסנשאַפטלער. „די קינסטלערישע שילדערונג פון דער געשיכטע איז מער וויסנשאַפטלעך און ריכטיקער, איידער די פּינקטלעכע היסטאָרישע באַשרײַבונג. די פּאָעטישע קונסט דרינגט אַרײַן אינעם סאַמע עצעם פון דער זאַך, אין דער צײַט, ווען א פּינקטלעכער באַריכט איז בלויז א רעגיסטער פון פּראָטים". די דאָזיקע אַריסטאָטעלס ווערטער האָט פויכטוואַנגער אַוועקגעשטעלט אַלס אַן עפּיגראַף צום ראָמאַן „די פוקסן אינעם ווײַנגאָרטן".

דאָס ווענדן זיך צום היסטאָרישן מאַטעריאַל איז פאַר פויכטוואַנגערן לאַכלוטן ניט געווען קיין סיבע צו אָפּטרעטן פון דער הײַנטצײַטיקײַט, פון אירע אַקטועלע פּראָבלעמען, פאַרקערט — טאַקע אָפּ דעם היסטאָרישן שטאָף האָט ער געוואָלט לייזן די דאָזיקע פּראָבלעמען. שוין זײַענדיק א וועלט-באַרימטער שריפטשטעלער, טרעט פויכטוואַנגער אַרויס אין 1935 אָפּ דעם באַוווּסטן פּאַריזשער קאָנגרעס צו פאַרטיידיקן די קולטור מיט א פּאָרטראָג, וועלכן ער האָט אָנגערופן „וועגן דעם זין און דעם אומזין פונעם היסטאָרישן ראָמאַן". דאָרט זאָגט ער, אַז נאָך אין דער יוגנט האָט ער זיך פאַרטראַכט, פאַרוואָס זײַנען צווישן די ווערק, וועלכע האָבן איבערגעלעבט זייער טקופע, אַזויפיל געווידמעט ניט דער הײַנטצײַטיקער פאַרן מעכאַבער ווירקלעכקײַט, נאָר דעם אָוואָר.

און ער ברענגט אייניקע בײַשפּילן. האָמער, עסכיל און אַלע גריכישע טראַגיקער טראָגן אַריבער דעם לייענער אָדער דעם צושויער אין א ווײַטן מיפּאָלאָגישן אוראַלט. די שפּעטער

פונעם טאנאך, ווען זיי האָבן געוואָלט דערשלאָגן זיך פאר זייערע מיטציַיטלער ביַיַע ענדערונגען אין דער געזעלשאפט, פלעגן זיי זיך ווענדן צו דער געשיכטע און שאפן היסטאָרישע דערציילונגען. אזוי האָבן אויך געטאָן שעקספּיר, טאָלסטאָי, שטרינדבערג און אנדערע גאונים. פארוואָס קומט עס פאָר? — שטעלט פּיכטוואַנגער די פראגע און ענטפערט, ארויסגייענדיק פון זיַין אייגענער שעפערישער דערפארונג. ער שאפט סיַי היַינטציַיטיקע, סיַי היסטאָרישע ראָמאנען, אָבער דער אינהאלט זייערער בליַיבט איינער און דער זעלבער. „איך האָב קיינמאָל ניט געטראַכט פאָרצושטעלן די געשיכטע אַן און פאר זיך. אין די היסטאָרישע מאַלבושים האָב איך טאָמיד געזוכט א סטיליזירנדיק מיטל צו שאפן אַף א פּאָשעטן אויפן אן אילוזיע פון דער ווירקלעכקיַיט. קעדיי קלאָרער צו פאָרשטעלן זייער וועלט-בילד, פלעגן אנדערע שריפטשטעלער עס דערוויַיטערן אין רוים, אריבערטראָגן דאָס בילד אין אן עקזאָטישן קאנט. צוליב דעם זעלבן ציל האָב איך מיַין וועלט-בילד (געוויס דאָס היַינטציַיטיקע) דיסטאנצירט אין דער ציַיט — מער גאָרנישט". זיַינע היסטאָרישע ראָמאנען, דערקלערט ער וויַיטער, זיַינען ניט מער ווי אלעגאָריעס פון זיַין אייגענער ציַיט, מעשאָלים פון זיַין וועלט-בילד.

ס'איז ניט שווער זיך פאָרשטעלן, אז אין דער פילדויִרעסדיקער מענטשלעכער געשיכטע האָט פּיכטוואַנגער געזוכט בלויז אן אייביקן קריַיז-פאָרקער, אין וועלכן עס ביַיטן זיך איינע און די זעלבע פאזעס. נאָך מער, ער האלט, אז וועלכע טקופע מיר זאָלן ניט נעמען, קומט אייביק פאָר אין דער געזעלשאפט א שארפער קאמף צווישן סייכל און טיפּשעס, צווישן פאַרנונפט און בארבאריזם. „דער היסטאָריקער, דער ראָמאניסט זעט אין דער געשיכטע א קאמף, וואָס עס פירט די קליינינקע מינדערהיַיט, וועלכע וויל און קען דענקען, מיט דער אומגעהייערער מערהיַיט, וואָס באשטייט פון בלינדע, וועלכע פאָלגן בלויז זייער אינסטינקט און זיַינען ביכלאל ניט פעיִק צו דענקען", — אזוי האָט פּיכטוואַנגער דעקלארירט זיַין קוק אַף דער געזעלשאפט אין די דריַיסיקער יאָרן, ווען דער פאשיזם האָט גענומען מארשירן איבער אייראָפּע.

פאַרשטייט זיך, אז אזא היסטאָרישע קאָנצעפּציע איז גאנץ וויַיט פון א וויסנשאפטלעכער, און שפּעטער האָט פּיכטוואַנגער אריַינגעטראָגן אין איר ניט ווייניק קאָרעקטיוון. אָבער אפילע אין אזא אויסלייג טראָגט זי אין זיך א סאך פּאָזיטיווס. זיַין אויבנדערמאָנטן פּאָרטראָג האָט ער פארענדיקט מיט אזעלכע ווערטער: „קאָלזמאן איך שריַיב, באמי איך זיך צו שאפן היסטאָרישע ראָמאנען, קעדיי דעם פארנונפט פארטיידיקן פונעם טיפּשעס און געוואַלט, פון דעם, וואָס קארל מארקס האָט אָנגערופן פארזינקען אין געשיכטלאָזיקיַיט. עפּשער איז איינעם געביט פון ליטעראטור פאראן אזא וואָפן, וואָס ווירקט אומיטלבארער, אָבער מיר איז נעענטער אָט דאָס דאָזיקע וואָפן — דער היסטאָרישער ראָמאן"... יאָ, אין דעם זינען איז ער געווען גערעכט. דער היסטאָרישער ראָמאן איז געוואָרן בא אים א געווער, מיט דער הילף פון וועלכן ער האָט זיגריַיך געקעמפט קעגן דעם בארבאריזם פון זיַין ציַיט, און, ווי ער דערמאָנט דאָס גליַיכווערטל, א זיגער מישפּעט מען ניט.

פּיכטוואַנגער פלעגט אויסקליַיבן פאר זיַינע ראָמאנען אזעלכע מאָמענטן פון דער געשיכטע, וועלכע האָבן געשפּילט אין איר אן אנטשיידענע ראָליע, באשטימט איר וויַיטערדיקע אנטוויקלונג. און אויב אפילע געוויסע מאָמענטן האָבן אינדערעמעסן אזא באדיַיטונג ניט געהאט, האָבן זיי אדאנק דעם שריפטשטעלער זי באקומען. צו פּיכטוואַנגערן קען מען אין דער פולער מאָס אָנווענדן די ווערטער פון זשאן זשאָרעסן: „מיר ווילן נעמען פונעם אָוואר ניט דאָס אש, נאָר דעם פלאַם". די דאָזיקע ווערטער, וועלכע פּיכטוואַנגער האָט אוועקגעשטעלט אלס עפּיגראַף צו איינעם פון זיַינע ראָמאנען, קענען דינען ווי א סימבאָל פון זיַין גאנצער שאפונג.

ליאָן פּיכטוואַנגערס ליטערארישע ירושע איז א גאנץ היפּשע און א פילארטיקע: היסטאָרישע און היַינטציַיטיקע ראָמאנען, דערציילונגען און עסייען, דראמען און לידער, רעצענזיעס און פּובליציסטישע ארטיקלען, טעאָרעטישע אָפּהאנדלונגען און זיכרוינעס. קיין פולע אויסגאבע פון זיַינע ווערק איז נאָך דערוויַיל ניט ארויס. אין דער רוסישער איבערזעצונג איז בא אונדז אין 1963—1968 דערשינען אן אויסגאבע פון געזאמלטע ווערק אין 12 בענדער (אין 1970 איז ארויס א צוגאָב-באנד).

אין די פופציקער יאָרן, ניט לאנג פאר זיַין טויט, האָט ל. פּיכטוואַנגער פאָרגעלייגט צו פאַרייניקן זיַינע ראָמאנען אין באשטימטע ציקלען. צום ערשטן ציקל האָט ער צוגערעכנט דעם „יוד זיס", די „העסלעכע הערצאָגיניע" און דעם „פאלשן נעראָן" — אין אים איז געשילדערט א קאָנפליקט פון אן אינדיווידוום מיט זיַין געזעלשאפט, „א בונט פון א הויכגע-

בילדעטער פערזענלעכקייט קעגן דער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג, וואָס ווערט אַלץ מער זינלאָז". אינעם צווייטן ציקל, וועלכער באשטייט פון דער טרילאָגיע וועגן יאָסיף פלאוויוס, דעם באוווסטן היסטאָריקער, איז אַוועקגעשטעלט דער קאָנפליקט צווישן דעם נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן (קאָסמאָפּאָליטישן, ווי פויכטוואַנגער דריקט זיך אויס) — "וויאַזוי קען דער מענטש זיין נאַציאָנאַל-געשטימט און גלייכצייטיק קאָסמאָפּאָליטיש". דעם דריטן ציקל האָט געדאַרפט שאפן די טעטראַלאָגיע "מיר, די דייטשן פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט" (אין אַן אַנדער וואַריאַנט איז זי אָנגערופן "דער וואַרט-זאַל"). אין אים האָט ער איינגעשלאָסן די ראָמאַנען: "דער דערפאָלג", "די מישפאָכע אָפּערמאַן", "דער גירעש", "דאָס צוריקומען" (ניט פאַרווירקלעכט). צום פערטן ציקל קען מען צורעכענען די ראָמאַנען, אין צענטער פון וועלכע עס שטייט אַזוי אָדער אַנדערש די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָליוציע: "די פוקסן אינעם וויינגאָרטן", "די כאָכמע פון אַ שויטע אָדער דער טויט און דער ווידערגעבורט פון זשאַן זשאַק רוסאָ", "גאָיאַ אָדער דער שווערער וועג פון דערקענטעניש". אין דער קלאַסיפיקאַציע זיינען ניט אַריין די צוויי ראָמאַנען, וועלכע זיינען דערשינען צום סאָף פון פויכטוואַנגערס לעבן: "דאָס יידישע מיידל פון טאָלעדאָ" ("די שפאַנישע באַלאַדע") און "יפטעך און זיין טאָכטער".

יעדע קלאַסיפיקאַציע פון קינסטלערישע ווערק איז מער אָדער וויינקער קינסטלעך. מיר וועלן זי האָבן אין זינען באַם אַנאַליז, אָבער אין דעם דאָזיקן אַרטיקל וויל איך ווענדן די אויפמערקזאַמקייט אויף פויכטוואַנגערס וועג, באַווייזן, וויאַזוי עס האָט זיך אַנטוויקלט זיין וועלט-אָנשויונג, ווי ער האָט אויף פאַרשיידענע שטופעס פון זיין לעבן געשטעלט און געלייזט די אָדער יענע סאָציאַל-פילאָסאָפישע פראָבלעם.

אַלוועלטלעכע אַנערקענונג האָט ליאָן פויכטוואַנגער באַקומען, ווען עס איז אַרויס זיין ראָמאַן "דער ייד זיס". ביז דעמאָלט האָט ער דורכגעמאַכט אַ גאַנץ לאַנגן שפעריסשן וועג — מער פון צוואַנציק יאָר אַקשאָנעסדיקער ליטעראַרישער אַרבעט, אין וועלכער ס'האָבן זיך געטראָפן אויך באַדייטנדיקע ווערק, צווישן זיי "די העסלעכע הערצאָגיניע", אָבער ניט אַזעלכע, וועלכע זאָלן ווערן אַ דערשיינונג.

פויכטוואַנגערס ערשטער בוך "די איינזאַמע", וועלכער האָט אַנטהאַלטן צוויי דערציילונגען, איז דערשינען אין 1903, ווען דער מעכאַבער איז נאָך געווען אַ סטודענט. דערנאָך גייען רעפּאָרטיאָרישע ציי‌טונגס-אַרטיקלען, טעאַטראַלע רעצענזיעס, איינאַקטערס, נאָוועלן, אויך אַ ראָמאַן ("דער דונערנדער גאָט", 1910). די מערהייט פון אָט די ווערק זיינען געשריבן אין דעקאַדענטישן נוסעך מיט זיינע עסטעטיש-ראַפינירטע פאָרמען.

צו אַ געוויסן איבערבראָך אין פויכטוואַנגערס שאפונג האָט געבראַכט די ערשטע אימפעריאַליסטישע וועלט-מילכאָמע. אין 1912 יאָר האָט ליאָן כאַסענע געהאַט (מיט מאַרטאַ לעפלער — זי איז געבליבן זיין באַגלייטערין דאָס גאַנצע לעבן). צוויי יאָר רייזט דאָס יונגע פאָרפאָלק אַרום איבער דער שווייץ, איבער פראַנקרייך, איטאַליע, צאָפן-אַמעריקע. פון אומעטום שיקט ער אין די ציי‌טונגען קאָרעספאָנדענצן, וועלכע האָבן געגעבן אַ מעגלעכקייט מאַטעריעל צו באַזאָרגן דאָס לעבן. ווען ס'איז באַוווסט געוואָרן, אַז אין אייראָפּע האָט זיך אָנגעהויבן אַ מילכאָמע, זיינען די פויכטוואַנגערס געווען אין טוניס. ליאָנען, אַלס אַ דייטשישן אונטערטאַנער, האָט מען גלייך אינטערנירט. ס'האָט זיך אים איינגעגעבן צו אַנטלויפן פונעם לאַגער, און דורך איטאַליע איז ער געקומען קיין דייטשלאַנד, וווּ מע האָט אים טייקעף גערופן צו מיליטער-דינסט. אַרום זעקס כאָדאָשים איז ער געווען אין די מיליטערישע קאַזאַרמעס. ס'האָט אים געעקלט פונעם קאַזאַרמע-גייסט, איבערהויפט האָט ער איבערגעלעבט דעם אומשולדיקן אומקום פון מענטשן אויף די שלאַכטפעלדער. נאָך פריער, אין דער צייט, ווען ס'האָט זיך פאָרמירט זיין וועלט-אָנשויונג, האָט ער דערפילט, אַז די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט איז זינלאָז, אָבער דעמאָלט האָט ער זיך ניט פאַרטראַכט איבער די סיבעס פון אַזאַ אָרדענונג, געגלייבט אין אַ געוויסער מאָס דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, ניט געזען באַם האָמוין קיין שעפערישע מעגלעכקייטן. די אימפעריאַליסטישע מילכאָמע האָט אים געצוווּנגען טיפער אַריינדרינגען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן.

איבער זיין קורצזיכטיקייט איז ער באַפרייט געוואָרן פון מיליטער-דינסט. ער פאָרט אַריבער קיין מינכען און נעמט זיך ווידער צו דער ליטעראַרישער אַרבעט. די ווערק, וועלכע ער האָט געשריבן אין דער צייט פון דער מילכאָמע, טראָגן שוין אַן אַנדער כאַראַקטער. ער הייבט אויף זיין שטים קעגן דעם בלוטיקן קריג. זי הערט זיך בולעט אין דער "ליד פון די געפאַלענע", וועלכע איז דורכגעדרונגען מיט אַ פראָטעסט קעגן דעם מאָרד פון מענטשן.

אין די ערשטע כאדאָשים פונעם 1918 יאָר איז ער צוגעטראָטן צו שאַפן דעם ראָמאַן „טאָמאס װענדט", װוּ ער װאָרנט: װײַטער קאָן זיך אזוי די לאַגע ניט פאָרזעצן, עס מוז אויסברעכן א רעװאָליוציע. פאַרשטייט זיך, די װערטער זײַנען ניט געװען קיין פויעל-יויצע פון א ניכטערן אנאַליז, בלויז אן אויסדרוק פון דעם שרײַבערס טרוים װעגן דער נייטיקײַט איבערצואַנדערשן די װעלט. אָבער די עצעם נעװייַשקײַט (שפעטער, אין א יאָר צען ארום, אינעם ראָמאַן „דער דערפאָלג" האָט זיך נאָכאמאָל ארויסגעװיזן די דאָזיקע אייגנשאַפט) איז מערקװירדיק. אין נאָיאַבער 1918 — אין א יאָר ארום נאָך דער אָקטיאַבער-רעװאָליוציע אין רוסלאַנד, האָט אין דײַטשלאַנד טאַקע אויסגעבראָכן א רעװאָליוציע, נאָך איר דורכפאַל איז פויכטװאַנגער געװאָרן אנטוישט. אין מעשעך פון פיר יאָר האָבן די פעלקער געשאָסן איינער אין אנדערן, סאָפקאָלסאָף האָט מען אראָפּגעװאָרפן דעם קייסער, אָבער ס'האָט זיך קימאַט גאָרנישט ניט איבערגעביטן. ער קומט צום געדאַנק, אז אלע קאַװאָנעס מיט געװאַלט ענדערן דעם אויסזען פון דער געזעלשאַפט ברענגען צו גאָרנישט ניט. אין דעם שרײַבערס װעלט-אָנשויונג פאַרפעסטיקט זיך דער סקעפּטיציזם, װעלכער האָט זיך נאָך פריער אָנגעמערקט. צו דעם דאַרף מען צוגעבן, אז אין אָט דער צײַט האָט פויכטװאַנגער געװוּסט װייניק װעגן דער סאָציאַליסטישער רעװאָליוציע, װעלכע איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד, װעגן אירע צילן און ערשטע דערגרייכונגען.

אין 1923 האָט זיך אים אײַנגעגעבן אַרויסצולאָזן זײַן ערשטן היסטאָרישן ראָמאַן „די העסלעכע הערצאָגיניע", װוּ ער שילדערט די טראַגיק פון א טיראָלער הערשערן אין מיטלאַלטער. זי האָט געפּרוּװט אויפשטעלן א פאַרנונפטיקע אָרדענונג אין איר לאַנד, אָבער זיך גאָרנישט ניט דערשלאָגן און געקומען סאָפקאָלסאָף צום אויספיר, אז אומזיסט האָט זי זיך באַמיט. אַלץ, װאָס זי האָט געהאַלטן פאַר שיין און װירדיק, איז אינדערעמעסן געװען ניט מער, װי פאַלשקײַט, אָפּנאַרערײַ. דער ראָמאַן האָט ניט געהאַט קיין דערפאָלג, אָבער דער אויטאָר האָט ניט פאַרלאָזט די אויפגעשטעלטע פּראָבלעם פון טאַט, זיך פאַרטיפט אין איר, געזוכט א געהעריקן סוזשעט, קעדיי קינסטלעריש זי לייזן.

נאָך איין גרויסער פאַקטאָר האָט געװירקט אויף פויכטװאַנגערס סאָציאַלע און קינסטלערישע אָנשויונגען אין אָט די יאָרן, — דער נאַציאָנאַלער פאַקטאָר. אין דער מאַפּאָלע, װאָס דײַטשלאַנד האָט געליטן בײַס דער מילכאָמע, האָט מען גענומען באַשולדיקן די ייִדן. זיי האָבן, קלוימערשט, פאַראַטן, געהאָלפן דעם סוינע אַאָו. אין 1920 פאַרעפנטלעכט פויכטװאַנגער אן אַרטיקל „א שמועס מיטן אייביקן ייִד", װוּ ער טרעט שאַרף אַרויס קעגן דער כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם.

די דאָזיקע דערשײַנונג האָט אין א היפּשער מאָס באַשטימט דעם באַזונדערן אינטערעס פון ליאָן פויכטװאַנגערן צו דעם קיִעם פונעם ייִדישן פאָלק. אָבער אים האָט אינטערעסירט ניט נאָר דער טרויעריקער גוירל פון א טייל זײַנע מיטבירגער, ער שטעלט פאַר זיך א מער קאָמפּליצירטע אויפגאַבע — פאַנאַנדערקלײַבן זיך אינעם צושטאַנד פון דער הײַנטצײַטיקער פאַר אים געזעלשאַפט.

ער פאַראינטערעסירט זיך מיט דער געשיכטע פון יויסעף זיוס אָפּענהיימערן, א דײַטשישן ייִד, א באַנקיר, װעלכער איז געװאָרן א הויף-מענטש באַם הערצאָג אין XVIII יה. און פאַרענדיקט זײַן לעבן אויף דער טליִע. די עצעם געשיכטע איז גאָר ניט קיין אויסערגעװיינלעכע. אָנהייבנדיק פונעם מיטלאַלטער, טרעפן זיך אזעלכע אָדער ענלעכע צופאַלן. פויכטװאַנגערן האָט צוגעצויגן איין פּראַט. יויסעף זיוס האָט זיך געקענט ראַטעװען, װען ער װאָלט אַנטדעקט זײַן אָפּשטאַם און זיך געשמאַדט. אָבער ער האָט עס ניט געטאָן, און טאַקע אין דעם דאָזיקן פּראַט האָט דער שרײַפטשטעלער דערזען דעם באָדן אויף צו לייזן אן עטיש-פילאָסאָפישע פּראָבלעם.

די האַנדלונג אינעם ראָמאַן קומט פאָר אין װירטעמבערג — א פעאָדאַל מעלוכעלע, װאָס איז אַדאַנק די דורכגעלייגטע װעגן פאַרבונדן מיט גאַנץ אייראָפּע. הינטער איר שעמערירט עסטרײַך, פּרײַסן, האָלאַנד, פראַנקרײַך און אַנדערע לענדער, װעלכע שטעלן פאָר די גרויסע װעלט. יויסעף זיוס קומט קיין װירטעמבערג און פאַרװאַנדלט דאָס קלייניטשקע פאַרװאָרפענע לאַנד אין א צענטער פון גרויסע מאַכינאַציעס.

זיוס באַװײַזט זיך װי א פאַרקערפּערונג פון א נײַעם דאָר, װעלכער איז קעגנגעשטעלט דעם אַלטן. ער באַגעגנט זיך אויף די ערשטע בלעטלעך פונעם ראָמאַן מיט יִיצכאָק לאַנדאַוערן דעם סאַמע געשיקטן געשעפטס-מאַכער אין מײַרעװ-דײַטשלאַנד. „ער האָט געװוּסט, אז אין דער װעלט עקזיסטירט בלויז איין רעאַלע קראַפט — געלט, מילכאָמע און שאָלעם, לעבן און טויט, פרויִשע צניִעס, די מאַכט פונעם פויפּסט, די שיפן אויף די יאַמען, די פרומקײַט, דעספּאָטיזם, קליינמוטיקײַט, פּראַכט, צניִעס, — אַלץ קען מען אויסדריקן מיט ציפערן, דער

גרונט און דער סאַכאַקל פון אַלץ איז געלט, און ער, יִיצכאָק לאַנדאַוער, האָט געקענט
ריכטן דעם שטראָם, געקענט אים באַפרוכפּערן אָדער אויסטריקענען, אָבער ער איז ניט
געווען אַזוי נאַריש, ער זאָל שרײַען וועגן זײַן מאַכט. ער האָט זיך געהאַלטן באַשײדן, און
בלויז אַ לײַכטער, קאַרגער שמייכל האָט אײדעס געזאָגט וועגן זײַן מאַכט. דעריבער איז
ער געווען אָנגעטאָן לויטן יִידישן מינהעג, אין אַ לאַפּסערדאַק און אין אַ יאַרמעלקע, געהאַט
פּייעס און אַ שיטער ציגן-בערדל, געטראָגן דעם צייכן S, וואָס מע האָט אײַנגעפירט פאַר
די יִידן פונעם לאַנד, הגם ער האָט עס געקענט אויסמײַדן".
יאָסעף זיוס איז גאָר אַן אַנדערער — ער זעט אויס ווי אַן אויסגעלאַסענער אַריסטאָ-
קראַט, אָנגעטאָן שטענדיק לויט דער לעצטער מאָדע, אין אַ פאַרפודערטן פּאַריק, און באַ-
נוגנט זיך ניט מיט געהיימער מאַכט, ער — אַ מענטש אַ ענערגישער, אונטערנעמערישער,
לעבנסלוסטיקער — דאַרף זײַן אָנזעעוודיק. „צו וואָס די מאַכט, אויב ניט אַרויסשטעלן זי
פאַר אַלעמען?" — פרעגט ער זיך. ער לאַכט אויס לאַנדאַוערס האַנאַכעס. „איך וויל שטיין
אונטער דער העלער שײַן און אַלעמען קוקן גלײַך אין די אויגן". אַזוי זײַנען קעגנגעשטעלט
צוויי לעבנס-פּרינציפּן, צוויי וועלט-אָנשויונגען. דער קאַמף צווישן זיי איז אַ גרויזאַמער, ער
דערגרייכט הויכע טראַגיק, פּויכטוואַנגער זעטיקט אים אָן עמאָציאָנעל און גײַסטיק, ער
פאַרברייטערט דעם שטרײַט, פירט אַרײַן אַלץ נײַע און נײַע פּערסאָנאַזשן פון ביידע צדדים.
הינטער יִיצכאָק לאַנדאַוערן באַווײַזט זיך רעב גאַבריעל — אַ מיסטיקער און קאַבאַליסט,
וועלכער דריקט אויס די פילאָסאָפיע פון אומטאַט און געהיימער קראַפט און מיט זײַן גאַנ-
צער אויפירונג באַשטעטיקט ער זי, און זיוס פאַרבינדט זיך באַלד מיטן ווירטעמבערגישן
פּרינץ קאַרל-אַלעקסאַנדער, וועלכער ווערט דער הערצאָג, דער הערשער פונעם לאַנד.
זיוס און קאַרל-אַלעקסאַנדער האָבן געפונען איינער דעם אַנדערן, זייערע וועגן — אין
טאָך גענומען קעגנזעצלעכע — האָבן זיך איבערגעקרייצט. קאַרל-אַלעקסאַנדער איז אַ פאַר-
קערפּערונג פון פיזישן קויעך, פון גוואַלדטאַט. אַלס פּרינץ, האָט ער זיך שוין אויסגעצייכנט
אויף די שלאַכטפעלדער, געפירט קליינע און גרויסע מילכאָמעס, געוואָרן אימפּערישער
פעלדמאַרשאַל, און יאַרשענענדיק פּלוצעם דעם הערצאָג-טיטל, טרוימט ער שוין וועגן נײַע
מאַרש-צוגן, ער, דער נײַער צעזאַר, „וועט דרייען די ראָד פון דער געשיכטע". אָבער אַ
הערשער איז ער פון אַ קליינינקער און אָרעמער פּראָווינץ, ווו זשע נעמט מען מיטלען
אויף צו פאַרווירקלעכן די גראַנדיעזע גײַוועדיקע פּלענער? און דאָ קומט אים צו הילף זיוס
אָפּענהיימער. דעם הערצאָג איז ניט געווען אָנגענעם האָבן צו טאָן מיט אַ יִידן, אָבער זיי
געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך און הייבן אָן אײַנעם רעגירן. דער הערשער בלײַבט קאַרל-
אַלעקסאַנדער, אָבער זיוס וויל ניט שטיין אין אַ זײַט, דער הערצאָג איז קראַפט, זיוס —
מוייעך. און צוזאַמען שטעלן זיי פאַר די נײַע מאַכט. דער הערצאָג כידעשט זיך אָפט, ווי
קישעפדיק עס באַקומט זײַן באַנקיר מיטלען, געלט. זיוס דריקט אַלץ מער און מער אויפן
פאָלק. „צוגעשטיקט מיט דער שווערער פּיאַטע פון מיליטאַריזם, האָט דאָס לאַנד אונטערן
אומדערטרעגלעכן יאָך ניט געשריגן, נאָר געקרעכצט, געמאַטערט זיך, אָפּגעגאַנגען מיט
בלוט"... ס'איז ניט שווער זיך פאָרשטעלן, ווי אַקטועל עס האָבן געקלונגען אין די צוואַנצי-
קער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט די דאָזיקע ווערטער.
„דער יִיד זיוס" איז וויניקער פון אַלץ אַ היסטאָרישער ראָמאַן. דער מעכאַבער באַ-
ווײַזט ווײַטער, ווי ביידע, דער הערצאָג און זײַן הויף-יוד, זײַנען אַלץ מער געוואָרן כוצפּע-
דיק. זיוס איז פאָרמעל ניט מער, ווי דעם הערצאָגס באַנקיר, אונטער מעלוכישע אַקטן איז
זײַן אונטערשריפט קיינמאָל ניט געשטאַנען, אָבער אינדערעמעסן איז ער געווען דער רעגי-
רער, און געפירט האָט ער אַ גרויסע שפּיל. ער טרוימט שוין באַקומען אַן אַדל-טיטל, אָפּי-
ציעל פאַרנעמען די שטעלע פונעם ערשטן מיניסטער. צוליב דעם דאַרף ער זיך בלויז שמאַדן.
אָבער אַזאַ מיטל וואַרפט ער אָפּ, אַפילע דעמלט, ווען ער דערוויסט זיך, אַז זײַן פאָטער איז
געווען אַ קריסט. אַזאַ שפּיל איז ניט פאַר אים. בלײַבן אַ יִיד און באַקומען דעם סאַמע הויכן
פּאָסט, מע זאָל וועגן דעם וויסן אין דער גאַנצער דײַטשישער אימפּעריע — בלויז אַזוי זאָל
עס זײַן.
אָבער באַלד נאָכן העכסטן טריומף קומט אַן איבערבראָך. דעם וועג אין אָפּגרונט שיל-
דערט פּויכטוואַנגער אויך אַזוי קינסטלעריש (און עפשער נאָך איבערצײַגנדיקער), ווי דעם
וועג אין דער הייך. די מײַסטערשאַפט באַשטייט דאָ אין דעם, וואָס דער איבערבראָך אינעם
גורל פון זיוסן ווערט באַשטימט ניט פון אויסערלעכן אומשטענד. זיוס אַליין גרייט אים צו
און נעמט באַוווסטזיניק אָן דעם באַשלוס.
פון אָנהייב אָן האָט יִיצכאָק לאַנדאַוער, דער באַרימטער באַנקיר, געוואָרנט זיוסן, אַז
ער גייט אויף אַ געפערלעכן וועג. צוליב וואָס דאַרף ער זיך אַזוי אַרויסבאַווײַזן. אָט ער, לאַנ-

דאָוער מיט זײַן לאַפּסערדאַק און פּייעס גייט אַרײַן אינעם קאַבינעט פֿון יעדן רעגירער און אַפֿילע צום אימפּעראַטאָר אַליין. ייִצחק לאַנדאַוער איז אַ מענטש אַ פּראַקטישער, אַ קאָמערציע-גענט. די דאָזיקע אױפֿירונג ווערט אין ראָמאַן פֿאַראַלגעמיינערט אין אַ גאַנצער פֿילאָסאָפֿיע פֿון אומטאַט, פֿון שטיין אין אַ זײַט, וועלכע איז נאָך בױלעטער אױסגעדריקט אין דעם געשטאַלט פֿון רעב גאַבריעלן. אַ קענער פֿון דער קאַבאָלע, זוכט רעב גאַבריעל אומעטום אַ געהיימע קראַפֿט, אַ פֿאַרבאָרגענעם זינען. ווי אַן אומזיכטיקער שאָטן, פֿאָלגט ער נאָך זיוסן און וואָרנט אים אויך, אַז זײַן וועג וועט אומפֿאַרמײַדלעך ברענגען צו אַ מאַפּאָלע, ביכלאַל איז עס ניט דער וועג פֿאַר אַ ייִדן. קעדיי באַשטעטיקן עס, מאָלט פֿייכטוואַנגער בילדער פֿונעם לעבן פֿון די ייִדן אין יענער צײַט, און די דאָזיקע בילדער לײַכט זיך אויך דורך די הײַנטצײַטיקייט.

פֿייכטוואַנגער שרײַבט: „די ייִדן האָבן געלעבט אין דײַטשלאַנד זייער באַשרענקט, אָרעם, האָפֿענונגסלאָז, שוצלאָז פֿונעם ווילקיר. ס'איז זיי געווען פֿאַרמאַכט דער צוטריט צו האַנטווערקערײַ און צו פֿרײַע פּראָפֿעסיעס. די אונטערדריקונג מיצאַד די באַאַמטע האָט זיי געשטויסן אַפֿן וועג פֿון הענדלערײַ און וווכערײַ, מע האָט זיי באַגרענעצט אין קויפֿן לעבנספּראָוויזיע, ניט דערלויבט שערן די בערד, געצוווּנגען צו טראָגן אַ לעכערלעכע און דערנידעריקע האַלבאַשע, מע האָט זיי פֿאַרטריבן אין ענגן כאַלעל, פֿאַרצוימט אין אַ געטאָ, וווּ אָפּדערנאַכט פֿלעגט מען פֿעסט פֿאַרשפּאַרן אַלע טויערן...” פֿייכטוואַנגער באַשרײַבט די שווערע לאַגע פֿון די ייִדן ניט נאָר פּובליציסטיש, ער שילדערט סצענעס, וואָס באַווײַזן, ווי שוידערלעך זיי האָבן געלעבט. אָזאַ איז דער עפּיזאָד מיט יעכעזקל זעליגמאַנען, וועמען מע האָט פֿאַר פּייסעך באַשולדיקט אין טויטן אַ קריסטלעך קינד, און עס האָט זיך פֿאַנאַנדערגעפֿלאַקערט אַן אַנטיסעמיטישע העצע.

אַפֿן פּאָן פֿון דער אויפֿגעהייבענער אַנטיסעמיטישער כוואַליע טיילט זיך נאָך העלער אויס די פֿיגור פֿון זיוסן. ער האָט געראַטעוועט יעכעזקלען, נאָכאַמאָל באַוויזן זײַן קריעד, אָבער קעגנשטיין דער אַלגעמיינער אַטמאָספֿער פֿון רעכטלאָזיקײַט האָט ער ביזן סאָף ניט געקענט. ער האָט איבערגעלעבט פֿאַרשיידענע דערנידעריקונגען, אָבער איינס האָט ער ניט געקענט מויכל זײַן — דעם טויט פֿון זײַן איינציקער טאָכטער. די צאַרטע נאָעמי, וועלכע איז דערצויגן געוואָרן אין מיסטישן גײַסט פֿון קאַבאָלע — איר דערציִער איז געווען רעב גאַבריעל — איז געפֿאַלן אַ קאָרבן פֿונעם הערצאָגס גוואַלדטאַט. דאָס איז געווען דער לעצטער קלאַפּ, וועלכן עס האָט אויסגעהאַלטן זיוס. יאָ, ער האָט באַוויזן נעמען נעקאָמע — דער הערצאָג האָט אויך געכאַפּט אַ קלאַפּ, פֿון וועלכן ער האָט ניט געקענט קומען צו-זיך. זיוס האָט זיך אָבער איבערצײַגט, אַז אין טאָך האָט ער מיט זײַן גאַנץ לעבן גאָרנישט ניט דערגרייכט, דער וועג זײַנער איז טאַקע געווען אַ פֿאַלשער. אים איז געוואָרן קלאָר, אַז „אַלץ, וואָס ער האָט געטראַכט, געטאָן, אונטערגענומען, — דאָס זײַנען כּעזשבוינעס מיטן הערצאָג”. און ער האָט געפֿונען אין זיך מוט אַליין איבערצוגעבן זיך די סאָנים, און ער האָט זיך אַליין פֿאַרורטיילט.

אַ דערנידעריקטער, אַרײַנפֿאַלנדיק אין טפּיסע, האָט ער זיך איבערגעשטאַלטיקט אין גאָר אַן אַנדער מענטש. „אַ ניטגעגאָלטער, מיט קרײַפּלדיק אויסגעוואַקסענע האָר אַף די באַקן, אין אַן אומריינעם מאַלבעש, איז ער פּינקטלעך געווען ענלעך אַף אַ ייִדן פֿון געטאָ און געשמעקט האָט פֿון אים אויך אַזוי”. און פֿאַרן גיין צו דער טליִע איז ער געוואָרן ענלעך אַף רעב גאַבריעלן. אויך אַף זײַן שטערן האָבן זיך באַוויזן דרײַ קנייטשן, וואָס האָבן געשאַפֿן דעם בוכשטאַב שין — דעם ערשטן בוכשטאַב פֿון גאָטס הייליקן נאָמען — שאַדאַי.

עס דוכט זיך, אַז פֿייכטוואַנגער האָט צום סאָף פֿונעם ראָמאַן פֿאַרהערלעכט די ייִדישע עמונע און דערמיט אַרויסגערופֿן שאַרפֿע קריטיק. באַזונדערס האָט זיך אויסגעטיילט דאָס קאָל פֿון די דײַטשישע שאָוויניסטן, וועלכע האָבן געשריִען, אַז דער ראָמאַן איז אָנגעווענדט קעגן דער דײַטשישער נאַציע. ניט באַפֿרידיקט האָט דער ראָמאַן אויך די ייִדישע נאַציאָנאַליסטן, וועלכע האָבן געפֿריידיקט, אַז ס'איז אַ ווערק שיר ניט אַן אַנטיסעמיטישס. פֿייכטוואַנגער האָט שפּעטער דערקלערט, אַז ער האָט געשטעלט פֿאַר זיך בלויז איין ציל — באַווײַזן דעם פֿאָרצוג פֿון שטיין אין אַ זײַט איבער דעם טאַט. די וועלט איז מעשוגע, האַנדלונג ברענגט טאָמיד צו אַ טראַגישער מאַפּאָלע, גליק קען מען אין אָט דער וועלט דערגרייכן בלויז דאַן, ווען מע באַאָבאַכטעט פֿונדערווײַטנס די שפּיל פֿונעם לעבן.

פֿאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ פֿילאָסאָפֿיע איז געווען אין אַ געוויסער מאָס אַ רעאַקציע פֿון טיפֿער אַנטוישונג אינעם מענטשלעכן פֿאַרנונפֿט צו אויסבעסערן די וועלט. די פֿאַרשאַרפֿונג פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע ווידערשפּרוכן, דער פֿאַרשאַרפֿטער קלאַסנקאַמף האָט געצוווּנגען פֿייכטוואַנגערן אַרײַנטראָגן גרויסע און קליינע קאָרעקטיוון אין אָט דער פֿילאָסאָפֿיע. ניט



Manuskriptseite aus „Die Jüdin von Toledo“

das Haus fertig ist, kommt der Tod", zitierte sie den arabischen Spruch. "Nun ja", meinte Alfonso, "ein Amulett kann nie schaden."

Raquel antwortete ~~nicht. Mochte was ihr~~ Bekenntnis nichts weiter ~~sein~~ als ein Amulett. Was verstand er, der vor den Bildnissen dreier Goetzen kniete, von dem ein- und unteilbaren, unsicht — baren Gotte Israels. Er war nichts als Ritter und Soldat, keine Ehrfurcht vor dem Hoechsten schauerte ihn an, sie wusste es laengst.. Aber seltsamerweise würde er ihr dadurch nicht kleiner. Sein Heldentum, so gottlos und verderblich es war, waermte ihr das Herz.

Alfonso seinesteils/~~hatte bisher Probleme lieber durch Taten geloest als durch Gedanken. Jetzt machte seine Leidenschaft, dass er Dinge denken konnte~~, die er ~~frueher~~ nur dunkel geahnt hat-

א זײַטל פֿונעם מאַנוסקריפּט „די טאָכטער פֿון טאָלעדאָ“

ליאָן פֿויכטוואַנגער (דער פּערטער פֿון לינקס אין דער צווייטער ריי) מיט א גרופּע יידישע שרײַבער, זשורנאַליסטן, קינסטלער און געזעלשאַפֿטלעכע טוער אף דער באַגעגעניש אין מאָסקווער שרײַבער־הויז דעם 6 יאַנואַר 1937

לי׳אָן פויכטוואַנגער מיט זײַנע טשערעפּאַכעס



א סצענע פונעם קינאָפילם „די מישפּאָכע אָפּענהיים" לויט לי׳אָן פויכטוואַנגערס ראָמאַן. אין צענטער — ש. מיכאָעלס אין דער ראָל פונעם דאָקטער יאַקאָבי. 1936

גלײַך האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון איר, אָבער ער האָט געריכטעט זײַנע באַמיִונגען צו שילדערן דאָס, וואָס טוט זיך אומיטלבאַר אַרום אים, אין דער הײַנטצײַטיקער פאַר אים וועלט, אין זײַן היימלאַנד. אינגיכן וואַרפט ער אָפּ די היסטאָרישע דעקאָראַציע און נעמט זיך פאַר אַ הײַנטצײַטיקן ראָמאַן.

אין 1930 גייט אַרויס זײַן ראָמאַן „דער דערפאָלג". מיט עטלעכע יאָר פריִער פון היטלערס קומען צו דער מאַכט האָט פויכטוואַנגער פאָרויסגעזאָגט אַזאַ מעגלעכקײַט. מיטן ראָמאַן האָט ער געוואָלט וואָרענען זײַנע מיטבירגער, וואָס פאַר אַ גרויסע סאַקאָנע עס דראָט זיי. דער ראָמאַן האָט אַרויסגערופן נאָך מער רעציכע קעגן דעם מעכאַבער — סטײַטש, ער האָט אָף אַ קאַריקאַטוריש-גראָטעסקישן אויפן געשילדערט דעם פירער, אַנטפּלעקט זײַן עמעסן פּאַרצעף!

אָבער דעם פאַשיזם נעמט פויכטוואַנגער אוף ניט ווי אַ סאָציאַלע דערשײַנונג, נאָר ווי אַן אויפרײַס פון אייביקער כײַישקײַט אין דעם מענטשן. דאָס מאָל האָט זיך דער פאַשיסטישער פּוטש אין דער בײַערישער פּראָווינץ ניט אײַנגעגעבן, מע האָט אים דערשטיקט. אָבער די געפאַר איז געבליבן. קעגן דער כײַישקײַט שטעלט דער שרײַפטשטעלער ווידער אַרויס די אַבסטראַקט-הומאַניסטישע אידעאַלן. איבערמאַכן די אומענטשלעכע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג איז ניט מעגלעך. מיט די ווערטער פון איינעם אַ העלד זאָגט פויכטוואַנגער: „איין גרויסער מענטש, גרײַלעך קאַרל מאַרקס, האָט געשריבן — די פילאָסאָפן האָבן ביז אַהער דערקלערט די וועלט. די זאַך באַשטייט אין דעם, מע זאָל זי ענדערן. איך פאַרזונלעך טראַכט, אַז דאָס איינציקע מיטל צו ענדערן די וועלט איז — זי דערקלערן. וויפל-ניט-איז באַפרידיקנדיק דערקלערן זי הייסט שטיל און אָן טומל זי ענדערן אונטער דער ווירקונג פונעם פאַרנונפט. ענדערן זי מיט קראַפט פּרווון בלויז די, וועלכע זײַנען ניט אימשטאַנד באַפרידיקנדיק דערקלערן זי... איך גלייב מערער אין אַ גוט אָנגעשריבענעם בוך איידער אין קוילנוואַרפערס".

אַזאַ איז פויכטוואַנגערס פּראָגראַם, וועלכע ער האָט קעגנגעשטעלט היטלערס מענטשנפײַנטלעכער אידעאָלאָגיע. די היטלעריסטן האָבן זיך דעמלט געריסן צו דער מאַכט, געשריגן, אַז זיי וועלן מאַכן אַ סאָף מיט דער הערשאַפט פון די ייִדן און פון די קאָמוניסטן. אָף דער אינוואַזיע פונעם פאַשיזם האָט פויכטוואַנגער געענטפערט מיט אַ נײַעם היסטאָרישן ראָמאַן, וועלכער האָט געדאַרפט שילדערן דעם קאַמף פון יעהודע קעגן דער רוימישער אימפּעריע. שטודירנדיק די היסטאָרישע מאַטעריאַלן, איז ער געוואָרן פאַרכאַפּט מיטן גורל פונעם באַוווּסטן היסטאָריקער יויסעף פלאַוויוס, דאָס געשטאַלט פון וועלכן האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן אינעם ראָמאַן.

אַרום צוועלף יאָר האָט פויכטוואַנגער געאַרבעט איבער דער טרילאָגיע „יויסעף". פאַרטראַכט איז זי געווען פון אָנהייב אַלס אַ דילאָגיע. דער ערשטער באַנד — „די יעהודע-מילכאָמע" — איז דערשינען אין 1932. צו אָט דער צײַט איז שוין אין קסאַוויאַד געווען פאַרענדיקט דער צווייטער באַנד — „די זין", מע האָט אים געדאַרפט בלויז צוגרייטן צום דרוק. אָבער אין 1933, ווען די היטלעריסטן האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט, האָבן זיי זיך גלײַך אַרײַנגעריסן אין פויכטוואַנגערס הויז, פאַרניכטעט אַלע ביכער, וויסנשאַפטלעכע מאַטעריאַלן, בעסויכעם דעם קסאַוויאַד. אין פראַנקרײַך, וווּהין דער שרײַפטשטעלער האָט עמיגרירט, האָט ער זיך ווײַטער געזעצט צום שרײַבטיש. אופשטעלן פּינקטלעך דעם אומגעקומענעם מאַנוסקריפּט איז, פאַרשטייט זיך, געווען אומעגלעך, און ער האָט געשאַפן אַ נײַעם וואַריאַנט. דער סיוזשעט האָט זיך שטאַרק פאַרברייטערט, די הײַנטצײַטיקע געשעענישן האָבן דיקטירט נײַע לייזונגען פון די אויפגעשטעלטע פּראָבלעמען, און ס'האָט זיך באַקומען אַ טרילאָגיע. דער דריטער ראָמאַן „ס'וועט קומען דער טאָג" איז אָנגעשריבן געוואָרן אין פשאַ, וווּ פויכטוואַנגער האָט זיך באַזעצט. ער איז דערשינען אין 1942, אין סאַמע ברען פון דער צווייטער וועלט-מילכאָמע.

אפן סמאַך פון דער לעבנס-באַשרײַבונג פונעם באַוווּסטן היסטאָריקער יויסעף פלאַוויוס — פונעם ייִד, וואָס שטאַמט פון יעהודע און איז דערנאָך געוואָרן אַ היסטאָריאָגראַף בא די רוימישע אימפּעראַטאָרן פון דער דינאַסטיע פלאַוויוס (זיי האָבן אים דערלויבט אָננעמען זייער נאָמען) — האָט פויכטוואַנגער פאַרטראַכט צו באַווײַזן אַן אידעאַל פון אַ מענטשן, וועלכער האָט געשטרעבט גיוועער צו זײַן די באַגרענעצונג פון איין פאָלק און זיך איבערגעגעבן דער אידיי פון פעלקער-פרײַנטשאַפט. דער עמעסער נאָמען פונעם היסטאָריקער איז יויסעף בען מאַטאַיאָהו, געלעבט האָט ער אין ערשטן יאָרהונדערט און איז געווען באַרימט מיט זײַנע אין גריכיש אָנגעשריבענע ווערק, הויפּטזאַכלעך: „די יעהודע-מילכאָמע" (ס'איז

פאַראַן א האשאָרע, אז צום אָנהייב איז דאָס ווערק געשריבן געוואָרן אף אראַמעיש), „יידישע אלטערטימער", „קעגן אפּאַניס" און „לעבנסבאַשרייבונג". ווי די פריערדיקע ראָמאַנען פוילכט־וואַנגערס, האָט אויך אין אָט דעם ווערק דער היסטאָרישער מאַטעריאַל געדאַרפט זיין א מין מאָשל צו דער היינטצייטיקייט, אָבער די עצעם היסטאָרישע געשעענישן זיינען געשילדערט געוואָרן זייער שטאַרק און עמאָציאָנעל.

דער צייט־אָפּשניט, ווען די טרילאָגיע איז געשאַפן געוואָרן (1930—1942) האָט איינגעשלאָסן יאָרן, ווען די היטלעריסטן זיינען געקומען צו דער מאַכט, יאָרן פון דער צוגרייטונג און פונעם אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, יאָרן, ווען פוילכטוואַנגער האָט געמוזט פאַרלאָזן זיין היימלאַנד און אַוועק וואַנדערן. די דאָזיקע היסטאָריש־פּאָליטישע און סוביעקטיוו־פּערזענלעכע געשעענישן האָבן צוגעגעבן דעם ראָמאַן א באַזונדערן פּאַטאָס — אַן עפּישן און לירישן.

עס זיינען אינעם ווערק פאַרגעשטעלט פאַרשיידענע ריכטונגען פונעם קאַמף פון יעהודע קעגן דער באַצווינגערישער רוימישער אימפּעריע. פון איין זייט — די אָנהענגער פון דער סאַמע עקסטרעמער ריכטונג (די זעלאָטן), פון דער אַנדערער זייט — „די עכט־גלויביקע יוישערדיקע", די אַריסטאָקראַטן (סאַדוקייער) און די עכט־גלויביקע (די פּרושים).

די מילכאָמע פון יעהודע קעגן רוים האָט געדויערט בא פינף יאָר און זיך פאַרענדיקט מיטן כורבן פון דעם בייסהאַמיקדעש. די קויכעס זיינען געווען ניט קיין גלייכע. די רוימער האָבן צוגעפירט צו די מויערן פון יערושאָלאַים א מוירעדיקע אַרמיי און באַלאַגערט די שטאָט. פיר כאָדאָשים האָבן זיך געהאַלטן די פאַרטיידיקער. אין דעם דאָזיקן אומבאַראַכמאָנעסדיקן קאַמף האָבן זיך אָנזיכטיק, לויט פוילכטוואַנגערן, אַרויסבאַוויזן צוויי קעגנזעצלעכע לעבנס־פּרינציפּן.

פון איין זייט — רוים, וועלכער ווייסט בלויז פון גראָבן קויעך. די רוימישע לעגיאָנערן פאַרקערפּערן דעם געדאַנקלאָזן און האַרצלאָזן אַכזער. ס'איז געווען אָנרופן איינעם פון זיי, דעם קאַפּיטאַן פּעדאַן, וועמענס דעוויז עס איז געווען — „די יידן זיינען ערגער פון אַלעמען". דעם רוימישן פויסט שטעלט פוילכטוואַנגער קעגן די העלדישקייט פון די יידן, וועלכע האָבן זיך געשלאָגן פאַר זייער פרייהייט. אָבער ער באַמערקט, אַז ס'איז געווען א הערויִזם פון אויסזיכטלאָזיקייט. אַן אַנדער וועג האָט פאַרגעלייגט די פאַרטיידיקער יויסעף, וועלכער האָט איבערגעגעבן זיי די שאָלעם־פאַרשלאָגן פון די רוימער — זאָלן זיי זיך אונטערגעבן, וועט מען דעם בייסהאַמיקדעש ניט רירן. אָבער יויסעפן האָט מען ניט געהערט, און אָט איז דער רעזולטאַט — מע האָט פאַרלאָרן דאָס גאַנצע לאַנד מיט זיין באַרימטער הויפּט־שטאָט. איינס האָט מען נאָר געפּויעלט בא די רוימער — דאָס שאַפן אַן אוניווערסיטעט אין יאַמניע. פוילכטוואַנגער שטעלט די פּראָבלעם פון צוויי קולטורן, פון מיזרעך און פון מייַרעוו. מע דאַרף ניט אונטערטעניקן איינע דער אַנדערער, נאָר באַהעפטן זיי. מיזרעך איז בא אים יעהודע, מייַרעוו — רוים. די דאָזיקע פּראָבלעם ווערט אינעם ראָמאַן הויכקינסטלעריש געשילדערט.

יויסעף באַווייַזט זיך אינעם ראָמאַן אַלס א יונגער באַגאַבטער קוהען און פּאָליטישער טוער פון יעהודע. ער, וואָס האָט העכער פון אַלץ געשעצט די קראַפט פון וואָרט, האָט גענומען אין האַנט די שווערד און זיך געשטעלט אין שפּיץ פונעם אופשטאַנד. דאָ האָט ער אַרויסגעוויזן גלענצנדיקע אָרגאַניזאַטאָרישע און רעדנערישע פעיִקייטן, אָבער אָפּשטעלן דעם אָנגריף פון די רוימער איז ער ניט געווען בעקויעך און זיך איבערגעגעבן אין געפענקעניש.

אזוי האָט יויסעף געמוזט דורכגיין א וועג פון דערנידעריקונג, שאַנד און שפּאָט. אָבער באַלד קומט א קער אין זיין גוירל: אים, דעם לידער פון יעהודע, האָט איינגעלאַדן צו זיך דער רוימישער מאַרשאַל וועספּאַסיאַניס, וועמען ער האָט נעוויִיש פאָרויסגעזאָגט זיין צוקונפט. וועספּאַסיאַניס ווערט דער אימפּעראַטאָר, און יויסעף — דער אָפיציעלער היסטאָריאָגראַף פון דער דינאַסטיע פלאַוויוס. איצט זעט ער זיין הויפּט־ציל צו זיין א פאַרמיטלער צווישן יעהודע און די רוימער. ער האַלט, אַז מע דאַרף דענקען און האַנדלען רעאַל, גיין אף האַנאַכעס, פאַרייניקן די מייַלעס פון ביידע צדאָדים, פון מייַרעוו און מיזרעך, זיך אופהייבן העכער פון דער נאַציאָנאַלער באַגרענעצונג.

יויסעף שרייבט אָן דאָס „געזאַנג פון א וועלט־בירגער", ווו ער פּראָקלאַמירט: „ניט ציִען רופט זיך דאָס קיניגרייך, וואָס איך האָב אייך צוגעזאָגט, עס הייסט — אוילעם, אַלוועלט!" אַלע פעלקער קענען און מוזן לעבן אין שאָלעם, ס'איז שוין צייט אופהערן צו שלאָגן איינער דעם אַנדערן. מיט קאָלערליי אויפאַנים הייבט אוף פוילכטוואַנגער דעם דאָזיקן טרוים, און אייַנצייטיק באַווייַזט ער, ווי די רעאַלע ווירקלעכקייט ווידערשפּרעכט אים. קיי-

7*

צער פארשטייט אים ניט, און איינזאמער שטייט ער הינטער יערושאַלאַיִם צווישן די רוימער, וועמענס שליכעס ער פילט אויס. אָט וויאַזוי פויכטוואַנגער באַשרייבט זיין טראַגישע לאַגע: „אין דער באַשטימטער שאָ האָט ער איינער אַליין, אין אַ באַשיידענעם אָנצוג, אָן געווער, אָן סימאָנים פון אַ קױהען, זיך דערנעענטערט צו די ווענט. אַזוי איז ער געשטאַנען צווישן די באַלאַגערטע און די, וועלכע האָבן באַלאַגערט, אַ קליינטשקער מענטש אויף דער הוילער ערד...“ — איינער אַליין צווישן די צוויי קעמפנדיקע צדדים.

זיין אינערלעכן ציל האָט יוסעף פלאַוויוס דערגרייכט — אָנגעשריבן זיין בוך, אויף וועלכן ס'איז אָנגעצייכנט: „פאַר די מיטצייטלער — צום אָנדענק, פאַר די קומענדיקע דורעס — צום וואָרענען“. ער האָט זיך באַמיט ניט נאָר וואָרהאַפטיק באַשרייבן די מילכאָמע, נאָר באַווייזן די נויטווענדיקייט פון באַהעפטן די מיזרעך- און מייַרעוו-קולטורן. „דער שטאָלצער רוים איז שוין רייף געוואָרן פאַר דער מיזרעך-קולטור, ווי מיט הונדערט יאָר צוריק איז ער רייף געוואָרן פאַר דער גריכישער קולטור. אַרבעטן צוליב באַצווייבערן אים מיט דער מיזרעך-קולטור איז אַ פראַכטפולע מיסיע“.

פויכטוואַנגער באַווייזט, ווי שווער עס איז דער וועג צו אויסמיידן דעם אָנגעזאַמלטן אין מעשעך פון דורעס האַס צווישן די פעלקער, צו פאַרווירקלעכן דעם אידעאַל פון שאָלעם און פרייַנטשאַפט. יוסעף האָט מיט זיין פערזענלעכן לעבן געוואָלט פאַרווירקלעכן אַזאַ אידעאַל, ניט איין מאָל ווערט ער אַנטוישט, פאַלט אַריין אין ייִעש. ער האָט געמיינט, אַז זיין זון פון דעם צווייטן ווייַב, אַ גריכישער פרוי, וועט ווערן זיין יורעש. אָבער דער דאָזיקער זון האָט פאַרהאַסט דעם טאַטן, דעם ייִד, ער האָט אויפגענומען די מאָראַל פונעם רוימישן סאָלדאַטנטום און איז געוואָרן אַ מוסטערהאַפטער רוימישער זעלנער.

אינעם דריטן טייל פונעם ראָמאַן איז געשילדערט די שקיִע פון יוסעפס לעבן. ער האָט אין אָט די יאָרן זיך אָפט געוואַקלט, געוואָרפן זיך פון איין זייַט צו דער אַנדערער, געווען ווי צעצוויט, אָבער קיינמאָל ניט געגאַנגען אויף אַ פשאָרע מיטן געוויסן, געפירט זיך טאָמיד, ווי שווער עס זאָל ניט זיין, מוטיק. ניט אומזיסט האָט ער אָנגעשריבן אַ שיין „געזאַנג פון מוט“, וווּ ער פראָקלאַמירט: „און איך זינג: רום דעם מאַן, וועלכער גייט אויף טויט פאַרן וואָרט, וואָס עס גליט די נעשאָמע. און איך זאָג: רום דעם רעדנער, וואָס זאָגט דעם עמעס, רום אויך דעם, וועלכן מע קאָן ניט צווינגען זאָגן דאָס, וואָס איז ניטאָ“. און ס'פאַרענדיקט זיך דאָס געזאַנג מיט אַזעלכע ווערטער: „רום צו דעם, וואָס איז זיך מאַקריוו פאַרן וואָרט, ווייל גאָט זאָגט אויף דעם דאָזיקן מוט — אַזוי דאַרף זיין!“

און יוסעף האָט מוטיק באַגעגנט זיין לעצטע שאָ, ער איז געפאַלן אַ קאָרבן פון רוימישער אַכזאָריעסדיקייַט, איבער אים האָבן זיך איזדיעקעוועט די רוימישע זעלנער, וועמענס אָפיצער איז געווען זיין אייגענער זון. מיט אַזאַ טראַגישער איראָניע פאַרענדיקט זיך די טרילאָגיע וועגן יוסעפן. די קאָמפּליצירטע זיגזאַגן פון זיין לעבן, דער שוידערלעכער טויט זייַנער דאַרף נאָכאַמאָל באַשטעטיקן די ווערטער, וועלכע קלינגען אָפט אינעם ראָמאַן: „אַ מענטש, וועלכער פאָלגט דעם פאַרנונפט, מוז לייַדן“. אָבער די גרויסע לײדן, וואָס יוסעף האָט איבערגעטראָגן, נעמען בא אים ניט אָפ דעם גלויבן אינעם ענדגילטיקן ניצאָכן פונעם מענטשלעכן פאַרנונפט, פון דעם אידעאַל פון אינטערנאַציאָנאַלער קרויוועשאַפט צווישן אַלע פעלקער. די טראַגיק פונעם פינאַל דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די לעצטע קאַפּיטלען פון דעם ראָמאַן זייַנען געשריבן געוואָרן אין די יאָרן, ווען דער פאַשיזם האָט פאַרקנעכטעט קימאַט אַלע לענדער פון אייראָפּע. אין דעם קאַמף קעגן היטלערישן פאַשיזם האָט גענומען אַן אומיטלבאַרן אָנטייל ליאָן פויכטוואַנגער.

נאָכן פאַרענדיקן דעם ערשטן טייל פון דער יוסעף-טרילאָגיע האָט ל. פויכטוואַנגער פאַרגענומען אַ רייַזע קיין פשאַ, ווו ער טרעט אַרויס מיט פאָרטראָגן וועגן זיין שאַפונג, וועגן דער לאַגע אין דייַטשלאַנד. דאָרט איז צו אים דערגאַנגען די ידיִעה, אַז היטלער איז געקומען צו דער מאַכט. גלייַך האָט ער קאַטעגאָריש געזאָגט: „דאָס איז מילכאָמע“. פויכטוואַנגערס ווערטער, האַגאַם זיי זייַנען געווען אָפּגעדרוקט אויף די ערשטע זייַטן פון די גרעסטע אַמעריקאַנער צייַטונגען, האָבן דאָרט אַרויסגערופן אַ שמייכל. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז מע האָט אים אָפּגעזאָגט פון דייַטשישער בירגערשאַפט, אָפּגעשאַפן זיין דאָקטאָר-טיטל, קאָנפיסקירט זיין פאַרמעגן. די ביכער זייַנע האָט מען פאַרבריִנט אויף אַ שייַטער. העבעלס האָט אים אָנגערופן — „דער ערגסטער סוינע פונעם דייַטשישן פאָלק“. אַזוי זייַנען אָנגעקומען שווערע וואַנדער-יאָרן אינעם לעבן פון דעם באַריִמטן שריפטשטעלער.

פון אַמעריקע קומט ער קיין עסטרייַך, פון דאָרט — אין דער שווייץ, און דערנאָך געפינט ער אַ מאָקעם-מיקלעט אין דאָרעם-פראַנקרייַך, וווּ ער נעמט זיך גלייַך פאַר דער אַרבעט.

אין מעשער פון זעקס כּאַדאָשים — פון אַפּרעל ביז סענטיאַבער 1933 — שרײַבט ער אָן דעם ראָמאַן „די מישפּאָכע אָפּענהײם“ (שפּעטער אָנגערופן „די מישפּאָכע אָפּערמאַן“, ווײַל אַ געווויסער אָפּענהײם האָט געהאַט טײַנעס צום מעכאַבער, אַלעמיי ער האָט אויסגענוצט זײַן פאַמיליע-נאָמען). דער דאָזיקער ראָמאַן איז געווען די ערשטע שוואַלב פון דער רײַכער און פּילאַרטיקער דײַטשישער אַנטיפאַשיסטישער ליטעראַטור, ער איז גלײַך איבערגעזעצט געוואָרן אין פיל אויסלענדישע שפּראַכן און געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין דעמאַסקירן דעם היטלערישן פאַשיזם.

די האַנדלונג קומט פאָר אין 1932—1933 י., אָבער דער מעכאַבער באַנוגנט זיך ניט מיט כראָניקאַלער שילדערונג פון די געשעענישן פון יענע צײַטן. ער פאַרברייטערט דעם דיאַפּאַזאָן, אַוועקשטעלנדיק אַ ריי ווײַכטיקע סאָציאַל-פּאָליטישע פּראָבלעמען — וועגן דעם גורל פונעם הומאַניזם אין XX יה. ניט צופעליק האָט די דאָזיקע טעמע אויסגעקליבן אין ראָמאַן דער סאַמע יונגער פון אָפּערמאַנס מישפּאָכע — בערטאָלד, וועמען פויכטוואַנגער שילדערט מיט אַ באַזונדער ליבשאַפט. בערטאָלדס זעלבסטמאָרד האָט איידעס געזאָגט, ווי שרעקלעך עס איז די געפאַר פונעם פאַשיזם, וועלכער דראָעט פאַרניכטן די וואָרצלען פון דער הומאַניסטישער קולטור.

אין דער היטלערישער פּראָגראַם איז געשטאַנען דער פונקט — אויסראָטן דאָס יידישע פאָלק. די מישפּאָכע אָפּערמאַן — אַ יידישע מישפּאָכע, האָט זיך לעדוירעס אײַנגעוואָרצלט אין דײַטשלאַנד. בערטאָלד זאָגט מיט שטאָלץ דעם לערער, דעם היטלעריסט, פאָגעלזאַנג, וועלכער באַשולדיקט אים אין מאַנגל פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ (געמיינט — דײַטשישן): „איך בין אויך אַ דײַטש, אַן עכטער דײַטש, ווי איר“.

פויכטוואַנגער באַווײַזט, ווי אַזוי די היטלעריסטן האָבן זיך געריסן צו דער מאַכט. ס'איז שוין, דאַכט זיך, קלאָר געווען, אַז די געפאַר איז אַפן שוועל, אָבער די ליבעראַלן האָבן זיך באַצויגן צו איר מיט פאַראַכטונג און געפּרוווט זיך איזאָלירן פונעם קאַמף. די פאַשיסטן האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט און פאַנאַנדערגעוויקלט דעם טעראָר. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ כײַישער העצע-געיעג אַף די יידן.

ווען פויכטוואַנגער כאַראַקטעריזירט דעם פאַשיזם, ווערט זײַן שפּראַך לאַקאָניש און שאַרף. „אומזין און שעקער איז געווען דאָס, וואָס עס האָבן באַפוילן און וואָס עס האָבן געטאָן די הערשער פון דער „דריטער אימפּעריע“, שעקער זײַנען געווען זייערע ווערטער און שעקער איז געווען זייער שווײַגן. שעקער — זייערע געזעצן, זייערע אורטיילן, שעקער — זייער דײַטשישע שפּראַך, זייער וויסנשאַפט, רעכט, גלויבן. שעקער — זייער נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם, זייער מאָראַל און ליבע. אַלץ איז געווען שעקער, און בלויז איינס איז געווען עמעס — זייער מענטשנהאַס“.

דעם פאַשיסטישן באַרבאַריזם שטעלט פויכטוואַנגער קעגן די אידעאַלן פון פאַרנונפט, פון הומאַניזם. ער איז בא דער מיינונג, אַראָפּהאַלטן אַ ניצאָכן איבער דעם פאַשיזם וועט זײַן ביז גאָר שווער, סאָפעקט צומאָל, צי עס איז אַפילע מעגלעך, אָבער שטיין אין אַ זײַט פון דער שלאַכט טאָר מען ניט. ניט געקוקט אַף אַ געוויסן סקעפּסיס, הערן מיר אינעם ראָמאַן אויך טענער פון גלויבן אין זיג, וועלכער איז אַרויסגעזאָגט מיט אַ מאָשל: אָדיסיי האָט ליב ניסיוינעס, ער פאַלט אַרײַן אין דער הייל פון פּאָליפעמען, אָבער סאָפקאָלסאָף באַזיגט ער דעם ציקלאָפּ.

אין די דרײַסיקער יאָרן האָט זיך פויכטוואַנגער אומיטלבאַר אָנגעשלאָסן אין דער אַנטיפאַשיסטישער באַוועגונג, וועלכע האָט זיך פאַרשפּרייט אין דער גאָרער וועלט. אַף פאַרשיידענע אויפאַנים דעמאַסקירט ער די היטלערישע פּאָליטיק. אין פּאַריזש גרייט ער צו אַן אויסשטעלונג „די ביבליאָטעק פונעם פאַרברענטן בוך“. ער שרײַבט אָן אַ גרויסע פּאָרעדע צום בוך „די געלע לאַטע. אויסראָטונג פון 500.000 דײַטשישע יידן“. מיט אַ פּאָלאָמיקער רעדע וועגן די פּרינציפּן פון זײַנע היסטאָרישע ראָמאַנען, טרעט ער אַרויס אין פּאַריזש אַף דעם צווישנפעלקערלעכן קאָנגרעס צו פאַרטיידיקן די קולטור. אין 1936 יאָר לאָזט ער אַרויס נאָך אַ היסטאָרישן ראָמאַן „דער פאַלשער נעראָן“, ווו די געשיכטע איז, דאַכט זיך, אַמערסטן מאָדערניזירט. די רוימער פונעם ערשטן יה. טראַכטן, רײדן און האַנדלען פונקט אַזוי, ווי די שפּעטערדיקע פאַשיסטן. טערענצי דער טעפּלמאַכער, וועלכער האָט זיך אַרויסגעגעבן פאַר דעם אימפּעראַטאָר נעראָן, שרײַט אַזוי ווי היטלער. זײַנע אָנהענגער זײַנען ענלעך אַף היטלערן, העבעלסן אאַוו. ס'איז דאָ אין ראָמאַן אַ רעמעז אַף דער סרייפע פונעם רייכסטאַג און אַפן לייפּציגער פּראָצעס קעגן דימיטראָוון, אַף דער וואָך פון מעסערס און קינזשאַלן און אַף אַנדערע אַקציעס פון די היטלעריסטן. „דער פאַלשער נעראָן“ איז אַן עכטער אַנטיפאַשיסטישער פּאַמפלעט.

גאַנץ נאַטירלעך, אַז אין די דאָזיקע יאָרן האָט פיכטוואַנגער געווענדט זײַן בליק צום סאָוועטנפאַרבאַנד. אין אונדזער לאַנד האָט ער שוין דעמלט דערזען דעם אַנטשיידענעם קעגנער פונעם פאַשיזם, דעם היטער פון די דוירעסדיקע הומאַניסטישע ווערטן. מיט פרייד האָט ער אָנגענומען די אײַנלאַדונג צו זײַן אַ מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פונעם דײַטשישן אַנטיפאַשיסטישן זשורנאַל „דאָס וואָרט", וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן אין מאָסקווע.

אין דעקאַבער 1936 איז ל. פיכטוואַנגער געקומען צו פאָרן קיין סאָוועטנפאַרבאַנד. מער פון צוויי כאַדאָשים איז ער געווען בײַ אונדז אין לאַנד. כוץ מאָסקווע, באַזוכט ער לענינגראַד און קיִעוו, באַגעגנט זיך מיט זײַנע לייענער, מיט די סאָוועטישע שרײַבער, זשורנאַליסטן, געלערנטע. אַ באַזונדערע באַגעגעניש איז אין מאָסקווע פאָרגעקומען מיט די יִדישע סאָוועטישע קולטור-טוער. וועגן איר איז קעדײַ צו דערציילן גענויער.

אייגנטלעך, זײַנען געווען צוויי באַגעגענישן. דעם 6 יאַנואַר איז ער געקומען אין דער רעדאַקציע „דער עמעס", וווּ עס האָבן אים באַגעגנט דער שטעלפאַרטרעטער פונעם רעדאַקטאָר שלוימע ראַבינאָוויטש און מייער ווינער. ס'איז פאָרגעקומען אַן אינהאַלטספולער שמועס. פיכטוואַנגער האָט דערקלערט: „אַן אויסערגעוויינלעכן אײַנדרוק האָט אַף מיר געמאַכט דער פאַקט, וואָס אין ראַטנלאַנד איז שוין צווישן די יִדן פאַרשוווּנדן דער טיפ „לופטמענטש", און די יִדן זײַנען פאַרטראָטן אין אַלע צווײַגן פון אַרבעט און געזעלשאַפטלעכער טעטיקײַט".

אין אָוונט פונעם זעלבן טאָג איז אין לאָקאַל פון דעם מאָסקווער שרײַבער-הויז פאָרגעקומען אַ גרויסע באַגעגעניש מיט דער יִדישער אינטעליגענץ — מיט די סאָוועטישע יִדישע שרײַבער, זשורנאַליסטן, אַרטיסטן און אַנדערע קולטור-טוער. געעפנט האָט דעם אָוונט יִצכאָק נוסינאָוו, וועלכער האָט כאַראַקטעריזירט פיכטוואַנגערן אַלס אַ גרויסן רעאַליסט און געזאָגט: „אונדז, די סאָוועטישע לייענער, איז ליאָן פיכטוואַנגער באַזונדערס טײַער, ווײַל ער שטייט פעסט אין די אַנטיפאַשיסטישע רייען, ווײַל ער איז איינער פון די סאַמע פלאַמיקע און אָנגרײַפנדיקע אַנטיפאַשיסטן אין דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור..." דערנאָך זײַנען אַרויסגעטראָטן: דימאַנשטיין אין נאָמען פון געזערד, שלוימע ראַבינאָוויטש, פּערעץ מאַרקיש, וועלכער האָט אונטערגעשטראָכן די צוויי שטראָמען אין פיכטוואַנגערס שאַפן — די אינטערנאַציאָנאַלע אַלוועלטלעכע קולטור און די יִדישע קולטור, שלוימע מיכאָעלס, וועלכער האָט אַזוי באַגריסט דעם גאַסט: „מיר גיבן אײַך איינעם פון אונדזערע בעסטע טיטלען, דעם טיטל „גענאָסע" (כאַווער). מיר טוען עס ניט פון פּאַשעטער גאַסטפרײַנטלעכקײַט, נאָר דערפאַר, ווײַל מיר זײַנען בלוטיק נאָענטע פרײַנט, ווײַל מיר זײַנען כאַוויירים לויט דעם האַס, וואָס מיר פילן אַלע און ווײַזן אַרויס צום פאַשיזם..." אין זײַן ענטפער-וואָרט האָט פיכטוואַנגער דערקלערט, אַז „דאָס טײַערסטע פאַר אים איז דאָס, וואָס מיכאָעלס האָט אים אָנגערופן גענאָסע. איך פיל זיך אין דער דאָזיקער סוויווע דאָפּלט אײַער כאַווער — אַלס אַנטיפאַשיסט און אַלס יִד... די הויפּט-שטראָמען, וואָס גייען דורך אין מײַנע ווערק, זײַנען נאַציאָנאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם. איך אַרבעט שוין פיל יאָרן איבער דער טרילאָגיע וועגן יוסעף פלאַוויוס, דעם ערשטן יִד — דעם וועלט-בירגער... ווען עס איז אַרויס דער צווייטער בוך, האָט מען מיר אָנגעוויזן אַף זײַן פּעסימיסטישן טאָן. שרײַבנדיק די טרילאָגיע, האָב איך זי געוואָלט דערפירן צו אַ פּאָזיטיוון סאָף, אין פּראָצעס פון דער אַרבעט האָב איך אָפט געצווייפלט צי דאָס וועט מיר געלינגען. איצט, זינט איך בין אין ראַטנפאַרבאַנד, צווייפל איך ניט מער..."[1].

אין מאָסקווע, האָט פיכטוואַנגער עטלעכע מאָל באַזוכט דעם יִדישן מעלוכע-טעאַטער און איז אַנציקט געוואָרן פון זײַנע פאָרשטעלונגען. פיכטוואַנגערס באַקאַנטשאַפט מיט מיכאָעלסן און מיט אייניקע יִדישע שרײַבער איז שפּעטער פאָרגעזעצט געוואָרן. ווען די היטלערישע אַרמיי איז אָנגעפאַלן אַפן סאָוועטנפאַרבאַנד, האָט מיכאָעלס זיך געווענדט מיט אַ ספּעציעלן בריוו צום וועלט-באַרימטן שרײַבער, ער זאָל מיט אַלע קויכעס העלפן דעם קאַמף קעגן פאַשיזם. פיכטוואַנגער האָט טייקעף געענטפערט, אַז ער וועט טאָן אַלץ, וואָס ער איז בעקויעך[2]. ווען מיכאָעלס און פעפער זײַנען אין דער צײַט פון דער מילכאָמע געקומען קיין פּשא, האָט זיי דער שריפטשטעלער אײַנגעלאַדן צו זיך. וועגן דער באַגעגעניש האָט ער געשריבן אינעם אַרטיקל „בעסטע פאָרשטייער פונעם סאָוועטישן יִדישן פאָלק": „דער פאַקט, אַז די דאָזיקע דעלעגאַציע קומט אַהער צו צעמענטירן

[1] „דער עמעס" פאַרן 8 און 11 יאַנוואַר 1937.
[2] די בריוו פאַרהיטן זיך אין צענטראַלן מעלוכע-אַרכיוו פון פּסםר פאַר קונסט און ליטעראַטור. ЦГАЛИ, ф. 2693, оп. 1. е. хр. 69.

פרײַנטשאַפט צווישן די צוויי לענדער — דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און פשא, וועלכע קעמפן מיט דעם זעלבן סוינע, גיט אונדז דעם גלויבן און די האָפענונג פאַר דער דערהאַלטונג פון אונדזערע קולטורעלע און פאָרשריטלעכע ווערטן"[1].

ווען פויכטוואַנגער האָט זיך אומגעקערט פונעם ראַטנפאַרבאַנד קיין פראַנקרײַך, האָט ער אַרויסגעלאָזט זײַן רײַזע-באַריכט, וועלכן ער האָט אָנגערופן „מאָסקווע. 1937". דאָס קליינע ביכל האָט אַפן מײַרעוו אַרויסגערופן אַ גרויסן רוישעם. מע האָט דעם מעכאַבער באַשולדיקט, אַז ער האָט ניט פאַרשטאַנען די סאָוועטישע אָרדענונג. יאָ, אינעם ביכל האָט מען נאָך דעמלט געפונען ניט ווייניק פעלערן, און איצט זעען זיי אויס נאָך בולטער, אָבער אין איינס קען מען ניט אָפּזאָגן דעם מעכאַבער — אין ערלעכקײַט. דאָס ביכל באַווײַזט, אַז ער האָט געשטרעבט זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין אונדזער לאַנד, אינעם גרויסן געזעלשאַפטלעכן עקספערימענט, ווי ער שרײַבט.

ווען ס'האָט זיך צעפלאַקערט די מילכאָמע, און פויכטוואַנגער איז געקומען קיין אַמעריקע, האָט ער אָנגעשריבן אַ גרעסערע דערציילונג „דער שאָטן אין פראַנקרײַך", ווו ער שילדערט די לײַדן פונעם פראַנצויזישן פאָלק אונטערן יאָך פון דער היטלערישער אָקופאַציע. איינס נאָכן אַנדערן גייען אַרויס זײַנע ווערק, אין וועלכע ער זעצט פאָר צו דעמאַסקירן דעם פאַשיזם, באַווײַזט דעם העלדישן קאַמף קעגן אים. אינעם ראָמאַן „סימאָנע"— שילדערט ער אַ יונגע פראַנצויזישע פאַטריאָטקע, וואָס האָט מוטיק געקעמפט קעגן די היטלעריסטן. אינעם ראָמאַן „די ברידער לאַוטענזאַק" באַווײַזט ער די שווינדלערײַ פון היטלערן און זײַן קאַמאַרילע. אינעם ראָמאַן „דער גייִרעש" דערציילט ער וועגן די טראַגישע ניסיוינעס פון די דײַטשישע אַנטיפאַשיסטישע עמיגראַנטן. פויכטוואַנגער קעמפט מיט דעם פאַשיזם אויך אומיטלבאַר, אַרויסטרעטנדיק אַף פאַרשיידענע קאָנגרעסן, פובליקירנדיק פובליציסטישע אַרטיקלען. מיט פולער רעכט האָט ער געשריבן אין 1945: „קיין איין מינוט האָב איך ניט געצווייפלט, אַז אונדזער זאַך וועט אָפּהאַלטן אַ ניצאָכן... פון אָנהייב אָן בין איך מיטן גאַנצן האַרצן און מויעך געווען זיכער, אַז די דאָזיקע מילכאָמע וועט זיך פאַרענדיקן מיט דער מאַפּאָלע פונעם נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם".

אָבער באַלד נאָך דעם גרויסן זיג האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערצוברענען די אַזוי-גערופענע קאַלטע מילכאָמע. אין אַמעריקע האָט זיך באַוויזן די טרויעריק-באַרימטע מאַקאַרטי-קאָמיסיע, וועלכע האָט גענומען נאָכשפּירן אויך נאָך פויכטוואַנגערן. דער גרויסער הומאַניסט האָט ניט געקענט שאָלעם מאַכן מיט דעם, וואָס עס קומט פאָר אין אַמעריקע. ער ענטפערט אַף דער קאַמפּאַניע מיט אַ נײַער סאַטירישער דראַמע „דער אומזין אָדער דער שאָטן אין באָסטאָן", וועלכע איז אָנגעצילט קעגן די אינקוויזיטאָרן פונעם XX יה.

כוץ די אָנגערופענע ווערק שאַפט פויכטוואַנגער אין די 40-ער — 50-ער יאָרן דרײַ ראָמאַנען, וועלכע האָבן אַזוי אָדער אַנדערש אַ שײַכעס צו דער גרויסער פראַנצויזישער בורזשואַזער רעוואָליוציע. אינעם נאָכוואָרט צו „די פוקסן אינעם ווײַנגאָרטן" שטרײַכט ער אונטער: „דער העלד פון מײַן ראָמאַן איז ניט בענדזשאַמין פראַנקלין און ניט באָמאַרשע, ניט דער קיניג און ניט וואָלטער, נאָר יענער אומזיכטיקער מינהעג פון דער געשיכטע, וועלכן מע האָט אויפגעעפנט אינעם XVIII יה., פאַרשטאַנען, באַשריבן און דערהויבן אינעם XIX יה., קעדיי אים מעוואַטל זײַן און אַף אים שרײַבן רעכילעס אין XX יה., — דער פּראָגרעס".

די ווירקונג פונעם רעוואָליוציאָנערן פראַנקרײַך איז באַוויזן אינעם ראָמאַן וועגן דעם גרויסן שפּאַנישן קינסטלער גאָיאַ, וועלכער גייט דורך אַ טראַגיש-שווערן וועג פון דערקענטעניש, פון דערנעענטערן זיך צום פאָלק. אינעם ראָמאַן „די כאָכמע פון אַ שוטע..." זײַנען געשילדערט די געשעענישן פון דער פראַנצויזישער רעוואָליוציע. אין צענטער שטייט די פיגור פונעם באַרימטן פילאָסאָף, אויפקלערער זשאַן זשאַק רוסאָ. באַשרײַבנדיק זײַן לעבן און זײַן ווירקונג, קומט פויכטוואַנגער צום אויספיר, אַז בלויז די איינהײַט צווישן פאָרגעשריטענעם געדאַנק און דער רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט קאָן ברענגען צו אַ נײַעם קער פון דער געשיכטע.

פאַרענדיקט האָט זיך פויכטוואַנגערס שעפערישער וועג מיט צוויי ראָמאַנען, וועלכע זײַנען ווידער פאַרבונדן מיטן גוירל פונעם ייִדישן פאָלק — „דאָס ייִדישע מיידל פון טאָלעדאָ" און „ייִפטעך און זײַן טאָכטער".

די בײדע ראָמאַנען האָט פויכטוואַנגער געשאַפן אין די פופציקער יאָרן. די קאַלטע מילכאָמע האָט זיך פאַרברייטערט און פאַרבריטערט. אַף די געשעענישן, וועלכע האָבן

[1] „אייניקײַט". 30 מאַרט 1944.

גערעגט די פעלקער פון דער גאַרער וועלט, האָט דער שריפטשטעלער געענטפערט אַף זײַן אויפן — מיט נײַע ווערק, אין וועלכע ער האָט זיך ווידעראַמאָל געווענדט צו א היסטאָרישן מאַטעריאַל, קעדיי רעאַגירן אַף די פראַגן פון דער הײַנטצײַטיקײַט.

באַזונדערס איז אינטערעסאַנט דער ראָמאַן „דאָס יידישע מיידל פון טאָלעדאָ", וועלכער האָט א צווייטן טייל — „די שפאַנישע באַלאַדע". ס'איז בעעמעס א לירישע־עפּישע באַלאַדע וועגן א גרויסער ליבע. צוגלײַך איז עס א פּאָליטיש ווערק, אין וועלכן ס'זײַנען אויפגעשטעלט די סאַמע אַקטועלע פראַגן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. אין אַט דעם ראָמאַן האָבן זיך ניט נאָר קאָנדענסירט די בעסטע אייגנשאַפטן פון פויכטוואַנגערס שאַפונג, נאָר זיי האָבן באַקומען א באַדײַטנדיקן שווּנג. דאָס ווערק באַצייכנט בעדיסאָפּעק א נײַע שטופע אין דער שעפערישער אַנטוויקלונג פונעם שרײַבער.

דער עצעם סוזשעט — די ליבע פונעם קאַסטילישן קיניג אַלפאָנסאָ צום יידישן מיידל ראָכל — איז פאַרפיקסירט אין אייניקע מיטלאַלטערלעכע שפּאַנישע פּינקעסן. פויכטוואַנגער טראָגט אַרײַן אין אים א טיפן פילאָסאָפישן און פּאָליטישן זין.

ברייט איז אין ראָמאַן געשילדערט די צײַט פון מיטלאַלטער, ווען מע האָט זיך גערעכנט בלויז מיטן בראָנירטן פויסט, די צײַט פון אומענדלעכע פעאָדאַלע מילכאָמעס. אין גײַסט פון קריעך און גוואַלדטאַט איז געווען דערצויגן דער קאַסטילישער קיניג אַלפאָנסאָ. ער פאַרקערפּערט אינעם ראָמאַן דעם פעאָדאַלן וועלט־באַנעם. א יונגער נאָך — ער איז אַלט בא דרײַסיק יאָר, — איז ער קוידעמקאָל א סאָלדאַט. אַלץ דאַרף דערלייזט ווערן מיט דער שווערד, צום פאַרנונפט באַציט ער זיך איראָניש, און טרוימען טרוימט ער וועגן אָנטיילנעמען אין נײַע קרייץ־צוגן. קעדיי פאַרווירקלעכן עס, דאַרף ער האָבן א סאַך געלט. ווו קריגט מען עס? און דאָ איז צו אים געקומען א מענטש, וועלכער נעמט זיך אונטער פינאַנסירן זײַנע אונטערנעמונגען. דאָס איז דער באַוווסטער באַנקיר אַבראַהאַם, א מעשומעד, וועלכער האָט אָנגענומען דעם מאַהאָמעטאַנישן גלויבן, זיך גוט אײַנגעאָרדנט באַם עמיר אין סעווילע, אָבער אים האָט געצויגן צו זײַן פריערדיקער עמונע, ער שטאַמט דאָך פונעם שיזועט פון דאָוויד האַמעלעך, דערפאַר האָט ער אָנגענומען די אײַנלאַדונג פונעם קאַסטילישן קיניג, זיך אומגעקערט צו זײַן עמעסן נאָמען — יעהודע בען עזרע, אָפן געמאָלדן זיך פאַר א ייד. אָנקומענדיק צו אַלפאָנסאָן, האָט יעהודע געשטעלט פאַר זיך א ציל — ניט נאָר ניט אונטערשטיצן די מיליטערישע פּלענער פונעם קיניג, נאָר, פאַרקערט, אָפּווענדן אים פון זיי, צוימען זײַן געמיט, דערשלאָגן זיך שאָלעם צווישן די פעלקער. אַזוי קריסטאַליזירט זיך בעהאַדראָגעדיק אויס אינעם ראָמאַן די הויפּט־טעמע — דער קאַמף פאַר שאָלעם.

פון אָנהייב האָט יעהודע פאַרשטאַנען, אַז פּולקום אָפּווענדן דעם קיניג פונעם הייליקן קרייץ־צוג וועט ער ניט זײַן בעקויעך, אָבער אָפּציִען די אומגעלומפּערטע מילכאָמע וועט ער עפשער קענען, צוליב דעם האָט ער אָנגעווענדט אַלע זײַנע קויכעס. פויכטוואַנגער שטעלט פאַר דעם לאַגער, וואָס נעגירט מילכאָמע, שטעלט פאָר, אויסער אים, נאָך אייניקע פּערסאָנאַזשן. שאָלעם, — זאָגט איינער פון זיי, — איז די קרוין פון אַלץ. דאָס, וואָס איז ניט שאָלעם, איז ראָשע. דאָוויד האַמעלעך איז ניט זוכע געווען אויפצובויען דעם בייסהאַמיקדעש, ווײַל ער איז געווען ניט מער, ווי א דעראָבערער און א גרויסער קיניג. בלויז שלוימען, דער מיילעך פון שאָלעם, איז געבענטשט געווען אים אויפצובויען, ווײַל בא אים האָט יעדער מענטש זיכער געוווינט בא זײַן ווײַנשטאָק, בא זײַן פײַגן־בוים.

די אידיי פון שאָלעם ווערט איבערגעגעבן מיט א ריי גלײַכווערטלעך, ווי, לעמאָשל, „א געקאָכט אין פרידן איי איז געשמאַקער, איידער א געבראָטענער אָקס אין מילכאָמע־צײַט".

ווען דער געראַנגל צווישן מילכאָמע און שאָלעם דערגרייכט אַן אַנטשיידענע מאַדרייגע, פירט פויכטוואַנגער אַרײַן אין ראָמאַן דעם מאָטיוו פון ליבע. צײַטנווײַז הייבט אָן דער דאָזיקער מאָטיוו צו דאָמינירן און פאַרוואַנדלט דעם ראָמאַן אין א טיף לירישן, אין א מין ליבע־געזאַנג. ניט צופעליק הערט זיך אין אים אַלץ דײַטלעכער און דײַטלעכער, דירעקט אָדער אומדירעקט — די קלאַסישע ליבע־פּאָעמע „שיר־האַשירים", עס ווערן אָפט געבראַכט די באַרימטע שורעס: „אומבאַזיגבאַר, ווי דער טויט, איז די ליבע..."

דער קיניג אַלפאָנסאָ האָט זיך אײַנגעליבט אין א יידיש מיידל. אַזאַ ליבע קען אויסזען ווי אַן אויסערגעוויינלעכע, אָבער ס'איז ניט אַזוי. אין יענער צײַט האָט זיך צעבליט די ריטער־ליטעראַטור. פון די ריטער האָט מען אָנגעהויבן פאָדערן ניט נאָר קענען באַהערשן די שווערד, נאָר זײַן עסטעטיש אויסגעבילדעט, קניִען פאַר א פרוי, ווי פאַר א מאַדאָנע.

ראָכל איז, דאַכט זיך, איינע פון די שענסטע און בעסטע געשטאַלטן, וואָס פויכטוואַנגער האָט געשאַפן. איר נאָמען — די טאָכטער פון יויסעף זיוסן — איז געוועזן אָפּגעזונדערט פון דער וועלט און, דאַכט זיך, א ביסל קינסטלעך קאָנסטרויִרט, וווּנדערט ראָכלס געשטאַלט מיט איר לעבנסקראַפט. אויסגעוואַקסן איז ראָכל אין א מוסולמענישער סוויווע, דערצויגן אינעם מאַהאָמעטאַנישן גלויבן און געבליבן דאָך א ייִדיש מיידל.

פויכטוואַנגער האָט אויסגעקליבן דעם סאַמע ווירקזאַמען אויפן, קעדיי איבערצואַנדערשן דעם כאַראַקטער פונעם זעלבסטהערשער, — די ליבע, אַדאַנק איר ווערט יענער בעהאַדראַגעדיק אַן אַנדערער. די איינגעוואָרצלטע אין אים געוווינהייטן און מיליטערישע אַנשוויונגען האָבן נאָך לאַנג געגעבן וועגן זיך צו וויסן. דאַן איז ער שוין ווידער בלויז א סאָלדאַט, א קרייץ-טרעגער, ער פאַרלאָזט ראָכלען מיט זייער קינד, גייט אַוועק אין שלאַכט מיטן מוסולמענישן כאַליל, אָבער זיין אַרמיי ווערט פולשטענדיק צעקלאַפּט, שפּאַניע געפינט זיך אויפן ראַנד פון א טהאָם. אַלפאָנסאָ האָט שיִער ניט פאַרלאָרן זיין גאַנצע מעלוכע, פאַרלאָרן אַלץ, וואָס ער האָט פריִער דעראָבערט, קוידעמקאָל — מענטשלעכקייט. אין דער מאַפּאָלע האָט מען טייקעף באַשולדיקט ראָכלען. דאָס האָט זי, די מעכאַשייפע, דער טייוול, און איר פאָטער, דער ייִד, אַראָפּגעפירט דעם מיילעך פון זיין קריסטלעכן דערעך, און מע האָט אַכזאָריעסדיק ביידן דערמאָרדעט.

אָבער די דאָזיקע מאַפּאָלע, דער אומקום פון דער געליבטער מיט איר פאָטער האָבן געדינט אַלס לעצטער טראָפּן, וואָס האָט איבערגעפולט דעם בעכער פון אַלפאָנסאָס לעבן. די זוימען, וועלכע עס האָבן אין אים פאַרזייט די ליבע, ראָכל, זיין געליבטע, האָבן דורכגעשפּראָצט. דער קיניג האָט דערפילט, אַז ער מוז זיך געזעגענען מיט זיין אָוואַר, ווען ער האָט געפאָלגט בלויז די אינסטינקטן. באַקוקנדיק דעם פּאַלאַץ, וווּ ער האָט איבערגעלעבט זיינע בעסטע טעג מיט דער געליבטער, האָט ער דערזען אַן אויפשריפט אויף אַראַביש און זיך דערמאָנט, ווי ראָכל פלעגט עס אים איבערזעצן: „אַן אומציִע שאָלעם איז בעסער איידער א טאָן ניצאָכן".

ס'איז ניט שווער צו פעסטשטעלן, ווי אַקטועל עס קלינגט אויך איצט פויכטוואַנגערס היסטאָרישער ראָמאַן.

ווי שטאַרק די פּראָבלעם פון שאָלעם האָט געדערעגט דעם גרויסן שרייבשטעלער, זעען מיר אויך פון זיין לעצטן ראָמאַן „ייִפטעך און זיין טאָכטער". אויף רוסיש איז דאָס ווערק ניט איבערגעזעצט. די פאָרשער פון פויכטוואַנגערס שאַפן האַלטן, אַז אין סטיליסטישן זינען איז עס זיין סאַמע פאַרפולקומסטע דערגרייכונג.

די וואָרצלען פונעם סוזשעט וועגן ייִפטעכן האָט פויכטוואַנגער געפונען אינעם סייפער שאָפטים, וווּ עס ווערט דערציילט וועגן די העלדנטאַטן פון דעבאָרע, גידעאָנען, שימשן-האַגיבער און אַנד. בעסוף — וועגן דעם אומגליקלעכן גוירל פונעם פינפטן ריכטער פון ייִסראָעל ייִפטעך. די דאָזיקע אויסערגעוויינלעכע און טראַגישע געשיכטע האָט שוין פון לאַנג געדערעגט דעם קויעך-האַדימיען פון א סאַך קינסטלער — נאָמען לאָזע און באַוווּסטע. שעקספּיר האָט זי דערמאָנט אין זיין „האַמלעט". דער דייטשישער קאָמפּאָזיטאָר הענדעל האָט איר געווידמעט א גרויסאַרטיקע אָראַטאָריע. אַליין פויכטוואַנגער שרייבט וועגן איר אין זיין פריִערדיקן ראָמאַן וועגן דעם מיידל פון טאָלעדאָ.

אויסערלעך פאָלגט אונדזער שרייבשטעלער די קאָנטורן פונעם סוזשעט, וועלכע זיינען אָנגעמערקט אינעם ביבלישן סייפער, אָבער זיין ראָמאַן איז לאַכלוטן ניט קיין פאַרברייטערטער אויסלייג פון דער ביבל, נאָר א ליידנשאַפטלעכע פסיכאָלאָגישע און פילאָסאָפישע שילדערונג, אין וועלכער ס'זיינען אויפגעשטעלט זייער וויכטיקע און אַקטועלע פּראָבלעמען פון דער געשיכטע, פונעם מענטשלעכן וועזן, צווישן זיי — אין דער ערשטער ריי — די אייביקע פּראָבלעם פון קריגערייען און מילכאָמעס, וועלכע ברענגען צו שוידערלעכע קאָרבאָנעס. די מערקווירדיקע מייסטערשאַפט פון פויכטוואַנגערן באַשטייט קוידעמקאָל אין דעם, וואָס אַדאַנק דעם קישעף פון קונסט פאַרגעסט דער לייענער, אַז די גאַנצע געשיכטע קומט פאָר אין די אוראַלטע צייטן.

ווי אינעם סייפער, הייבט זיך אָן פויכטוואַנגערס ראָמאַן מיט דער סצענע וועגן דעם טויט פונעם ריכטער גלעד. גלייך נאָך זיין לעוויִע הייבן זיך אָן שטרייטן אין זיין מישפּאָכע. די דריי געזעצלעכע זין, בעראָש מיט זייער מוטער, פאַרפאָלגן ייִפטעכן, דעם זון פון גלעדן און פון א זוינע. דאָ דערוויסן מיר זיך, אַז דער פאָטער האָט ייִפטעכן געשעצט מער פון זיינע אַנדערע זין. ייִפטעך האָט שוין אַרויסגעוויזן זיין קויעך און זיין סייכל, טאַקע דערפאַר ווילן די ברידער אים אַרויסטרייבן, אָבער דאָ זיינען די שכיינעסדיקע שוואָטים אָנגעפאַלן אויף זייער לאַנד. דער קויהען האָט ייִפטעכן פאַרגעלייגט אַן אויסוואַל —

אויב ער וועט זיך אָפּזאָגן פֿון זײַן ווײַב (זי איז פֿון אַן אַנדער שיוועט), וועט מען אים נאָמינירן פֿאַר אַ ראָש פֿון גלעדס כאַיִל, אויב ניט — וועט ער ווערן אַ קנעכט. יִפתּח האָט ליב געהאַט זײַן פֿרוי קעטורע, זייער איינציקע טאָכטער מילע. ער האָט פֿאַרלאָזט זײַן היים־אָרט און איז אַוועק אין נײַע מידבער־מעקוימעס. דאָרט האָבן זיך אַנטפּלעקט זײַנע מיליטערישע פֿעיִקייטן. אַדאַנק זײַן גענידקייט און דרייסטקייט האָט זיך אים אײַנגעגעבן צו פֿאַרנעמען אַ היפּשע טעריטאָריע, אונטער זײַן אָנפֿירונג איז דער מידבער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאָזלבראָכע־לאַנד. בײַ פּויכטוואַנגערן איז יִפתּח פֿון אַ גרויזאַמען רויבער־אַטאַמאַן, ווי ער איז געשילדערט אין דער ביבל, פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געשיקטן און יורישערדיקן קריגער, וועלכער האָט געטרוימט צו פֿאַראייניקן אַלע אָפּגעזונדערטע און צווישן זיך קעמפֿנדיקע שוואָטים.

גלעדס שיוועט האָט אַלץ מער און מער געליטן פֿון די פֿײַנטלעכע שוואָטים, און יִפתּחס ברידער האָבן זיך געווענדט צו אים, ער זאָל זיי קומען צו הילף. יִפתּח איז מסכּים געווען און אַרויסגעשטעלט זײַנע פֿאָדערונגען: ער דאַרף זײַן דער איינציקער פֿירער פֿונעם גאַנצן כאַיִל, יאַרשענען דעם שאָפֿטים־שטול פֿונעם פֿאָטער, דאָס מישפּאָכעהויז, וווּ זײַן ווײַב דאַרף ווערן די באַלעבאָסטע. די ברידער און זייער מוטער האָבן געמוזט אײַנשטימען.

ערשט איצט האָט זיך פֿאַנאַנדערגעוויקלט אין פּויכטוואַנגערס שילדערונג אַן אַכזאָריעסדיקע מילכאָמע. יִפתּח קעמפֿט אויך מיטן שיוועט פֿון זײַן מוטער. סוביעקטיוו וויל ער עס ניט, אָבער ער איז שוין אַרײַן אין אַזאַרט: ווילדע, אומקאָנטראָלירבאַרע קריכעס האָבן זיך אויפֿגעהויבן אין אים און פֿאַרנעפּלט זײַן מויעך. דעמלט, אינעם ברען פֿון דער שלאַכט, גיט ער זײַן נײדער. ווענדנדיק זיך צו גאָט, זאָגט ער, אַז אויב ער וועט אָפּהאַלטן אַ ניצאָכן, וועט ער מאַקריוו זײַן צו גאָט דעם, וועמען ער וועט דעם ערשטן באַגעגענען, ווען ער וועט זיך צוריקקערן אַהיים. יִפתּח האָט געזיגט. אַ פֿריידיקער, גייט ער אַהיים, און דאָ דערזעט ער זײַן איינציקע טאָכטער, ווי זי גייט אים אַנטקעגן, אַ לאַכנדיקע און טאַנצנדיקע. ער מוז אויספֿילן זײַן נײדער — ברענגען צו דער אַקײדע די געליבטע טאָכטער, וועלכע האָט זיך געגרייט שוין כאַסענע האָבן. און ער האָט אויסגעפֿילט דאָס, וואָס ער האָט מאָוטיעד געווען דעם אייבערשטן.

דער טראַגישער פֿינאַל פֿונעם ראָמאַן דערשיטערט בעעמעס. אָט צו וועלכע אומזיניקע קאָרבאָנעס ברענגט די פֿײַנטשאַפֿט צווישן מענטשן. ניט איין מאָל קומט אויף די פֿראַגע — פֿאַרוואָס דאַרפֿן מיר האַרגענען איינער דעם אַנדערן, פֿאַרוואָס באַרעכטיקן די געטער אָט די האַריגעס?

„יִפתּח און זײַן טאָכטער" איז פּויכטוואַנגערס לעצט פֿאַרענדיקט ווערק. נאָכן פֿאַרענדיקן (אין 1957) דעם ראָמאַן, האָט ער זיך גענומען פֿאַר אַ טעאָרעטישער פֿאָרשונג פֿונעם היסטאָרישן זשאַנער אין דער וועלט־ליטעראַטור, אָבער פֿאַרענדיקן זי האָט ער ניט באַוויזן (די אָנגעשריבענע פֿראַגמענטן זײַנען שפּעטער אַרויס אונטערן נאָמען „דאָס הויז פֿון דעזדעמאָנע אָדער די גרויסקייט און די גרענעצן פֿון דער היסטאָרישער דיכטונג").

דעם 21 דעקאַבער 1958 איז פּויכטוואַנגער געשטאָרבן אין זײַן ווילע, לעבן קאַליפֿאָרניע. ווי עס זאָגט איידעס זײַן פֿרוי מאַרטע, זײַנען געבליבן ניט פֿאַרווירקלעכט אַ ריי ווערק, וועלכע ער האָט פֿאַרטראַכט, צווישן זיי — אַ ראָמאַן וועגן דעם העלדישן קעמפֿער פֿאַר דער אומאָפּהענגיקייט פֿון דאָרעם־אַמעריקע — סימאָן באָליוואַר, אַ ראָמאַן וועגן דעם מיטלאַלטערלעכן סקולפּטאָר טילמאַן רימענשנײַדער, אַ ראָמאַן פֿונעם הײַנטצײַטיקן לעבן אין דער דײַטשישער פֿעדעראַטיווער רעפּובליק און אַנד. ביזן לעצטן טאָג האָט ער ניט פֿאַרלאָזט די שעפֿערישע אַרבעט.

פּויכטוואַנגערס לעצט אַרטיקל איז געווען אָפּגעדרוקט דעם 4 יאַנואַר 1959 אין דער צײַטונג „סאָוועטסקאַיאַ ראָסיִאַ". אָט איז דער פֿולער טעקסט: „טאָמיד געפֿינען זיך מעכטיקע מענער און געזעלשאַפֿטן, וועלכע שטרעבן צו פֿאַרשטאַרקן די שפּאַנונג אין דער וועלט, ווײַטער פֿירן דעם קאַלטן קריג, פֿאַרהאַלטן די אַנטוואָפֿענונג. דער וועג פֿונעם פֿאַרנונפֿט איז אַ לאַנגזאַמער און אַ מעשופּעדיקער. אָבער, ווער ס'האָט אויגן צו זען, באַנעמט, אַז טראָץ אַלע מעניעס, האָבן מיר אויף דעם דאָזיקן וועג אין 1958 יאָר דורכגעמאַכט נאָך אַ גוטן מעהאַלעך, ניט אין דער לעצטער ריי — אַדאַנק די געדולדיקע אָנשטרענגונגען פֿונעם סאָוועטישן פֿאָלק. אַלץ באַשטעטיקט דעם געדאַנק, אַז אינעם קאַמף קעגן דער רעוועך־גיריקייט, קעגן דעם טיפּשעס און דעם אַקשאָנעסדיקן אומזין וועט אין 1959 יאָר דער סייכל אָפּהאַלטן נײַע זיגן".

פּויכטוואַנגערס ווערטער קלינגען ביז הײַנט אַקטועל.

■ ■ ■

וולאדימיר בעליאיעוו

דאָס וואָרהאַפטיקע וואָרט פון אַ שרייבער־אינטערנאַציאָנאַליסט

די קאָמפּלימענטאַרע קריטיק שעמערירט מיט עפּיטעטן: טאַלאַנטירטער, באַגאַבטער, גרויסער, מערקווירדיקער, גלענצנדער... דאָס אַלץ מאַכט שוין פון לאַנג ניט קיין שום איינדרוק. עס ווילט זיך אָפּרוען. און עס קומט דיר אויפן זיקאָרן מיכאַיל סוועטלאָוו, וועלכער האָט וועגן עמעצן געזאָגט פּאָשעטע, און, פונדעסטוועגן, אומגעריכטע ווערטער: „אַן עכטער שרייבער".

און ווירקלעך, אין דעם טאַקע באַשטייט דער גאַנצער טאַך: אַן עכטער אָדער ניט קיין עכטער; ער איז ווערט, מע זאָל אים לייענען, אָדער ניט? און אָפּגייענדיק פון באַנאַלקייט, זאָג איך וועגן מיין פריינט און ליטעראַרישן מיטדענקער אַלעקסאַנדער טווערסקאָי אָפּריכטיק, אָן פאַלשקייט, אָן זיסע ריידעלעך: אַן עכטער שרייבער.

אַלעקסאַנדער טווערסקאָי אַרבעט אין פאַרשיידענע זשאַנרען: ער שרייבט פאַר קינדער און פאַר יוגנט, שרייבט פּראָזע און לידער, זעצט איבער אַ סאַך, פּובליקירט ליטעראַטור־פאַרשעריישע אַרטיקלען.

זיינע איבערזעצונגען פון פּאַבלאָ נערודא און פּאָל עליואַר, פון ניקאָלאַס גילייען, מאַקסים באָגדאַנאָוויטש, פּאַולאָ טיטשינא, מאַקסים רילסקי, וולאַדימיר סאָסיורא, אַקאָפּ אַקאָפּיאַן, מאַקסים טאַנק האָבן הויך אָפּגעשאַצט און געלויבט נאַזים כיקמעט, איליא סעלווינסקי, סאַמויל מאַרשאַק. אָנשליסנדיק זיך צו די מיינונגען פון אָט די פּאָעטן, וועל איך באַמערקן, אַז אין טווערסקאָיס איבערזעצונגען פון לידער ווערט אָפּגעהיט די פּאָדערונג פון וו. ג. בעלינסקין, אַז „דאָס אינערלעכע לעבן פונעם איבערגעזעצטן אויסדרוק דאַרף אַנטשפּרעכן דעם אינערלעכן לעבן פונעם אָריגינאַל".

די רוסישע טעקסטן פון די זינג־לידער פאַר קינדער פון דער גאָרער וועלט, וועלכע זיינען צונויפגעזאַמלט אינעם בוך „די קינדער פון דער וועלט זינגען" (אָט דעם בוך וועסטו באַטאָג מיט ליכט ניט געפינען), האָט טווערסקאָי אָנגעשריבן, אַרויסגייענדיק פון פּרינציפּיעלע אינטערנאַציאָנאַליסטישע טיימים. קימאַט אַלע זיינען זיי פּאָפּולער צווישן די שילער (גענוג צו דערמאָנען כאַטשבי די איטאַליענישע ליד „מאַמע, טשאַאָ!").

פּונקט אין אַזאַ נוסח וואָלט מען געקאָנט זיך אַרויסזאָגן אויך וועגן טווערסקאָיס פּראָזאַישע איבערזעצונגען. און דאָ זעט מען, ווי ברייט עס איז דער אינטערעס פון אָט דעם שרייבער. צווישן די נאַציאָנאַלע וואָרט־מייסטערס, וועלכע ער פירט אַרויס פאַר דעם אַלפאַרבאַנדישן לייענער, זיינען פאַראַן, אויסער ווייסרוסן, אוקראַינער, ייִדן, די יאַקוטן איוואַן פעדאָסייעוו, טימאָפיי סמעטאַנין און וואַסילי פּראָטאָדיאַקאָנאָוו; דער באַשקיר קירײ מערגען, דער טשעטשענעץ מאַגאָמעד מוסייעוו, דער גרוזינער געאָרגי פּאַפּיאַשווילי, דער בוריאַט באַראַדי מונגאָנאָוו, דער אוזערביידזשאַנער גולו כאַלילאָוו. וועגן טווערסקאָיס פּראָזע־איבערזעצונגען האָט זיך גינסטיק אָפּגערופן די צייטונג „פּראַוודאַ". אויב נעמען אין אַכט, אַז וועגן איבערזעצער איז עפּעס בכלל ניט אָנגענומען צו ריידן, קאָן מען אָן שום גוזמא באַהויפּטן, אַז ער האָט עס פולקום פאַרדינט.

איך האָב געזאָגט, אַז טווערסקאָי איז מיין מיטדענקער. וואָס האָב איך מיט דעם געהאַט אין זינען? קודם־כל דאָס, וואָס ער האָט, פּונקט ווי איך, געווידמעט זיין גאַנצע שאַפונג דער נאָבעלער טעמע פון אינטערנאַציאָנאַליזם.

דאָס איבערזעצן ווערק פון פאַרשיידענע שפּראַכן פון אונדזער לאַנד און פון דער גאָרער וועלט איז פאַר אַלעקסאַנדער טווערסקאָיען ניט קיין צופעליקייט. דאָס איז איינע פון די ריכטונגען פון זיין אינטערנאַציאָנאַליסטישער שאַפונג, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין 1951, ווען קיין מאָסקווע

איז געקומען דער אַנטלאָפענער פונעם רעאַקציאָנערן טערקײַ נאָזים כיקמעט. טווערסקאָי האָט זיך באַפרײַנדעט מיט אים. און פאַרכאַפּט האָבן אים ניט די פּאַסירונגען פונעם צוויי מאָל פאַרורטיילטן צו טויט־שטראָף פּאָעט־רעוואָלוציאָנער, נאָר הויפּטזאַכלעך — דער אינטערנאַציאָנאַליזם פון כיקמעטס פּאָעזיע. נאָזים האָט ליב געהאַט איבערצוכאַזערן, אַז ער איז קודעמקאָל אַ קאָמוניסט, נאָכדעם אַ שריפטשטעלער און בלויז דערנאָך שוין אַ טערק. און אינעם בוך דערציילונגען וועגן נאָזים כיקמעטן „די ליד איבער באָספאָר" האָט טווערסקאָיען זיך אײַנגעגעבן איבערצײַגעוודיק צו שילדערן די ברייטע נעשאָמע און דאָס גרויסע האַרץ פון אָט דעם עכטן פרײַנט פון אַלע, אַלע אָן אויסנאַם, פעלקער. ער האָט געקענט, ווי ס'האָט געזאָגט דער באַוווּסטער סאָוועטישער שריפטשטעלער לעוו קאַסיל, דערנענטערן דאָס געשטאַלט פונעם אומגעצוימטן בונטאַרישן פּאָעט צו די הערצער פון די יונגע לייענער. טווערסקאָיס בוך איז פיל מאָל אַרויסגעגעבן געוואָרן אין נײַע אופלאַגעס סײַ אין סאָוועטנפאַרבאַנד, סײַ אין אויסלאַנד. נאָרוואָס איז ווידער דערשינען אַ נײַע אופלאַגע, ווײַל דער לייענער וויל זיך מיטן בוך ניט שיידן.

די איבערגעגעבנקײַט דער אינטערנאַציאָנאַלער טעמע האָט באַפרײַנדעט טווערסקאָיען אויך מיטן פּראָפעסאָר וואָלקאָוו, און ס'האָט זיך באַוויזן די געשאַפענע אין אַ מיטאָווטאָרשאַפט אייגנאַרטיקע קינדער־ענציקלאָפּעדיע פון דער „דריטער וועלט", וועלכע כאַפּט אַרום סאַכאַקל... פינף הונדערט לעצטע יאָר און דערציילט מיט קינסטלערישער וואָרהאַפטיקײַט אין קורצע און אַבסאָליוט קאָנקרעטע נאָוועלן וועגן דעם לעבן און קאַמף פון די פעלקער אין די זיך אַנטוויקלענדיקע לענדער פאַר זייער פרײַהײַט און נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקײַט. דאָ ווערט דערציילט סײַ וועגן מאַהאַטמאַ גאַנדי, וועלכן מע האָט גערופן „דער מענטש מיט אַ גרויס האַרץ" און וועלכן ס'האָבן אַף אַ ראַצכישן אופן דערמאָרדעט די געדונגענע מערדער פון די אימפּעריאַליסטן, סײַ וועגן דעם העלד פון דער לאַטײַן־אַמעריקאַנישער רעוואָליוציע סימאָן באָליוואַר, ווי אויך וועגן פיל אַנדערע העלדן פון די פעלקער. איך האָב דורכגעלייענט אָט דעם איבערפולטן מיט צאָרן בוך — זײַן טיטל איז „נײַע פלאַגן" — ניט אָפּרײַסנדיק זיך, און גלײַך אָנגעשריבן וועגן אים אַ רעצענזיע אין דער צײַטונג „פּראַוודאַ".

און צי האָט איר געלייענט טווערסקאָיס עסיי וועגן דעם „מאָסקווער טוישעוו פון סוכומי", דעם נאָוועליסט „געאָרגי גוליאַ, אַזאַ ווי ער איז"? בא אונדז זײַנען דען פאַראַן אַ סאַך ליטעראַטור־פאָרשער, וועלכע וואָלטן געקאָנט אַף אַ וויסנשאַפטלעכן אופן און אַזוי לעבעדיק און אינטערעסאַנט, מיט אַזאַ ליבע אָנשרײַבן סײַ וועגן דעם שרײַבער גופע, סײַ וועגן דעם, וויאַזוי ס'איז געוואָרן פאַר אים, דעם זון פונעם קליינעם אַבכאַזישן פאָלק, בלוט־אייגן די רוסישע קולטור, און ער איז געוואָרן אַ רוסישער שרײַבער!

בלויז אַן איבערצײַגטער אינטערנאַציאָנאַליסט און עכטער שריפטשטעלער קאָן שרײַבן מיט אַזויפיל טאַקט און וויסן, מיט אַזאַ ליבע צום קליינעם פאָלק. פונקט אַף אַזאַ אופן האָט טווערסקאָי אָנגעשריבן פיל קריטישע און ליטעראַטור־פאָרשערישע אַרטיקלען. און ער זאָגט קיינמאָל ניט דאָס, וואָס ס'איז „אָנגענומען" צו זאָגן, נאָר דאָס, וואָס ער מיינט אַליין. דאָ איז ער אויך פּרינציפּיעל און ערלעך.

אַרבעטנדיק אין פאַרשיידענע זשאַנרען, איז ער אומעטום אינטערעסאַנט אַדאַנק אָט דער אָפנקײַט און אָביעקטיווקײַט זײַנער. באַזונדערס זײַנען מערקבאַר די דאָזיקע אייגנשאַפטן פון אַלעקסאַנדער טווערסקאָיס טאַלאַנט אינעם וויכטיקסטן בוך זײַנעם „דער טערקישער מאַרש", פראַגמענטן פון וועלכן עס האָט זײַנערצײַט פאַרעפנטלעכט אין אַן איבערזעצונג אַף ייִדיש דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

„אַן אויסגעצייכנטע דערציילונג, זי כאַפּט מאַמעש אָן באַם האַרצן", — האָט געזאָגט וועגן איר אָפן לעצטן שרײַבער־צוזאַמענפאָר דער זעלבער לעוו קאַסיל, וועלכער האָט זײַנערצײַט אָנגעוויזן טווערסקאָיען „דעם וועג אין דער ליטעראַטור".

און דאָס איז ריכטיק: ווען דו לייענסט אָט דעם בוך, דאַכט זיך דיר, אַז דו ביסט אַליין אַרײַנגעפאַלן אין דער אָקופּירטער שטאָט, און דאָס שיסט אין דיר דײַן געוועזענער כאַווער לויט דער שול, וועלכער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פאַשיסט, און אַז דו, און ניט קיין אַנדערער, ליגסט אין אַ גרוב צווישן די מייסים, אַ פאַרבליבענער אַלפּי־נעס באַם לעבן בייס דער צעשיסונג פון די אַסירים פון דער ייִדישער געטאָ.

— ייִנגלווײַז בין איך געוואַקסן אַף דער טעריטאָריע פון אַ פּאַרטיזאַנישן קאַנט, — האָט מיר דערציילט דער שרײַבער אַלעג אַלעקסייעוו. — ס'איז מיר טײַער יעדעס ווערק וועגן די אַסירים, אונטערערדלער און פּאַרטיזאַנער. אָבער קיין איין בוך אַף אָט דער טעמע האָט מיך ניט אופגערעגט אַזוי טיף, ווי „דער טערקישער מאַרש". כ'האָב דעם

בוך דורכגעלייענט און דערזען, ווי אף דער וואָר, דאָס ווײַטע, דאָס טײַלווײַז שוין פארגעסענע. פאר א סאך ביכער וועגן דעם קאמף אינעם פאשיסטישן הינטערלאנד אין די אָקופירטע דערפער און שטעט איז אייגנטימלעך איינער און דער זעלבער כיסאָרן — בא א שארפן, געשפאנטן סוזשעט — א שוואכע פאנאנדעראַרבעטונג פון די כאראקטערן. אויב דאָס זײַנען סאָנים, שווינדלען זיי אָן אן אייגענעם פּאָנעם, קימאט באדינגלעכע פיגורן פון עסעסאָווצעס, וולאסאָווצעס, פּאָליצײַען — זייערע פעלערן און מאפּאָלעס ווערן אונטערגעטראָגן ווי אן אקסיאָמע. אָבער דער סוינע איז געווען א שטארקער, א פארביסענער. גראָד אזא סוינע איז באוויזן אין טווערסקאָיס גרעסערער דערציילונג.

בא די שילער פונעם צענטן קלאס אין דער שטאָט וויטיאז (לויט אָט דעם נאָמען קאָן מען לײַכט זיך אָנשטויסן, אז עס גייט א רייד וועגן דעם אווטאָרס היימשטאָט וויטעבסק) איז געווען אלץ: דער גלויבן אין דער צוקונפט, דער פרייִדיקער געפיל פון כאווערשאפט. באזונדערס טוט א ברי די נעשאָמע דער קלאס-לערער, א מענטש, אין וועלכן דער גאנצער קלאס איז אמאָל געווען פארליבט, און אָט מענטש ווערט א פארעטער, א סוינע, א הענקער און פּאָגראָמשטשיק!

טווערסקאָי שילדערט זאָרגפעליק, איך וואָלט געזאָגט—סקרופּוליאָז, דעם כאראקטער, די מאנירן, די סימפּאטיעס און אנטיפּאטיעס פון אלעקסאנדער פּעטראָוויטש גראנדטן (אלס פּראָטאָטיפּ האָט געדינט א רעאלער מענטש, וועלכער האָט אונטעריכט אין דער שול, ווו ס'האָט זיך געלערנט דער מעכאַבער, דער לערער און שפּעטער רעדאקטאָר פון דער פאשיסטישער צײַטונג „נאָווי פּוט״, אלעקסאנדער לוואָוויטש בראנדט, אן אָפּשטאמיקער פון די בײַבאלטישע דײַטשישע ראַיאָנען, וועמען די פּארטיזאנער האָבן פארורטיילט צום טויט). באזונדערס געלונגען איז דעם שרײַבער דער אויפן, וויאזוי עס זײַנען אָנגעשריבן די ערשטע קאפּיטלען — מיר האָבן אין אָנהייב ניט קיין גרונט צו צווייפלען אין דער אָנשטענדיקײַט פון גראנדטן, און איינציקע זײַנע פעלערן דאכטן זיך אונדז אויס פאר אזעלכע אומבאדײַטנדיקע, באזונדערס אפן פאָן פון דער פּעדאגאָגישער טאלענטירטקײַט און ארטיסטישקײַט פון אָט דעם פארשטעלטן פּארשוין.

דער הויפּט-העלד פון דער דערציילונג מארק האָט אמאָל מאמעש פארגעטערט גראנדטן. דערזעענדיק איינמאָל דעם לערער, וואָס „עסט א בוטערבראָד״, פילט ער זיך דערשיטערט: פרײַער האָט מארק זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אז אזא „אויסערגעוויינלעכער מענטש עסט דאָס סאמע געוויינלעכע ברויט״.

אלץ, בוכשטעבלעך אלץ נוצט אויס גראנדט, קעדיי זייען זוימען פון סינע צו מענטשן. ער שפּילט אף די סאמע פארבאָרגענע געפילן פון זײַנע געוועזענע שילער, אף זייערע פרייִדן און לײַדן, אף זייער פרײַערדיקן צוטרוי צו אים. ער פרוווט אפילע ווערבירן איינציקע פון זיי צו דינען די אָקופּאנטן.

אינעם באוווּסטזײַן פון די שילער קומט פאָר אן איבערבראָך. פון א באליבטן לערער ווערט ער פארוואנדלט אין א פארהאסטן סוינע.

דער קלאָרער זיקאָרן פון דער קינדהײַט, אָן וועלכן ס'איז ניטאָ און ס'קאָן ניט זײַן קיין קינדער-שרײַבער, גיט טווערסקאָיען א מעגלעכקײַט בולט און בילדעריש צו שאפן עפּיזאָדן פונעם לעבן אין דער פארמילכאָמעדיקער שול. און דאָס מאכט עמעסדיק די כאראקטערן, די געפילן, געדאנקען, האנדלונגען פון די יונגע העלדן פון דער דערציילונג אין די פינצטערע טעג פון דער אָקופּאציע.

ארײַנפאלנדיק אין געטאָ, איז מארק מיט עפּעס ענלעך אף אנא פראנק, אָבער די דאָזיקע טראגישע ענלעכקײַט פון די גויראָלעס ניוועלירט ניט דאָס וויכטיקסטע אין מארקס נעשאָמע. ער איז דערצויגן געוואָרן אין דער סאָוועטישער געזעלשאפט, און דעריבער גלייבט ער אינעם עמעס און קעמפט פאר אים קעגן זײַן נעכטיקן לערער און קעגן דעם נעכטיקן שול-כאווער דימין, וועלכער איז געוואָרן א פּאָליצײַ. ער קעמפט אקסל צו אקסל מיט זײַנע כאווײרים-ווײַסרוסן אָלעג טשיזשיקן און קאטיע נערוטש.

מארק און קאטיע האָבן זיך ליב. נאָכגעגאַנגען נאָך קאטיען איז אויך גראנדט. די דאָזיקע קאָליזיע איז אָנגעשריבן זייער איידל, און דער אווטאָר נוצט זי געניט אויס, קעדיי מאקסימאל קאָנקרעטיזירן די צענטראלע געשטאלטן.

אלעקסאנדער טווערסקאָי האָט אָנגעשריבן זײַן גרעסערע דערציילונג מיט א מאקסימאלער אופריכטיקײַט. בילדער פון דער יידישער געטאָ אין אן אָקופּירטן מיצאד די פאשיסטן סאָוועטישן שטעטל זײַנען פרײַער אין א בוך, וואָס איז באשטימט פאר יונגע לייענער, אזוי געניי ניט באוויזן געוואָרן.

„דער טערקישער מארש״ איז פאר דער יוגנטלעכער ליטעראטור ניט קיין געוויינלעכע דערציילונג, און דאָס איז ניט נאָר א

ווערק פאַר דער יוגנט. „דער טערקישער מאַרש" איז ניט קיין געוויינלעכע דערציילונג סײַ לויטן סוזשעט, סײַ לויט דער קאָמפּאָזיציע און סײַ לויט דער שפּראַך. די אופריכטיקע אופגערעגטקײַט אינעם אווטאָרס אַרט שרײַבן האָט פאַרוואַנדלט די דערציילונג אין א טיף עמאָציאָנעל ווערק. באַזונדערס וויכטיק איז דאָס, וואָס ניט געקוקט אף דער טראַגישקײַט פון די פאָרגעקומענע אין איר געשעענישן, איז די דערציילונג דורכגעדרונגען מיט אָפּטימיזם. נעמלעך, דאָס טאַקע האָט געהאַט אין זינען איליא ערענבורג, ווען ער האָט געשריבן וועגן דעם „גוטן ראָמאַנטיזם" פונעם „טערקישן מאַרש".

אינטערעסאַנט איז דאָס נאָכוואָרט צו דער לעצטער אויסגאַבע פון אָט דעם ווערק. דער באַוווּסטער אווטאָר פון דער מילכאָמע-טעמאַטיק יעווגעני וואָראָביאָוו שרײַבט: סײַ „די גלעקער פון כאַטין", סײַ דער „טערקישער מאַרש", וועלכן די טאַליאַנים האָבן לעסטערלעך פאַרוואַנדלט אין א טרויעריקן, דערטראָגן זיך הײַנט צו די אײַנוווינער פונעם איצטיקן וויטעבסק, דער לעבהאַפטער און לעבנסלוסטיקער שטאָט. נאָך לאַנג וועט בלוטיקן דער זיקאָרן פונעם פאָלק"...

אלעקסאַנדער טווערסקאָיס טאַלאַנטפולער און טיף אייגנאַרטיקער בוך איז א בוך פונעם אופגעבראַכטן זיקאָרן, פון דעם זיך ניט אויסלעשנדיקן אייביקן פײַער. א דערשינענס צום ערשטן מאָל מיט צוויי יאָרצענדליקער צוריק, לעבט דאָס ווערק און קעמפט. איך ווייס, אז אין איינער פון די ווײַסרוסישע שולן האָבן די קינדער אײַנגעאָרדנט א געריכט איבער גראַנדטן און זײַן באַהעלפער דימינען. עס איז דאָרט געווען סײַ א פּראָקוראָר, סײַ ריכטער, סײַ אפילע אן אדוואָקאַט. און ס'איז געווען אן אורטייל. די הײַנטיקע קינדער טראָגן ארויס צוזאַמען מיטן אווטאָר פונעם „טערקישן מאַרש", דאָס ווערק, וואָס איז געוואָרן א געשעעניש אין אונדזער ליטעראַטור, א מאָראַלישן אורטייל די קאָלערליי אנטפּלעקונגען פון ראַסיזם און נאַציזם, שאָוויניזם און נאַציאָנאַליזם.

אן עכטער בוך, אן עכטער שרײַבער, און דאָס זײַנען ניט סתם ווערטער.

כראָניק

אָן אָנדענק-קאָנווערט

אין צוזאַמענהאַנג מיטן פופציקיאָריקן יובילײ פון דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט האָט דאָס פאַרבינדונגס-מיניסטעריום פון ססר ארויסגעלאָזט א ספּעציעלן אָנדענק-קאָנווערט.

אפן פּאָן פונעם מעלוכע-פלאַג פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע איז געגעבן א מעמאָריאַלער צייכן, וואָס באַווײַזט די ווירטשאַפטלעכע באַזונדערקײַטן פון דער צוויי מאָל אָרדענטרעגערישער געגנט. אונטער דער עמבלעם שטייט אן אונטערשריפט: „50 יאָר יידישע אווטאָנאָמער געגנט".

דער קינסטלער פונעם קאָנווערט איז ג. קאָסאָרוקאָוו.

פּאָלעמיק

מוישע מאַרגאָלין

א קורצער ענטפער

דאָס ארטיקל פון מ. וואָלף[1] בענעגייע מייַן אָפּשאַצונג פון נאָטע לוריעס „געשיכטע פון א ליבע" האָט, נאַטירלעך, ארויסגערופן בא מיר אַן אינטערעס.

דער אווטאָר רופט צונויף אינעם ארטיקל א מין באראַטונג פון צייַטונגען. ער גיט דאָס וואָרט צוערשט דעם „ביראָבידזשאַנער שטערן", דערנאָך דער „נייַער פּרעסע", דערנאָך דער „וועטשערניאיא אָדעסא", דערנאָך דער „טשאָרנאָמאָרסקאיא קאָמונא", ווייַטער — דער וואָרשעווער „פאָלקס-שטימע", און מיט זייער הילף שפּאַרט ער אונטער זייַן שטאַנדפּונקט, אז לוריעס „געשיכטע" איז א געוויינלעך רעאַליסטיש ווערק. ער נעמט ניט אין אכט אפילע די מאָדנע ארויסזאָגונג אף די שפּאַלטן פון דער „פאָלקס-שטימע", אז די „געשיכטע" איז „פון אָנהייב ביזן סאָף אַן אווטאָביאָגראַפישער ראָמאַן" און אז דער אווטאָר „איז אינעם ראָמאַן פּערזאָניפיצירט דורך דעם טאַלאַנטפולן וויאָלאָנטשעליסט סאָליא זאָנענטאַל" — ניט מער און ניט ווייניקער! נו, אויב „אווטאָביאָגראַפיש" און „פּערזאָניפיצירט", איז געבליבן בלויז צו מאַכן דעם אויספיר, אז נאָטע לוריע שפּילט וויאָלאָנטשעל און איז אַמאָל ארויסגעטראָטן אין לענינגראַד מיט א קאָנצערט. „אַן אבסורד" — וועט דער לייענער זאָגן? גאַנץ ריכטיק, אַן אבסורד. פארוואָס זשע האָט עס ניט באַמערקט מ. וואָלף? ווען ער זאָל געווען זייַן אופמערקזאַמער צו דעם, וואָס ער האָט געשריבן, וואָלט ער טויפעס געווען, אז ציטירן אומקריטיש פרעמדע ארויסזאָגונגען איז ניט דער בעסטער ארגומענט אין א וויסנשאַפטלעכן וויכוח — מע דאַרף האָבן אַן אייגענע, גוט דורכגעטראַכטע מיינונג און זייַן בעקויעך צו דערווייַזן איר ריכטיקייַט. ביפראַט, אז די ציטירטע דורך אים ארויסזאָגונגען זייַנען ווייַט ניט איבערצייַגעוודיק: דאָס קעפּל אליין פונעם ארטיקל אין דער „טשאָרנאָמאָרסקאיא קאָמונא" („קיין איין טאָג אָן א שורע") באַווייַזט גענוג בולעט, וואָס פאַר א שייַכעס דאָס ארטיקל האָט צו לוריעס „געשיכטע". נאָר זייַנען דען די אנדערע ארויסזאָגונגען, וועלכע מ. וואָלף ציטירט, פיל בעסער?

י. סערעבריאַני, וועמען מ. וואָלף דערמאָנט, איז געווען א סאַך פּאָרזיכטיקער. ער האָט געשריבן, אז דאָס ווערק איז א „פּאָרשונג פון דער ליבע-רעטעניש ביכלאַל". אָט דאָס איז שוין נעענטער צום אָביעקטיוון עמעס: דער ראָמאַן שטעלט מיט זיך פאָר ווירקלעך א ליטעראַרישע פּראָבלעם, וועלכע מע דאַרף מיט יישעוו-הא-דאַאַס און מיט לויטערן סייכל באַטראַכטן און ניט יאָגן זיך נאָך קלינגענדיקע, אויבערפלעכלעכע מיינונגען, וואָס זייַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פארשיידענע פּרעסע-אָרגאַנען: גראָד זיי האָבן דאָך מיך געצוווּנגען זיך נעמען פאַר דער פען, קעדיי פאַנאַנדערקלייַבן זיך אין דער נאַטור פון לוריעס נייַעם ראָמאַן, וועלכער איז אַזוי אנדערש אין פאַרגלייַך מיט זייַנע פריערדיקע קינסטלערישע ווערק.

צום באַדויערן, האָט מייַן אָפּאָנענט די פּראַגע פאַרפּלאָנטערט. ער קלאָגט זיך אף דעם, וואָס אין מייַן ארטיקל האָט ער אָנגעציילט „קימאַט דרייַ זייַטלעך, וואָס זייַנען געווידמעט דער טעאָרעטישער פּראָבלעם, וואָס עס איז אַזוינס ראָמאַנטיזם".

א מאָדנע טייַנע! וואָס זשע „מיינט דער פּאָסעק"? האָט ער אף אַן עמעס ניט דערזען דאָס איקערדיקע אין אונדזער שמועס? האַלט ער ווירקלעך, אז איך קאָן אָפּוואַרפן גרונטלאָזע מיינונגען און גלאַט פּוסטע רייד און דערבייַ

[1] זע „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 7, 1984.

ניט באַרירן דאָס, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם קערן פון דער פראַגע? אָדער ער פאַרשטייט פּאַשעט ניט, אַז די ראָמאַנטישע אַנטוויקלונג פונעם סוזשעט שפּילט ניט אין לוריעס „געשיכטע” קיין זייַטיקע, אַבסטראַקט-„טעאָרעטישע” ראָל, נאָר בילדעט איר וועזנטלעכסטן, אינטים-שעפּערישן קויער-האַכאַים?

מ. וואָלפן איז, ווייַזט אויס, ניט קלאָר דער ראָמאַנטיזם מיט אַלע זייַנע שאַטירונגען און דערשייַנונגס-פאָרמען אין פאַרשיידענע ליטעראַטורן און צייַטן, בא פאַרשיידענע סאָציאַלגעזעלשאַפטלעכע פאָרמאַציעס און אַפילע, ניט זעלטן — בא איינע און די זעלבע שריפטשטעלער. פונדאַנען שטאַמען די פּרינציפּיעלע גרייַזן, וועלכע ער דערלאָזט.

דאָ איז דאָס אָרט צו דערמאָנען בעלינסקיס מיינונג אין דעם איניען. ער האָט געשריבן: „דער ראָמאַנטיזם געהערט ניט בלויז דער קונסט, ניט בלויז דער פּאָעזיע: זייַן מאָקער איז דאָרט, וווּ ס'איז דער מענטש, און דאָרט, וווּ ס'איז דער מענטש, דאָרט איז דער ראָמאַנטיזם (...) אין דעם מענטשנס ברוסט און האַרץ געפינט זיך דער סוידעספולער קוואַל פון ראָמאַנטיזם; דאָס געפיל, די ליבע איז דער אויסדרוק, דער טאַט פון ראָמאַנטיזם, און דעריבער איז קימאַט יעדער מענטש א ראָמאַנטיקער”.

וואָס זשע איז דער כילעק צווישן א ראָמאַנטיש און רעאַליסטיש ווערק? ער באַשטייט אין דעם, וואָס אין א רעאַליסטיש ווערק איז געשילדערט די קייט פון געשעענישן אין זייער לאָגישער קאָנסעקווענטקייַט, אין א ראָמאַנטיש — די סוידעספולע אַנטוויקלונג פון די געפילן, וועלכע מע קאָן ניט טאָמיד זען בעכוש אַפן אויבערפלאַך און ניט שטענדיק קאָן מען אַנטדעקן זייער אינערלעכע באַדינגלעכקייַט — זיי אַנטשטייען פאַר אונדז אומדערוואַרט און אַפן ערשטן קוק אַפילע אומפאַרשטענדלעך, און דאָך פאַרכאַפּן זיי אונדז מיטן קישעף, וואָס עס פאַרמאָגט יעדעס בילד, יעדער געדאַנק, וועלכער גייט פון האַרץ צו האַרץ.

ווען מ. וואָלף זאָל זיך געווען פאַרטראַכטן איבער די אייגנשאַפטן פון דער ראָמאַנטיק אין דער ליטעראַטור, וואָלט ער ניט געשריבן, אַז לוריעס „געשיכטע פון א ליבע” איז א פּאַשעטער העמשעך פון זייַנע פריערדיקע ווערק, און ער וואָלט נישט דערגאַנגען ביז קעגנשטעלן דעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם די ווערק, וואָס זייַנען געשאַפן אין ראָמאַנטישן שליסל.

מ. וואָלף האָט ניט געקאָנט פאַרבייַגיין דעם פאַקט פון דער אומפאַרשטענדלעכער, ניט-מאָטיווירטער היסנאַגעס פון יויכעוועד, וועלכע האָט גאַנצע נעכט אויסגעדריקט דעם געליבטן אירע פלאַם-פייַערדיקע ליבע-געפילן — דאָס זייַנען ניט געווען קיין לייַכטזיניקע באַגעגענישן, וועלכע אַנטשטייען אַף א קורצער ווייַלע און פאַרשווינדן גיך, ניט איבערלאָזנדיק נאָך זיך קיין שום שפּור, — ניין, דאָס איז געווען א טיפער געפיל, וואָס האָט גאַנץ לאַנג געדויערט און איז אַרייַנגעדרונגען מיט א מעכטיקער קראַפט אין איר נעשאָמע. נעמלעך, אַלס אַזעלכע שילדערט זי לוריע. און פּלוצעם — אַן אייַנרייַס אַן א לאָגישער סיבע, אַן אייַנרייַס, וועלכער איז געווען שטאַרק ענלעך אַף א פולקאָמער אַטראָפּיע פון יעדן געפיל צו דעם, וועמען יויכעוועד איז ניט מיד געווען גאַנצע נעכט אונטערשטעלן אירע הייסע לעכצנדיקע ליפּן מיט אַלע סימאָנים פון היסלייַוועסדיקער ליבע. מייַן אָפּאָנענט שאָקירט מייַן „סאַרקאַזם און בייזקייַט” — די פאַקטן שטעכן די אויגן, ווי סע שלאָגט אויך אין פּאָנעם מ. וואָלפּס הילפּלאָזער פּרווו צו פאַרוואַנדלען די דערוואַקסענע פרוי אין א „מיידעלע”, קעדיי אַזוי אַרום פאָרשטעלן אירע פּילצאָליקע פיבערהאַפטע ליבע-אויסדרוקן אַלס אַן אומשולדיקע קינדערשע שפּיל.

מ. וואָלפּס טעזיס וועגן יויכעוועדס יונגן עלטער (באַנאַנד מיטן נאַיוון מאָטיוו, אַז איר טאַטע איז געווען, ווי זאָגט מען עס, „קעגן דעם שידעך”) קאָן אַרויסרופן בלויז א שמייכל. מיר געדענקען שעקספּירס דזשוליעטען. זי איז געווען קוים 14 יאָר אַלט. נאָר איר ליבע צו ראָמעאָ איז געווען אַזוי טיף, אַז בלויז דער טויט האָט געקאָנט זיי צעשיידן. מיר האָבן אויך ניט פאַרגעסן שאָלעם-אַלייכעמס רייזל דעם כאַזנס — דאָס 15-יאָריקע מיידל, וועלכע האָט אין דער נאַכט פון א סרייפע זיך באַגעגנט מיט לייבל ראַפאַלאָוויטשן, און ביידע האָבן זיך געגעבן א שוווּע פון אייביקער ליבע. דער גוירל האָט זיי אַף לאַנגע יאָרן צעשיידט, און ווען דורך א צופאַל האָבן זיך די „בלאָנדזנדע שטערן” באַגעגנט, איז שוין געווען צו שפּעט, און ראָזע ספּיוואַק איז געגאַן אַנטקעגן איר קאַטאַסטראָפע, אָפּזאָגנדיק זיך פונעם „גליק”, וואָס איז געשטאַנען אַף איר שוועל אין דער פּערזאָן פון אַן אַנדערן...

די עכטע ליבע איז אַלט, ווי די וועלט. דערפאַר געפינען מיר די זעלבע שטריכן אינעם אוראַלטן „שיר-השירים”: „עזה כמות אהבה... רשפיה רשפי אש” — „שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבע... אירע בליצן זייַנען פייַער-בליצן”. די דאָזיקע פלאַמיקע ווערטער באַציִען זיך צו דער יונגיטשקער הירטין, וועלכע, אורטיילנדיק לויטן אינהאַלט פון „שיר-השירים”, איז יעדנפאַלס ניט עלטער געווען פון אונדזער יויכעוועד.

די דערמאָנטע ליטעראַרישע העלדן, וועלכע געהערן צו פאַרשידענע, שטאַרק אָפגעווײַטערטע איינע פון דער אַנדערער עפאָכעס, זײַנען ניט קיין יוצא מין האַקלאַל, ניט קיין אויסנאַמען — אין זיי איז פאַרקערפערט די נאָרמע פון מענטשלעכער ליבע ביכלאַל, און פרויען-ליבע ביפראַט. בלויז אַזאַ ליבע האָט דאָס רעכט צו באַווײַזן זיך אַף די שפאַלטן פון דער ליטעראַטור — פונעם ווײַטן אָוואַר און ביז דעם הײַנטיקן טאָג; בלויז אַזעלכע מוסטערן פון עכטער ליבע געפינען מיר אין „טריסטאַן און איזאָלדע", אין די ווערק פון פושקינען און באַלזאַקן, סטענדאַלן און מערימע, הוגאָ און בײַראָנען, טורגעניעוון און גאַלסוואָרסין, אין די ווערק פון פיל-פיל אַנדערע וועלט-שרײַבער.

מ. וואָלף אָבער וויל ניט פאַרשטיין, אַז אין די ראַמען פון א רעאַליסטיש ווערק, ווו אַלע געשעענישן זײַנען אינערלעך לאָגיש פאַרבונדן און שטרענג מאָטיווירט, ווערט יויכעוועד באַצייכנט מיט די אייגנשאַפטן פון א נישטיקער פערזאָן, וועמענס בילד מײַן אָפאָנענט פרוּווט אָפראַטעווען מיט א קוריאָזן מאָטיוו, אַז זי איז געווען נאָך א קליין „מיידעלע"... פון 17 יאָר.

דער שליסל צו דער ריכטיקער אָפשאַצונג פון לוריעס „געשיכטע" — און אײַנייִנעם מיט דעם צו דער רעאַביליטאַציע פון יויכעוועדס פערזענלעכקײַט — ליגט אין דער עקסטרעם-ראָמאַנטישער טראַקטירונג פון איר פירעכץ. אָדער — אָדער. אָדער יויכעוועד באַזיצט א נישטיקע, קליינלעכע נאַטור, און אַלס אַזעלכע פאַרדינט זי נישט דעם אינטערעס פונעם לייענער, אָדער זי דריקט אויס א געזעלשאַפטלעכע דערשײַנונג און אַנטשטייט אַלס א ראָמאַנטישער טיפ, וועלכן נאָטע לוריע האָט אַנטדעקט און אַרײַנגעבראַכט אין אונדזער ליטעראַטור.

קיינער איז ניט בעקויעך נאָכשפירן די אינערלעכע פראָצעסן אינעם גײַסט פון דעם אָדער יענעם קינסטלער, און דעריבער קאָנען מיר ניט זאָגן, וויאַזוי און ווען, אין רעזולטאַט פון וואָסערע איבערלעבענישן און שעפערישע טרוימען האָט נאָטע לוריע דערזען דאָס ראָמאַנטישע בילד, וואָס ער האָט געשילדערט אין דער „געשיכטע פון א ליבע". נאָר דאָס ווערק ליגט פאַר אונדז, און מיר זײַנען מעכוייעוו עס געהעריק אָפשאַצן און טאָן עס קאָנקרעט און איינדײַטיק, אָן אַזעלכע צווייפלהאַפטע אויסדרוקן, ווי „עס קאָן זײַן", „ס'איז מעגלעך אויך אָן אַנדער ווערסיע", „ס'איז ניט אויסגעשלאָסן", „עפשער טאַקע דערפאַר".

לוריעס ראָמאַנטיש ווערק דערגרייכט זײַן העכסטע מאַדרייגע אַף דער צווייטער סטאַדיע פון די באַגעגענישן צווישן די העלדן. דאָס קומט פאָר אין פופצן יאָר אַרום, ווען סאָליאַ טרעט אַרויס מיט א קאָנצערט אין לענינגראַד, און דורך א צופאַל קומט יויכעוועד אַרײַן אין צימער פון זײַן האָטעל. זי איז שוין פון לאַנג א כאַסענע-געהאַטע און איז גליקלעך אין איר פאַמיליען-לעבן, ווי אויך אין דער מוטערלעכער צערטלעכקײַט צו איר קליינער טאָכטער. נאָר דאָ צעשפילט זיך א סצענע, וועלכע ס'איז גענוג שווערלעך צו דערקלערן ראַציאָנאַליסטיש. סאָלאָמאָן דערציילט:

„א גליקלעכע, האָט זי מיך א צי געטאָן צו זיך, צאַרט אַרומגענומען באַם האַלדז און זיך צוגערירט מיט אירע פלאַמיקע ליפן צו מײַנע (...). די אויגן זײַנען בא איר געוואָרן גרעסער, בלויער, די ליפן האָבן געפלאַמט, מיט א פאַרכאַפטן אָטעם האָט זי זיך אַראָפגעלאָזט מיט מיר אַפן ווייכן דיוואַן. א פולשטענדיק באַהערשטע פונעם הייסן געפיל, פונעם ברענענדיקן פאַרלאַנג, האָט זי דאָרשטיק געקושט מיך אין די אויגן, אין שטערן, אין די ליפן און מיט האַרציקער צערטלעכקײַט, ווי זי וואָלט א טפילע געטאָן, געשעפטשעט:

— סאָליאַ, טײַערער, איך וויל דיך... עס גייט מיר אויס די נעשאָמע, איך בעט דיך, איך וויל האָבן פון דיר א קינד..."

„וואָס זשע? — וועט פרעגן דער לייענער, וועלכער איז באָקי אין אַזעלכע זאַכן. — זי האָט זיך געוואָלט צעגיין מיט איר מאַן און שאַפן א נײַע פאַמיליע מיט סאָליאַן? אַזאַ איז דאָך די אײַזערנע לאָגיק פון א רעאַליסטישן ראָמאַן!"

ניין, דאָס האָט זי ניט געוואָלט טאָן און וועגן דעם האָט זי ניט געטראַכט. זי איז פאַרכאַפט געוואָרן פון א געפיל, וועלכער איז געווען „שטאַרק ווי דער טויט" און וועלכן זי האָט אין געגעבענעם מאָמענט ניט געקאָנט און ניט געוואָלט בײַקומען: נעמלעך מיט דעם איז אומבאַזיגבאַר די טריומפירנדיקע ראָמאַנטישע ליבע.

איז אַזאַ ליבע מעגלעך? וועגן דעם האָט בעשאַטוי געשריבן הענריך הײַנע: „פאַר דער ליבע עקזיסטירט ניט קיין נעכטן, די ליבע דענקט ניט וועגן מאָרגן... דאָרשטיק ציט זי זיך צום הײַנטיקן טאָג. נאָר דעם דאָזיקן טאָג דאַרף זי אײַנגאַנצן, אָן אומבאַגרענעצטן... וואָס שטורמישער זי פלאַקערט, אַלץ גיכער ווערט זי אויסגעלאָשן... נאָר דאָס שטערט איר ניט זיך אָפגעבן אומגעוואַקלט דעם פלאַמיקן באַגער, גלײַך ווי דער דאָזיקער פלאַם זאָל ברענען אייביק".

אין די געבראַכטע שורעס איז אויסגעדריקט די קווינטעסענץ פון דער ראָמאַנטישער ליבע אין אירע כאַראַקטערפולסטע שטריכן. פון דעם דאָזיקן שטאַנדפונקט איז מאַמעש צו באַוווּנדערן, ווי פינקטלעך און קינסטלעריש נאָטע

לוריע האָט געוועבט דאָס בילד פון זײַן הויפּט־העלדין יויכעוועד. אין דער זעלבער צײַט האָט ער ריכטיק באַוויזן די פיגור פון סאָלאָמאָן זאַנענטאַלן.

סאָליא האָט אַרויסגעוויזן דעם מוט זיך צו באַהערשן — דאָס איז דאָך געשען אין פופצן יאָר אַרום, ווען אַלץ האָט זיך שוין געענדערט, און דער הייסער אין זײַנע יוגנטלעכע ליבע־געפילן סאָלאָמאָן זאַנענטאַל האָט שוין געכאַפּט דעם צווייטן אָטעם נאָך דעם, וואָס אַלע זײַנע ענערגישע באַמיִונגען אויסצוקעמפן די ליבע אין יויכעוועדס האַרץ זײַנען פאַרשוווּנדן מיטן ווינט.

נאָר מ. וואָלפן איז דאָס אינגאַנצן ניט פאַרשטענדלעך. דער סאָד פון די קאָמפּליצירטע באַציִונגען צווישן יויכעוועד און סאָליאן איז זייער גײַסטרײַכן ראָמאַנטישן וועזן איז פאַר אים „א בוך, א פאַרזיגלטער מיט זיבן שטעמפּלען” — און ער טראָגט אונדז אונטער א שפּאָגל־נײַע אַנטדעקונג:

„אין קעגנשטאַנד (קעגנזאַץ?) צו יויכעוועדן איז דער יונגער סאָליא א ביסל א פּסיכאָסטעניש־אַקצענטויִרטע נאַטור”. „ער איז א מענטש מיט זייער רײַכע און ווידערשפּרעכיקע געפילן, וועלכע ראַנגלען זיך טאָמיד מיטאַנאַנדער און וועלכע ניט שטענדיק קאָן ער באַזיגן. ער איז זייער א שעמעוודיקער, סע קימערט אים שטענדיק, וואָס מע קאָן וועגן אים טראַכטן. אין זײַן זייער עמפּינדלעכער נאַטור — הערשן זעלבסטמינדערלעכקײַט (!) און זעלבסטבאַשולדיקונגס־געפילן. ער איז טאָמיד עמעצן שולדיק. אָפט קאָן ער ניט באַשליסן, וואָס זאָל ער טאָן אין דער אָדער יענער לאַגע. נאָך אָפט וואַקלט ער זיך צווישן יאָ און ניין”.

ווען מיר זאָלן אַפילו אַנערקענען, אַז די אויבן ציטירטע „פּסיכאָסטעניש־אַקצענטויִרטע” כאַראַקטעריסטיק האָט עפּעס א ווערט פאַר דער ריכטיקער אָפּשאַצונג פון לוריעס ראָמאַן, בלײַבט דאָך אָן א טשוווּע די פראַגע: פונוואַנען האָט עס מ. וואָלף גענומען? וואָס פאַר א פּראָטים אין באַהאַנדלטן ראָמאַן האָבן געגעבן א יעסאָד פאַר אַזא געמעל, אין וועלכן די פיגור פון סאָליאַן ווערט באַוויזן? צוליב וואָס אָט די אונטערגעשטראָכענע טענדענץ צו פאַרבײַטן די יאָצרעס און זיך פאַרנעמען מיט אַן אַבסאָליוט אומבאַגרינדעטער „כאַראַקטעריסטיק” פון סאָליאַן און אַזוי־אַרום אָפּרוקן אין שאָטן די העלדין, וועלכע בילדעט די צענטראַלע פיגור און זעלבסט די אידיי פונעם ראָמאַן?

די דאָזיקע טענדענץ האָט צו קיין גוטן ניט געקאָנט ברענגען, ווײַל די קינסטלערישע וואָרהאַפטיקײַט איז זיך נויקעם פאַר יעדן כעטקעגן איר.

פון רעדאַקציע:

מיר האָבן פאַרעפנטלעכט צוויי מיינונגען וועגן פּראָבלעמען, וועלכע זײַנען אַנטשטאַנען אַרום נאָטע לוריעס ראָמאַן. מיר האַלטן, אַז דער אינטערעס צום דאָזיקן ווערק איז א נאַטירלעכער. ווער פון די צוויי אָפּאָנענטן אין דער פּאָלעמיק עס איז גערעכט, — וועלן אורטיילן אַליין די לייענער.

זינאָווי קאַמפּאַנייעץ

אַף די וועגן פון פאָרשן די ייִדישע מוזיקאַלע קונסט

די ייִדישע קינסטלערישע ליטעראַטור האָט סײַ פאַר דער רעוואָליוציע, סײַ אין די ווײַ־טערדיקע יאָרצענדליקער געגעבן דעם פאָלק א סאַך פּרעכטיקע שרײַבער — פּראָזאַיִקער, דיכטער, דראַמאַטורגן. עס זײַנען צווישן זיי געווען ניט ווייניק אַזעלכע, וואָס מיר קאָנען זיי אָן גוזמע אָנרופן גרויסע שעפער. זייערע ווערק זײַנען ברייט באַוווּסט.

גאָר אַנדערש איז געווען דער גורל פון דער ייִדישער מוזיקאַלער קולטור. אויב נעמען אָן ערך די לעצטע אַנדערהאַלבן הונדערט יאָר, קאָנען מיר ניט דערמאָנען קיין איין צענטראַלע קאָמפּאָזיטאָרישע פיגור. סײַ אין אייראָפּע, סײַ בא אונדז אין לאַנד זײַנען גע־ווען גרויסע קאָמפּאָזיטאָרן פון ייִדישן אָפּ־שטאַם. באַזונדערס איז דאָס צו זען אין דער צווייטער העלפט פונעם XIX יאָרהונדערט. ס'איז גענוג אָנרופן אַזעלכע געוינים, וועלכע האָבן געלעבט אין דײַטשלאַנד, ווי פעליקס מענדעלסאָן־באַרטאָלדי, דזשאַקאָמאָ מייערבער. אין דײַטשלאַנד האָט געשאַפן זײַנע באַלאַדעס דער קאָמפּאָזיטאָר ליאָווע — זיי זײַנען גע־וואָרן דער יעסאָד פון דער פּאַטריאָטישער, עכט דײַטשישער ליד בכלל. אין געביט פון מוזיק זײַנען געווען טעטיק מאַקס ברוך, גאָלד־מאַרק, — דער פידלער־קאָמפּאָזיטאָר הענריך ערנסט. אַלע זײַנען זיי געגאַנגען פון דער דײַטשישער קלאַסיק, פונעם דײַטשישן פאָלק־לאָר.

אין פראַנקרײַך האָבן געשאַפן די וועלט־באַרימטע קאָמפּאָזיטאָרן קאַמיל סען־סאַנס, האַלעווי — דער אוטאָר פון דער אָפּערע „די זשידאָווקע" („דעם קאַרדינאַלס טאָכטער"). ברייט באַוווּסט איז געווען זשאַק אָפענבאַך. ביז איצט גייט א שטרײַט אַרום דעם נאַציאָ־נאַלן אָפּשטאַם פון זשאָרזש ביזע, וועלכער איז געווען קרוויש פאַרבונדן מיט דער מישפּאָכע האַלעווי (די פרוי זײַנע איז געווען פון דער דאָזיקער מישפּאָכע). מיר רופן אָן בלויז די אַמערסטן באַוווּסטע קאָמפּאָזיטאָרן פון פראַנק־רײַך און דײַטשלאַנד. עס זײַנען געוויינלעך, געווען א סאַך אַנדערע. ס'איז גענוג צו דער־מאָנען, לעמאָשל, דעם דײַטשישן קאָמפּאָזי־טאָר אַרנאָלד שענבערג, וועלכער האָט גע־מאַכט א רעוויזעם מיט זײַן דאָדעקאַפאָנישער סיסטעם. צו דער זעלבער סיסטעם איז צוגע־שטאַנען אויך אַלבאַן בערג, דער אוטאָר פון די אָפּערעס „וואָצעק", „לולו". אין פראַנקרײַך האָבן ביז ניט לאַנג צוריק געלעבט דאַריוס מיאָ, זשאַן וויענער.

ווען מע רעדט וועגן די קאָמפּאָזיטאָרן פון רוסלאַנד, קומט אױפן געדאַנק דער גרויסער פּיאַניסט, דיריזשאָר און קאָמפּאָזיטאָר אַנטאָן רובינשטיין, וואָס מיט זײַן נאָמען איז פאַר־בונדן דער אָנהייב פון דער פּראָפעסיאָנעלער מוזיקאַלער בילדונג. זײַן ברודער ניקאָלײַ גרי־גאָריעוויטש האָט געגרינדעט אין די 60־ער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט די מאָסק־ווער קאָנסערוואַטאָריע.

וועגן אַנטאָן רובינשטיינען ווילט זיך זאָגן עטוואָס גענויער. דער דאָזיקער מענטש האָט בעעמעס איבעראַשט מיט דער פּאָפּולאַריטעט פון זײַנע באַגאַבונגען. א געניאַלער פּיאַניסט, באַגלײַך מיט פ. ליסטן און פ. שאָפּענען, איז ער אויך געווען א פרוכטבאַרער קאָמפּאָזיטאָר, אַן אומדערמידלעכער געזעלשאַפטלעכער טו־ער, א פּראָפּאַגאַנדיסט פון מוזיקאַלער שאַפונג, א פּעדאַגאָג, וועלכער האָט איבערגעלאָזט א סאַך שילער פון דער אַזויגערופענער רובינ־שטיינישער פּאָרטעפּיאַנע־שפּיל. ער איז געווען דער ערשטער אויספירער אַף די באַרימטע „היסטאָרישע קאָנצערטן", וועלכע האָבן מיט

זיך פאָרגעשטעלט א מערקווירדיקן ריכטפונקט אין דער אנטוויקלונג פון דער קלאסישער מוזיק-קונסט אין רוסלאנד.

אנטאָן רובינשטיין האָט ארײַנגעפירט אין זײַן שאפונג די ביבל-טעמע, זײַנע אָפערעס „שולאמיס” און „מאקאבייער” זײַנען געווען פאָפולער אין דער צווייטער העלפט פונעם פאָריקן יאָרהונדערט. אָבער יידישע מוזיק האָט אין זיי ניט געקלונגען. אגעוו, איז צווישן די יידן געווען פאָפולער דער אויסצוג פון דער אָפערע „די מאקאבייער” — „פויקט אין די טימפאנען”. איך געדענק, ווי אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט האָט מיר מײַן טאטע געזונגען אָט דעם מאָטיוו — א מין „שלאגער” אין יענע יאָרן. ס'איז א צווייפל, צי מע קאָן דעם דאָזיקן אויסצוג פון דער אָפערע באצייכענען אלס יידישן, גיכער פון אלץ איז דאָס געווען א מיזרעכדיקער ניגן.

פרעגט זיך: וויאזוי האָט געקאָנט געשען, אז די יידישע פאָלקס-מוזיק, אזא רײַכע מיט איר מעלאָדיק, מיט איר ריטמיק און בילדערישקײַט, זאָל ניט געבן דער מוזיקאלער וועלט-קולטור, פונעם שטאנדפונקט פון נאציאָנאלער אייגנטימלעכקײַט, קיין איין באזונדערס גרויסע שעפערישע פערזענלעכקײַט — לעהייפעך דער ליטעראטור?

אײדער מיר וועלן ענטפערן אויף אָט דער פראגע, דארף מען נעמען אין אכט די סאָציאלע באדינגונגען, אין וועלכע ס'האָט געלעבט דאָס יידישע פאָלק. ווי באוווסט, האָט א באדײַטנדיקער טייל פון די יידן נאָך די רעדיפעס אין שפאניע און אין דײַטשלאנד זיך באזעצט אין טכום-האמוישעוו. דאָרט, ווו עס האָבן באקומען א מאָקעם-מיקלעט עטלעכע מיליאָן מענטשן, לײַדנדיקע פון א צווייענדיקן יאָך, מיצאד דעם צארישן רעזשים און מיצאד דעם אופגעקומענעם קאפיטאליזם, איז די בילדונג געווען א פרימיטיווע. די טרויעריק באוווסטע פראָצענט-נאָרמע האָט געצוימט און לימיטירט די פארשפרייטונג פון קונסט און וויסנשאפט צווישן די יידן, ארײַנגערעכנט די פאָרשונגס-ארבעט אין געביט פון מוזיק און טעאטער. קיין פארפיקסירטע מוסטערן פון דער יידישער פאָלקס-מוזיק, דאָס, וואָס מע רופט איצט „קוואלנוויסן”, איז ניט געווען. די האלב-אמאטאָרישע פארנאָטירונגען פון פאָלקסלידער, וועלכע פלעגן זיך צומאָל באווײַזן, קאָן מען ניט האלטן פאר ערנסטע.

אן ערעך אָנהייבנדיק פונעם 1910 איז א גרופע שילער פון דער קאָמפאָזיטאָרישער אָפטיילונג פון דער פעטערבורגער קאָנסערוואטאָריע (מע דארף זאָגן, אז אדאנק דעם הומאניזם און פראָגרעסיווע אָנשויונגען פונעם מערקווירדיקן רוסישן מוזיקאנט א. ק. גלאזונאָוו, וועלכער איז אין יענער צײַט געווען דירעקטאָר פון דער דאָזיקער קאָנסערוואטאָריע, האָבן יונגע יידישע מוזיקאנטן געהאט א מער גינסטיקע מעגלעכקײַט צו באקומען דאָרט מוזיקאלע בילדונג) צוגעשטאנען צו דער נײַגעגרינדעטער „געזעלשאפט פון יידישער פאָלקס-מוזיק”. באם וויגעלע פון אָט דער געזעלשאפט זײַנען געשטאנען דער פאָלקלאָריסט קיסעלהאָף, וועלכער האָט געלעבט אין פעטערבורג, און דער מאָסקווער מוזיק-קריטיקער ענגעל. אלס קלאל, האָבן זיך די דאָזיקע שילער געלערנט בא דעם גרויסן רוסישן קאָמפאָזיטאָר נ. א. רימסקי-קאָרסאקאָוו, וועלכער האָט גוטוויליק זיך באצויגן צו די דערווײַל נאָך אומגעוואגטע זוכונגען פון די יונגע.

אין דער זעלבער צײַט קומען אויף אויך די ארמענישע, גרוזינישע, לעטישע קאָמפאָזיטאָרישע שולן. דאָס זײַנען געווען, כאזער איך איבער, די ערשטע, ניט זיכערע פרווון. אן איקערדיקער איבערבראָך אינעם דערלערנען און זאמלען יידישן פאָלקלאָר איז פארגעקומען שוין נאָך דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע.

אין אָנהייב פון די 20-ער יאָרן האָט אין קיעוו א גרופע יונגע מוזיקאנטן, בעראָש מיט מוישע בערעגאָווסקין, אָנגעהויבן פלאנמעסיק צו פאָרשן די פאָלקס-מוזיק, דעם גענעזיס פון איר אנטוויקלונג, מאכן אן אנאליז און „פאספאָרטיזאציע”. שפעטער איז אין זעלבן קיעוו געשאפן געוואָרן בא דער אוקראַיִנישער וויסנשאפט-אקאדעמיע א קאבינעט צו דערלערנען די יידישע פאָלקס-מוזיק אונטער מ. בערעגאָווסקיס אָנפירונג. דאָ איז שוין די פאָרשונג פון יידישן פאָלקלאָר פארווירקלעכט געוואָרן אין מעלוכע-ראמען. ס'האָבן אָנגעהויבן דערשײַנען, אומשאצבארע לויט זייער קינסטלערישער ווערט, זאמלונגען פון טעקסטן מיט נאָטן. ס'האָבן זיך באוויזן וויסנשאפטלעכע ארבעטן, ביכער, בראָשורן.

אלס הויפט-סאכאקל פון דער ארבעט פון מ. בערעגאָווסקין און פון זײַנע מיטארבעטער דארף מען רעכענען די דרײַבענדיקע אויסגאבע „יידישער מוזיקאלער פאָלקלאָר” — א מין „ביבל” פון יידישער פאָלקס-מוזיק.

ווען די אויסגאבע וועט דערשײַנען, וועט זי בעליסאָפעק זײַן זייער א נייטיקער הילפסבוך פאר די קאדרען יונגע קאָמפאָזיטאָרן, וועלכע מאכן הײַנט צו טאָג זייערע ערשטע טריט אין געביט פון יידישער סאָוועטישער מוזיק.

צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאַגע

די נעשאָמע פֿונעם בוך

זינאָווי פּאָגעל

דער קינסטלער־אילוסטראַטאָר, וואָס באַציט זיך פֿאַראַנטוואָרטלעך צו זײַן אויפֿגאַבע, דערטראַכט, דערשאַפֿט מיט זײַן קויעך־האַדימיען דאָס, וואָס דער שרײַבער איז פֿאַרבײַגעגאַנגען, אַרויסגייענדיק פֿון דער אינערלעכער קאָמפּאָזיציע פֿון זײַן ווערק, שטרעבנדיק צו אויסדרוקפֿולער קורצקײַט. דער קינסטלער זוכט מאָלערישע פּאַראַלעלן צו די געשטאַלטן פֿונעם ליטעראַרישן ווערק. בלויז אין אַזאַ פֿאַל באַווײַזט זיך באַם אילוסטראַטאָר עכטע מעגלעכקײַטן צו איבערגעבן די גאַנצקײַט פֿונעם עמאָציאָנעלן צושטאַנד, אַרײַנציִען דעם לייענער, וועלכער ווערט אויך אַ צושויער, אין דער אַטמאָספֿער פֿונעם ליטעראַרישן שטאָף.

אָבער אויך דאָ איז די אילוסטראַציע צוגעבונדן צו קאָנקרעטע געשטאַלטן און סיטואַציעס.

די אילוסטראַציע גיט צו דעם בוך אָנשוילעכקײַט, אָבער זי בײַט ניט זײַן ליטעראַרישע נאַטור. די געשאַפֿענע מיצאַד דעם קינסטלער ווײַזואַל־פּאַראַלגעמיינערטע און אומאָפּהענגיק־פֿאַרגאַנצטע וועלט, וואָס פֿאַלט צונויף לויט אירע אידייִש־עמאָציאָנעלע, סאָציִאַל־היסטאָרישע „פּאַראַמעטערן” מיט דער וועלט, וועלכע אַנטשטייט פֿון דער וואָרט־פֿאַקטור, איז אָבער ניט קיין „קאַלקע” פֿון אָט דער אַנדערער וועלט, זי שאַפֿט מיט איר אייגענעם קוואַליטאַטיוו נײַע קינסטלערישע ווערטן.

אין דעם ציקל געמעלן פֿונעם קיִעווער קינסטלער מיכאיִל גלייזער, געווידמעט דער שאַפֿונג פֿון שאָלעם־אַלייכעמען (אַ טייל פֿון זיי איז עקספּאָנירט געוואָרן אַף אַן אויסשטעלונג אין דער רעדאַקציע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד”), גייען אַרײַן ניט ווייניק ווערק, וואָס אילוסטרירן גאַנץ קאָנקרעטע זײַטן פֿונעם שרײַבערס ביכער. נאָר אַפֿילע זיי קאָנען, אַלפּי־קלאַל, עקזיסטירן אומאָפּהענגיק, אָפּשפּיגלענדיק די אָדער יענע שטריכן און זײַטן פֿונעם ייִדישן שטייגער, וואָס זיי זײַנען אין ליטעראַרישע געשטאַלטן פֿאַרייביקט געוואָרן דורך שאָלעם־אַלייכעמען. דער גאַנצער ציקל איז, אַזוי אַרום, אַ כאַראַקטעריסטישער בײַשפּיל, ווען דער קינסטלער איז ניט צוגעבונדן צו דעם שרײַבער, נאָר אַרבעט מיט אים מיט.

קוידעמקאָל — עטלעכע ווערטער וועגן דעם קינסטלער אַליין.

מיכאיִל גלייזער איז געבוירן געוואָרן אין קיִעוו אין 1946. זײַן קינדהײַט האָט ער פֿאַרבראַכט אײַנעם ראַיאָן פֿון דער שטאָט, וועלכער איז פֿאַר דער רעוואָליוציע געווען אַ טייל פֿונעם טכום־האַמוישעוו. דאָ האָבן אַמאָל געלעבט באַלמעלאָכעס. דעם קינסטלערס זיידע איז געווען אַ שנײַדער, דער טאַטע — אַ סטאָליער. מיכאיִל האָט אָנגעהויבן זײַן אַרבעטסוועג אויך אַלס שנײַדער.

צו מאָלערײַ האָט ער געשטרעבט פֿון די ייִנגלשע יאָרן. ער פֿלעגט באַזוכן די באַרימטע קינדערשע



סטודיע אַף נ. אַסטאַשינסקיס נאָמען. שפּעטער איז דער יונגער שנײַדער, האָבנדיק שוין אַ גוטע רעפּוטאַציע, דאָס הייסט — ניט קיין שלעכטע פּאַרנאָסע, אַוועקגעפֿאָרן נאָך דער אַרמיי־דינסט קיין לענינגראַד. ער טרעט אַרײַן — ניין, ניט אין דער קונסט־אַקאַדעמיע, אַהין האָט ער ניט ריזיקירט זיך ווענדן — אינעם פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אַף הערצענס נאָמען, אַפֿן קינסטלערישן פֿאַקולטעט. דאָרט האָט ער זיך געלערנט באַם באַוווּסטן סאָוועטישן קינסטלער־פּעדאַגאָג ל. קאַבאַטשעק.

שוין אין די ערשטע פּרוּוון פֿון דער מיטאַרבעט מיטן ליטעראַרישן מאַטעריאַל האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ כאַראַקטעריסטישער פֿאַר מ. גלייזערן שטריך: די שטרעבונג צו אַרומכאַפּן דעם גאַנצן „רוים” פֿונעם ווערק, דעם סוזשעטישן, סאָציִאַל־אידייִשן, עמאָציאָנעלן. נאָך מער — אָפּטמאָל אַנטפּלעקן די פּילבאַדײַטיקע סימבאָליק אין אַלע פּראָטים.

אין די בויגנס לויט וו. מאַיאַקאָווסקיס לידער, אָדער צו מ. זאָשטשענקאָס הומאָריסטישע דערציילונגען, ווו קיין סוזשעטן זײַנען ניטאָ און ס'זײַנען פֿאַראַן בלויז געשטאַלטן פֿון טשיקאַווע פּערסאָנאַזשן, זײַנען אָפּגעשפּיגלט די געשילדערטע סוויוועס מיט זייערע כאַראַקטעריסטישע סטיל־באַזונדערקײַטן. די סעריע ליטאָגראַפֿיעס צו ג. קאַנאָוויטשעס ראָמאַן „ליכט אַפֿן ווינט” איז די ערשטע רײַפֿע אַרבעט, אין וועלכער די באַזונדערקײַטן פֿונעם קינסטלער האָבן זיך אַנטפּלעקט שוין גאַנץ באַשטימט און בולעט.

ריידנדיק וועגן די מאָלערישע מעגלעכקײַטן, וואָס זײַנען באַהאַלטן אין דער טיף פֿון שאָלעם־אַלייכעמס טעקסט, דאַרף מען האָבן אין זינען אַ וויכטיקע דעטאַל, וועגן וועלכער ס'האָבן געוווּסט די בעסטע פֿאָרגייער פֿון מיכאיִל גלייזערן, אַזעלכע, ווי טאַנכום קאַפּלאַן און זינאָווי טאָלקאַטשאָוו.

דער שטייגער פונעם טכום־האמוישעוודיקן שטעטל, מיטן שרעקלעכן דאלעס פון די ייִדישע האָרעפּאשניקעס, דער נימעסדיקער קיִעם פון די קליין־הענדלער, שאדכאָנים, מעקלער, כאזאָנים, מעלאמדים — דאָס אלץ האָט געשאפן דעם „אידיִאָטיזם פונעם קיִעם", וועלכער פלעגט צומאָל מאכן די מענטשן אזוי אָרעם, אז זיי האָבן אפילע ניט געפילט זייער אָרעמקײַט. ער האָט געצווונגען די ייִדישע יוגנט אנטלויפן אין די גרעסערע שטעט, זיך מאקריוו זײַן דער לערע, דער וויסנשאפט, דער קונסט. פון דער צווייטער זײַט האָט זיך דער דאָזיקער „אידיִאָטיזם פון קיִעם" אויסגעדריקט אינעם קליינבירגערלעכן שטייגער פון די שטעטלשע „ראָטשילדן" — סאָכרים און פּראָצענטניקעס, אינעם פאנאטיזם פון צאדיקים, פון ייִדישע קלייקוידעש.

אינעם לעבן פון דער האָרעפּאשנער עקספּלואטירטער אָרעמשאפט האָט דער דאָזיקער שטייגער געהאט אויך זײַן אינערלעכן אספּעקט: אייגענע צוועקמעסיקײַט, טראדיציִאָנעלע העמשעכדיקײַט. לעסאָף האָט געלעבט א נאציִאָנאלער כאראקטער, דער לעבנס־קויעך פונעם פאָלק, וואָס איז בעמעשעך פון יאָרהונדערטער אונטערדריקט און געטריבן געוואָרן.

עס זײַנען געווען סײַ אין דער ליטעראטור, סײַ אין דער מאָלערײַ פרוּוון זיך צו באגרענעצן בלויז מיט דער אויסערלעכער, ריין סאָציִאל־עקאָנאָמישער זײַט פון דעם איניען. אלגעמיינע סאָציִאל־עקאָנאָמישע געזעצמעסיקײַטן זײַנען אבי־ווי אָנגעטאָן געוואָרן אין נאציִאָנאלע מאלבושים, מע האָט זיי געפּרוּווט אויסדריקן און אָפּמאָלן דורך ספּעציפיש־נאציִאָנאלע רעאליעס און סיטואציעס. נאָר די פאָלקס־נעשאָמע פלעגט אין אזעלכע טעקסטן און אָפּמאָלונגען שפּורלאָז נעלעם ווערן, ווײַל עס איז איגנאָרירט געוואָרן, אויב ניט דאָס איקערדיקע. איז, יעדנפאלס, דאָס אָף אזויפיל וויכטיקע, אז אָן דעם פלעגט פארשווינדן דער גײַסטיקער טאָך פונעם בילד: מע פלעגט פארגעסן, אז אין אָט דעם דאָזיקן מיִעסן און אָרעמען שטייגער האָבן געלעבט מענטשן, וואָס טראָץ אלץ האָבן זיי טאקע געלעבט: ליב געהאט, געפרייט זיך, געליטן, געבוירן און דערצויגן קינדער, געשטרעבט צו מענטשלעכע אידעאלן.

גראדע דערפאר זײַנען פול מיט אזא אומעט און ליבע שאָלעם־אלייכעמס ווערק — ער האָט זייער גוט פארשטאנען און געפילט די ווידערשפּרעכלעכע אינערלעכע גאנצקײַט פונעם שטייגער, וועלכן ער האָט באשריבן.

אין מ. גלייזערס ווערק איז די דאָזיקע גאנצקײַט פארקערפּערט אָרגאניש, דורך וווּנדערלעך פּאָשעטע און לאקאָנישע מיטלען. אָט איז איינער פון די טיפּישע העלדן פונעם שרײַבער — אן אידעאליסט, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון ווײַטע נעסיִעס, און זיי האָבן אים ניט געבראכט נישט קיין רײַכקײַט, נישט קיין מאזל. ער איז א מאָגערער, אן אָפּגעריסענער, נאָר ווי שטאָלץ און באגײַסטערט האלט ער, ווי פריִער, זײַן קאָפּ מיט דער פליִענדיקער שעוועליורע!

און אָט — אין א שטילן אָפּדערנאכט שטעלט א פרוי אָפן טיש דעם סאמאָוואר; אָט — פונקט בא אזא טיש ווערט געלייענט א בריוו פון א ווײַטן קאנט; פרויען הענגען פאנאנדער וועש; א שטילער שפּאציר פון צוויי זקיינים, וועלכע האָבן זיך אזוי צונויפגעוואקסן איינער מיטן אנדערן, אז אפילע די סילועטן זייערע, דאכט זיך, כאזערן זיך איבער; די מאָדנע ארכיטעקטור פון א סאך מאָל דערבויטע און איבערגעבויטע הײַזקעס, אן אלטע קוזניע, פונקט אזא, ווי די, וועלכע זײַנען אמאָל געשטאנען אין הונדערטער אוקראִינישע און מאָלדאווישע דערפער...

עס האָט זיך צונויפגעבונדן די אָפּלייקענונג פון אלעם אָפּגעשטאנענעם אינעם אלטן ייִדישן שטייגער מיט דער באשטעטיקונג פון דעם קלוגן און מענטשלעכן, וואָס לעבט טאָמיד אין א באליביק פאָלק, דאָס באשטעטיקן ניט קיין קינסטלעכס און אויסערלעכס, נאָר אזוינס, וואָס וואקסט ארויס פון אינעווייניק, פונעם פאָלקס־שטייגער און פון דעם פאָלקס־באוווסטזײַן. בלויז אזוי האָט מען געקאָנט שאפן א וואָרהאפטיקע און א גאנצע וויזועלע ריי, וואָס זאָל זײַן אידייִש און עמאָציִאָנעל פול, ווי די וועלט פון שאָלעם־אלייכעמס פּראָזע.

דער קינסטלער איז צוגעגאנגען צו דער אויפגאבע פון פארשיידענע זײַטן, נוצנדיק פארשיידענע קינסטלערישע מיטלען. ער ארבעט מיטן קויל, טעמפּערע, אייל, שאפט לינאָגראוויורן און ליטאָגראפיעס, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, לויט אן אייגענער אָריגינעלער טעכנאָלאָגיע.

מ. גלייזער איז א גוטער צייכענער. אָבער בלויז אין זײַנע פריִיקע ארבעטן האָט דער דאָזיקער שטריך אן אקאדעמישע שאטירונג. גלייזערס פריִע פּאָרטרעטן זײַנען, אלפּי־קלאל, נאקעט־קאָנסטרוקטיוו, די בויגנס צו מיכאִיל זאָשטשענקאָס ווערק. פולע מיט זאָשטשענקאָס גראָטעסק, זײַנען אָנגעמאָלט מיט א פעסטן, זיכערן קאָנטור.

אין די סעריעס ארבעטן לויט די ווערק פון שאָלעם־אלייכעמען און ג. קאנאָוויטשן דערמאָנט די צייכענונג אן אוראלט ייִדיש געזאנג, וואָס פאָלגט נאָך געהאָרכזאם ניט בלויז דעם ניגן, נאָר אויך די שאטירונגען, ניואנסן. פונקט ווי אין דער מיזרעך־מעלאָס, איז דער ריטם פון מ. גלייזערס צייכענונג פליסיק, און די קלוימערשטיקע „ניט ריכטיקײַטן", דאָס ברעכן די פּראָפּאָרציעס און פּערספּעקטיוו — דאָס אלץ זײַנען בלויז אָבערטאָנען און עמאָציִאָנעלע פארשטארקערס פונעם איקערדיקן מאָלערישן ניגן.

מ. גלייזער איז אפילע נאָך קיין פערציק יאָר ניט אלט. פאר א קינסטלער איז דאָס — די יוגנט. אכוץ דער באגאבונג און דער אייגנארטיקײַט, אנטהאלט זײַן שאפונג אין זיך איינעם א זייער וויכטיקן שטריך: אין אלץ, וואָס ער טוט, איז פאראן א פארענדיקטקײַט פונעם פארטראכט, נאָר ס'איז ניטאָ קיין פארענדיקטקײַט פונעם טאלאנט. זײַנע ארבעטן זײַנען פול מיט אינערלעכער אָנשטרענגונג, מיט וווּקס־פּאָטענץ, פון יעדער ארבעט קוקן ארויס שפּראָצלינגען פון נײַע מעגלעכקײַטן.

קינסטלער מיכאיל גלייזער. קיעוו

געמעלן לויט די מאָטיוון
פון שאָלעם-אַלייכעמס ווערק

„א מוידאָע"

„א געשלעג"



„טעוויע דער מילכיקער"

„טעוויע דער מילכיקער“

„מענאכעם־מענדל"

בא דעם ווײַבס קרויווים



שיינע־שיינדלס בריוו

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס

שיפרע כאָלאָדענקאָ

(1974 — 1909)

הענעך שוועדיק

(1943 — 1914)

ש י פ ר ע כ אָ ל אָ ד ע נ ק אָ

* * *

לידער פונעם לעצטן העפט

* * *

ס'איז עפּעס אַזעלכעס פאַראַן אינעם האַרבסט,
אין אַלץ, וואָס עס וועלקט, און אין דעם,
וואָס עס שטאַרבט,
און ס'מעג זײַן אַ גוואַלדיקער רעגן, אַ גוס,
עס טרײַבט מיך אין דרויסן — אַרויסגיין
איך מוז.
זי ציט מיך מיט צוואַנגען, די האַרבסטיקע
וועלט,
און בײַזײַן איך דאַרף, ווען זי צאַנקט,
ווען זי וועלקט.
איר יעטווידע רויטלעכע, געלבלעכע בלאַט
די צעלן פון האַרצן מאַכט מונטער און זאַט.

* * *

ווען דערלעבן כ'וועל צום קומענדיקן פרילינג,
ווייס איך שוין, וואָס איך וועל דעמלט טאָן:
כ'וועל באַזוכן אַלע אָוונטן אין פּריצע,
אין דער נאַכט און אינעם טאָג וועל זײַן
פאַרטאָן,
דער געשאַנק אומזיסט זאָל ניט פאַרגיין —
בלײַבן זאָל אַ שפּור אין מײַן געביין...

* * *

ס׳וועט עפשער גאָר פּלוצעם געשען,
און איך וועל פון דעם שוין ניט וויסן,
כ׳וועל אופהערן הערן און זען,
דאָס בלוט מײַנס וועט אופהערן פליסן.

ס׳וועט עפשער גאָר פּלוצעם געשען —
בייס עפּעס א קער אומדערוואַרט,
און אָן א פאַרוואָס און פאַרווען
וועט ווערן פון טאָג מײַנעם נאַכט.

אנטרינען אין מיר וועט דער ברען,
פון ליבע די ציט׳ריקע טפילע...
ס׳וועט עפשער גאָר פּלוצעם געשען —
און איך וועל ניט וויסן אפילע...

* * *

איך האָב זיך אופגעכאַפּט באַנאַכט —
דער ווינט האָט מיר א גרוס געבראַכט
פון יענעם ווײַטן ליבן פעלד,
ווו כ׳האָב מײַן ערשטן טראָט געשטעלט
און וואַקלענדיק געפּרווט זיך גיין...
נאָר פּלוצעם... כ׳קאָן עס ניט פאַרשטיין:
ניטאָ דאָס פעלד — קיין בלום, קיין זאַנג,
פאַרוואָס זשע טוט אַזוי מיר באַנג,
וואָס כ׳האָב אמאָל דאָס פעלד פאַרלאָזט
מיט ערשטן בלי, מיט ערשטן פראָסט,
מיט ערשטן רעגן, ערשטן שניי, —
און ס׳שמאַכט דאָס האַרץ, און ס׳טוט מיר וויי...

* * *

איך ווייס: כ׳וועל פאַרלאָזן די וועלט,
נאָר איך וועל ניט ווערן פאַרלאָזט:
אַט דאָרט, ווו מײַן פוס כ׳האָב געשטעלט,
עס וועט זיך צעוואַקסן דאָס גראָז.
עס וועט זיך צעבליִען דער בוים,
וואָס כ׳האָב אים פאַרזעצט בא מײַן הויז,
די הענט וועט ער שטרעקן אין רוים —
אַף מיר עפשער קוקט ער אַרויס?

* * *

איך פיל זיך שטענדיק, ווי אין וועג,
מיר דוכט, אַז ערגעץ פאָר איך,
צי עפשער שווים איך צו א ברעג, —
ס׳איז ביז אהער ניט קלאָר מיר.
צי נאָענט איז, צי ווײַט דער ציל,
נאָר גוט צו אים איז שטרעבן.
קאָן זײַן, אַז אָט אָ-דער געפיל
הייסט פּראָסט און פּאָשעט — לעבן!

* * *

אָן א טערעץ, אָן א סיבע,
דאַכט זיך, פון דער העלער הויט
בענקט דאָס האַרץ און בענקט נאָך ליבע
מערער אָפטמאָל, ווי נאָך ברויט.
און דערצו נאָך לעכצט דאָס האַרץ דײַנס
נאָך דעם פרײַנט, וואָס שוין פון לאַנג
ליגט פאַרשטאַרט אין ערד אין האַרטער...
און עס טראָגט דיך דער געדאַנק:
ס׳קאָן דאָך טרעפן — ווער קאָן וויסן
(קיינער איז דאָרט ניט געווען) —
ס׳איז דער פאָדעם ניט צעריסן,
כ׳וועל אים נאָך אמאָל דערזען.

* * *

אָ, ווי איך וועל זיך דערפרייען!
כ׳וועל אים פאַלן אפן האַלדז,
ווי מיר גייען, ווי מיר שטייען,
כ׳וועל דערציילן אים פון אַלץ.
און מיט ווערטער לויטער-קלאָרע
כ׳וועל אים געבן צו פאַרשטיין,
ווי ס׳איז גרויס געווען מײַן צאָרע,
ווען איך בין געווען אַליין.
ווי אין אומקלאָרע מאַכשאָוועס
ס׳האָט געדוכט ניט איינמאָל מיר:
ס׳איז די מײַסע א קאַטאָוועס —
אָט-אָ שטייט ער בא מײַן טיר...

* * *

וואָס מערער איך דעראָבער,
אַלץ מערער איז מיר קאַרג,
נאָר ניט באמערקט כ׳האָב אָבער,
ווי שיין עס איז מײַן פּאַרק.
בא מיר הינטער דעם פענצטער
מ׳האָט אים פון לאַנג פאַרזעצט,
געווען בין איך פאַרפינצטערט —
און כ׳האָב אים ניט געשעצט.
געדוכט, אז ער איז שיטער,
אמאָל — אויך צו געדיכט...
נאָר מיר געוואָרן ביטער
איז פּלוצעם אומגעריכט:

כ׳בין איינמאָל נאָך א רעגן
דאָרט דורכגעגאַן פאַרבײַ —
און פאַר א האַלבער רעגע
דערזען דעם פּאַרק אפסנײַ.
ווי שיין די ביימער בלי̈ען
און עטעמען אַף מיר,
דאָס גראָז איז ביז די קני, און
דאָס אַלץ איז בא מײַן טיר.
פאַרזען כ׳האָב מײַנע ווערטן,
פון בלינדע בין איך בלינד, —
עס טרעפט, אז מע באמערקט ניט,
ווי ס׳וואַקסט אַן אייגן קינד...

* * *

ווען ניט דער מוירעדיקער רעגן,
וואָס האָט מיך אָנגעיאָגט אין גאַס,
כ׳וואָלט ניט געוווּסט דעם פאַרגעניגן
פון ווערן אויסגעווייקט און נאַס.
כ׳האָב ניט געוואָלט פון אים זיך היטן,
אַנטקעגן שטראָם געגאַן כ׳בין גלײַך.
דער רעגן שמײַסט — און איך אינמיטן,
איך שווים אין ווונדערלעכן טײַך.
אָט דאָס אַליין איז שוין ניט ווייניק —
אין הימל-וואַסער זײַן פאַרוועבט:
כ׳בין מיט דער גאַנצער וועלט פאַרייניקט,
מיט אַלץ, וואָס אָטעמט און וואָס לעבט!

* * *

עס האָט באַם האַרצן מיך געטאָן א שניט,
און כ׳האָב אין כאָלעם גלײַך זיך אָנגעשטויסן:
עס האָט דער סאָד באַדעקט זיך שוין מיט צוויט,
עס האָבן זיך צעבליט אין סאָד די רויזן.
אין פענצטער קלאַפּט מיר אָן א גרינער קוסט,
ער קלאַפּט און קלאַפּט און קאָן מיך ניט דערוועקן:
דער ערשטער וועגן ווונדער זיך דערוווּסט,
ער וויל דעם סאָד אין כאָלעם מיר אַנטפּלעקן...

הענעך שוועדיק

צו דער ליכטיקער הייך

* * *

האָסט ווען געזען א פעלד פון קאָרן
אין ווייכן יולי־אפדערנאכט? —
עס שטייען זאנגען שלאנק און דין,
די זון איז אָן א קלאנג פארגאנגען.
באוווּנדערסט שטיל דאָס פעלד פון קאָרן —
ווי שיין, ווי פייַערלעך־פארטראכט!
נאָר פלוצלינג כאפט זיך אוף א ווינט
און ס׳נעמען שעפטשען זיך די זאנגען...

* * *

האָסטו געזען א יאם פון קאָרן —
א יאם פון קאָרן אין א ווינט? —
דאָס קאָרן כוואליעט זיך און יאָגט,
ווי זאָלסט דייַן דאָרשטיק אויג ניט ווענדן.
דו טו זיך נאָר א וואָרף אין קאָרן,
וועט דיך א כאפ טאָן ווי א קינד,
און וועסט נאָר פילן ווי דיך טראָגט
צום האָריזאָנט, צו בלויע ענדן...

* * *

נאכט. סארא בלויקייַט. געוויס זייַנען איצטער
אלע פאָעטן וואך,
קיינמאָל אין לעבן האָב איך ניט געזען נאָך
אזא מין שיינע נאכט.

עזראַ פינינבערג

* * *

„איך גלייב אין אונדזער ענדגילטיקן זיג"

דעם 11־טן אָקטיאבער 1942 איז געפאלן אפן שלאכטפעלד דער סאָוועטישער ייִדישער דיכטער הענעך שוועדיק. שוועדיק האָט געהערט צו דער גרופּע יונגע ייִדישע באגאבטע וואָרט־קינסטלער אין ווייַסרוסלאנד, וואָס זייַנען ארייַנגעטראָטן אין אונדזער ליטעראטור און זייַנען דיכטעריש אויסגעוואקסן אין די יאָרן 1930—1940. הייַנט געהערט שוועדיק צום צעטל פון אונדזערע דיכטער קריגסלייַט, וואָס האָבן זייער לעבן אוועקגעגעבן אינעם קאמף פונעם סאָוועטישן לאנד און זייַנען העלדיש געפאלן אין שלאכט פארן ניצאָכן, פארן גליק פונעם סאָוועטישן פאָלק. הייַנט געהערט שוועדיק צום ווייטעקדיק־טייַערן, בלוטיק־אייגענעם צעטל פון אונדזערע דיכטער־העלדן, צו יענעם צעטל, וואָס אין זייַן אָנהייב שטייט דער נאָמען אָשער שווארצמאן.

זומער 1932, ווען איך בין געקומען אף ליטערארישע אָוונטן אין דער שטאָט באָברויסק, איז צו מיר אין האָטעל געקומען מיט לידער אן 18־יאָריק באָכערל מיט בלוי־גרויע אויגן.

...אייביק בלוי ביסטו, אָזערע,
אייביק בלוי,
און מייַנע אויגן בייַטן זיך
פון בלוי אף גרוי...
(ה. שוועדיק, „בא דער אָזערע")

צו די סאָוועטישע שרייַבער, אין אלע שטעט, וווּהין זיי פלעגן קומען אף פאָרלעזונגען, פלעגן קומען יונגע באָכערימלעך מיט העפטלעך לידער. ס׳האָט שטענדיק געפרייט די פארבינדונג פון דער יוגנט מיטן סאָוועטישן דיכטערישן וואָרט, זייער יונגע היציקייַט, זייערע אלץ־באלעבנדיקע, אלץ דערהויבנדיקע פרישקייַט און מונטערקייַט. דער יונגער שוועדיק האָט מיך דערפרייט מיט זייַן שארפן נייַ־

פייגעלעך-צוויטשערלעך שלאָפן אין נעסטן,
א באבעלע שלאָפט אף א בלום.
שטיל, אז דעם שלאָף אירן כ'זאָל ניט
צעשטערן,
אף די שפּיץ פינגער כ'גיי אום.

שטייענדיק שלאָפן אין סאָד אלע ביימער,
די קוסטעס באם פּלויט און דאָס גראָז,
און בלויז ווען-ניט-ווען
פונעם שלאָף רעדט א צווייַגל —
מע קען ניט פארשטיין וועגן וואָס.

וואָס קאָן עס דער סאָד איצטער זען אינעם
כאָלעם?
(זייַן שלאָף אזוי צארט איז און ווייך) —
ס'קאָן זייַן, אז ער האָט זיך פון אָרט אָפּגעריסן
און פליט צו דער ליכטיקער הייך...

אך, וואָלט עס שיין געווען! איך בין געבליבן
שטיין איבעראשט און געטראכט:
פייַערלעך, לאנגזאם, א שיינער א גרינער
טראָגט זיך דער סאָד אין דער נאכט...

אין דער שטאָט ביראָבידזשאן

ווי אין דער הייך א בארג-שפּיץ א פארשנייטער,
האָב איך הייַנט בענקענדיק זיך שטיל פארטראכט:
ביראָבידזשאן אין בלויע שנייען גייט אוף —
נאכט.
באם ראנד פון האָריזאָנט — פארקלערטע בלויע סאָפּקעס
שטייען, אויסגעשליפענע פון גלאטן, קאלטן שטאָל.
און שטיל ארום.
בלויז טיף אין טייַגע שווערע בערן כראָפּען,
און זומערדיקע וועלדער זעען זיי אין כאָלעם.
די ביימער שטייען איצט פארמאטערט, קאלט,
זיי זייַנען מיד פון אייביק שטיין
די צווייַגן-הענט אראָפּגעוויגן.
יאָרן הונדערטער געשטאנען איז דער טייַגע-וואלד
גייוועדיק,
די קני פאר קיינעם ניט געבויגן.
און איצט — אין גרויסער, פייַערלעכער ווינטער-נאכט
אף בלויער שנייען-ברייט, ווו ס'שפּיגלען זיך די שטערן, —

גער צום לעבן און צו קונסט, מיט זייַן פאָלקס-פרייד, מיט זייַן רייַנקוועלנדיקער לעבנס-לוסט, מיט זייַן פארליבטקייַט אין דער סאָוועטישער דיכטונג.

אין שווערדיקס דעמלטיקע לידער האָט מיך דערפרייט דער אָנזאָג אף שפּעטערדיקער אייגנארט, די אָנגעשטרענגטע זוכעניש פון אן אייגענעם, אויסגעשפּראָכן-אייגענעם גאנג. אינעם גרויסן ייִדישן ייִשעוו באָברויסק, וואָס איז פארטאָן געווען אין בויונג, בויונג, בויונג, האָבן מיר דאן געשפּאנט מיט שווערדיקן פון זאוואָד צו זאוואָד, פון פאבריק צו פאבריק. מיר זייַנען געווען אויך בא דעם טייַך בערעזינא. איך געדענק מייַנע דעמלטיקע געדאנקען בייסן שפּאציר לעבן דער בערעזינא: די פארגאנגענהייַט — נאפּאָלעאָנס כאַיאָלעס יאָגן צוריק פון מאָסקווע צענעריקטע, צעמיימעסטע אריבער דער בערעזינא. די צוקונפט: דער גרויסער וועלט-וועג פון רוסלאנד, פון אונדזער היימלאנד, דער גרויסער וועג פון דער סאָוועטישער ליטעראטור. די צוקונפט — טיף בלויע אויגן פון יונגע סאָוועטישע דיכטער.

עס זייַנען געגאנגען יאָרן. קומענדיק פון צייַט צו צייַט קיין מינסק, פלעג איך טרעפן די ווייַסרוסישע ייִדישע דיכטער אלץ מער און מער אויסגעוואקסן. צווישן זיי — שווערדיקן. שווערדיק איז דיכטעריש בוילעטער, אייגנארטיקער, שטארקער געוואָרן. אין 1939 יאָר האָט שווערדיק אָפּגעדרוקט אין מינסקער זשורנאל „שטערן" (נומער 8) א ציקל יאַם-לידער, וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער פארגאנצטקייַט, בילדערישקייַט, געפילן-טיפקייַט, קאָלירן-רייַכקייַט, באזונדערס מיט זייער עכטער, פייַנזינגעווודיקער ליבשאפט צו אונדזער היים.

...איך זינג צו דעם לאנד,
וואָס אף דער־זייַט יאַם,
צום פארביקן רעגנבויגן,
צום לידער־לאנד, צום סאָוועטנפארבאנד,
צום ליכט פון מייַנע אויגן...

אין שווערדיקס יאַם-לידער און אויך אינעם ציקל לידער, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אינעם זשורנאל „שטערן" א קורצע צייַט פאר דער מילכאָמע, האָט זיך אף אן אייגנארטיקן אויפן אויסגעדריקט דער היימיש — מוישע-לייביש — מאיאקאָווסקישער איראָ-

די טײַגע קניט,
די טײַגע פאַלט,
די טײַגע קראַכט,
פאַרשלאָפֿענע פאַרוווּנדערט שטייען אויף אין וואַלד פאַרשנייטע בערן...
זיי דערקענען ניט די אַלטע שטילע היים
(„יאַ, זומערדיקער כאַלעם, ווער האָט דיך פאַרטראָגן?"...),
פון אונטער קאָרטש עס לויפט אַרויס אַ בורונדוקעלע אַ קליינס
מיט אייגעלעך אַ פינטל,
און אין שרעק עס נעמט זיך יאָגן...
און ווי אין הייך אַ באַרג־שפּיץ אַ פאַרשנייטער
האָב איך היינט בעװנקענדיק זיך שטיל פאַרטראַכט:
די שטאָט ביראָבידזשאַן
אין מוירען און סעדער גייט אויף,
אין גרויסער שטאָט ביראָבידזשאַן איז וואַך אַ בלויע נאַכט...

ה. שוועדיק

אין איינעם א טאָג

אין אײנעם א טאָג װעל איך קומען צוגאסט
קײן ראָװנע, אָדער קײן גראָדנע,
ארומשפאצירן װעל איך אין גאס
מיט סימכע א באלאָדנער.
און פלוצלינג דערזען װעל איך דיך אומגעריכט
ערגעץ װו בײ א מויער,
אין דײנע אויגן דערקענען װעל איך
דעם אלט־באװוסטן טרויער.

דאָס פלעמל פון אײביקן נאװענאד,
װאָס ביז הײנט איז געװען איבעגעדעקט,
דעם טרויער פון פאָלק, װאָס האָט קײן הײם ניט געהאט
און געװען אין אלע לענדער.

ביװעל זען דיך, און טראכטן פון דעם װעל איך דאן
אין גראָדנע, צי ערגעץ װו אנדערש,
ארופלײגן ביװעל אט דײנע פלײצע מײן האנט:

— קום, װעל איך זאָגן, באנאנדער.
— קום, װעל איך זאָגן, א הײם איז פאראן,
דיך אױפנעמען שטענדיק א גרײטע,
פון גראָדנע ביז שטאָט ביראָבידזשאן
די ראכװעסן אירע זיך שפרײטן.

בײ זיך אין דער הײם װעסטו אױסגײן פון הײנט
אין בערג און אין װעלדער געדיכטע,
איך װעל דיך באקאנען מיט מײנעם א פרײנט,
א װעטעראן, א טײערער דיכטער.

איך װעל דיך באקענען מיט פרײנט א סאך,
אט קײנמאָל מיט זײ זיך ניט שײדן,
און ליב קריגן װעסטו פון פרײנטשאפט די שפראך
אט װעלכער מיר אלע רײדן.

די לאנדשאפט פון גרױסן סאָװעטנפארבאנד
װעט זײן דײן באליבטע לאנדשאפט,
די פעלקער־פרײנטשאפט פון לאנד ביז לאנד
װעט װערן
דײן
פרײנטשאפט.

* דעם 11־טן אָקטיאבער 1943 איז דער דיכטער ה. שװעדיק געפאלן
אין שלאכט פאר אונדזער הײמלאנד.

הענעך שוועדיקס ליד אין דער צײַטונג „אייניקייט". 13 אָקטיאבער 1945

ניש־ראָמאַנטישער געזאַנג: שאַרפזיניקער געדאַנק מיט שעמעוודיק־איידעלן געפיל, אַנגעשפּיזט־ווערטלדיק מיט מילד־צערטלענדיקן וואָרט. אין שוועדיקס לידער ערעוו מילכאָמע האָט זיך געלאָזט פילן אַ דיכטער, וואָס געפינט זײַן וועג, וואָס גייט אַרײַנטראָגן אין דער סאָוועטישער דיכטונג אַ באַדײַטנדיק, וואָגיק וואָרט, אַ וואָרט, וואָס איז פול, איבערגעפולט מיט ליבשאַפט צום סאָוועטישן לאַנד.

...זײַנען מיר, הייסט עס, אײַנגאַנצן היגע —
אין בוקאָווינע, אין ווילנע, אין ריגע,
אין בוקאָווינע, אין ווילנע, אין ריגע,
היגע מיר וועלן אומעטום זײַן,
אַזוי ווי מיר טרוימען מיט אײַך, מײַן פרײַנט...
(„אין מאָסקווע", 1940)

ס'איז געקומען די מילכאָמע. זומער 1942 איז שוועדיק אַוועק אַלס רויטאַרמייער אַפן פראָנט.

...ווי געגאַנגען זײַנען מיר דורך סאַמאַרקאַנד
צו דעם צוג, וואָס דאַרף אין שלאַכט אונדז פירן,
זײַנען מאַמעס, מאַמעס נאָכאַנאַנד
אַרויסגעגאַן פון טויערן, און פון טירן...

אָט זײַנען אויסצוגן פון בריוו, וואָס שוועדיק האָט געשריבן פון דער אַרמיי צו זײַן פרוי:

„אײַ, די מינסקער צײַטן, ווען איך פלעג פלוצלינג אויפשטיין באַנאַכט פאַרשרײַבן אַ ליד, וואָס האָט מיך רוען ניט געלאָזט. דער שרײַבטיש און עלעקטער־שײַן, און מײַן ביבליאָטעק, אײַ, מײַן ביבליאָטעק... אָבער גענוג דערמאָנונגען. אַז מע וועט פאַרניכטן היטלערן, וועט אַלץ זײַן ווי געווען..."

„איך בין מונטער, איך גלייב אין אונדזער ענדגילטיקן זיג...". „מיר פאָרן אַף מײַרעוו צו סמאָלענסקצו, נעענטער צו אונדזער צערוזשניטער היים. אין וואַגאָן איז גאַנץ פריילעך. מע זינגט, מע וויצלט זיך. איך פערזענלעך בין מאָדנע רויק, ווי איך וואָלט געפאָרן אין אַ געוויינלעכער רײַזע". „מע

דאַרף זײַן זייער שטאַרק צו קאָנען אײַנגעשפּאַרט ליב האָבן דאָס לעבן אין נאָמען פון אידעאַלן, אין נאָמען פון דער צוקונפט". „אין דאַך פון וואַגאָן קלאַפּט אַן עמעסער רוסישער רעגן. דעם ערשטן טאָג, ווען מיר זײַנען „אַרײַנגעפאָרן" אינעם רוסישן פּייזאַזש, האָט עס מיך גערירט ביז טרערן. דאָס דאָזיקע געפיל פון אַזאַ ליבע צום אייגענעם קאַנט איז פאַר מיר אַ נײַס. דורך אַ טײַערן פּרײַז איז עס צו מיר געקומען". (שוועדיק איז צום פראָנט געפאָרן פון דער עוואַקואַציע, פון מיטלאַזיע). „איך האָב שוין „אויסגעטראַכט" אַ היפּשע צאָל לידער, ווי מיר שײַנט — עמעסע לידער, אָבער אָנצושרײַבן זיי איז ניטאָ קיין מעגלעכקײַט. איך לעב מיט דער האָפענונג, אַז איך וועל זיי נאָך אָנשרײַבן... איך לעב מיט זייער אַ רײַך אינערלעך לעבן, וועגן וואָס איך זאָל ניט טראַכטן, טראַכט איך אַנדערש, ווי ביז אַהער. די בילדער, די פאַרגלײַכן, וואָס קומען מיר אין קאָפּ, קומען נאָר און נאָר אַלס רעזולטאַט פון מײַן נײַער געפילן־וועלט, דעריבער מוזן די לידער זײַן עכט...". „הײַנט איז זייער אַ שיינער סענטיאַבער־טאָג. איך זיץ און קוק, ווי עס פליען די דײַטשישע פייגעלעך. איך הער די טויט־סימפאָניע פון האַרמאַטן, קוילנוואַרפערס, מינענוואַרפערס, באָמבעלעך... איך האָב שוין באַוויזן זיך צוגעוווינען צו דעם אַלעמען, און ניט עס שטערט מײַן שלאָף, און ניט עס ווירקט אויף מײַן אַפּעטיט. הײַנט האָב איך געזען אַן אַראָפּגעשאָסענעם דײַטשישן עראָפּלאַן. פונעם עקיפּאַזש איז געבליבן אַ קופּע אַש און פון דער מאַשין — דאָס זעלבע. האַלעוויי אינגיכן פונעם גאַנצן דײַטשלאַנד, וואָס זייט טויט און אומקום אין אונדזער לאַנד...". „פון נעכטן אָן בין איך דירעקט אויפן פראָנט (דעם דײַטשעלע צו דערלאַנגען מיטן בײַטשעלע)...". „די פאָדערשטע שלאַכט־ליניע, וווּ עס געפינען זיך בלויז בלינדאַזשן, אָקאָפּן און טראַנשייען — די וווינונגען פון רויטאַרמייער. פאָרויס פון מיר איז שוין ניטאָ קיין רויטאַרמייער. דאָ הער איך די שטימען פון דײַטשן, וואָס געפינען זיך אויף זייער פאָדערשטער שלאַכט־ליניע. אַלזאָ — איך געפין זיך אויף דער סאַמע גרענעץ פון צוויי וועלטן... דאָרט, וווּ איך געפין זיך, צעלייגט מען ניט קיין שײַטער, באַנאַכט רייכערט מען ניט, מע דערוואַרעמט זיך מיט דעם אייגענעם קערפּער... אומבאַדינגט שרײַב מיר אָן, צי דו האָסט באַקומען די לידער. ס׳וועט מיר זײַן זייער אַ שאָד, אויב זיי וועלן פאַרפאַלן ווערן. נעכטן האָב איך זיי מיט פאַרקאַלייעטע פינגער געדולדיק איבערגעשריבן אַ שטיק צײַט אינעם קאַלטן בלינדאַזש... אַלס שרײַבער האָב איך אַ סאַך געוווּנען. אַז איך וועל נאָר שרײַבן, וועל איך שרײַבן גוט, ווײַל איך קען שוין זאָגן מיט זיכערקײַט, אַז איך האָב עפּעס געזען און אויף מײַן הויט דורכגעפילט...".

די לעצטע שורות זײַנען פון שוועדיקס אַ בריוו, וואָס ער האָט אָנגעשריבן דעם 7־טן אָקטיאַבער 1942. אין 4 טעג אַרום, דעם 11־טן אָקטיאַבער, האָט שוועדיקן דערהאַרגעט אַ פאַשיסטישע מינע.

אָט איז אַן אויסצוג פון אַ בריוו, וואָס עס האָט צוגעשיקט דער כאַווער טאָלסטאָוו, דער קאָמאַנדיר פון דער ראָטע קוילנוואַרפלער, וווּ שוועדיק האָט געדינט: „...ער איז געווען רויק, האָט גערעדט זיכער, פעסט. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז ער איז אַ מיטגליד פון אַלקפּ(ב), אַ מיטגליד פונעם שרײַבער־פאַריין. מיר פלעגן מיט אים לאַנג שמועסן. ער איז געווען אַ גוטער כאַווער, אַ פּאָשעטער, זיך ניט איבערגענומען מיט זײַן געבילדעטקײַט. מיר האָבן זיך מיט אים נאָענט באַקאַנט. מיר האָבן זיך, הייסט עס, באַפרײַנדעט — אַ ייִדישער שרײַבער און אַ רוסישער פּאַסטעך... באַערדיקט איז שוועדיק נעבן דאָרף דוואָיעשקי, סמאָלענסקער געגנט".

די לידער, וואָס שוועדיק האָט צוגעשיקט פונעם פראָנט, זײַנען איצט אָפּגעדרוקט אינעם מאָסקווער אַלמאַנאַך „צום זיג" — אַ שיינער ציקל פראָנט־לידער, עכטע קונסט־ווערק, פאַרבונדענע מיטן איקערשעבעיִקער — פון אונדזער פאָטערלענדישער מילכאָמע — מיטן סאָוועטישן פאָלק, וואָס באַזיגט די פאַשיסטישע מערדער.

אַ ליד וועגן אַ מאַמע, וואָס באַגלייט רויטאַרמייער אויפן פראָנט, טראָגט זיי אַרויס אַן עמער וואַסער און איר טרער טריפט אַרײַן אין עמער:

...ס׳וועט די טרער מיר לײַכט ווי אַ שטערן
און פאָרויס נאָר צילן וועט די רער,
ביז עס וועט די גאַנצע ערד ניט ווערן
ריין און ערלעך, ווי אַ מאַמעס טרער...

אַ ליד וועגן דעם געזאַנג פון אַ „זאַפּעוואַלע", וואָס דערמוטיקט די קריגסלײַט:

...הערט זיך צו, ווי די טרומייטן שאַלן,
קוקט זיך צו, ווי ס׳פלאַטערט רויט די פאָן.
ניין, ס׳איז גאָרניט, עס איז גאָרניט **ניט** פאַרפאַלן,
און דאָס לעבן, אונדזער לעבן הייבט זיך אָן.

אַ ליד וועגן פרײַנטשאַפט, וואָס וועט

...דורכגיין אַלע פלאַמען,
ווי דעם דיכטערס גרויסע ליד.
דיכטער שטאַרבן, נאָר די דיכטונג
וועט ניט שטאַרבן קיינמאָל ניט...

צאַרט־לירישע לידער וועגן „פּלוצעמדיקן קריי פון הענער אויפן סאַמע מיטן פראָנט", וועגן דער מוטער, וואָס די פאַשיסטישע מערדער האָבן דערהאַרגעט אין באָברויסק:

...בלאַס און פאַרדײַגעט און שטיל שווימט אַרויס
און פאָדערט נעקאָמע און יאָגט מיך פאָרויס
מײַן אַלטיטשקער מאַמעס פּאָנעם...

און צום שלוס — אַ ליד: „אָשער שוואַרצמאַנען":

...צי זײַן וועט מײַן סאָף ווי דײַנער, צי ניט,
נאָר ס׳ווילט זיך מיר פריִער דערשרײַבן די ליד,
די ליד, וואָס פון גאַנצענעם ליבנדן האַרצן,
אַזאַ ווי באַ דיר, מײַן האַרציקער שוואַרצמאַן...

אָט אַזוי האָט דער יונגער סאָוועטישער ייִדישער דיכטער־שלאַכטמאַן שוועדיק אויסגעהויכט אין שלאַכט זײַן לעבן, טיף־נעשאָמעדיק פאַרבינדנדיק זיך מיטן ערשטן סאָוועטישן ייִדישן דיכטער־שלאַכטמאַן — אָשער שוואַרצמאַן.

עזראָ פיניבערג האָט דאָס אַרטיקל פאַרעפנטלעכט אין דער צײַטונג „אייניקייט" נומ. 43 (103), 1944.

לייב ווילסקער

שאָלעם-אַלייכעמס ווערק אין העברעיִשע איבערזעצונגען

ניט יעדע הײַנטצײַטיקע, אפילע גאַנץ אַנטוויקלטע שפּראַך איז בעקויעך לײַכט אײַנזאַפּן אין זיך איבערזעצונגען פונעם רײַכפולן און פילבראַוויזנדיקן קוואַל פון שאָלעם-אַלייכעמס ייִדיש. וויפל שוועריקײַטן קומען אויף אינעם פּראָצעס פון זוכן אַדעקוואַטן פאַר שאָלעם-אַלייכעמס לײַכט, ווי עס דוכט זיך, אַלרעגלאַכאַס אָנגעוואָרפענע שטריכן! לאָמיר זיך באַנוגענען מיט איין בײַשפּיל, מיט שאָלעם-אַלייכעמס אַ כאַראַקטעריסטיק בלויז פון אייניקע זײַנע העלדן, און דערצו געגומענע אויסשליסלעך פון דער ייִדישער גאַס. אָט מיט וואָס פאַר אַ בעמעס גוזמעדיקן אויצער פון אייגנשאַפטס-ווערטער באַצייכנט ער זיי מיט אַן איינמאָליקן שטריך פון דער פּען! פון איין זײַט: „אָרעמע, אונטערדריקטע, דערשלאָגענע, פאַרפּינצטערטע, פאַרוויסטע, פאַרכוישעכטע, פאַרשלומפּערטע, פאַריאָגטע, אויסגעמוטשעטע, הונגעריקע, דורשטיקע, פאַרקליאַקנעטע, שטאַרק דערנידעריקטע ברידער", און פון דער צווייטער: „רײַכע, גליקלעכע, בײַכיקע, צופרידענע, אויסגערוטע, אויסגעגלעטע, זאַטיקע, אומגעלומפּערט געכאָליעוועטע, שטאַרק געפּעסטעטע נגידים", אָדער: „פאַרשיידענע מינים ברויִם, ברעכערס, טוערס, באַלטויוועס, באַל-אייצעס, גייערס, לויפערס, פירערס, קריכערס, געבערס, נעמערס און נאָך אַזוינע פײַנע בריִעס, גאָטס-באַשעפענישן".

שאָלעם-אַלייכעמס סטיל ביכלאַל און הומאָר ביפּראַט האָבן פאַר זיך ניט קיין גלײַכן, און יויצע זײַן מיט זיי אין אַן איבערזעצונג איז ניט אַזוי פּאָשעט.

מייער ווינער האָט געשריבן: „שאָלעם-אַלייכעמס הומאָר איז אַן אייגנאַרטיקער אויסדרוק פון טיפער, באַדאַכטזאַמער און שיינער קלוגשאַפט פונעם פאָלק" (מ. ווינער, וועגן שאָלעם-אַלייכעמס הומאָר, מאָסקווע, 1941, ז. 7).

מע דאַרף גלײַך זיך באַפרײַען פון אַן איליוזיע, אַז איבערזעצן שאָלעם-אַלייכעמס ווערק אין העברעיִש איז קלוימערשט לײַכטער, איידער אַף אַן אַנדער שפּראַך. גיכער — פאַרקערט. אַלנפאַלס, אַזאַ געדאַנק קומט אויף, ווען מע פּרוּווט נאָכפאָלגן און אַנאַליזירן שאָלעם-אַלייכעמס ליטעראַרישע טעטיקײַט גופע אַף ביידע שפּראַכן, ווי אויך דעם איבערזעצונגס-פּראָצעס אין העברעיִש ביז הײַנט-צו-טאָג שאָלעם-אַלייכעמס ווערק פון ייִדיש.

שרײַבן האָט שאָלעם-אַלייכעם אָנגעהויבן לעכאַטכילע אין העברעיִש אַרום 1879. אין „המליץ" („האַמייליץ") האָט ער אָפּגעדרוקט עטלעכע דערציילונגען אונטערן טיטל: תמונות וצללים מחיי היהודים במאזפבקה („בילדער און שאָטנס פונעם ייִדישן לעבן אין מאַזעפּעווקע"), וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַ מין פּראָטאָטיפּ פון זײַנע שפּעטערדיקע שאַפונגען אין ייִדיש וועגן קאַסרילעווקע. אין 1892—1893 האָט ער אין זעלבן „המליץ" צוזאַמען מיט י.־כ. ראַווניצקין (1859—1944) פאַרעפנטלעכט אַ סעריע פעליעטאָנען אונטער די פּסעוודאָנימען „אלדד ומידד" (עלדאַד און מיידאַד — נעמען פון צוויי פּערסאָנאַזשן, אַף וועלכע ס'האָט, לויטן כּרמעש, גערוט דער הייליקער גײַסט פון נעוויִעס. עלדאַד איז געווען דער פּסעוודאָנים פון שאָלעם-אַלייכעמען). ער האָט זיך אויך געדרוקט אין אַנדערע אויסגאַבעס: אין „הצפירה" („פרימאָרגן"), „בית עקד" („ביבליאָטעק"), „הדור" („דער דאָר") און אַנדערע. זײַנע העברעיִשע קסאָווים זײַנען אָבער אַלע צוזאַמען ניט אין מינדסטן פאַרגלײַך סײַ אין צאָל, סײַ אין קוואַליטעט מיט זײַנע ווערק, פאַרפאַסטע אין ייִדיש.

ווי באַוווּסט, האָט שאָלעם-אַלייכעם פאַרעפנטלעכט זײַן ערשטע דערציילונג „צוויי שטיינער" אין ייִדיש אין „ייִדישן פאָלקסבלאַט" אין 1883. די וואַרעמע אָפּרופן פון דער פּרעסע און פון די לייענער האָבן אים גלײַך איבערצײַגט, אַז ייִדיש איז די שפּראַך, אַף וועלכער ער דאַרף ווײַטער שרײַבן, אַז ייִדיש אַנטפּלעקט פאַר אים בעסערע מעגלעכקײַטן פאַר רעאַליזירן זײַנע שעפערישע פּלענער, איידער העברעיִש. אָט וואָס ער האָט געשריבן אין 1884:

„אַז אונדזער זשאַרגאָן האָט אין זיך מער שטאָף צו דער סאַטירע (לייצאָנעס) אַלס אַנדערע שפּראַך; דאַמיט האָט ער צו דאַנקען דער טעכניק פון דער שפּראַכע: מיט אַ קנייטשעלע אין דער זײַט, מיט אַ „מאמר המוסגר" (אין קלאַמערן אײַנגעשלאָסענער זאַץ. — ל. וו.), מיט אַ נאָמען, מיט אַ קליין שטרעכעלע ווערט שוין די פּראָזע סאַטיריש און

רופט ארויס א שמייכל באם לעזער ניט ווילנדיק; און ווער שמועסט, אז מע קאָן נאָך נאָכמאכן יעדן מענטשן מיט זײַן לאָשן (יעדער ייִד קימאט האָט זיך זײַן לאָשן) און מיט דער זשעסטיקוליאציע (מאכן מיט די הענט, מיט די פיס מיט די פלייצעס בעשאס ריידן)...” (ציטירט לויט מ. ווינער, וועגן שאָלעם־אלייכעמס הומאָר, מאָסקווע, 1941, ז. 21).

פון דאן אָן האָט שאָלעם־אלייכעם ניט אופגעהערט צו שרײַבן אף ייִדיש. ער האָט אויך דערווידערט אריבערצוגיין שרײַבן זײַנע ווערק אף העברעיִש, ניט געקוקט דערויף, וואָס פיל ליטעראטאָרן האָבן אים דאָס פאָרגעלייגט.

כ.־נ. ביאליק (1873—1934) האָט אין א בריוו פונעם 14 יאנואר 1904 מיטגעטיילט שאָלעם־אלייכעמען, אז י.־ל. פערעץ האָט געגעבן זײַן האסקאָמע צושיקן זײַנע א דראמע פארן העברעיִשן זשורנאל „השלוח” („האשילואך”), אין וועלכן ביאליק איז נאָמינירט געוואָרן אלס רעדאקטאָר פונעם בעלעטריסטישן טייל. איינצײַטיק האָט ער זיך געווענדט צו שאָלעם־אלייכעמען מיט א פאָרשלאָג, ער זאָל „האלטן אין איין שרײַבן פארן זשורנאל און דאפקע אין העברעיִש”. ביאליק האָט מאָטיווירט זײַן פאָרשלאָג אזוי: „וויסן זאָלט איר, שאָלעם־אלייכעם, אז צײַטנווײַז טוט מיר זייער באנג, וואָס איר שרײַבט ניט העברעיִש. בא אונדז איז פאראן בלויז איין „שאָלעם־אלייכעם” אף גאָר דער וועלט, און כ׳וואָלט זייער שטארק וועלן, אז זײַן כיילעק אין אוילעמהאבע זאָל זײַן אדאנק דער העברעיִשער ליטעראטור. און ווער נאָך מער פון אײַך האָט רעכט צו פאָדערן אוילעמהאבע? ווער נאָך, איידער איר, האָט מיט אזא גרויסער מײַסטערשאפט געשילדערט אונדזער וואָרהאפטיק און ניט אויסגעדאכט לעבן, אונדזער לעבן הײַנט, און ניט דאָס, וואָס עס איז פאָריבער און באָטל געוואָרן, אָדער דאָס, וואָס דערווארט זיך ערשט אין דער צוקונפט?!” (ביאליק, אגרות (בריוו), ב. 1, ז. 203).

שאָלעם־אלייכעמס אָפזאָגן זיך פון פאָרזעצן שרײַבן זײַנע ווערק אין העברעיִש דארף ניט פאלש פארשטאנען ווערן, אז זײַן העברעיִשער סטיל איז קלוימערשט געווען שוואכער, איידער דער ייִדישער. אָט וואָס עס דערציילט י. ד. בערקאָוויטש און וואָס עס האָט דירעקט א שײַכעס צום דאָזיקן איניען.

„בעשאס שאָלעם־אלייכעם האָט אָפגעדרוקט אינעם „הדור” זײַן העברעיִשע איבערזעצונג פון „ראבטשיק” („הברבר החצרוני”), האָבן די קיִעווער מאסקילים גערעדט צווישן זיך, אז די איבערזעצונג האָט מיסטאמע געמאכט דער רעדאקטאָר פרישמאן (1859—1922), ניט שאָלעם־אלייכעם אליין. דערויף האָט פרישמאן געשריבן צו שאָלעם־אלייכעמען: „די קיִעווער געלערנטע האָבן מיר געמאכט א שפאס, וואָס זיי שרײַבן מיר צו די שפראך און דעם סטיל פון אײַער דערציילונג „הברבר החצרוני”. וואָלט איר געקאָנט אזוי שרײַבן זשארגאָן, ווי איר שרײַבט העברעיִש, וואָלטן די זשארגאָניסטן געמעגט זיך פרייען. נאָך מײַן פערזענלעכער מיינונג, זײַט איר ניט קיין זשארגאָניסט, נאָר א העברעיער. לייענענדיק אײַער „הברבר”, האָב איך מיך ניט אזוי געוווּנדערט אף אײַער שפראך, ווי איך האָב מיך געוווּנדערט אף אײַער סטיל, און ביפראט אז איך האָב געוווּסט, אז איר פארנעמט זיך אצינד ביכלאל ניט מיט שרײַבן העברעיִש” (די געשריבענע בריוו אין העברעיִש גיבן מיר אין דער איבערזעצונג אין ייִדיש. זע: „דאָס שלום־עליכם בוך”, ניו־יאָרק, 1958, ז. 162).

די פראָבלעם פון איבערזעצן שאָלעם־אלייכעמס ווערק פון ייִדיש האָט זיך טאקע ארויסגעוויזן ניט פון די לײַכטסטע ארבעטן אויך פאר די, כ׳וואָלט זאָגן, סאמע גלענצנדע העברעיִשע שרײַבער־איבערזעצער. „און ווען עס האָבן געפרוווט פיל און פארשיידענע העברעיִשע שרײַבער, — טיילט מיט דער גוט־באהאוונטער ליטעראטור־פאָרשער און ביבליאָגראף ג. קרעסעל, — אין אָנהייב פונעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט איבערזעצן שאָלעם־אלייכעמס ווערק אין העברעיִש, האָבן די איבערזעצונגען ניט באפרידיקט שאָלעם־אלייכעמען אויך נאָך דעם, ווי ביאליק האָט זיי געלויבט...” אן אויסנאם זײַנען געווען בלויז די איבערזעצונגען פון י. ד. בערקאָוויטשן, וועלכע האָבן זויכע געווען, אזוי צו זאָגן, פון שאָלעם־אלייכעמס „סמיכעס”.

שאָלעם־אלייכעם האָט געשריבן אף דער לעבעדיקער שפראך. פיל פון זײַנע העלדן האָבן קיין איין ריכטיקן זאץ ניט געקענט צונויפשטעלן אף אן אנדער שפראך, אויסער ייִדיש. ווען בא שאָלעם־אלייכעמען איז ווען־עס־איז אנטשטאנען א סאָפעק, וויאזוי אין דער אָדער אנדערער סיטואציע דארף זיך אויסדריקן פלויני־אלמויני, דער און יענער, האָט ער שטענדיק געהאט א מעגלעכקײַט באקומען א געהעריקע „קאָנסולטאציע” בא זײַנע לעבעדיקע העלדן, וועלכע האָבן אין א געוויסער מאָס געשפילט די ראָליע פון זײַנע „מיטאווטאָרס”. דערפאר אויך איבערזעצן שאָלעם־אלייכעמען ווי געהעריק קאָן מען אין בעסטן פאל בלויז אף אזא לעבעדיקער מאסן־שפראך, ווי עס איז געווען ייִדיש אין שאָלעם־אלייכעמס צײַטן.

ארויסגייענדיק פונעם דאָזיקן שטאנדפונקט, קאָן מען זיך פאָרשטעלן, וואָס פאר א ווירטואָזישקײַט עס האָט זיך געפאָדערט פון י. ד. בערקאָוויטשן, וועלכער האָט אין די ערשטע יאָרן פונעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט אָנגעהויבן איבערזעצן שאָלעם־אלייכעמען אף העברעיִש, וואָס האָט ניט פאָרגעשטעלט מיט זיך קיין לעבעדיקע מאסן־שפראך העכער זיבעצן יאָרהונדערטער.

י. ד. בערקאָוויטש (1885—1967) איז, ווי געזאָגט, ניט געווען דער ערשטער איבערזעצער פון שאָלעם־אלייכעמען אין ייִדיש. אים האָבן איבערגעזעצט נאָך אין אָנהייב פונעם XX יאָרהונדערט פיל אנדערע שרײַבער, און בעסויכעם כ.־נ. ביאליק און י.־כ. ראווניצקי, נאָר קיינער פון זיי האָט ניט באפרידיקט די שטרענגע פאָדערונגען פאר די איבערזעצונגען, וועלכע עס האָט געשטעלט דער מעכאבער גופע. אן אויסנאם איז געווען י. ד. בערקאָוויטש. וועגן זײַן איבערזעצונג פון „טעוויע דעם מילכיקן” האָט שאָלעם־אלייכעם מיט באגײַסטערונג זיך ארויסגעזאָגט, אז זי שטײַגט איבער דעם אָריגינאל. וועגן אן אנדער איבערזעצונג פון י. ד. בערקאָוויטשן האָט זיך שאָלעם־אלייכעם אויסגעדריקט: „אָ, ניין! מיך איבערזעצן, אויסער אײַך, קאָן קיינער ניט, קיינער דארף עס

ניט טאָן, און איך וועל קיינעם ניט דערלאָזן דערצו. איר אליין ווייסט, וואָס איך וואָלט צוגעגעבן צום טעקסט, און איר גיט עס צו. איר קענט מיר גרינטלעך. איר קענט מיך אף א באַל פון פינף מיט א פּליוס. איך וועל מער קיינעם ניט דערלויבן מיך איבערזעצן!" אגעוו, מיט דערפאָלג האָט איבערגעזעצט שאָלעם־אַלייכעמען אין ענגליש טאמארא, די טאָכטער פון י. ד. בערקאָוויטשן, דאָס ערשטע אייניקל פון שאָלעם־אַלייכעמען (לויט דעם בוך פון ג. קרעסעל, שלום־עליכם. חייו ויצירתו [שאָלעם־אַלייכעם. זײַן לעבן און שאַפן", 1959]).

י. ד. בערקאָוויטש האָט אָנגעהויבן איבערזעצן שאָלעם־אַלייכעמס ווערק אין 1905, און אין 1911—1913 האָט ער ארויסגעגעבן אין ווארשע דרײַבענדער פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק אין העברעיִש. עס איז באוווּסט, אז אין די איבערזעצונגען האָט אָנטיילגענומען אויך שאָלעם־אַלייכעם זעלבסט, און אין אייניקע פון זיי, ווי, לעמאָשל, „טעוויע דער מילכיקער", האָט ער אריַינגעטראָגן ענדערונגען אין פארגלײַך מיטן יידישן אָריגינאַל. אין 1952—1955 איז דערשינען די פופצנבענדיקע זאמלונג פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק אין דער איבערזעצונג פון י. ד. בערקאָוויטשן, וועלכע באַזירט זיך קוידעמקאָל אף דער דערמאָנטער ווארשעווער אויסגאבע.

י. ד. בערקאָוויטש איז געווים געווען איינער פון די בעסטע קענער פון העברעיִש, ער אליין האָט אויך געשריבן אין א זאפטיקן העברעיִש, ווי אויך אין יידיש. נאָר דאָס אליין האָט ניט געקאָנט פארזיכערן א געהעריקע איבערזעצונג. י. ד. בערקאָוויטש אליין האָט געווים פארשטאנען, וויאזוי אָפּצושאצן זײַנע מעגלעכקײַטן און באַגרענעצטקײַט בא רעאליזירן די דאָזיקע פאראנטוואָרטלעכע זאך. פונדאנען נעמט זיך טאקע דער פאקט, וואָס ער האָט אויסגעמיטן צו איבערזעצן א היפּשע צאָל ווערק פון שאָלעם־אַלייכעמען.

אין לויף פון יאָרן, ווען העברעיִש האָט דורכגעמאכט א ווײַטערדיקן עטאפּ פון אנטוויקלונג, דוכט זיך איצט די שפּראך, אף וועלכער בערקאָוויטש האָט זײַנערצײַט איבערגעזעצט שאָלעם־אַלייכעמס ווערק, א ביסל אלטמאָדיש און מעליציש. אין טאָך געגומען שפּיגלט זיך אין איר אָפּ די דעמלטיקע באגרענעצטע לעקסיק פון העברעיִש.

אויסער דעם איז געווען נאָך א סיבע, — י. ד. בערקאָוויטשעס פרײַ באגיין זיך באם איבערזעצן מיט שאָלעם־אַלייכעמס אָריגינאַל. לעמאָשל, עס איז גאנץ גוט באוווּסט, ווי ערנסט ס'האָט זיך באצויגן שאָלעם־אַלייכעם צו די נעמען, מיט וועלכע ער האָט געקרוינט זײַנע העלדן. גענוג זיך פארטראכטן, לעמאָשל, אף די נעמען „קאָפּל" און „פילארעט". י. ד. בערקאָוויטש אָבער האָט אויווער געוועזן אף דעם דאָזיקן פּרינציפּ. אזוי, לעמאָשל, דעם נאָמען „בוזי" פון „שיר־השירים" האָט ער פארביטן אָן דער מינדסטער נויטווענדיקײַט אף „לילי".

עס איז דערפאר קיין וווּנדער ניט, וואָס דעם איצטיקן העברעיִשן לייענער אנטשפּרעכן שוין י. ד. בערקאָוויטשעס איבערזעצונגען גיכער ווי א פאָרגייענדער עטאפּ און ניט ווי א הײַנטצײַטיקער.

ניט געקוקט אף די אויבנגעבראכטע מאָמענטן, דארף מען געווים זײַן דאנקבאר י. ד. בערקאָוויטשן פאר זײַן גרויסער ארבעט. מע טאָר ניט פארגעסן, אז ער איז געווען אין דעם פּראט דער בעסטער פּיִאָנער, און געטאָן האָט ער אלץ, וואָס עס איז נאָר מעגלעך געווען אין זײַן צײַט אין אָט דער געביט. אף וויפל דאָס איז אים געלונגען, זאָגט איידעס דער פאקט, אז 12 בענדער פון דער 15־בענדיקער אויסגאבע פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק אין די איבערזעצונגען פון י. ד. בערקאָוויטשן רעכענען זיך אלס די 9־טע פולע און אויסגעבעסערטע אויסגאבע!

אין דער ערשטער העלפט פונעם XX יה. פלעגן, עמעס, זייער זעלטן, זיך באווײַזן איבערזעצונגען פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק אין העברעיִש, פארפאסטע אויך דורך אנדערע איבערזעצער, אויסער י. ד. בערקאָוויטשן.

1. „רסל" — איבערזעצונג פון אן אומבאוווּסטן איבערזעצער פון שאָלעם־אַלייכעמס סאטירע „דאָס נײַגעבאָרענע".

2. „עלי כנור" („אפן פידל"). איבערז. פון כ.־נ. ביאליק. דאָס יאָר פון דער פארעפנטלעכונג איז מיר ניט באוווּסט.

3. „אלמלא הייתי רוטשילד" („ווען איך בין ראָטשילד"). איבערגעזעצט דורך י.־כ. ברענער (1881—1921). דאָס יאָר פון דער פארעפנטלעכונג איז מיר ניט באקאנט.

4. מזל־טוב („מאזלטאָוו"). איבערז. פון ק.־ל. סילמאן (1880—1937). מאָסקווע, 1919.

5. „רופאים" („דאָקטוירים"). פארעפנטלעכט אין דער זאמלונג „בשביל הבמה העברית" („פאר דער העברעיִשער סצענע"), ווארשע, 1919.

6. „רק דוקטור" („נאָר א דאָקטער"). איבערז. פון נ. זיגעל (1892—1962). די פּיעסע איז פארעפנטלעכט געוואָרן אין לוואָוו, נאָר דאָס יאָר איז ניט אָנגעוויזן.

7. „עלי כנור" („אפן פידל"). דער איבערזעצער איז געכאסמעט „שמואלי" (לייען: שמועלי). אין זשורנאל „הפועל הצעיר" (דער יונגער ארבעטער"), באנד 29, 1935, נומער 11.

אלע דערמאָנטע אויסגאבעס זײַנען מיר ניט צוגענגלעך, און פאָרשן זיי האָב איך ניט קיין מעגלעכקײַט.

פון 1969 באווײַזט זיך א נײַער איבערזעצער פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק אין העברעיִש — אריע אהאראָני.

א. אהאראָני איז באוווּסט אלס איבערזעצער אין העברעיִש פון ענגליש (שעקספּיר), יידיש און רוסיש.

עס איז נייטיק קוידעמקאָל צו באמערקן, אז אהאראָניס איבערזעצונגען פון שאָלעם־אַלייכעמס שאפונגען טראָגן ניט קיין צופעליקן כאראקטער. זייער צאָל האלט אין איין שטײַגן די לעצטע יאָרן. ביזן סאָף 1982 האָט ער פארעפנטלעכט די פאָלגנדע איבערזעצונגען אין א בוכפאָרם (מיר גיבן זיי איבער אין כראָנאָלאָגישן סיידער):

1. שלוש אלמנות („דרײַ אלמאָנעס"), 1969;

2. שבעה ספורים („זיבן דערציילונגען"), 1973, דער בוך איז מיר ניט צוגענגלעך, און זײַן באַשטאנד איז מיר ניט באוווסט;

3. סיפורי אלף לילה ולילה („מײַסעס פון טויזנט און איין נאכט"), 1976;

4. מנחם מנדל בווארשה („מענאכעם־מענדל אין ווארשע"), 1977;

5. סיפורי הרכבת („אײַזנבאן־געשיכטעס"), 1979;

6. מונולוגים („מאָנאָלאָגן"), 1979;

7. מוטל בן פייסי החזן („מאָטל פּייסי דעם כאזנס"), 1980;

8. מנחם מנדל („מענאכעם־מענדל"), 1980;

9. רומאנים יהודיים: סנדר בלאנק ובני־ביתו. — סטמפניו („ייִדישע ראָמאנען: סענדער בלאנק און זײַן געזינדל. — סטעמפּעניו"), 1981;

10. טוביה החלבן („טעוויע דער מילכיקער"), 1982;

11. שיר השירים („שיר־השירים"), 1982;

12. עיר האנשים הקטנים („די שטאָט פון די קליינע מענטשעלעך"), 1982.

די געבראכטע אויסגאבעס דערלויבן צו מאכן אייניקע פאָרלויפיקע באמערקונגען וועגן זייערע מײַלעס און, עפשער, אויך כעסרוינעס.

צוערשט אלגעמיינע באמערקונגען.

א. אהאראָניס איבערזעצונגען זײַנען אבסאָליוט אָריגינעלע, זעלבשטענדיקע. עס שאפט זיך אן אײַנדרוק, אז ווען ער זעצט איבער פונדאָסנײַ שאָלעם־אלייכעמס א ווערק, איגנאָרירט ער לאכלוטן (און בעפיירעש, א שאָד!) י. ד. בערקאָוויטשעס פריִערדיקע איבערזעצונגען.

פון פארשיידענע קוואלן זײַנען די באנוצטע שפּראך־פלאסטן בא י. ד. בערקאָוויטשן און בא אהאראָני. דער ערשטער האָט זיי געשעפט פון די העברעיִשע קלאסישע דענקמעלער, און דער צווייטער — פון „הינו דאמרי אנשי" (אן אראמעיִשער אויסדרוק, וואָס גייט אין דער אראמעיִשער ליטעראטור בא ייִדן פארן ציטירן א פאָלקס־אויסשפּראך: „אָט אזוי זאָגן מענטשן"). דער נײַער איבערזעצער איז איבערצײַגט — אלנפאלס, אזוי דוכט זיך אונדז — אז „הינו דאמרי אנשי" איז די פּאסיקסטע לעקסיק פאר איבערזעצן שאָלעם־אלייכעמען.

א. אהאראָני אנטפּלעקט אין די פאָרווערטער צו אייניקע אויסגאבעס פון זײַנע איבערזעצונגען זײַן קרעדאָ בענעגייע דער מאניר פון איבערזעצן, ווי ער האָט זי פארטראכט. ער לאָזט זי פאָרמולירן אין פאָלגנדע טעזיסן:

1. די איבערזעצונגען דארפן זײַן פרײַ פון וועלכער־ניט־איז „איבערארבעטונג", „צענזורירונג" אָדער „קאָסמעטישער אויספּײַנערונג" אין פארגלײַך מיטן אָריגינאל. מיט אנדערע ווערטער: אויסמײַדן אלע „פרײַהײַטן", וועלכע עס האָט זיך דערלויבט י. ד. בערקאָוויטש אין זײַנע איבערזעצונגען.

2. אָפּהיטן אין דער איבערזעצונג שאָלעם־אלייכעמס סטיל. אהאראָני טרעט ארויס קעגן די כאראקטעריסטיקעס פון פיל פאָרשער פון שאָלעם־אלייכעמס סטיל אין דער ערשטער העלפט פונעם 20־טן יה.: קעגן י.־כ. ברענערן (1881—1921), וועלכער האָט אײַנגעזען אין שאָלעם־אלייכעמס שאפונגען „א ריין פאָלקסטימלעכע דערשײַנונג" און „ניט קיין ליטעראריש־סטיליזירטע פאָלקסטימלעכקײַט"; קעגן ש. ניגערן (1883—1955), וועלכער האָט געשריבן, אז שאָלעם־אלייכעמס סטיל איז א „לויטער פאָלקסטימלעכער", אין אונטערשייד פון מענדעלען, וועלכער האָט אונדז געגעבן א „סטיליזאציע פון א פאָלקסטימלעכן סטיל"; קעגן י. פיכמאנען (1881—1958), וועלכער האָט געהאלטן, אז „שאָלעם־אלייכעם איז ניט קיין קינסטלער אין אָנגענומענעם זין פון וואָרט... זײַן שאפונג איז א נאטירלעכער אויסברוך, אן אומבאגרענעצטע אימפּראָוויזאציע... דער שעפער ווערט באָטל אין זײַן שאפונג, זי איז גרעסער פון אים, שטארקער פון אים. ער קערט בלויז אום מיט א פולער האנט דאָס, וואָס עס האָט זיך אָנגעזאמלט דוירעסוויַיז אינעם ארכיוו פון דער פאָלקס־נעשאָמע"; קעגן די און אנדערע ארויסזאָגונגען וועגן שאָלעם־אלייכעמס סטיל.

אהאראָני — פארקערט, ווײַזט אָן, אז שאָלעם־אלייכעמס שפּראך איז א קינסטלערישע און שיידט זיך אונטער פון דער פאָלקס־שפּראך „פונעם שטאנדפּונקט פון ריטם; עס פאָדערט זיך ניט קיין ספּעציִעלער מוזיקאלישער אויער, קעדיי צו באמערקן די מעלאָדיע פון זײַנע זאצן, זייער ריטם... מע קאָן זאָגן, אז שאָלעם־אלייכעם האָט קלוימערשט פארפּאסט פאר זיי נאָטן, זיי באזאָרגט מיט אינטאָנאציעס, מיט מעלאָדיעס".

„עס דוכט זיך, — זעצט ווײַטער פאָר א. אהאראָני, — אז מע קאָן פארגלײַכן דאָס, וואָס שאָלעם־אלייכעם האָט גענומען פונעם פאָלק, צו דעם אויסגעצייכנטן מוזיק־קאָמפּאָזיטאָר, וועלכער נעמט א פאָלקסטימלעכע מעלאָדיע און פארוואנדלט זי אין זײַן קינסטלערישן שמעלץ־אויוון אין א סימפאָניע, לויט אלע קלאָלים פון דער הארמאָניע, קאָנטראפּונקט אדג., דה. ער ווארפט זיי אונטער דער קינסטלערישער דיסציפּלין, אף וועלכער ער איז דערצויגן".

אהאראָני באמיט זיך איבערגעבן די מעלאָדישקײַט פון שאָלעם־אלייכעמס שאפונגען.

אף ווייפל י. ד. בערקאָוויטש האָט דערוויַיטערט זײַן איבערזעצונג פון שאָלעם־אלייכעמס אָריגינאל, און אף ווייפל א. אהאראָני האָט אים איבערגעגעבן פּינקטלעכער, וועט געבונג זײַן אילוסטרירן מיטן פאָלגנדן בײַשפּיל.

אינעם 21־טן קאפּיטל „זײַ געזונט, אנטווערפּען!" פון דעם ערשטן טייל פון „מאָטל פּייסי דעם כאזנס", ברענגט שאָלעם־אלייכעם פּיניעס א ליד, ווי ס'האָט זי פארגעדענקט מאָטל:

אנטווערפּען איז א לאנד
פון די בעסטע שטיינער,
מיליאָנערן אלערהאנד —
קיין אָרעמאן נישט איינער.
דימענטן ווי מיסט,
העכער האלב אומזיסט!
צירונג? — פאר דער גאנצער וועלט!
עס פעלט זיי נאָר איין זאך:
— — — — — — מעזומען געלט...

י. ד. בערקאָוויטש זעצט איבער די ליד, ביכלאל פארברייטערנדיק זי און צוגעבנדיק עטלעכע נײַע שורעס:

הידעתם את־חמדת אנטורפן העיר?
הבה אספר שבחיה בשיר
לעשרה אין חקר, לזהבה אין גבול,
ופנינים בה רבו, כעופות בלול,
אבנים טובות ומרגליות
הפקר הן בראש הומיות
כדמן השדה, כהרשיי אדמה,
משלכות הן שמה.
ורק חרפה היא מלגלות
כי במקום שיש מעלות,
ישנם גם חסרונות:
אם תבדק שם למזונות —
ורעבת ללחם בשתיקה
ויצאה נשמתך בנשיקה... (לויטן 7־טן באנד פון דער 7־טער פולער און אויסגעבעסערטער אויסגאַבע פון שאָלעם־אליינעמס ווערק, איבערגעזעצטע דורך י. ד. בערקאָוויטש, 1955, ז. 196).

לאָמיר געבן א ווערטלעכע איבערזעצונג פון בערקאָוויטשעס טעקסט:

צי קענט איר די רייִנצנדע שטאָט אנטווערפּען?
אָט וועל איך אײַך דערציילן איר רום אין א ליד.
איר רײַכטום האָט קיין מאָס ניט,
איר גאָלד — קיין גרענעץ,
פּערל זײַנען דאָרט אזוי פיל,
ווי אויפעס אין הינער־שטײַג.
טײַערע שטיינער און פּערל
ליגן העפקער אף טומלדיקע פּלעצער,
ווי מיסט אפן פעלד,
ווי ערדיקע (ליימיקע) שאַרבנס,
וואַלגערן זיי זיך דאָרטן.
און ס'איז א כאַרפּע צו אנטפּלעקן,
אז דאָרט, ווו עס זײַנען פאַראַן מײַלעס,
זײַנען אויך פאַראַן כעסרוינעס:
אויב דו וועסט זוכן דאָרטן שפּײַז,
וועסטו שטילערהייט הונגערן נאָך א שטיקל ברויט
און דײַן נעשאָמע וועט ארויסגיין מיט א קוש...

דער הויפּט־כיסאָרן פון י. ד. בערקאָוויטשעס איבערזעצונג איז ניט אין דעם, וואָס מיר געפינען דאָ אבסאָליוט איבעריקע שורעס, וועלכע זײַנען ניטאָ בא שאָלעם־אליינעמען (די שורעס 10—12), נאָר אין דעם, וואָס י. ד. בערקאָוויטש „בעסערט אויס" שאָלעם־אליינעמס טעקסט; די לעצטע דרײַ שורעס שוואכן לאכלוטן אָפּ דעם פּאָעטישן אײַנדרוק, וועלכן שאָלעם־אליינעם האָט געהאלטן פאַר נייטיק צו מאכן אפן לייענער, צווינגען אים טיף זיך פאַרטראכטן און לייענען צווישן די שורעס, געפינען אין געזאָגטן אויך דאָס ניט דערזאָגטע דורך מאָטל פּייסי דעם כאזנס, ווײַל זײַן קלוימערשט קינדערשער זיקאָרן האָט עס ווערטלעך ניט פאַרגעדענקט. אָט אזוי און ניט אנדערש האָט געוואָלט שאָלעם־אליינעם. קומט י. ד. בערקאָוויטש און לייגט עס אלץ אויס וויל און פײַן, ווי אים דוכט זיך, — אף א גאָלדן טעלערל!

שאָלעם־אליינעם האָט דאָ געשטעלט דעם טראָפּ צו אנטפּלעקן אין דער ליד קאָנסעקווענטע קעגנזאצן, אונטערצייכענען בוילעטע סטירעס: ...„קיין אָרעמאן נישט איינער... עס פעלט זיי נאָר איין זאך: — — — — מעזומען געלט". מע טאָר דאָך ניט פאַרגעסן, אז גראָד פאַרדײַטלעכן, אקצענטירן, אונטערשטרײַכן בוילעטע סטירעס איז איינער פון די באליבטסטע מאנירן פון שאָלעם־אליינעמס סטיל ביכלאל און הומאָר און סאטירע ביפראט. לאָמיר, לעמאָשל, א לייען טאָן דעם 10־טן בריוו פון שיינע־שיינדל צו איר מאן מענאכעם־מענדל אין אָדעס: „ערשטנס, קום איך דיר צו מעלדן, אז מיר זײַנען אלע גאָט צו דאנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן, אף ווײַטער ניט ערגער. צווייטנס, שרײַב איך דיר, אז די קינדער מאָזלען אלע דרײַ, און איך שלאָף נישט קיין נעכט"...

דערפאַר טאַקע לייענט זיך מיט האנאָע די אין אלגעמיין טרײַע לויטן וואָרט און זין איבערזעצונג פון א. אהאראָני:

אנטורפן עיר
שכיוח חמדה ואבני־חן.
שם מילונרים למכביר
וקבצנים שם אין.
יהלומים יש שם — הרים,
בורקים וזוהרים!
מרגליות — עד אין מספר,
ממש לא יאומן!
דבר אחד להם יחסר:
— — — — קצת כסף מזומן...

אין דער ווערטלעכער איבערזעצונג אין ייִדיש קלינגט עס אזוי:

אנטווערפּען — א שטאָט
מיט זעונגס־מערקווירדיקײַטן און איידלשטיינער.
דאָרט זײַנען מיליאָנערן בעשעפע,
און קאַפּצאָנים זײַנען דאָרט ניט פאַראַן.
ברילִיאנטן זײַנען דאָרט פאַראַן — גאנצע בערג,
זיי גלאנצן און בליאסקען!
פּערל — אָן א צאָל,
מאמעש אומגלייבלעך!
איין זאך פעלט זיי אויס
— — — — א ביסל מעזומען געלט...

די איבערזעצונגען פון א. אהאראָני זײַנען ניט ריין אויך פון כעסרוינעס. אלנפאלס, אזוי דוכט זיך אונדז.

א. אהאראָני לאָזט איבער פיל ווערטער פונעם אָריגינאל פון ייִדיש אָן אן איבערזעצונג, און צום סאָף פון יעדן בוך גיט ער צו א ספּעציעלע אָפּטיילונג „פּיירושים", ווו ער פאַרטײַטשט און קאָמענטירט זיי אף העברעיִש. אָפּטמאָל, לויט אונדזער איבערצײַגונג, האָט דער איבערזעצער געמעגט פון לעכאטכילע אָן זיך באנוצן מיט די העברעיִשע אדעקוואטן, אויסמײַדנדיק איבעריקע פּראָצעדורן.

קוידעמקאָל איז עס שײַעך ווערטער פון העברעיִשער אָפּשטאמונג, וועלכע זײַנען ארײַן אין ייִדיש מיט געוויסע פאָנעטישע ענדערונגען. לעמאָשל, אזעלכע ווערטער, ווי באלעבאָסטע (פון העברעיִש „בעלה־ביח"), באלעגאָלע (פון העברעיִש „בעל עגלה"), טאמעוואטע (פון העברעיִש „תם"), ייִד („יהודי"), ייִדענע („יהודיה") אדג.

הויפּטזאכלעך ווונדערט, וואָס אהאראָני ברענגט אזא פּיירעש, ווי, לעמאָשל, „עוילם (מיט געהערי־

קע נעקודעס. אזא איז דער אויסלייג אין ייִסראָעל־דיקן ייִדיש פונעם וואָרט „אוילעם") — קהל (ייִדיש)." „קאָהאָל" אלס איינע פון די באַדײַטונגען פונעם וואָרט „עולם" איז פון לאנג אָנגענומען אין דער העברעיִשער ליטעראטור. מיט דעם זין טרעפט זיך דאָס וואָרט בא די העברעיִשע קאָמענטאטאָרן, ווי אויך אין די העברעיִשע ווערק פון י.־ל. פּערעץ (1852—1915) און ש. טשערניכאָווסקי (1875—1943).

עס האָט, ווײַזט אויס, קיין איבעריקן זין ניט צו העברעיִזירן ווערטער פון אנדערע שפּראכן, אדעקוואטן פון וועלכע עס זײַנען פאראן אין העברעיִש, צוגעבנדיק די קאָמפּאָנענטן פון העברעיִש, לעמאָשל, צו סובסטאנטיוון פון ווײַבלעכן מין צוגעבן אין מערצאָל דעם העברעיִשן סופיקס — ות (לייען: אָט). לעמאָשל, דאמות (לייען: דאמאָט, פונעם רוסישן дама), דאצ׳ות (לייען דאטשאָט, פונעם רוסישן дача), מאמזלות (לייען: מאמזעלאָט, מערצאָל פון „מאמזעל" — א געקירצטע פאָרם פונעם פראנצויזישן mademoiselle).

עס דוכט זיך אויך אלס איבעריק צו ברענגען אין טעקסט אנדערע ווערטער פון ייִדיש און דערנאָך באַזאָרגן זיי מיט פּיירושים, ווי, לעמאָשל: „אַף אלע ייִדישע קינדער", „בוידעם", „בייגל", „גאָט איז א פאָטער", „גאָלדענע געשעפטן", „לאָקשן", „נעבעך", „פּעטער", „קונצנמאכער", „קנאקער", „קניש", „קרעפּלעך", „שמאטעס", „שמאלץ". אפילע ווען די אָדער יענע ווערטער ווערן באנוצט דורך שאָלעם־אלייכעמען אין א מעטאפאָרישן זין, קאָן מען אין דער הײַנטיקער לעקסיק פון העברעיִש געפינען געהעריקע אדעקוואטן.

אין טעקסט לאָזט א. אהאראָני איבער דעם פּארטיקל פון ייִדיש, וואָס דריקט אויס פאַרוווּנדערונג, שטוינונג: „סטײַטש". דאכט זיך, אז עס איז ניט צו געפינען די שפּראך אין דער וועלט, וועלכע זאָל ניט קענען איבערגעבן מיט איר זעלבשטענדיקער לעקסיק און פארשיידענע סינטאקסישע מיטלען אדעקוואטן פארן „סטײַטש". ביפראט נאָך העברעיִש. ווי באוווּסט, פארנעמען א דריטל פון איר עלטסטן ליטעראַרישן דענקמאָל, דעם טאַנאַך, די אזויגערופענע „נעוויִים". און אויב מיר וואָלטן מיט איין וואָרט וועלן כאראקטעריזירן דעם אינהאלט פון זייער נעוויִעס, איז עס גראָד „סטײַטש". יעדער נאָווי האָט אין העסקעם מיט זײַן היסטאָרישער סיטואציע איבערגעגעבן אַף א לויטערן העברעיִש דעם טיפן ווייגעשריי פון זײַן הארצן, יעדער אַף זײַן אויפן, זײַן אייגענעם „סטײַטש". דערפאר וואָלט מען אָט דאָס וואָרט דאפקע געקאָנט איבערזעצן.

אין די איבערזעצונגען פון א. אהאראָני זעט אויס די מערהײַט פון די איבערגעלאָזטע ווערטער און פראזעס אין ייִדיש לויטן (אָנגענומענעם אין ייִסראָעל) ייִדישן אויסלייג ווי ווולגאריזמען, מיט וועלכע, לעמאָשל, אין דער רוסישער ליטעראַטור האָט אזוי שארף געקעמפט מ. גאָרקי.

אייניקע באמערקטע איבערזעצונגען פון א. אהאראָני רופן ארויס א דערווידערונג. איך וועל זיך באגרענעצן מיט די פאָלגנדע.

אין דער דערציילונג „דער גליקלעכסטער אין קאָדני" האָט שאָלעם־אלייכעם געשריבן: „...פונדאנען האָבן מיר נאָך אזוי גרויס ווי דרײַ סטאנציעס. און פון דאָרטן קיין קאָדני באדארף מען נאָך צופאָרן מיט דער אקס א שאָ אָנדערהאלבן".

דער אויסדרוק „מיט דער אקס" אין דעם זאץ נעמט זיך פון א ברייט אויסגענוצטן אין דער ליטעראטור, מייִנסטנס אין דער פּאָעזיע, מעטאָד, וועלכער הייסט „מעטאָנימיע", ווען א געשעעניש, א באגריף אָדער א קעגנשטאנד ווערן אָנגערופן אנדערש, מעטאפאָריש. פארגלײַך, לעמאָשל, אין „קופערנעם רײַטער": „אלע פאָנען וועלן קומען צו אונדז צוגאסט", ווען פּושקין האָט דאָ אין זינען, אז שיפן פון פארשיידענע לענדער וועלן קומען קיין פּעטערבורג.

אפן זעלבן אויפן האָט זיך דאָ באנוצט שאָלעם־אלייכעם מיטן וואָרט „אקס" אפן אָרט פון א וואָגן, פּאַעטאָן אדג. א. אהאראָני האָט אָבער איבערגעזעצט „בשוורים" גלײַך ווי עס וואָלט געווען אָנגעשריבן: „מיט (די) אקסן".

ווען א. אהאראָני וואָלט ארײַנגעקוקט אין י. ד. בערקאָוויטשעס איבערזעצונג, וואָלט ער צו אזא מיספארשטענדעניש ניט געקומען.

שאָלעם־אלייכעמס „...און ביידע קוועלן זיי אָן, ווערן ברייטער ווי לענגער" („שיר־השירים". מאָסקווע, 1947, ז. 29), זעצט איבער א. אהאראָני: „ושניהם רווים נחת בכל רמ״ח ושס״ה („שיר־השירים", 1982, ז. 25). אָבער „רמ״ח" און „שס״ה" שטעלן מיט זיך פאָר ניט מער און ניט ווייניקער ווי ציפערן, איבערגעגעבענע דורך אויסיִעס, ווו „רמ״ה" (ר — 200, מ — 40, ח — 8) באדײַט 248, און „שס״ה" (ש — 300, ס — 60, ה — 5) — 365. רמ״ח און שס״ה זײַנען גענומען פון דער געמאָרע און פונעם „זויהאר" אין פארשיידענע אויסטײַטשונגען אלס טיילן פונעם גוף: 248 אייוורים און 365 אָדערן, אלס מיצווועס פון דער טוירע: 248 — געבאָטן „יאָ צו טאָן" און 365 פארבאָטן; אויסער דעם ווערט „שס״ה" אויך באנוצט פאר דער באצייכענונג פון די 365 טעג פונעם זוניקן יאָר. ווײַזט אויס, אז די אויבנגעבראכטע איבערזעצונג איז ניט קיין פארענדיקטע, ווײַל זי באַטײַט ווערטלעך: „און ביידע זאטן זיך אָן מיט נאכעס מיט אלע צווייהונדערט אכט און פערציק און דרײַ הונדערט פינף און זעכציק". עס איז קיין צווייפל, אז אין געגעבענעם זאץ פעלט עפּעס.

שאָלעם־אלייכעם: „איך האָב געשריִען, געטופּעט מיט די פיס, געריסן אַף זיך די האָר פונעם קאָפּ — שיר ניט מעשוגע געוואָרן" („מע טאָר ניט זײַן קיין גוטער", שאָלעם־אלייכעם, אויסגעוויילטע ווערק, מאָסקווע, 1959, ז. 303) זעצט איבער א. אהאראָני: „צעקתי, רקעתי ברגליים, חלשתי שערות ראשי — כמעט שלא יצאתי מן הדעת!"

דאָ איז איבערגעזעצט, גלײַך ווי אין אָריגינאל זאָל זײַן געשריבן, „שיר ניט אראָפּ פונעם זינען". דער איבערזעצער איז אָבער דאָ באגאנגען א פעלער בענעגייע העברעיִש, ווו די גראמאטיק פאָדערט ווי א „חוק ולא יעבור" (אן אומבאדינגטער קלאל) א געהעריקן סופיקס פונעם פאַרבײַט־נאָמען, אינעם געגעבענעם פאל פאָדערט זיך: „כמעט שלא יצאתי מדעתי".

אין די „פּיירושים" זײַנען פאראן פארדריסלעכע אומפּינקטלעכקײַטן, ווי- לעמאָשל, „פּוד" איז

אָנגעוויזן אלס א רוסישע געוויכט, וואָס באַטײַט 10,3 קילאָגראַם („מנחם־מנדל“, 1980, ז. 164). ווי באַוווּסט, איז א „פּוד“ — א געוויכט פון ארום 16,38 קילאָגראַם. עס קאָן זײַן, אז דאָ איז בלויז א דרוקפעלער.

אן עמעסן „סטײַטש?!“ רופט ארויס דער קאָמענטאַר צו „(א) ייִדענע“, וועלכע ווערט באַצייכנט אלס „א פרוי א באַרעדעוודיקע, סענטימענטאַלע, באַגרענעצטע“.

* * *

אויב מע וואָלט אונדז דערלויבט אַרײַנטראָגן אין אונדזער ליטעראַטור א נײַעם טערמין „שאָלעם־אַלייכעמיזאַדע“, וואָלטן מיר געזאָגט, אז דאָס ערשטע קאַפּיטל אפן דאָזיקן געביט אין דער העברעיִשער איבערזעצונג האָט פאַרפאַסט — י. ד. בערקאָוויטש, און דאָס צווייטע — ווערט פאַרפאַסט, דערווײַל נאָך מיט א סקריפּ, דורך א. אהאראָני. מיר גלייבן, אז אויב זײַנע איבערזעצונגען וועלן, ווי י. ד. בערקאָוויטשעס, אויך דערגרייכן די 9־טע אויסגעבעסערטע אויסגאַבע, וועלן זיי אויך זײַן פיל בעסער און שענער.

איייניקע באַמערקונגען צו ל. ווילסקערס אַרטיקל

די רעדאַקציע האָט באַקאַנט מיטן קסאַוויאַד פון ל. ווילסקערס אַרטיקל דעם לענינגראַדער ליטעראַטור־פאָרשער א. מאַרגאָלין, וועמענס מיינונג איבער דער באַהאַנדלטער פראַגע מיר ברענגען דאָ (רעד.)

אין ל. ווילסקערס אַרטיקל זײַנען די כעסרוינעס פון אהאראָניס שאָלעם ־ אַלייכעם ־ איבערזעצונג אויסגערעכנט און אָפּגעשאַצט ניט אין א גענוגנדיקער מאָס. קוידעמקאָל דאַרף מען אָנווײַזן אפן מאָקער פון די דאָזיקע כעסרוינעס, אפן וואָרצל, פון וועלכן זיי וואַקסן. דער דאָזיקער מאָקער באַשטייט דערין, וואָס אהאראָני באַאָבאַכטעט שאָלעם־אַלייכעמס העלדן, זייער לעבן און די ווירקלעכקײַט, מיט וועלכער זיי זײַנען געווען ארומגערינגלט, דורך אן עקזאָטישן שפּאַקטיוו. אַלץ, וואָס איז ווײַט אין דער צײַט, שײַנט צו זײַן עקזאָטיש. בערקאָוויטשן האָט די דאָזיקע עקזאָטישע פאַסטקע ניט געדראָעט, ער האָט אַליין געלעבט אין דער סוויווע פונעם סאָף 19־טן און אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט, ד.ה. אינעם לעצטן צײַט־אָפּשניט פונעם רוסישן צאַריזם. און אויב פאַרזענלעך האָט ער זיך עמאַנציפּירט פונעם ייִדישן קליינשטעטלדיקן לעבנסשטייגער, האָט ער דאָס ניט געקאָנט טאָן געזעלשאַפטלעך. ער האָט געדענקט מיטן דענקען פון זײַן סוויווע און גערעדט אף איר לאָשן. דערפאַר האָט קיין שום עקזאָטיק ניט געקאָנט האָבן א שליטע אף אים. די שפּראַך פון זײַנע איבערזעצונגען האָט ניט אויסגעזען געקינצלט אין די אויגן פון זײַנע לייענער. ווען זיי האָבן צווישן זיך גערעדט העברעיִש, האָבן זיי זיך באַנוצט אויך מיט בערקאָוויטשעס לעקסיק און געלערנט פון איר.

מ׳דאַרף אָבער באַמערקן, אז די העברעיִשע לעקסיק איז אין יענע יאָרן געווען זייער אָפּגעשטאַנען פון דער ייִדישער. אכצן יאָרהונדערטער שווײַגן האָבן ניט געקאָנט דורכפליסן, ניט איבערלאָזנדיק נעגאַטיווע שפּורן. די העברעיִשע לעקסיק האָט זיך ארויסגעוויזן אָרעם באַזונדערס אפן געביט פון פאַרקלענערונג־ און צערטלעכקײַט־פאָרמען און אויך אין הומאָר. בערקאָוויטש האָט פאַרפולט דעם מאַנגל אין הומאָר, אויסנוצנדיק די אַראַמעיִשע שפּראַך (געמאָרע־לאָשן), וועלכע די העברעיִש־לייענדיקע ייִדן האָבן אויך געקענט. א וואָרט אָדער אן אויסדרוק פון אן אַנדער שפּראַך רופט ארויס קאָמישע עמאָציעס, אויך אין דער רוסישער ליטעראַטור טרעפן זיך פאַלן פון אַרײַנשטעלן סלאַווישע עלעמענטן (человече אַנשטאָט осёл אַנשטאָט ослята, человек, א. אנד.).

אפילע עלעמענטן פון ייִדישער לעקסיק זײַנען ניט געווען אויסגעשלאָסן. מיט א יאָר צוואַנציק־דרײַסיק צוריק האָט מען געפראַנטעוועט מיטן אויסדרוק по системе бекицер, איצט הערט מען אים ניט. אָפּטער טרעפט מען די ווערטער хохма, хохмач, זיי זײַנען אַרײַנגעדרונגען אויך אין דער ליטעראַטור. אַזעלכע אַריבערטראָגונגען זײַנען ניט געפּאַסלט, נאָר מ׳דאַרף אײַנהיטן די מאָס און דעם טאַקט, קעדיי ניט אַרײַנצופאַלן אין ווולגאַרישקײַט. בערקאָוויטשעס איבערזעצונג איז אויך אין דעם פּראַט מײַסטערהאַפט, זי קאַמופלירט ניט די טרערן און דעם געוויין, וואָס זײַנען פאַרבאָרגן אין דעם, וואָס עס איז געשריבן געווען מיט ייִדישע אויסיעס און אף וואָס מ. וואַרשאַווסקי האָט אָנגעוויזן אין זײַן ליד „אפן פּריפּעטשעק“. ניט אומזיסט האָט שאָלעם־אַלייכעם אזוי הויך געשעצט בערקאָוויטשעס איבערזעצונגען.

בערקאָוויטש איז ניט געגאַנגען מיטן גרינגן וועג פון אַרײַנשטעלן מעכאַניש ייִדישע לעקסעמעס דאָרטן, ווו ס׳איז געווען שווער (אָבער ניט אומעגלעך) געפינען העברעיִשע עקוויוואַלענטן. אָבער זײַן איבערזעצונג, ניט געקוקט אף אירע מײַלעס, קאָן ניט באַפרידיקן דעם הײַנטצײַטיקן לייענער פון העבּרעיִש. די שפּראַך איז

שוין ניט איין דאָר א גערעדטע און ווערט באנוצט אין אלע געביטן פון עקאָנאָמיק, פּאָליטיק וויסנשאפט, קונסט — און אלץ אפן הויכן גראד. בערקאָוויטשעס איבערזעצונג איז פארעלטערט פאר די, וועלכע ריידן היינט־צו־טאָג העבריש, פונקט ווי, לעמאָשל, די ערשטע (און ניט נאָר די ערשטע) רוסישע איבערזעצונגען פון שעקספּירן קלינגען היינט אלטמאָדיש און עקזאָטיש. קיין טעאטער וועט זיך מיט זיי ניט באנוצן. שעקספּירס ווערק זייַנען אף רוסיש איבערגעזעצט געוואָרן בא פינף מאָל. דעריבער איז גאנץ בארעכטיקט אהאראָניס איניציאטיוו צו געבן א נייַע און מאָדערנע העברעישע איבערזעצונג פון שאָלעם־אלייכעמס ווערק. אָבער, צום באדויערן, האָט ער זיך פארשטרויכלט אין סאמע אָנהייב פון זייַן וועג און איז אריינגעפאלן אין דער נעץ פון עקזאָטיקזוכערייַ.

אָנשטאָט אויסצולערנען שאָלעם־אלייכעמס העלדן צו דענקען און ריידן אפן מאָדערנעם העבריש, צווינגט אהאראָני דעם מאָדערנעם העבריש צו דענקען און ריידן אפן יידיש פון סאָף 19־טן און אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט, דה. אף א שפּראך, וואָס קלינגט פארעלטערט אפילע פאר די מאָדערנע יידיש־לייענער. אין די רוסישע איבערזעצונגען פון שעקספּירן און פון אנדערע ניט־רוסישע שרייַבער ריידן די העלדן אף רוסיש. בלויז ווייניק איינצלנע ווערטער, ווי „הער", „ליידי" אדג. ווערן איבערגעגעבן אין דער אָריגינאל־שפּראך. אהאראָני אָבער שיט מיט יידישע ווערטער און מיט גאנצע פּסוקים. שאָלעם־אלייכעמס שפּראך איז אויסגעשפּראָכן רעאליסטיש פאר זייַן צייַט און איז ספּעציפיש פאר יעדן איינציקן פון זייַנע העלדן און פאר די אומשטענדן, אין וועלכע זיי לעבן (די שפּראך פון די „בלאָנדזנדע שטערן" איז אן אנדערע, ווי פון „מענאכעם־מענדל". מאָטל פּייסי דעם כאזנס רעדט אין אמעריקע אנדערש, ווי אין קאסרילעווקע), אהאראָני האָט זי מיט זייַנע קלויימערשט ספּעציפישע יידישע ווערטלעך און פּסוקים ניוועלירט אין א באדכאָנישער כאָכמערייַ, וועלכע פארטושירט די טיפע טראגישקייַט פונעם אונטערגאנג פון דעם יידישן נאציאָנאלן לעבן אין דער עפּאָכע פון שאָלעם־אלייכעמען און פון זייַנע מיטצייַטלער.

אפילע אזא טיף־לירישע און צארטע שאפונג, ווי די סעריע „שיר־השירים", וואָס איז בעפּויעל מאמעש ניט פּאָשעט אָנגעשריבן, נאָר אויסגעשפּילט אף דער דינסטער סטרונע פון א פידל, האָט אהאראָני ניט געשאָנעוועט און זי „באלוינט" מיט זייַנע כאָכמערייַען.

אהאראָני האָט געשטרעבט ניט איבערצוגעבן די היסטאָרישע רעאליטעט פון שאָלעם־אלייכעמס שאפונג, נאָר פארוואנדלען זי אין אן עקזאָטישער פּאנאָראמע פון „הוליע קאפּצאָנים", פון מייַסעס פון טויזנט און איין נאכט. ער האָט ניט אייַנגעזען, אז שאָלעם־אלייכעמס הומאָר, פונקט ווי טשעכאָווס, איז א געלעכטער מיט יאשטשערקעס. ער איז בלינד פארבייַגעגאנגען שאָלעם־אלייכעמס טרויער.

און נאָך איינס.

אהאראָני האָט איבערגעזעצט אין העבריש אויך פון רוסיש און ענגליש. ס'איז אינטערעסאנט צו וויסן, צי אויך דאָרט האָט ער אריינגעבראָכט רוסישע און ענגלישע ווערטער און אויסדרוקן. מיר פּערזענלעך זייַנען די דאָזיקע איבערזעצונגען ניט באקאנט.

אוורהאָם מארגאָלין

■ ■ ■

פאָטאָגראַפיעס דערציילן

כאָשעווע רעדאַקציע!

דאָס „קאָסמאָס־ווינקל“, וואָס איר האָט אײַנגעפירט אין „סאָוועטיש היימלאַנד“, רופט ארויס א שטאַרקן אינטערעס בא די לייענער. די ווערק וועגן באַזיגער פונעם קאָסמאָס, באַזונדערס וועגן יורי גאַגאַרינען, און אַלץ, וואָס איז אין זשורנאַל אַקטועל־הײַנטצײַטיק, איז אַן אויסדרוק פון א נײַעם טעאַפּ אין דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור — סײַ לויטן אינהאַלט, סײַ לויט די קינסטלערישע מיטלען. די קאָסמישע טעמע איז אומויסשעפּלעך, ווי אומויסשעפּלעך עס איז דאָס אַרײַנדרינגען אין די סודעס פון דער אַלוועלט.

אונדזער פּאַטריאָטישער קלוב „דער זון פונעם העלד“, וועלכער איז טעטיק באַם קולטור־פּאַלאַץ פון דער סאַראַטאָווער עלעקטראָ־אַגרעגאַטישער פּראָדוציר־פּאַרייניקונג (מיסטאַמע איז אײַך באַוווּסט, אַז די דאָזיקע אינדוסטריעלע פּאַרייניקונג האָט א שעם מיט איר פּראָדוקציע — די אײַזקעלטערס „סאַראַטאָוו“), האָט געפונען טעלעכע צענדליק זעלטענע פאָטאָגראַפיעס פונעם קאָסמאָנאַווט נומ. 1 און אויסגעקלאָרט ביז הײַנט אומבאַקאַנטע פאַקטן פון זײַן לעבן. אייניקע פון די דאָזיקע פאָטאָגראַפיעס מיט נאָטיצן, וואָס האָבן צו זיי א שײַכעס, שיק איך אײַך צו, האָפנדיק, אַז זיי וועלן פאַרינטערעסירן די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“.

וולאַדיסלאַוו קאַץ,
פּאַרזיצער פון דעם סאָוועט
פונעם קלוב „דער זון פונעם העלד“

דער טרומייטער

וועגן דעם קולטור־הויז „אַרבעטס־רעזערוון“ האָט גאַגאַרין צום ערשטן מאָל זיך דערוווּסט אין האַרבסט 1951.

פון דרויסן האָט די געבײַדע פונעם קולטור־הויז מיט גאָרנישט זיך ניט געוואָרפן אין די אויגן. אַף דער גאַנצער לענג פון דעם לענין־פּראָספּעקט זײַנען אַזעלכע באַשיידענע אַלטערטימלעכע געבײַדעס געווען ניט ווייניק. אַלע זײַנען זיי קרעפּטיקע, ניט קיין גרויסע לויטן פאַרנעם.

בלויז דרײַ פון זיי האָבן, פּונקט ווי דרײַ לעוויאַסנס, זיך אויסגעטיילט מיט זייער פונדאַמענטאַלקייט. געפונען האָבן זיך דאָרט די פאַרוואַלטונג פון ריאַזאַנער־אוראַלער אײַזנבאַן, די סוואָראָוו־שול און די הויפּט־פּאָטשט.

און דאָך האָט דאָס קולטור־הויז געהאַט זײַן באַזונדערן כיין, וואָס איז געווען פאַרבאַהאַלטן פון די דורכגייער. די גאַנץ באַשיידענע לויטן אויסערלעכן אויסזען געבײַדע האָט יעדערן, ווער עס פלעגט אַרײַנקומען אינווייניק, איבעראַשט מיט איר קאָלאָסאַלן צושויער־זאַל, א באַצירטן מיט לאַקירטע קאָלאָנאַדעס. דאָס איז געווען דער אייניציקער קאָלאָנען־זאַל אין דער גאַנצער שטאָט.

קיינמאָל אין לעבן איז יורי נאָך ניט געווען אין אַזעלכע פּאַלאַצן. דאָ האָט א מענטש זיך געפּילט זייער באַקוועם. דער גלאַנציק־געלער פּאַרקעט האָט געשאַפן א שטימונג פון רו און געמיטלעכקײַט. ערגעץ פון אונטן האָט געשפּילט מוזיק. די קלאַנגען, צוגעטויבטע פון די קוווערווענט און פונעם דעמבענעם דיל, האָבן זיך אויסגעוויזן וווּנדערבאַר ווייכע, קישעפּדיקע. אײַנהערנדיק זיך, האָט יורי דערקענט, אַז דאָס שפּילט מען דעם אַלטן וואַלס „כוואַליעס פונעם דונײַ“. צו בלאַז־אָרקעסטערס איז ער געווען ניט גלײַכגילטיק נאָך פון קינדווײַז אָן. דער בליאַסק און דער געהילך פון די טרומייטן, דער קלונג פון די טאַצן, דאָס קלאַפּן פון די פּויקן האָבן געוועקט ייִנגלשע טרוימען, אָנגערעגט אַף א שטיפערישער פאַרשײַטקײַט.

דעמלט, אין די ערשטע טעג פון זײַן לער אינעם אינדוסטריעלן טעכניקום, האָט יורי זיך ניט אַנטשלאָסן צו פאַרשרײַבן זיך אין אָרקעסטער. אין קעלער־קלאַס פונעם קולטור־הויז, ווו עס זײַנען

געגאַנגען די רעפּעטיציעס פון די „בלאָזערס", האָט אים איינמאָל אַרײַנגעשלעפּט אַ כאַווער פון דער גרופּע. מיט די פאַרנעמונגען האָט אָנגעפירט אַ ניט הויכער אין וווּקס, זייער אַ דאַרער מוזיקאַנט. די צוויי כעוורע האָט ער באַגעגנט צוערשט אַ ביסל קילבלעך, אָבער ווען ער האָט דערהערט, אַז זיי זײַנען פון דער גוסערײַ־אָפּטיילונג, איז ער געוואָרן ווייכער, אופגעלעבטער.

מיכאַיִל בלאָכין — אַזוי האָט מען גערופן דעם אָנפירער — האָט זיי דערציילט, אַז אין דער יוגנט האָט ער געהאַט אַ שטיקל שײַכעס צו גוסערײַ, ער האָט פאַרענדיקט אין ניזשני טאַגיל אַ פּאַב־זאַוואָשול לויט דער ספּעציאַליטעט פון אַ פאָר־מאָווטשיק פון טשוהון־גיסערײַ.

— נו אויב מיר האָבן זיך אַרויסגעוויזן קרוי־ווים, — האָט ער שמייכלענדיק אַרומגענומען די כעוורע, — וועט איר, ווי איך, אויך זײַן טרומיי־טערס. גוט?

זיבעט יענעם טאָג האָט יורי גענומען באַהערשן די סוידעס פון שפּילן אָף אָט דעם אינסטרומענט.

— נו, גאַגאַרא, איצטער וועט מען דיך שוין פון דעם טרומייט ניט אָפּרײַסן, — האָבן געשפּאַסט זײַנע באַווײרים.

די לימודים אינעם אָרקעסטער האָבן אים פאַר־כאַפּט. און כעוורע האָבן זיך אונטערגעקליבן ניט קיין שלעכטע. אייניקע, לעמאָשל ליאָשאַ בורלאַקאָוו, האָבן אַפילע באַוויזן זיך אַ ביסל אָנשמעקן מיט פּולווער אָף דער מילכאָמע. מיכאַיִל בלאָכין, זייער אָנפירער, איז געקומען קיין סאַראַטאָוו נאָך דער אַשכאַבאַדער ערדציטערניש. די מישפּאָכע איז גע־בליבן אַזוי ווי זי גייט און שטייט און ניט געהאַט אַפילע קיין טיי־לעפעלע. מע האָט זיי באַזעצט אין די ערשטע טעג טאַקע דאָ, אינעם קולטור־הויז.

מיט די כעוורע האָט „בלאָכין געקנעלט אָן אופהער, דערצו נאָך זײַנען די אַרבעט און די וווי־נונג געווען אונטער איין דאַך. זײַן זונעלע האָט אויך געשפּילט, צוזאַמען מיט גאַגאַרינען, אָפן טרו־מייט. זיי זײַנען געזעסן בייס די לימודים איינער לעם אַנדערן.

גאַגאַרין איז געפעלן געוואָרן בלאָכינען פון די ערשטע טעג. דער יאַט האָט געהאַט אַ שאַרפן מויעך, געווען שטאַרק פלײַסיק, פאַר אַ קורצער צײַט איז יורי געוואָרן איינער פון די ערשטע טרומייטערס אינעם אָרקעסטער. דאָס איינציקע, וואָס עס האָט זיך אים שווער אײַנגעגעבן, איז — אײַנזיצן לאַנג אָף איין אָרט. זייער אַ באַוועגלע־כער איז ער געווען. נו, ווי קאָן מען עס טאַקע אײַנזיצן, ווען אין זאַל לויכטן אַלע פײַערן, עס הילכט מוזיק און יונגע פּאָרלעך טאַנצן...

ווען ער איז אַרײַנגעטראָטן אין אַעראָקלוב, איז אויסגעקומען זיך קאָנצענטרירן דאָרט אָפן איקער. די אַוויאַציע האָט געפאָדערט זיך אָפּגעבן מיט לײַב און לעבן. דעם אָרקעסטער, די קרײַזלעך האָט ער געמוזט פאַרלאָזן.

צי איז אים אויסגעקומען ווען־ניט־איז נאָכאַמאָל נעמען דעם טרומייט אין דער האַנט? קיינער ווייסט ניט. ס'איז אָבער באַוווּסט, אַז אָנהייבנדיק פון אַפּרעל 1961, האָט אים קלינגענדיק מעש אומעטום באַגלייט. די בעסטע אָרקעסטערס פון דער וועלט **האָבן געשפּילט לעקאָווועד אים אָף די פּלעצער,**

אין דעם בלאָז־אָרקעסטער. דער צווייטער פון רעכטס — יורי גאַגאַרין

דאָס בילד איז אראָפּגענומען, ווען יורי גאַגארין (דער פערטער פון לינקס) האָט זיך געלערנט אין סאַראַטאָווער אינדוסטריעלן טעכניקום, בײַסן אָפּפאָרן אף ווינטערדיקע ספּאָרט־איבונגען

אף די וואָקזאַלן, אין פּאַלאַצן און אין אעראָ־פּאָרטן.

און דער בלאָז־אָרקעסטער, אין וועלכן יורי גאַגארין האָט צום ערשטן מאָל אין לעבן זיך באַהעפט מיט מוזיק, האָט פון יאָר צו יאָר זיך אָנגענומען מיט מער קויעך. ער האָט געהאַט דעם קאָוועד אָנטיילצונעמען אינעם אַלוועלטלעכן פעסטיוואַל פון יוגנט און סטודענטן אין מאָסקווע. מיכאַיל בלאָבין איז אָנערקענט געוואָרן אַלס דער בעסטער דיריזשאָר, און ער האָט באַקומען רעכט צו דיריזשירן מיטן אָרקעסטער אין גרויסן קרעמל־פּאַלאַץ.

זייער טײַער איז געווען פאַר אים איינע א באַגעגעניש מיט זײַן געוועזענעם דערצויגלינג. דאָס איז געשען אף דער בינע פונעם סאַראַטאָווער אָפּערע־טעאַטער. מע האָט דעמלט אָפּגעמערקט דעם יובילײ פונעם אינדוסטריעלן טעכניקום. ניט די אָרגאַניזאַטאָרס פון די פײַערונגען, ניט דער קאָסמאָנאַווט, וועלכער איז געקומען זיך טרעפן מיט זײַנע לערער און כאַווײרים, האָבן ניט געוווּסט, אז עס וועט קומען בלאָכין. זײַן אומגעריכטער ארופגאַנג אף דער בינע פון הינטער די קוליסן האָט געמאַכט א רוישעם. גאַגארין איז ארויס אנטקעגן און אים הארציק ארומגענומען. די אָנטײל־נעמער פון דעם פײַערלעכן אָוונט האָבן הילכיק אַפּלאָדירט. זיי האָבן גוט געוווּסט בלאָכינען, אָבער ניט געקאָנט פארשטיין, וואָס פאַר א שײַכעס ער האָט צום קאָסמאָנאַווט. פונוואַנען זאָלן זיי געוועןן וויסן, אז גאַגארין איז געווען בא אים א טרומייטער!

ס׳וואָלט ביכלאַל שווער געווען אין דעם צו גלייבן, ווען ניט איינע אַן אַלטע פאָטאָגראַפיע, אף וועלכער מע קאָן זען די ארויסטרעטונג פונעם בלאָז־אָרקעסטער אפן נײַיאָר־אָוונט אין קולטור־הויז (די געבײַדע האָט מען שוין פון לאַנג אראָפּ־געטראָגן). אף רעכטס — דער אָנפירער מיטן אָרקעסטער מ. אי. בלאָכין, און נאָענט לעבן אים שפּילט מיט פלײַס אפן טרומייט דער ערשטער קאָסמאָנאַווט אין דער וועלט.

דעם טרומייטער איז דעמלט געגאַנגען דאָס נײַנצנטע יאָר.

דער ערשטער שטאַפּל

פארן ערשטן קאָסמאָנאַווט האָט דער וועג אין הימל זיך אָנגעהויבן פון דער סאַראַטאָווער ערד, פונעם אַלטן מויער אף דער ראַבאָטשאַיאַ־גאַס. אַמאָל האָט זיך דאָרט געפונען די דײַטשישע געזאַנדשאַפט, און אָנהייבנדיק פון די 20־ער יאָרן — דער קלוב „אוויאַכים", דערנאָך דער אעראָקלוב.

קימאַט א האַלבן יאָרהונדערט האָט עקזיסטירט דער סאַראַטאָווער אעראָקלוב אף וואָדאָפּיאַנאָווס נאָמען. עס האָבן זיך דאָ געלערנט טויזנטער פליִער, פּלאַנעריסטן און פּאַראַשוטיסטן. בא 30 דערצויגלינגען זײַנען געוואָרן העלדן פון סאָוועטנפארבאַנד. אין די זעכציקער יאָרן האָט מען דעם קלוב פארמאַכט און די געבײַדע איבערגעגעבן אין רעשוס פון א קאָנטאָר. אָבער דער נאָמען — אעראָקלוב — איז באַם צווייִשטאָקיקן מויער מיטן האָן אפן ליסקעדיקן דאַך געבליבן. און נאָך איז באַוווּסט געווען אין שטאָט די ארײַנגאַנגס־טיר אין דעם דאָזיקן הויז...

אַן אומבאַוווּסטער קינסטלער האָט אין סאָף פונעם פאָריקן יאָרהונדערט אויסגעמאָלט אף אָט דער טיר סילועטן פון קאָסמישע שיפן. א גרויסער טרוימער איז, ווײַזט אויס, געווען יענער קינסט־לער.

איינמאָל האָבן געוועזענע אעראָקלובניקעס זיך דערוווּסט, אַז מע קלײַבט זיך אַראָפּטראָגן די אַלטע געבײַדע, קעדיי אויסבויען אָף איר אָרט אַ פּראָיעקט־אינסטיטוט. די וועטעראַנען האָבן אופגעהויבן אַ טומל, דערגאַנגען ביז מאָסקווע, און מע האָט געראַטעוועט די אָדלער־נעסט. איצט זעט דער מויער אויס נאָך אײַנדרוקספולער אָפן פּאָן פון דעם פילשטאָקיקן „קעסטל" פונעם אינסטיטוט. און די אויסטערלישע טיר איז אָף איר אָרט. עפּשער האָט גאַגאַרין נאָך אין דער יוגנט דערזען די אויסגעמאָלטע אָף איר ראַקעטעס? עפּשער האָט ער דערפאַר זי אופגעעפנט?

נאָך דער מילכאָמע איז אין סאַראַטאָוו אַלץ געווען אָנגעזעטיקט מיט קולט פון אוויִאַציע. אין די זונטיקן האָבן דאָ שפּאַצירט מיט פאַרהויבענע קעפּ די דערצויגלינגען פון דער ספּעצשול פון די מיליטערישע לופט־קרעפטן. זיי האָבן שטאָלצירט מיט די גאָלדענע פליגעלעך אָף די בלויע פּעטליצעס און געקוקט פון אויבן אַראָפּ אָף „ציווילעיאַטן". יענע האָבן, פון זייער זײַט, מעקאַנע געווען די צוהערער פון דער ספּעצשול, אָבער אונטער די אויגן זיי גערופן — „ספּעצשאַקאַליקעס".

קיין איין יאָמטעוו איז אין שטאָט זיך ניט באַגאַנגען אָן אַרויסטרעטונגען פון די אעראָקלובניקעס. זיי זײַנען געפלויגן אָף פלאַנערן און אעראָפּלאַנען, געשפּרונגען מיט פּאַראַשוטן אין דער וואָלגע.

איינמאָל האָט גאַגאַרין איבערגעלייענט אין דער געגנטלעכער צײַטונג „קאָמוניסט" אַ מעלדונג וועגן דעם, אַז דער סאַראַטאָווער אעראָקלוב נעמט אוף קורסאַנטן אָפן 1951—1952 לערניאָר. דער אעראָקלוב האָט זיך געפונען בישכיינעס מיט דער צוזאַמענוווינונג פונעם טעכניקום. פּונקט אין יענעם טאָג האָבן די כעווריע געקוקט אינעם זומערדיקן קינאָ־טעאַטער דעם נײַעם קאָליריקן פילם „טאָג פון דעם לופטפלאָט פון פּססר". זיי האָבן זיך אַרײַנגעשמוגלט אין זאַל, ווען ס'איז שוין אויסגעשלאָסן געוואָרן די שײַן. דער ערדענער דיל, אין וועלכן עס זײַנען געווען אײַנגעגראָבן די בענק, האָט פאַרשלונגען די טריט פון די פאַרשפּעטיקטע.

אַ צענטראַלער מאָמענט פונעם יאָמטעוו איז געווען דער דורכקוק פון די דערגרייכונגען אין דער מיליטערישער אוויִאַציע. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם שפּירט יורי נאָכן גרופּן־פּילאָטאַזש פון רעאַקטיווע אעראָפּלאַנען...

אין צען יאָר אַרום וועט דער פליִער־קאָסמאָנאווט יורי גאַגאַרין זאָגן, אַז מיט סאַראַטאָוו איז פאַרבונדן באַ אים די קרענק, וועלכע האָט ניט קיין נאָמען אין דער מעדיצין: דער אומגעצוימטער דראַנג אין הימל, דער דראַנג צו פליִען.

אין יול 1955 האָט דער קורסאַנט פונעם אעראָקלוב גאַגאַרין שוין אַליין זיך באַטייליקט אינעם יאָמטעוו, געווידמעט דעם טאָג פונעם לופטפלאָט. נאָך ערעוו יאָמטעוו האָבן די קורסאַנטן געהאָלפן בויען אָפן פליפעלד די טריבונע און זי באַצירט מיט אַ גרויסן לאָזונג: „זאָל לעבן די מעכטיקע סאָוועטישע אוויִאַציע!". דער טאָג איז בעעמעס געווען צוגעפּאַסט אָף דורכצופירן לופט־אַקראָבאַטיק...

עס זײַנען געגאַנגען די לעצטע טעג פון גאַגאַרינס ציווילער יוגנט. אָט־אָט וועט ער איבערפאָרן קיין אָרענבורג — צו זײַן צווייטן שטאַפּל אין הימל.

דעם לעצטן אָוונט האָבן די קינפטיקע קורסאַנטן פון דער אוויִאַציע־שול פאַרבראַכט מיט זייער אינסטרוקטאָר־פליִער דמיטרי מאַרטיאַנאָוון. מע האָט שפּאַצירט איבער די סאַראַטאָווער גאַסן, זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער וואָלגע, ניט ווויסנדיק, אַז עס וועט דורכגיין ניט קיין גרויסע צײַט און די גאַס, ווו זיי האָבן זיך געקוויקט מיט די וואָלגער ראַכוועסן, וועט אָנגערופן ווערן מיטן נאָמען „טײַך־ברעג פון די קאָסמאָנאַווטן".

י. אַ. גאַגאַרין באַ דער אַרײַנגאַנגס־טיר אינעם סאַראַטאָווער אעראָקלוב

געגעכטיקט האָט מען אַלע צוזאַמען אין איינעם א קלאַס פון דעם אַעראָקלוב, אַפן צווייטן שטאָק פון יענעם אַלטן מויער מיט דער מערקווירדיקער טיר. דער צוג האָט געדאַרפט אָפּגיין קאַיאָר. מאַרטיאַנאָוו האָט געגעבן א מעגלעכקייט, די כעוורע זאָלן זיך אויסרוען פאַרן אָפּפאָר.

אינדערפרי זײַנען זיי שוין געווען ווײַט פון סאַראַטאָוו...

די פליִערן

גאַגאַרין, ווי ער אַליין איז זיך מודה געווען, האָט ניט געדאַרפט זיך צוגעווינען צו מיליטערישע קליידער. צום ערשטן מאָל האָט ער אָנגעטאָן אַן אוניפאָרם נאָך אין דער האַנטווערקער־שול, אין ליובערצי. ווען ער איז אָנגעקומען אינעם סאַראַטאָווער אינדוסטריִעלן טעכניקום, האָט מען אים, ווי אַלע שילער, אַרויסגעגעבן אַן אָנצוג מיט פּעטליטשקעס אַפן קאָלנער. דער פאָרמענער קאַשקעט האָט צוגעגעבן די סטודענטן א בעקאָוועדיקן אויסזען. ס'איז אָנגענעם געווען, שפּאַצירנדיק איבער דער שטאָט, פילן אַף זיך דעם גוט צוגעפּאַסטן פרענטש.

זייערע סימפּאַטיעס האָבן די אַרטיקע דזשוריטעס געטיילט צווישן די „סוריקעס" און די „אינדוסטריקעס" — אַזוי האָט מען אַפן גאַסן־לאָשן גערופן די דערצויגלינגען פון דער סוואָראָוו־שול און פונעם אינדוסטריִעלן טעכניקום. דער „אינדוסטריק" גאַגאַרין האָט שטענדיק געײַלט. דער ריטם פון זײַן סאַראַטאָווער לעבן איז געווען אַזאַ אָנגעשטרענגטער, אַז אין יאָרן אַרום האָט ער זיך אַליין געוווּנדערט, וויִאַזוי ער האָט אומעטום באַוויזן צו זײַן. כּוץ דער אָנגעשטרענגטער לער אין טעכניקום, איז אים אויסגעקומען אויסצופילן געזעלשאַפטלעכע אופטראָגן פון דער פרײַוויליקער ספּאָרטגעזעלשאַפט „אַרבעטס־רעזערוון", שפּילן אַפן טרומייט אין בלאָז־אָרקעסטער, זיך טרענירן אין דער ליזשע־סעקציע, צונויפקלײַבן א וואָלייבאָל־קאָמאַנדע, גיין אַף פאַרנעמונגען אין אַעראָקלוב און דערצו נאָך אָנטיילנעמען אינעם דראַמקרײַז פון דעם פּעדאַגאָגישן פאָרשול־טעכניקום.

אָבער די אוויִאַציע האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן. ווער ווייסט, ווען עס איז געבוירן געוואָרן בא אים דער טרוים וועגן הימל? שוין נאָכן קאָסמישן פלוג, גרייטנדיק צום דרוק דעם בוך „דער וועג אין קאָסמאָס", האָט ער דערציילט די זשורנאַליסטן, אַז ווי נאָר ער פלעגט דערהערן דאָס הודען פון א פאַרבײַפליִענדיקן אַעראָפּלאַן צי ער האָט באַגעגנט אַף דער גאַס א פליִער, — איז אים גלײַך געוואָרן „וואַרעמער אַף דער נעשאָמע".

איינע אַזאַ באַגעגעניש האָט זיך גאַגאַרינען אײַנגעקריצט אין זיקאָרן אַף שטענדיק.

געשען איז עס אינעם שטאָטישן פּאַרק „די ליפּקעס" אין סאַמע צענטער פון סאַראַטאָוו.

ניט ווײַט פונעם פאָנטאַן איז אַף ניט קיין הויכן פּיעדעסטאַל געשטאַנען מיט א פאַרהויבענעם קאָפּ א מיידל א פליִערן. זי האָט ווי געזוכט אינעם הימל אירע באַפליגלטע כאַווערטעס, וועלכע האָבן

בא דער סקולפּטור „די פליִערן"

בייס דער מילכאָמע געהיט די שטאָט פון אָנפליִען מיצאַד די דײַטשישע באָמבאַרדירער.

די באַזוכער פונעם פּאַרק זײַנען געווען צוגעוווינט צו דער סקולפּטור. זעלטן ווער עס האָט געכאַפּט אַף איר א קוק, סײַדן עפּעס אַן אָנגעקומענער.

יורי גאַגאַרין האָט איינמאָל געבעטן א פאָטאָגראַף, ער זאָל אים אָפּפאָטאָגראַפירן באַנאַנד מיט דער פליִערן. דאָס דאָזיקע בילד האָט נאָך דעם ערשטן פלוג אין קאָסמאָס אָפּגעדרוקט דער זשורנאַל „אָגאָניאָק".

זומער 1960 איז דעם עלטערן לייטענאַנט יורי גאַגאַרין נאָכאַמאָל אויסגעקומען צו זײַן אין סאַראַטאָוו, דאָס מאָל צוזאַמען מיט זײַנע כאַווײרים פונעם ערשטן אָטריאַד קאָסמאָנאַווטן. ער האָט זיי באַוויזן די שטאָט. שטייענדיק מיט די פרײַנט באַם דענקמאָל נ. ג. טשערנישעווסקין, האָט יורי באַשלאָסן א קוק טאָן אויך אַף דער פליִערן, וועלכע איז געשטאַנען באַם סאַמע אַרײַנגאַנג אין „די ליפּקעס". קאָלזמאַן די גרופּע האָט באַקוקט דעם בראָנזעוון מאָנומענט און די געבײַדע פון דער קאָנסערוואַטאָריע, איז ער אַוועק צום באַקאַנטן אָרט.

ווידעראַמאָל, ווי פריִער, זײַנען זיי געשטאַנען איינער קעגן דעם אַנדערן. זי — אין דעם זעלבן קאָמבינעזאָן און אינעם פליִער־שלעם. ער — ווי שטענדיק — אין זײַן פאָרמענע אָנצוג, אָבער שוין מיט פייגעלעך אַף די בלויע פּעטליצעס און מיט אָפיצערישע פּאָגאָנעס...

די פאָלגנדיקע באַגעגעניש האָט געדאַרפט פאָרקומען ווינטער 1965. פון די פענצטער פונעם האָטעל האָט זיך געזען דער מעטאַלענער פּלויט פונעם סאָד „די ליפּקעס" און גלײַך איז אַפן זייענען אַרופגעקומען די פליִערן.

אָבער דאָס מאָל איז די באַגעגעניש ניט פאָרגעקומען. ס'איז געווען יאַנוואַר. אַף די טויערן פונעם סאָד איז געהאַנגען א שלאָס.

עפּשער איז עס טאַקע געווען צום גוטן, וואָס די טויערן פון „די ליפּקעס" פלעגן זיך פאַרמאַכן אַף א שלאָס. גאַגאַרין וואָלט געהאַט אַגמעסנעפּעש, ניט געפינענדיק אַפן אָרט די באַליבטע סקולפּטור.

ניין, גאָרנישט איז מיט איר ניט געשען. פּאַשעט, עמעצן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס איז ניט קיין הייַנטצייַטיקע פיגור, און מע האָט זי אַריבערגעטראָגן אינעם ווירטשאַפטלעכן הויף. זי שטייט נאָך ביז הייַנט בישכיינעס מיטן שטיבל פון די וועכטער...

א סאַך האָט זיך געביטן אין סאַראַטאָוו זינט יענער צייַט. אַפן אָרט פון דער אַלטער צוזאַמענוווינונג, אין וועלכער גאַגאַרין האָט אָפּגעלעבט עטלעכע יאָר, האָט מען אויסגעבויט א נייַע פילשטאָקיקע געבייַדע מיט אַלע באַקוועמלעכקייַטן. דאָ לעבן מער פון הונדערט „אינדוסטריקעס" — שילער פונעם אינדוסטריעלן פּעדאַגאָגישן טעכניקום אַף יו. א. גאַגאַרינס נאָמען.

דער אַרטילערישער קאַשקעט

דער מאַיאָר אַכמעד גאַסיִעוו האָט זיך באַאומרויִקט, וואָס א פרישער ווינט פון דער וואָלגע שויבערט די נאַסע האָר פונעם קאָסמאָנאַווט.

„ער זאָל זיך, כאָלילע, ניט צוקילן, — האָט א קלער געטאָן גאַסיִעוו, — דער מענטש איז געווען אין דער אַלוועלט, און אַף דער ערד קאָן אים נאָך עפּעס פאַרשאַטן"...

אַראָפּגענומען פון זיך דעם קאַשקעט מיטן שוואַרצן אָקאָלישעק, האָט ער אים דערלאַנגט גאַגאַרינען:

— טו אָן, יורי. דו האָסט, אַפּאָנעם, פאַרגעסן, אַז די אַפּרעל־ווינטן אין אָט די ערטער זייַנען די סאַמע פאַרעטערישע...

גאַגאַרין האָט דאַנקבאַר א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און מעכאַניש אָנגעטאָן דעם קאַשקעט, אַפילע ניט א קוק געטאָן אַף אים. דאָס איינציקע, וואָס עס האָט אים איצט באַאומרויִקט, — וואָס גיכער זיך דערקלייַבן צום טעלעפאָן, קעדיי ראַפּאָרטירן דעם קאָמאַנדע־פּונקט, אַז ער האָט בעשאָלעם אַראָפּגענידערט.

דער מעכטיקער טראַקטאָר, אַף וועלכן ס'איז געקומען צו פאָרן גאַסיִעוו, האָט לייַכט בייַגעקומען די אַקער־ערד, און אין א צייַט אַרום האָט מען גלייַך נאָכן קורס געקאָנט זען דעם וועג אַף דער שטאָט ענגעלס, וואָס איז פון ווייַטן ענלעך אַף א סטאַרט־פעלד.

דער וועטער איז געווען דער סאַמע גינסטיקער, די זעבאַרקייַט, ווי מע זאָגט אין דער אַוויִאַציע, „א מיליאָן אַף א מיליאָן". אַרויסשטעלנדיק דעם קאָפּ פון דער קאַבינע, האָט גאַגאַרין זיך ניט געקאָנט זאט אָנעטעמען מיט דער אַפּרעל־פרישקייַט און, אַנציקט פון דער באַגעגעניש מיט באַקאַנטע ערטער, געשמייכלט צום אופגעוואַכטן סטעפּ.

פלוצעם, אַפילע דורכן גערויש פונעם טראַקטאָר, האָט דעם קאָסמאָנאַווטס דערפאַרענער געהער אופגעכאַפּט א רויש פון אַן אַוויִאַמאָטאָר. גאַגאַרין האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס פליט מען נאָך אים.

ער איז גרינג אַראָפּגעשפּרונגען פונעם טראַקטאָר און, אויסקלייַבנדיק א געהעריק אָרט, האָט ער געגעבן א צייכן דעם ווערטאָליאָט, וווּהין זיך אַראָפּזעצן.

ווי נאָר דער ווערטאָליאָט האָט אָנגערירט די ערד, האָבן זייַנע פּאַסאַזשירן זיך א וואָרף געטאָן צו באַגריסן דעם קאָסמאָנאַווט. דער פליִער־אויספּרוּווער מאַיאָר כיטרין האָט מיט קינע געקוקט אַף זיי פון דער קאַבינע. אָנשטאָט דעם, ער זאָל דער ערשטער אַרומנעמען דעם אַלטן באַקאַנטן, איז ער געצוווּנגען, לויט דער אינסטרוקציע, וואַרטן, ביז עס וועט זיך ענדגילטיק אָפּשטעלן דער פּראָפּעלער. נאָר אָט איז כיטרין אַראָפּגעשפּרונגען אַף דער אַקער־ערד און, אָפּשטופּנדיק דעם גאַנצן אוילעם, אַרייַנגעכאַפּט דעם קאָסמאָנאַווט אין זייַנע אָרעמס.

זיי האָבן זיך האַרציק אַרומגענומען.

נאָך מיט א יאָר צוריק האָבן דער מאַיאָר כיטרין און דער עלטערער לייטענאַנט גאַגאַרין צוזאַמען זיך געייסעקט מיט געוויינלעכע טאָגטעגלעכע איניאָנים פון דער דינסט, ניט פאָרשטעלנדיק זיך, אַז דער גוירל וועט זיי אונטערטראָגן אָט די באַגעגעניש אין אַזאַ געדענק־טאָג פאַר דער גאַנצער מענטשהייַט...

מע האָט געדאַרפט טייקעף זיך אומקערן אַפן אַעראָדראָם. ס'האָבן שוין ניט ווייַט פונדאַנען אַראָפּגענידערט פיר פּאַראַשוטיסטן פון דער זוך־ און רעטונגס־דינסט. זיי האָבן גענומען אונטער א וואַך די שיף און די זאַכן פונעם קאָסמאָנאַווט.

געזעגענענדיק זיך מיט גאַסיִעוון, האָט גאַגאַרין אים געוואָלט אומקערן דעם קאַשקעט, אָבער אַכמעד האָט דערווידערט:

— וואָס הייסט מיט א הוילן קאָפּ? מע טאָר ניט!

דער ווערטאָליאָט האָט זיך אָפּגעריסן פון דער ערד און גענומען א קורס אַף צאָפן.

דערנעענטערנדיק זיך צום אַעראָדראָם, האָט כיטרין דערזען, אַז אונטן שטייט א טויזנטקעפּיקער אוילעם. די מענטשן האָבן געקוקט אַפן ווערטאָליאָט, געפאָכעט מיט די היטלען און מיט די הענט, עפּעס געשריגן.

כיטרין האָט א שטורכע געטאָן גאַגאַרינען, ער זאָל א קוק טאָן. קיינמאָל ביז דעמלט איז גאַגאַרין ניט געווען קיין אָביעקט פון אופמערקזאַמקייַט מיצאַד אַזויפיל מענטשן.

די נייַס, אַז גאַגאַרין איז אָנגעקומען, האָט זיך בליצשנעל פאַרשפּרייט. מענטשן זייַנען געלאָפן צום אַעראָדראָם, געגאַנגען צופוס, געיאָגט אַף אַוטאָמאָבילן. אַלעמען האָט זיך געוואָלט א קוק טאָן אַפן וווּנדער פונעם יאָרהונדערט.

גאַגאַרין האָט זיך קוים געהאַלטן אַף די פיס. נאָך דער איבערגעטראָגענער ניט־ערדישער לאַסט

אף לינקס פון יו. א. גאגארינען — דער מאיאָר אכמעד גאסיִעוו

האָט דער אָרגאניזם געפאָדערט רו. אָבער וויִאזוי ווייסטו דאָס דערקלערן די מענטשן? אף די באַגריסונגען האָט ער געענטפערט מיט אן אופגעהויבענער האַנט און מיטן מערקווירדיקן שמייכל, וועלכער האָט באַשיַינט זיַין פּאָנעם.

מע איז אריַין אין דער געביַידע, פארמאכט די טירן, אָבער אויך דאָ האָט מען גאגארינען ניט געלאָזט צורו. יעדערער, וועמען ס'האָט אָפּגעגליקט זיך אריַינריַיסן אין צימער, האָט געוואָלט אים עפּעס פרעגן און אומבאַדינגט זיך פאָטאָגראפירן מיט אים.

קאָלזמאַן גאגארין האָט אָפּגעגעבן דעם ראַפּאָרט דורכן טעלעפאָן, אז די אופגאבע איז אויסגעפילט, קאָלזמאַן ער האָט געגעבן דעם ערשטן אינטערוויו פאר א ספּאָרט־קאָמיסאר און פאר א קאָרעספּאָנדענט, איז שוין אומעטום געווען באַוווּסט, וויִאזוי עס זעט אויס דער קאָסמאָנאווט, און וואָס ער איז אָנגעטאָן און וואָס פאר א קאַשקעט ער טראָגט. מיקויעך דעם קאַשקעט האָט זיך פאַנאַנדערגעפּלאַקערט א גאַנצער שטריַיט. אייניקע האָבן געהאַלטן, אז מער וואָלט אים געפּאַסט א פליִער־קאַשקעט מיט א בלויען אָקאָלישעק. אַנדערע זיַינען געווען איבערציַיגט, אז אף וויפל קאָסמאָנאווטיק איז א זאַך א ניַיע און איז פארבונדן מיט ראַקעטעס, דאַרף אויך די סימבאָליק זיַין א געהעריקע, דאָס הייסט — אַן אַרטילעריִשן קאַשקעט האָט מען דעם קאָסמאָנאווט ארויסגעגעבן ניט אומזיסט.

די דיסקוסיע האָט זיך געפירט אין ניט קיין געוויינלעכע אומגעבונגען. אירע אָנטיילנעמער זיַינען געזעסן אף צוויַיגן פון ביימער, געהאַנגען אף פּלויטן, זיך קאַראַבקעט אף דעכער און אַטאַקירט אין ענגע רייען דעם אריַינגאַנג. צעגאַנגען זיך איז מען בלויז נאָך דעם, ווי גאגארין האָט זיך אריַינגעזעצט אין אעראָפּלאַן. טויזנטער היטלען זיַינען געפלויגן אין דער הייך איבערן האַמוין, ווען דער קאָסמאָנאווט האָט א פאָכע געטאָן אף צו געזעגענען זיך מיט א בינטל שניי־גלעקעלעך.

אין דעם זעלבן טאָג איז דעם מאיאָר כיטרין אויסגעקומען נאָכאַמאָל פליִען צום אָרט, וווּ עס האָט אראָפּגענידערט די שיף „וואָסטאָק”. זי איז געלעגן אף דער ערד, א מעטער פּופציק פונעם אָפּגרונט. דער פּלאַץ איבער איר איז געווען ארומגערינגלט מיט אן אימפּראָוויזירטער איבערצאַמונג פון סטויפּיקלעך און סטראָפּעס. די שטערנדלעך אפן אויבערפלאַך פון דער שיף האָבן זיך טיילוויַיז צעשמאָלצן, דאָס גלאָז פונעם אילומינאַטאָר איז געווען באַדעקט מיט סאַזשע.

ווען מע האָט איבערגעקערט דעם אַפּאַראַט, האָט כיטרין אריַינגעקוקט אין דער קאַבינע. אַלץ, אַכוץ דעם שטול, אין וועלכן ס'האָט זיך קאַטאַפּולטירט דער קאָסמאָנאווט, איז געווען אפן אָרט און האָט געגלאַנצט מיט זויבערקיַיט.

מע דערציילט, אז די אַקאַדעמיקער קעלדיש און קאָראָליאָוו, וועלכע זיַינען געקומען צו פליִען אפן אַנדערן טאָג, האָבן באַקוקט די שיף און געמאַכט אן אויספיר, אז מע קאָן אף איר פליִען נאָכאַמאָל.

דעם פליִער־אויספּרווולער סערגיי מיכיַילאָוויטש כיטרין איז שוין מער ניט אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיטן קאָסמאָנאווט. נאָר צום גאגארין־פעלד, צום אָבעליסק, וועלכער איז אופגעשטעלט אפן אָרט, וווּ עס האָט זיך פארענדיקט דער ערשטער אין דער וועלט קאָסמישער פלוג, קומט ער צו פאָרן אַלע יאָר דעם 12 אַפּרעל.

די אומגעגנט איז שוין ניט צו דערקענען. צום אָבעליסק איז דורכגעלייגט א שאָסיי־וועג. ארום רוישן מיט די צוויַיגן הויכע ביימער.

■ ■ ■

דער אנטיקוואר

אין אונדזערע שמועסן אַף שאַך־טעמעס האָבן מיר זיך שוין באַגעגנט מיט פאַרשיידענע מענטשן, סײַ פּראָפעסיאָנאַלן, סײַ פּאַשעט גרויסע פאַרערער פון דער אַלטער שפּיל — מיטן עקס־טשעמפּיאָן פון דער וועלט מ. טאַל, מיטן גראָסמייסטער מ. טײַמאַנאָוו, מיטן טרענירער מ. דוואָרעצקי, דעם שרײַבער ל. זאָרין, דעם דאָקטאָר פון עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן ב. ווײַנשטיין. אונדזער הײַנטיקער מיטשמועסער — ל. גלעזער — איז איינער פון די עלטסטע סאָוועטישע בוקיניסטן (דאָ ניט לאַנג צוריק איז אים געוואָרן 75 יאָר). איר קענט אים קימאַט יעדן טאָג טרעפן אינעם בוקיניסטישן מאַגאַזין „פּושקינסקאַיאַ לאַווקאַ", וואָס געפינט זיך בײַשכייניש מיט דער אַלטער געבײַדע פונעם מאָסקווער קינסטלערישן אַקאַדעמישן טעאַטער — „מכאַט"... ל. גלעזער איז ניט בלויז אַ גרויסער קענער פון שאַך־ליטעראַטור, ער איז אויך איינער פון די שטאַרקסטע שאַשיסטן אין די פאַרמילכאָמע־יאָרן. דעריבער וועלן מיר באַרירן די פראַגעס, מיט וועלכע כ׳האָב זיך צו אים געווענדט, כּוץ דער שאַך־שפּיל, אויך די שפּיל אין דאַמקעס...

— לעוו אַבראַמאָוויטש, ס׳איז טשיקאַווע צו וויסן, ווי:אַזוי מע ווערט עס אַ בוקיניסט?

— ספּעציאַליסטן פון בוך־וועזן, דערונטער אויך בוקיניסטן, גרייט מען איצט אין פּאָליגראַפישע אינסטיטוטן. אָבער קעדיי צו באַהערשן ווי געהעריק דעם דאָזיקן פאַך, זײַנען ניט גענוג בלויז די קענטענישן, וואָס מע באַקומט דאָרט. צוליב דעם דאַרף מען נאָך מיט דער גאַנצער נעשאָמע ליב האָבן ביכער און דאָס גאַנצע לעבן זיך „פּאָרקען" מיט זיי. איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן אין ביכער־קראָמען נאָך אין 1924 יאָר. אין יענער צײַט איז אין מאָסקווע בײַ דער קיטײַגאָראָדער וואַנט לעבן קרעמל געווען אַ ביכער־מאַרק. אַף דעם דאָזיקן מאַרק האָט מען געקאָנט טרעפן אַזעלכע אוניקאַלע ביכער, וואָס די הײַנטיקע בוקיניסטן האָבן מער ניט ווי בלויז געהערט וועגן זיי.

ניט ווייניק נוצן האָט מיר אויך געבראַכט דאָס, וואָס כ׳האָב אַליין זייער אַ סאַך שטודירט ביבליאָגראַפישע ליטעראַטור. האָט אין זינען, אַז אַ בוקיניסט דאַרף זײַן גוט באַקאַנט ניט נאָר מיט קינסטלערישער, נאָר אויך מיט ספּעציעלער ליטעראַטור. עס טרעפט, אַז דאָקטוירים נעמען מיך אָן פאַר אַ מעדיקער, מאָלער — פאַר אַ קונסט־פאָרשער.

— און ווי:אַזוי איז עס געשען, וואָס איר האָט ליב באַקומען דאַמקעס?

— דאָס איז אויך פאַרבונדן מיט דער קיטײַגאָראָדער וואַנט, לעבן וועלכער ס׳האָט אין די צוואַנציקער יאָרן זיך געפונען, כ׳וואָלט זאָגן, די שאַשיסטן־מעקאַ. די בעסטע מאָסקווער שפּילער פלעגן דאָרט פאַרברענגען זייער גאַנצע פרײַע צײַט. איך האָב שוין דעמלט געהאַט די צווייטע קאַטעגאָריע אין שאַך און וועגן דאַמקעס אַפילע ניט געטראַכט. אין 1926 איז אַהין געקומען אַרבעטן דער אַלטער מאָסקווער בוקיניסט מ. לאַגינאָוו. ער איז געווען באַוווּסט אי ווי אַ גרויסער ווייסער פונעם רוסישן בוך, אי ווי אַ פאַרברענטער ליבהאָבער פון דאַמקעס. איינמאָל האָב איך לעבן זײַן ביכער־קלייטל דערזען אַ הײַפל מענטשן, וועלכע האָבן עפּעס לעבהאַפטיק באַהאַנדלט. דאָ טאַקע האָבן זיי געגעבן אַ שטעל אוועק אַ טאַבורעט, אַוועקגעלייגט אַף אים אַ צעקעסטלטע ברעט, צעשטעלט דאַמקעס און גענומען איינער דעם אַנדערן באַווײַזן וווּנדערלעכע קאָמבינאַציעס. איך האָב ניט געקאָנט אָפּרײַסן די אויגן פון דער ברעט...

אינגיכן האָט די שפּיל אין דאַמקעס אָפּגעשטויסן אין אַ זײַט דעם שאַך און איז אַף שטענדיק אַרײַן אין מײַן לעבן.

— און ווי זײַנען ווײַטער געגאַנגען אײַערע עניאָנים אין דאַמקעס און אינעם ביכער־וועזן?

— אין 1927 האָב איך אויסגעשפּילט אַ טורניר פון ערשטקאַטעגאָרניקעס, און נאָכדעם זײַנען ביכער אַ שטיק צײַט פאַרבליבן אין הינטערגרונט. אין 1930 בין איך געוואָרן אַ מײַסטער אין דאַמקעס, כ׳האָב דרײַ מאָל זיך באַטייליקט אין די טשעמפּיאָנאַטן פון פּססר (דעם בעסטן רעזולטאַט באַוויזן אין 1934, ווען כ׳האָב געטיילט דאָס פינפטע אָרט), געאַרבעט אַלס טרענירער אינעם מאָסקווער פּיאָנערן־הויז.

דערנאָך האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע. אַפן פראָנט בין איך געווען געהילף פון אַ ווזוואָדקאָמאַנדיר. ווען מע האָט מיך דעמאָביליזירט, האָב איך זיך ווידער אומגעקערט צו די ביכער. געאַרבעט אינעם בוקיניסטישן מאַגאַזין אַף אַרבאַט, שפּעטער — אַף גאָרקי־גאַס (איצט שטייט אַף יענעם אָרט דער נײַער האָטעל „אינטוריסט") און, ענדלעך, פון 1957 — אין דער „פּושקין־קלייט". אין טורנירן שפּיל איך מער ניט, כ׳בין אָבער געוואָרן אַ ספּאָרט־ריכטער פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאַטעגאָריע.

— מע האַלט, אַז איר זײַט אַן אויסגעצייכנטער קענער פון דער שאַך־ליטעראַטור. אינטערעסאַנט,



צי ס׳זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע שאַך־ביכער אין רוסיש, וואָס זײַנען ניט דורכגעגאַנגען דורך אײַערע הענט?

— מיר דאַכט, כ׳קאָן זיך דערמאָנען נאָר איין שאַך־בוך, וואָס איז, אַלנפֿאַלס אין מײַנע צײַטן, קיינמאָל ניט אַרײַנגעפֿאַלן אין בוקיניסטישע מאַגאַזינען. עמעס, כ׳האָב דעם דאָזיקן בוך געזען אין דער היימישער ביבליאָטעק פֿונעם באַוווּסטן שאַך־ליטעראַטאָר י. מײַזעליס. דאָס איז „די קלאַלים פֿון דער שפּיל אין דאַמקעס״ — דער בוך, וועלכן ס׳האָט אָנגעשריבן דער גרויסער אַמעריקאַנער געלערנטער בענדזשאַמין פֿראַנקלין, און ער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין רוסיש אין 1871 יאָר. דער נאָמען דאַרף אײַך ניט אַרײַנברענגען אין אַ טאָעס — דער בוך איז בעפּיירעש וועגן שאַך.

זעט אויס, אַז זעלטענער פֿון אַלץ באַגעגנט מען אַלטע פּעריאָדיק. דאָס איז פֿאַרשטענדלעך — ביכער שטעלן מיר אַוועק אויף די פּאָליצעס, צײַטונגען און זשורנאַלן פֿאַרהיטן מיר קימאַט ניט. ביבליאָגראַפֿישע זעלטנהײַטן זײַנען שוין פֿון לאַנג געוואָרן דער ערשטער רוסישער שאַך־זשורנאַל «Шахматный листок» („דאָס שאַך־בלעטל״), וועלכער איז אַרויסגעגאַנגען אונטער דער רעדאַקציע פֿון וו. מיכײַלאָוון (60 נומערן, 1859—1863) און דער זשורנאַל אונטער דעם זעלבן נאָמען, וועלכן ס׳האָט רעדאַגירט מ. אי. טשיגאָרין (14 נומערן, 1876—1881). טשיגאָרין האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל «Шахматный вестник» („דער שאַך־אַנזאָגער״ — 19 נומערן, 1885—1887). פֿולע קאָמפּלעקטן פֿון די דאָזיקע אויסגאַבעס איז קימאַט אוממעגלעך צו קריגן. אוניקאַל איז אויך דער זשורנאַל «Шашки» („דאַמקעס״), וועלכן ס׳האָט אַרויסגעגעבן פּ. באָדיאַנסקי אין 1897—1901.

— רופֿט אָן, זײַט אַזוי גוט, אייניקע זעלטענע שאַך־ביכער, וואָס זײַנען אַרויס אין רוסלאַנד.

— זייער ווייניק עקזעמפּליאַרן האָט זיך פֿאַרהיט פֿון ד. סאַרגינס בוך „די אַלטקײַט פֿון די שפּילן אין דאַמקעס און אין שאַך״ (מאָסקווע, 1915), פֿון אי. בוטרימאָווס „וועגן דער שאָכשפּיל״ (פּעטערבורג, 1821), פֿון א. פּעטראָווס „די שאָכשפּיל״ (פּעטערבורג, 1824). אַגעוו, אַ פֿאַקסימילע־אויסגאַבע פֿון א. פּעטראָווס בוך האָט מיט אייניקע יאָרן צוריק אַרויסגעלאָזט דער פֿאַרלאַג „פֿיזקולטור און ספּאָרט״. די ערשטע אויפֿלאַגע האָט זיך געפֿונען אין א. ס. פּושקינס ביבליאָטעק, דערבײַ אין צוויי עקזעמפּליאַרן — איינעם האָט דער פּאָעט געקויפֿט אַליין, דעם אַנדערן האָט אים געשענקט דער אַווטאָר.

אַלטע דאַמקעס־ליטעראַטור טרעפֿט זיך נאָך זעלטענער ווי שאַך־ליטעראַטור, ווײַל זי פֿלעגט אַרויסגעגעבן ווערן מיט קלענערע טיראַזשן. זייער שלעכט ווערן פֿאַרהיט לערנביכער — מע שטודירט זיי אַזוי לאַנג, ביז זיי ווערן אינגאַנצן צעריסן.

— צי איז פֿאַראַן עפּעס געמיינזאַמס צווישן דער שאַך־ און דאַמקעס־ליטעראַטור?

— איך מיין, אַז זיי פֿאַראייניקט דאָס, וואָס סײַ אין שאַך, סײַ אין דאַמקעס קאָן מען ניט וואַקסן אַלס שפּילער, ניט לייענענדיק די געהעריקע ליטעראַטור. נאָך איר „יאָגן״ זיך בוכשטעבלעך אַלע — פֿון אָנפֿאַנגער ביז גראָסמייסטערס. אין פֿוטבאָל, לעמאָשל, ווי איר ווייסט, איז לייענען ביכער וועגן דער שפּיל ניט קיין אָבליגאַטאָרישער באַדינג אויף צו שפּילן גוט...

— אין דער היימישער ביבליאָטעק פֿונעם עקס־טשעמפּיאָן פֿון דער וועלט אין שאָכשפּיל דורך בריוו־אויסטויש יאַ. עסטרין (ער פֿאַרמאָגט איינע פֿון די בעסטע שאַך־ביבליאָטעקן אין לאַנד) געפֿינט זיך די וויאָרסטקע פֿון וו. נענאַראָקאָווס „דער ביוטן־קורס״ (1941), וועלכער איז ניט דערשינען, ווײַל ס׳האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע. צי ווייסט איר וועגן ענלעכע פֿאַלן?

— גרײַלעך דאָ ניט לאַנג איז מיר געקומען אין די הענט די קאָרעקטור פֿון עמ. לאַסקערס „לערנבוך פֿון דער שאָכשפּיל״. דער בוך איז געווען אויסגעזעצט און אויסגעוויאָרסטעוועט אין אַ לענינגראַדער דרוקערײַ, נאָר דערשינען איז ער גאָר שפּעטער אין מאָסקווע און אין אַן אַנדער איבערזעצונג.

— אײַך איז אויסגעקומען צו העלפֿן קאָמפּלעקטירן די ביבליאָטעק פֿונעם צענטראַלן שאַך־קלוב פֿון פֿססר. צי זײַנען דאָרט פֿאַראַן זעלטענע אויסגאַבעס?

— דורך די בוקיניסטישע מאַגאַזינען, אין וועלכע איך האָב געאַרבעט, האָט דער קלוב באַקומען ניט ווייניק ווערטפֿולע ביכער, סײַ סאָוועטישע, סײַ אויסלענדישע, און אַפֿילע גראַוויורן אויף שאַך־סוזשעטן. איך וואָלט, אַגעוו, דאָ באַמערקן, אַז אונדזער מאַגאַזין איז איינער פֿון די ווייניקע, וועלכע נעמען אָן צום פֿאַרקויפֿן אויסלענדישע שאַך־ליטעראַטור.

— און אַלטע אויסלענדישע שאַך־פּעריאָדיק קומט אײַך אַמאָל צו די הענט?

— הויפּטזאַכלעך, איינצלנע זשורנאַל־עקזעמפּליאַרן. אָבער איינמאָל האָט מען אין דער „פּושקין־קלייט" געבראַכט קימאַט א פולן קאָמפּלעקט פון "British Chess Magazine" פאַר העכער הונדערט יאָר! דאָס איז, פאַרשטייט זיך, א יעקאַר־האַמציִעס. דער קאָמפּלעקט פון די ענגלישע זשורנאַלן געפינט זיך איצט אין דער ביבליאָטעק פונעם אָדעסער שאָך־קלוב.

— און וואָס פאַר א ליטעראַטור זאַמלט איר זעלבסט?

— כ'האָב אָפּגעגעבן מײַן גאַנץ לעבן, און, אייגנטלעך, וואָס איז דאָ פאַראַן אויסצובאַהאַלטן, קימאַט אַלע מײַנע געלט־מיטלען האָב איך אָפּגעגעבן די ביכער. שוין א סאַך יאָרן קאָמפּלעקטיר איך מײַן ביבליאָטעק מיט פאַרשיידענערליי האַנטביכער און ביבליאָגראַפישער ליטעראַטור, וועלכע איז מיר נייטיק פאַר דער אַרבעט. די צווייטע ריכטונג אין מײַן ביבליאָטעק איז ביכער־גראַפיק. די דריטע — ביכער־מיניִאַטיורן (איך בין דער עלטסטער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט „ליבהאָבער פון מיניִאַטיור־אויסגאַבעס"). און, ענדלעך, וועל איך זיך א באַרים טאָן, איך האָב צונויפגעזאַמלט קימאַט אַלע אויסגאַבעס פון א. ס. פּושקין, ל. נ. טאָלסטאָי, א. א. קרילאָוו, אי. ס. טורגעניעוו, פ. מ. דאָסטאָיעווסקי, וואָס זײַנען דערשינען בײַ זייער לעבן.

— און שאָך־ביכער?

— ספּעציִעל פאַר זיך זאַמל איך זיי ניט. איך האַלט פאַר גלײַכער צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן מײַנע פרײַנט.

— און די לעצטע פראַגע. ווו נעמט איר אַזויפיל קויכעס אף צו לייענען און שטודירן אַזויפיל ביכער?

— אַליין די ביכער, אָן וועלכע איך שטעל זיך ניט פאָר מײַן לעבן, גיבן מיר צו קויעך...

דעם שמועס האָט געפירט

י ע ווג ע נ י ג י ק

צום אָנדענק פון כאַנע בלושטשינסקע

נאָך א שווערער קראַנקײַט איז אין מאָסקווע אין עלטער פון 69 יאָר געשטאָרבן די ייִדישע שוישפּילערן כאַנע בלושטשינסקע. געבוירן געוואָרן אין בערדיטשעוו אין אן אַרבעטער־פאַמיליע, האָט כ. בלושטשינסקע פון קינדווײַז אָן אַרויסגעוויזן אן אינטערעס צו טעאַטראַלער קונסט. נאָכן פאַרענדיקן אין 1932 די מיטלשול, קומט זי אָן זיך לערנען אין דער מאָסקווער ייִדישער טעאַטראַלער שול. שפּעטער איז זי א שוישפּילערן אינעם מינסקער גאָסטעאַט און געהילף־רעזשיסער אינעם מינסקער רוסישן דראַמאַטישן טעאַטער.

אין 1957 פאָרט זי אַריבער קיין מאָסקווע, ווו זי אַרבעט אַלס געהילף־רעזשיסער אין רוסישן דראַמאַטישן טעאַטער אף א. ס. פּושקינס נאָמען.

כאַנע בלושטשינסקע איז געווען די פרוי פונעם באַוווּסטן ייִדישן סאָוועטישן דיכטער מאָטל גרובּיאַן. נאָך זײַן טויט טוט זי פיל אף צונויפשטעלן און אַרויסגעבן זײַנע ווערק.

אין די לעצטע צוויי יאָר פון איר לעבן איז כ. בלושטשינסקע געווען פאַרבונדן מיטן מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל, ווו זי האָט געלערנט די יונגע אַקטיאָרן די ייִדישע שפּראַך.

ערע איר אָנדענק!

סאָוועטיש היימלאַנד · 1984 · די פּאַטשט פון

ליידנשאַפטלעך און געטריי

ערעוו נייאָר, האָב איך באַקומען א באַגריסונגקאַרטל מיט א, דוכט זיך, טראַפאַרעטן טעקסט, אָבער גלייך נאָך די ווונטשן האָב איך דורכגעלייענט: „כ'טייל אייך מיט, אז אין דער שטאָט פּאָלאָצק האָט זיך די צאָל אבאָנענטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרטאָפּלט, געווען פיר, געוואָרן — אכט. א קלייניטשקער זיג, פונדעסטוועגן — אָנגענעם". און אן אונטערשריפט: איסאַק מאַראַכאָווסקי.

אינעם אַלגעמיינעם שטראָם ליבהאָבער פונעם ייִדישן וואָרט זיינען פיר נייע לייענער, קאָן זיין, טאַקע ניט אזא מין גרויסע געשעעניש. פאַרוואָס זשע האָט מיך דער אופּטו פון אונדזער פּאָלאָצקער געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער אזוי דערפרייט? דערנאָך, ווען כ'האָב אַנאַליזירט אָט דעם פאַקט, פאַרגלייכנדיק אים מיט אַנדערע, בין איך געקומען צום אויספיר, אז מיר זיינען נאָך גענוג רייך מיט געטרייע, מיזאַמע פּריינט, מיט ענערגישע מענטשן, וואָס הערן ניט אויף צו זאָרגן וועגן דעם זשורנאַל.

פאַראַן איז קיִעוו אן אומדערמידלעכער ענטוזיאַסט פון דער אַבאָנירונג, שוין אין משך פון פיל יאָרן, דער כאַוועער שלוימע בליינינס. אָט האַלט איך אין די הענט זיינעם א בריוו אין רעדאַקציע. כ'וויל גלייך באַמערקן, אז בא בליינינסן זיינען די מאַסשטאַבן אַנדערע, מאַמעש גראַנדיעזע אין פאַרגלייך מיט מאַראַכאָווסקיס. ס'איז גענוג צו זאָגן, אז נאָך אין 1981 האָט ער דערפירט די צאָל פון די אַבאָנירטע מיצאַד אים לייענער אויף „סאָוועטיש היימלאַנד" ביז הונדערט! אָבער סיי הונדערט אַבאָנענטן, סיי אַכט זיינען א באַווייז פון איין און דער זעלבער דערשיינונג. יעדערער טוט דאָס, וואָס איז מעגלעך אין געגעבענעם פאַל. און א גרויסן דאַנק אים פאַר דעם.

דעמאָלט, געפינענדיק זיך אויף דער דערגרייכטער הייך, האָט זיך שלוימע בליינינס אַרומגעקוקט און פאַרשטאַנען, אז בלייבן אויף דער פּאָזיציע קאָן ער ניט, ער וועט גיין ווייטער, און ער האָט אַרויסגערופן אויף א פאַרמעסטונג אונדזער ראָסטאָווער געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער הערשל באַראַז מיטן ציל, אז יעדערער פון זיי זאָל ברענגען אין א יאָר אַרום דעם זשורנאַל נאָך דרייסיק נייע לייענער. אויך די דאָזיקע פּריוויליקע פאַרפּליכטונג איז גלענצנדיק פאַרווירקלעכט געוואָרן.

פרעגט זיך: ווו געפינט ער אַלץ נייע און נייע ליבהאָבער פונעם ייִדישן וואָרט?

אין זיינע בריוו צו אונדז ענטפערט ער אַליין אויף דער דאָזיקער פראַגע.

קוידעמקאָל, באַהויפּטעט ער, דאַרף מען זוכן — ערלעך, זוכן געטריי, אַרויסבאַקומען זיי פון דער פאָלקס־טיפעניש. אויף צו זוכן נייע לייענער דאַרף מען אויסנוצן יעדע געלעגנהייט. ער, שלוימע בליינינס, געפינט זיך דעם גרעסטן טייל פון זיין אַרבעטסצייט אונטערוועגנס. ער איז אן עלטערער רעוויזאָר אינעם מיניסטעריום פון דער לייכטער אינדוסטריע און פאָרט אַרום קאָנטראָלירן די אַרבעט פון פאַרשיידענע אונטערנעמונגען אין קאָלערליי שטעט און יישובים. ער טרעפט זיך מיט א סאַך מענטשן, הויפּטזאַכלעך מיט איינוווינער פון יענע מעקומעס אויף אוקראַינע, ווו די ייִדישע באַפעלקערונג פאַרנעמט נאָך אן אָנגעזעען אָרט, אשטייגער, אין זשיטאָמירער, זאַפּאָראָזשיער, דניעפּראָפּעטראָווסקער געגנטן.

אָבער בליינינסעס אַבאָנענטן קאָן מען באַגעגענען אויך אין אַנדערע ערטער, זיי זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד — קומט איר קיין לענינגראַד, זיינען זיי דאָרט פאַראַן, באַזוכט איר טאַשקענט — האָבן זיי אָנגעשפּאַרט אויך אַהין, מע קאָן זיך אָנשטויסן אויף זיי אין כערסאָן און אין זשמערינקע, אין כאַרקאָוו און אין קורסק, אין וולאַדימיר און אויף די קאַרפּאַטן — פּאַקטיש איז די געאָגראַפיע פון שלוימע בליינינסעס טעטיקייט אַלס געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער אן אומבאַגרענעצטע. גרענעצלאָז איז אויך זיין אַקשאָנעס, זיין איבערצייגונג, אז ער טוט א ביטיקע אַרבעט.

דאַכט זיך, אז ער, בליינינס, וואָלט זיך געקאָנט באַנוגענען מיט די הונדערט און דרייסיק געשאַפענע פאַרן זשורנאַל לייענער, אָבער אים איז עס קאַרג. אין 1984 לייענען „סאָוועטיש היימלאַנד" שוין 159 ליבהאָבער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, וועלכע עס האָט אַנטדעקט דער געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער בליינינס. די אַרבל בא אים זיינען נאָך פאַרקאַטשעט, ער קלערט ניט אַראָפּצולאָזן זיי, פּלאַנירנדיק נייע עטאַפּן אין זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און האָפנדיק זיי דורכצוגיין מיט דערפאָלג.

ס'איז קיין כידעש ניט, וואָס די געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" זיינען מענטשן ביז גאָר אינטערעסאַנטע פּערזענלעך. אין איינעם א בריוו פון אונדזערן אָדעסער קאָרעספּאָנדענט לייענען מיר:

„אין אָדעס וווינט אן אינטערעסאַנטע פרוי ווערלי ליובטשאַנסקאַיאַ. זי איז א וווּנדערלעכער מענטש. לויטן פאַך איז זי אן אינזשעניער־עלעקטריק. געענדיקט דעם אָדעסער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט. פינף און דרייסיק יאָר געאַרבעט אַלס עלטערער אינזשעניער אינעם אָדעסער פּראָיעקטן־אינסטיטוט, און פאַר גוטער אַרבעט באַלוינט געוואָרן מיט מעדאַלן. זי איז א גרויסע ליבהאָבערן פון מוזיק, מאָלערייַ, ליטעראַ־

טור, באַזונדערס פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

פון דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט „סאָוועטיש היימלאַנד" איז זי באַהערשט געוואָרן מיט אַ פאַרלאַנג, אַז אירע נאָענטע, די באַקאַנטע און די באַקאַנטע פון אירע באַקאַנטע, זאָלן אויך געניסן טײַנעג פונעם זשורנאַל, זיי זאָלן ווערן זײַנע לייענער, שטענדיקע אַבאָנירער. פריִער פון אַלץ האָט זי איבערגעגעבן די ליבע צום זשורנאַל איר אייגענער מישפּאָכע, אַרויסגערופן אינטערעס באַ גריגאָרי לוואָוויטשן, איר מאַן — דעם פאַרטיידיקער פון אָדעס און סעוואַסטאָפּאָל, דעם אינוואַליד פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, באַם זון — דעם מיטאַרבעטער פון דער געגנטלעכער צײַטונג, באַ דער טאָכטער — דער לערערן פון מוזיק און באַם איידעם — דעם וויסנשאַפטלעכן טוער. זי האָט געלערנט מיט זיי ייִדיש. איצט זײַנען זיי אַלע אויך גרויסע פרײַנט פון „סאָוועטיש היימלאַנד". דערנאָך האָט וועלי ליובטשאַנסקאַיאַ אָנגעהויבן איר טעטיקײַט אַלס געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער פונעם זשורנאַל.

וועלי סאָלאָמאָנאָוונע קאַרגט ניט קיין צײַט און קיין מי, קעדיי פאַרגרעסערן די צאָל שטענדיקע אַבאָנענטן פונעם זשורנאַל. יענע מענטשן, וועלכע ווייסן ניט וועגן „סאָוועטיש היימלאַנד", באַקאַנט זי מיטן אינהאַלט פון פאַרשיידענע נומערן, דערציילט וועגן באַזונדערע ווערק, דערקלערט, וויִאַזוי אויסצושרײַבן דעם זשורנאַל, העלפט עס קאָנקרעט אָפּטאָן. נאָך דער באַקאַנטשאַפט מיט דער געוועזענער ייִדישער אַקטריסע זעלינסקע פון האָמעל, מיטן אינזשעניר בראָדסקי פון טאַשקענט, מיט דער לערערן וואָלבע פון וויניצע, מיטן אינזשעניר גוראַלניק פון מאָסקווע און מיט אַנדערע, וועלכע האָבן אַ געוויסע צײַט פאַרבראַכט אין אָדעס, האָט זי אויסגעשיבן פאַר יעדן דעם זשורנאַל, אָפּגעשיקט זיי די קוויטאַנציעס, און אַלע האָבן זיי מיט דאַנקבאַרקײַט אומגעקערט איר די הויצאָעס. וועלי סאָלאָמאָנאָוונע האָט אַרויסגעוויזן אַ זעלטענע איניציִאַטיוו (די זעלבע, ווי דער כאַווער באַראַז פון ראָסטאָוו): אַלס נײַיאָר־מאַטאָנע האָט זי געשיקט אירע פרײַנט יערלעכע אַבאָניר־בלאַנקן אויף „סאָוועטיש היימלאַנד" און די פרײַנט האָבן זיך שוין ווײַטער אַליין אַבאָנירט.

דער זשורנאַל האָט אַדאַנק דער געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטערן וועלי ליובטשאַנסקאַיאַ באַקומען באַ פערציק לייענער. איר נוצלעכע אַרבעט זעצט זי פאָר. אין אָנהייב 1984 זײַנען אין איר ליסטע צוגעקומען דרײַ נײַע לייענער.

אַכרײַעספּול פאַרשפּרייט דעם זשורנאַל אין לוואָוו באָריס גלוזמאַן. קימאַט דרײַסיק אַבאָנענטן האָט ער געשאַפן אין מעשעך פון די לעצטע עטלעכע יאָר. באַזונדערס איז ער צופרידן, וואָס עס איז אים געלונגען צו געפינען יונגע לייענער, פאַרשטייט זיך — פאַרהעלטנסמעסיק יונגע. אין זײַן רעשימע פון די דערגרייכונגען איז, אַשטייגער, אָנגעוויזן אַנטקעגן דער פאַמיליע יעפים פעלדמאַן — 29 יאָר, און אַנטקעגן דער פאַמיליע וויקטאָר ציקאַנאָווסקי — 33 יאָר. ביכלאַל איז באָריס גלוזמאַן איבערצײַגט, אַז פּאָטענציִעלע אַבאָנענטן זײַנען פאַראַן ניט ווייניק, און מע דאַרף זיי נאָר אַנטפּלעקן. ווי שלוימע בלייניס, האַלט ער, אַז קעדיי געפינען, דאַרף מען זוכן. דאָס זוכן נײַע לייענער איז איינע פון באָריס גלוזמאַנס קעסיידערדיקע לײַדנשאַפטן. ער סטאַרעט זיך מיט אַלע קויכעס גויווער זײַן די שוועריקײַטן, וועלכע שטייען אויפן וועג צו דעם קינפטיקן ליטעראַטור־געברויכער.

באָריס גלוזמאַן האָט האַנאָע פון זײַן געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ער האַלט טאַקע פאַר אַ פליכט — פאַרשפּרייטן „סאָוועטיש היימלאַנד", נאָר דאָס איז באַ אים אַ פריידיקע פליכט. ער האָט ליב דעם זשורנאַל און וויל, אַז ליב באַקומען זאָלן אים אַלע, ווער עס היט אָפּ פאַר זיך ייִדיש. דערווײַל איז באָריס גלוזמאַן מיט זײַן אַרבעט צופרידן. אויב עס גיט זיך אים אײַן העלפן עמעצן אויסשרײַבן „סאָוועטיש היימלאַנד", האַלט ער עס פאַר אַ וויכטיקער דערגרייכונג. „איך האָף, — שרײַבט ער, — אַז מיר וועלן אײַנגיכן קאָנען זאָגן: באַ אונדז אין לוואָוו לייענט דעם זשורנאַל יעדערער, ווער עס באַהערשט ייִדיש". פאַרליבטקײַט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" בלענדט ניט גלוזמאַנען די אויגן.

פאַראַן באַם כאַווער גלוזמאַן קריטישע באַמערקונגען צום אינהאַלט פונעם זשורנאַל. ער האַלט, אַשטייגער, אַז ס'וואָלט געווען צוועקמעסיק אָפטער געבן אַ מעגלעכקײַט די לייענער אַרויסטרעטן אויף די זײַטלעך פון „סאָוועטיש היימלאַנד" מיט אָפּרופן אויף ווערק, וועלכע זײַנען געווען געדרוקט. די שרײַבער און די לייענער דאַרפן זײַן פאַרבונדן ענגער, קאָנטאַקטירן צווישן זיך, און דאָס מוז זײַן אָפּגעשפּיגלט אינעם זשורנאַל.

דער לוואָווער שרײַבער אַלעקסאַנדער ליזען מאָלט אין זײַן בריוו צו אונדז אַזאַ מין שטריך צום געשטאַלט פונעם איבערגעגעבענעם פאַרשפּרייטער: „אַלעמאָל, ווען איך באַגעגן זיך מיט באָריס גלוזמאַנען, דערוויס איך זיך עפּעס אומבאַדינגט וועגן די לוואָווער לייענער — וואָס זיי טראַכטן און פילן, בלעטערנדיק דעם זשורנאַל, וואָס פאַר אַ שטימונגען סטימולירט ער באַ זיי. צומאָל דערציילט מיר גלוזמאַן וועגן זיך. אָפּט בלישטשען באַ אים דערבײַ די אויגן. זײַנערצײַט האָט ער געזען און געהערט אין די קלובן פון כאַרקאָוו דאָוויד האָפשטיינען, פּערעץ מאַרקישן, איציק פעפערן. דאָס איז פאַרבליבן באַ אים ביז איצט אין זיקאָרן. ער פּראָפּאַגאַנדירט „סאָוועטיש היימלאַנד" געניט, מיט טאַלאַנט. די אַרבעט פון אַזעלכע כאַווײרים אין דער שטאָט לוואָוו און אין דער אַרומיקער געגנט גיט אונדז דאָס רעכט צו גלייבן, אַז אין 1985 וועט דאָרט דער זשורנאַל ווערן נאָך מער פּאָפּולער".

ניט לאַנג צוריק איז אין רעדאַקציע אָנגעקומען אַ בריוו פון אַ מאָסקווער טוישעוו — אַ לייענער־וועטעראַן, וועלכער האָט פאַרבונדן פרײַנטשאַפט מיטן זשורנאַל, אָנהייבנדיק פון די ערשטע נומערן. זײַן פאַמיליע איז טירמאַן.

שימען טירמאַנס בריוו פאַרנעמט זיבעטהאַלבן זײַטלעך מיט ענגע שורעלעך. צווישן אַנדערע באַרירט ער די פראַגע וועגן די געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער. ער זאָגט אַרויס אַזאַ מין צווייפל: צי דוכט זיך אונדז ניט, אַז מיר אין רעדאַקציע, טרײַבן איבער די מאָס, אָפּשאַצנדיק די אַרבעט פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער? אָט, — שרײַבט ער, — איז ער, שימען טירמאַן, אַ שטענדיקער לייענער, אָבער קיין שום געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער האָט צו דעם די האַנט ניט צוגעלייגט, אַפילע ניט אײַנגעטונקען קיין פינגער אין קאַלטער וואַסער. ער,

שימען טירמאַן, ווייסט אַליין גאַנץ גוט דעם וועג צו דער פּאָטשט, און פאַרגעסט קיינמאָל ניט, ווען עס קומט די צײַט צוקומען צום פענצטערל, ווו מע אבאָנירט אַף פאַרשיידענע אויסגאַבעס, בעסויכעם אַפן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". צי איז ער, שימען טירמאַן, דער איינציקער אַזאַ?

פאַרשטייט זיך, אַז ניין, ניט דער איינציקער, ניט קיין אויסנאַם. פיל הונדערטער לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" שרײַבן אויס דעם זשורנאַל אַזוי, ווי דער טײַערער כאַווער טירמאַן, טוען עס אַזוי, ווי ער, באַצײַטנס. אָבער די ראָל פון אונדזערע געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער איז בעשום־אויפן ניט איבערצושאַצן. עס טרעפט, אַז פאַרשיידענע אומשטענדן, אָביעקטיווע און סוביעקטיווע סיבעס פאַרשווערן צומאָל דעם וועג צום זשורנאַל. איך ווייס עס גוט פון מײַן פּערזענלעכער דערפאַרונג. האָט טאַקע אַ זין, ווען אין דער אַבאָנירקאַמפּאַניע מישן זיך אַרײַן די געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער. און עס פאָדערט זיך לאַכלוטן ניט, אַז יעדערער פון זיי זאָל אומבאַדינגט ברענגען דעם זשורנאַל צענדליקער נײַע לייענער. אויב דאָרטן, ווו „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט בעכטן געלייענט איין ליבהאָבער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, לייענען דעם זשורנאַל הײַנט צוויי, און דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דער אַרבעט, וועלכע עס האָט דורכגעפירט אַ געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער — וואָלט שוין געווען גענוג, קעדיי אָפּמערקן, אַז די עקזיסטענץ פון דער קאָהאָרטע געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער איז אַ באַרעכטיקטע. צו דעם כאַווער שלוימע בלייניס, וועלכער האָט געשאַפן צענדליקער נײַע לייענער פונעם זשורנאַל, און, לעמאָשל, צו דעם כאַווער מיכאַיִל באַראָוואָי פון אַבאַקאַן, אין דער ווײַטער כאַקאַסיע, וועלכער האָט צוגעצויגן צום זשורנאַל בלויז איין נײַעם מענטשן, באַציִען מיר זיך מיט דערעכערעץ. ביידע טוען זיי אַ נוצלעכע פאַר אונדזער געזעלשאַפט אַרבעט.

ניט לאַנג צוריק האָט אָנגעקלונגען אין רעדאַקציע דער געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער פון טאַשקענט אַלעקסאַנדער ווישניעוועצקי. אין עטלעכע רעגעס אַרום איז דער איניען קלאָר געוואָרן: דאָרטן, — מאַכמעס אַ מיספאַרשטייעניש, צי ווײַל עמעצער פון די פּאָטשט־באַאַמטע האָט זיך נאַכלעסיק באַצויגן צו זײַנע פליכטן, — זײַנען די ערשטע צוויי נומערן „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן 1984 ניט דערגאַנגען צו די אָרטיקע אַבאָנענטן. אַלעקסאַנדער ווישניעוועצקי בעט, מיר זאָלן אים דורך דעם צענטראַלן פּאָטשטאַמט אין מאָסקווע העלפן פאַנאַנדערפּלאָנטערן דעם איניען. ער האָט אָנגערופן די פאַמיליעס פון די פאַראַנטוואָרטלעכע מיטאַרבעטער אַף דער פּאָטשט אין טאַשקענט, זייערע טעלעפאָנען, עס זאָל אונדז זײַן לײַכטער צו פירן די אונטערהאַנדלונגען אין צענטער. פאַרשטייט זיך, אַז גאָר גיך איז געלונגען די דאָזיקע אויסערגעוויינלעכע פּאַסירונג אײַנלאַדיען, און די טאַשקענטער לייענער האָבן דעם זשורנאַל באַקומען. אַלעקסאַנדער ווישניעוועצקי האָט אונדז באַדאַנקט. מיר האָבן אים געענטפערט מיט אַ דאַנק פאַר אַ דאַנק. נאָר איך האָב זיך דערבײַ פאַרקלערט: וואָס באַגײַסטערט אָט דעם הויכגעבילדעטן, הויכקולטורעלן, ביז גאָר פאַרנומענעם, טיף אַרײַנגעטאָנענעם אין זײַן אַרבעט און דערצו נאָך באַלעסטיקטן מיט פּערזענלעכע היימישע דײַגעס, מענטשן, — וואָס דערמוטיקט אים צו טראָגן אַף זיך דעם אָל פון אַ געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער?

מיט אַ שטיקל צײַט צוריק האָט מיר אַף אַן ענלעכער פראַגע געענטפערט מײַנער אַ לאַנדסמאַן, אַ געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער אין דער זשיטאָמירער געגנט אָשער גערשטנבלום. „ווילסט, הייסט עס, וויסן, לעמײַ פיר איך זיך אַליין די גאַנצע צײַט אַף אַ שטריקל אַרום דער פּאָדפּיסקע? — איז ווייס, אַז טאָן אָט די אַרבעט צווינגט דער קויעך פון לעבן. דו פאַרשטייסט, צי ניין? — דער קויעך פון לעבן!" ווײַזט אויס טאַקע, אַז יאָ, אָט די אומויסשעפּלעכע קראַפט. איך האָב זי בוילעט דערפילט אין אַלעקסאַנדער גריגאָריעוויטשעס בריוו, אין וועלכן דער טאַלאַנטירטער געלערנטער טיילט מיט, אַז ער האָט אַבאָנירט אַף „סאָוועטיש היימלאַנד" נאָך צוויי נײַע לייענער.

אין דער קינדהײַט איז אַלעקסאַנדער ווישניעוועצקי אַרײַנגעפאַלן אין אַ פאַשיסטישער געטאָ. דאָרט האָבן טאַטע־מאַמע מיט אים גערעדט אַף דער מוטער־שפּראַך, און מע קאָן האַלטן, אַז פון דעמלט אָן הייבט זיך אָן ווישניעוועצקיס וועג צום זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

די געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער פונעם זשורנאַל זײַנען מענטשן פון פאַרשיידענעם עלטער, יעדערער מיט זײַן אייגענעם גורל, מיט אייגנאַרטיקע אינטערעסן, אָבער איין אינטערעס איז בא זיי אַ געמיינזאַמער — דער זשורנאַל. ער באַפרײַנדעט זיי, פאַרייניקט אַלעמען. „איך בין געוואָרן אַ גרויסער ליבהאָבער פון „סאָוועטיש היימלאַנד", — דערקלערט אין זײַן בריוו דאָוויד שולמאַן פון קיִעוו. — איך בין געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, אַ כאָסיד פונעם זשורנאַל". דער ראַנג — כאָסיד — פאַרפּליכטעט. און דאָוויד שולמאַן סטאַרעט זיך אים באַרעכטיקן, ער האָט פיל געהאָלפן אין דער פאָריקער אַבאָנירקאַמפּאַניע און וועט ניט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט אויך אין דער נײַער.

מיר האָפן, אַז נײַע לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אַפן 1985 וועט געוויס שאַפן אין דער שטאָט קראַסנאָדאַר דער געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער באָריס גלאַובאַך — דערווײַל פאַרמאָגט נאָך אָט די שטאָט ניט ווייניק פּאָטענציִעלע רעזערוון פון ייִדיש־לייענער. גרויסע מעגלעכקײַטן פאַר דער טעטיקײַט פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער זײַנען נאָך פאַראַן אין קעשענעוו און כאַרקאָוו. מיר זײַנען איבערצײַגט, אַז אונדזערע כאַוויירים — געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער — די קאָמוניסטן לייב שוואַקס פון קעשענעוו און פייסעך סאַפּיין פון כאַרקאָוו וועלן ענערגיש דורכפירן בא זיך די אַבאָנירקאַמפּאַניע.

אין אַלע ווינקעלעך פון אונדזער היימלאַנד זײַנען די געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער באַרופן מיטצוהעלפן אויסשרײַבן דעם זשורנאַל און שאַפן קוידעמקאָל נײַע לייענער. שטענדיקע לייענער דאַרפן ניט וואַרטן, עס זאָלן צו זיי אומבאַדינגט קומען די געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער. זיי קאָנען דאָס טאָן אָן אַ דערמאָנונג. דאָ איז וויכטיק ניט דורכלאָזן דעם טערמין, אַלץ דאַרף אופגעטאָן ווערן צו דער צײַט.

אין רעדאַקציע קומען אָן אַ סאַך בריוו, אין וועלכע עס גייט ניט קיין דירעקטע רייד וועגן

אבאָנירונג, אָבער אזוי אָדער אנדערש האָבן זיי צו איר א שײַכעס.

איזיעל ווײַסמאן פון טשערנאָוויץ באהויפּטעט, אז אף „סאָוועטיש היימלאנד“ אבאָנירט ער זיך פון 1961. „איך לייען דעם זשורנאל, ווי מע זאָגט, פון אלעף ביז טאָף, — שרײַבט ער, — און כ׳בין זייער צופרידן. כ׳קויף אויך אלע ייִדישע ביכער. די טאָכטער מײַנע האָב איך אויסגעלערנט לייענען ייִדיש. איך בין שוין ניט קיין יונגער מענטש. די אלע מײַנע זשורנאלן און ביכער, וועלכע איך האָב אָנגעזאמלט פאר דער גאנצער צײַט, וועלן ניט פארפאלן ווערן. מיט זיי וועט זיך נוצן די טאָכטער מײַנע“. מיר צווייפלען ניט, אז איזיעל ווײַסמאנס טאָכטער וועט מיט דאנקבארקײַט אופנעמען דעם טאַטנס ירושה און וועט אויך זײַן א באשטענדיקע לייענערן פון „סאָוועטיש היימלאנד“.

דאָס איז ביכלאל זייער וויכטיק, קעדיי ציִען ווײַטער דעם גאָלדענעם פאָדעם פון אונדזער ליטעראטור.

אָט וואָס עס שרײַבט אין איר בריוו ס. גרינבוים פון קראסנאָדאר: „אײַער ווענדונג צו די לייענער האָב איך אופגענומען ווי א פראקטישע אופגאבע. יעדער איינער, וואָס אבאָנירט זיך אף „סאָוועטיש היימלאנד“, איז מעכויעוו ארײַנברענגען נאָך איין לייענער. האָב איך ארײַנגעבראכט! זײַן נאָמען איז גערשקאָוויטש. אפן 1984 האָט ער שוין אליין אויסגעשריבן דעם זשורנאל. בייס מײַן ערשטן שמועס מיט אים האָט ער מיר געזאָגט, אז ער האָט שוין אינגאנצן פארגעסן ייִדיש. דאָ ניט לאנג האָב איך אים באגעגנט, האָט ער זיך גענומען בארימען, אז ער לייענט שוין אף מאמע־לאָשן גאנץ גוט. ער האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, — זאָגט ער, — אז דער זשורנאל זאָל זײַן אזוי אינטערעסאנט. יעדער נומער רופט ארויס אין זײַן שטוב פרייד. איידער ער דארף אָנקומען, קוקט זײַן פרוי ארײַן אין פּאָטשט־קעסטל עטלעכע מאָל א טאָג. גערשקאָוויטש האָט אפילע צו מיר טײַנעס, לעמײַ האָב איך אים אזוי שפּעט צוגעצויגן צום זשורנאל. אגעוו, האָט אין 1984 לויט מײַן רעקאָמענדאציע זיך אבאָנירט אף „סאָוועטיש היימלאנד“ נאָך איין כאווער — שעמאָן. ער האָט אויך, צום באדויערן, ניט געוווּסט, אז עס דערשײַנט אזא אויסגאבע.

א סאך אָרט פארנעמען אין דער רעדאקציאָנעלער פּאָטשט די בריוו, וועלכע מע וואָלט געקאָנט באדײַנגלעך אָנרופן — באשטעלונגען. די לייענער־אָנפאנגער ווענדן זיך צו אונדז מיט באקאָשעס, מיר זאָלן זיי ארויסשיקן אלעפבייסן, גראמאטיקעס, ייִדיש־רוסישע און רוסיש־ייִדישע ווערטערביכער. מיט איין וואָרט, מע וויל ווערן לייענער, מע וויל ווערן אבאָנענטן.

יעקאטערינא ראָזענבערג פון כארקאָוו איז אונדז פאָרויס דאנקבאר פאר א צוגעשיקטן ייִדישן ווערטערבוך — זי קאָן זיך ניט פאָרשטעלן, אז מיר האָבן פּאָשעט ניט קיין מעגלעכקײַטן צו באפריידיקן איר באקאָשע: די רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד“ פארנעמט זיך אויסשליסלעך מיט דעם, וואָס זי לאָזט ארויס דעם זשורנאל. קיין שום אנדערע פונקציעס, קיין שום צוגאָב־שליכעס פארמאָגט זי ניט. מיט ביכער האנדלט זי ניט. מיט דעם דאָזיקן איניען פארנעמען זיך די געהעריקע קראָמען. דעם רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך, וועלכער איז דערשינען אין אפּרעל האיאָר, האָט מען א לענגערע צײַט געקאָנט קריגן אין פארשיידענע ביכער־מאגאזינען סײַ דירעקט, סײַ מיט נאָכצאָל, דאָס הייסט, „נאלאָזשענים פּלאטיעזשאָם“. אלעמען טיילן מיר מיט, אז מיט דעם פארנעמט זיך דער מאָסקווער ביכער־מאגאזין נומער 124, וועלכער געפינט זיך אף דער גאס פונעם קאָסמאָנאווט וואָלקאָוו, נומער 19. זײַן פּאָטשט־אינדעקס איז 125299.

אָט וואָס עס שרײַבט אונדז וועגן אָט דעם איניען אי. גינזבורג, א מאָסקווער טוישעוו: „צוריק מיט דרײַ וואָכן האָב איך זיך געווענדט צו אײַך מיט א ביטע, איר זאָלט מיר מיטיילן, צי עס גרייט זיך צום דרוק א לערנבוך פון דער ייִדישער שפּראך. איך וויל אײַך באדאנקען פאר אײַער אויסשעפלעכן ענטפער. איצט ווייס איך שוין, אז אזא לערנבוך וועלן מיר קאָנען באקומען, ער איז פארפלאנירט און ווערט געגרייט צום דרוק. א גרויסן דאנק אײַך פאר דעם, וואָס איר האָט מיר געגעבן דעם אדרעס פונעם ביכער־מאגאזין אף דער וואָלקאָוו־גאס, ווו איך האָב געקויפט דעם רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך“.

אז עס איז שוין יאָ אוועק א רייד וועגן ביכער־האנדל, איז ווינטשנסווערט זיך פארופן אף א בריוו, וואָס עס האָט צוגעשיקט אין רעדאקציע אונדזער לאנגאָניקער געזעלשאפטלעכער פארשפּרייטער זאלמען מינקין פון דאָנעצק. „עס איז באוווּסט, אז ביכער דארף מען פארשפּרייטן, — שרײַבט ער, — ענטוזיאסטן האָבן עס געטאָן טאָמיד. די אמאָליקע מויכער־ספאָרימניקעס פלעגן ארומפאָרן מיט ביכער אף א וועגעלע. די מעגלעכקײַטן פון זייערע הײַנטיקע יאָרשים האָבן זיך וועזנטלעך געענדערט. דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער מאסן־לייענער גייט ניט, אלס קלאל, מאכמעס זײַן עלטער, אין די ביכער־קראָמען, ער איז איבערהויפּט א בען־באָיִס, ניט זעלטן דארף מען טראָגן דעם בוך צו אים אהיים. צוליב דעם מוז מען דעם בוך אפריִער באשטעלן. די דאָזיקע ארבעט וואָלט געקאָנט אויספילן אָדער דער פּאָטשטאליאָן, אָדער... נאָכאמאָל און ווידעראמאָל דער געזעלשאפטלעכער פארשפּרייטער. אזוי אָדער אנדערש. נאָר אן און פאר זיך. אליין וועט דער בוך צום לייענער ניט אָנקומען. אָט דעם איניען מוז מען באוואָרענען, מע מוז אים אָרגאניזירן. קוידעמקאָל איז ווינטשנסווערט, דער פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל“ זאָל באצײַטנס אינפאָרמירן אלע ביכער־קראָמען אין די שטעט מיט פּאָטענציעלע ייִדישע לייענער, וואָס פאר א ביכער עס זײַנען שוין דערשינען אין דער לעצטער צײַט, קעדיי די ביכער־קראָמען זאָלן האָבן א מעגלעכקײַט קאָנקרעט צו באשטעלן די נייטיקע צאָל עקזעמפּליארן. א געוויסן בײַטראָג וואָלט אין דעם איניען געקאָנט ארײַנברענגען דער זשורנאל. אין אים וואָלט געמעגט אָפטער געגעבן ווערן אן אינפאָרמאציע פונעם פארלאג. עפשער וואָלט געווען א סייכל צו מעלדן אן אבאָנירונג אף אזעלכע ביכער? מיט איין וואָרט, ייִדישע ביכער דארף מען פארשפּרייטן, דאָס דיקטירט די צײַט“.

וועגן דעם, אז מע דארף אָפּטער דרוקן אין זשורנאל מיטיילונגען וועגן ביכער, וועלכע דערשײַנען אין דער ייִדישער שפּראך, און וועגן די ווערק פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער, וועלכע גייען ארויס אין דער איבערזעצונג אף פארשיידענע שפּראכן, שרײַבט אויך אי. ראָזענבערג פון דער שטאָט מארייִנא גאָרקא, מינסקער געגנט.

דאָס זײַנען פאָרשלאָגן, און מע דארף זיי אָנהייבן פארווירקלעכן.

דער מאָסקווער פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל" לאָזט ארויס אין 1984 ביכער פון די ייִדישע שרײַבער ט. גען, ש. גאָרשמאַן, אי. דרוקער, י. שרײַבמאַן, י. בוכבינדער, א. ווערגעליס, ל. קוויטקאָ, ב. מילער, ב. האלפּערן, דעם זאמלבוך „ביראָבידזשאַן — דער ווײַטער און נאָענטער" אא. באשטעלן זיי איז שוין, לײַדער, שפּעט. נאָר קריגן זיי אין די ביכער־קראָמען איז נאָך מעגלעך.

דער פארלאג „כודאָזשעסטווענאיא ליטעראטורא" גרייט צום דרוק א צווייבענדיקע אויסגאבע פון אָרן ווערגעליסעס אויסדערוויילטע ווערק.

דער פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל" האָט פארעפנטלעכט אַן ארויסלאָז־פּלאַן, אין וועלכן עס זײַנען אָנגעוויזן א רײ ביכער פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער, וועלכע דארפן דערשײַנען אין 1985. מיר ברענגען דאָ אַן אויסצוג פון אָט דעם פּלאַן:

נומער 378. גאָרדאָן ש. פײַל פון בויגן;

נומער 379. דער ניסטער. מישפּאָכע מאשבער;

נומער 381. קיפּניס אי. אונטערוועגנס, איבערזעצונג אף רוסיש;

נומער 383. ליזען א. ראָמאנען, איבערזעצונג אף רוסיש;

נומער 384. מעלאמוד כ. אומפּארגעסלעכס;

נומער 386. ראבין י. די שטאָט פון מײַן יוגנט;

נומער 397.ביידער כ. מײַן וועטער, לידער, איבערזעצונג אף רוסיש;

נומער 403. מאָגילנער ב. מײַן זיקאָרן, לידער;

נומער 406. טייף מ. לידער.

די אָנגעוויזענע ביכער קאָן מען באשטעלן אין אלע ביכער־קראָמען פון סאָוועטנפארבאנד. צוליב דעם דארף מען אין יעדן מאגאזין ארויספאָדערן דעם ארויסלאָז־פּלאַן פונעם פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל", אָנווײַזן, וואָס פאר א ביכער און וויפל מע וויל באשטעלן, און בעטן, דער מאגאזין זאָל די באשטעלונג אָנעמען.

אבאָנירן זיך אפן זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" און באשטעלן ביכער פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער ווילן א סאך אויסלענדער. פּרינציפּיעל איז די פראגע געלייזט שוין פון לאנג: מיר זײַנען פארינטערעסירט, אז אומעטום זאָל מען לייענען די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור.

מוישע העלפגאָט פון לימע (פּערו) שרײַבט אין זײַן בריוו:

„איך ווענדע זיך צו אײַך אין נאָמען פון צוועלף געוועזענע אבאָנענטן פון „סאָוועטיש היימלאנד" אין פּערו. נאָך דעם, ווי די רעדלפירער פון דער אמעריקאנער צײַטונג „מאָרגן־פרײַהײַט" פייסעך נאָוויק און זײַן רעכטע האנט כאִים סולער זײַנען אָפּגעגאנגען פון זייערע פריִערדיקע פּראָגרעסיווע פּאָזיציעס, האָבן מיר איבערגעריסן אונדזערע באציִונגען מיט זיי און אויפגעהערט צו באקומען „סאָוועטיש היימלאנד", ווײַל פריִער פלעגן מיר דעם זשורנאל קריגן דורך דער „מאָרגן־פרײַהײַט". איך האָב זיך אבאָנירט אפן זשורנאל אין איינער א ניו־יאָרקער האנדלס־פירמע, נאָר עס איז שוין פאָריבער העכער א האלב יאָר, און קיין איינציקן נומער פון „סאָוועטיש היימלאנד" האָב איך דערווײַל ניט באקומען. די פירמע באהויפּטעט, אז די פאראנטוואָרטלעכקײַט פאר דעם ליגט קלוימערשט אף דעם סאָוועטישן צאד. כ'בעט אײַך מיר העלפן. כ'בין איבערצײַגט, אז אויב ס'וועט פּאָזיטיוו געלייזט ווערן די פּראָבלעם, וואָלט איך געקאָנט פארגרעסערן די צאָל אבאָנענטן בא אונדז אין לאנד, צוציִענדיק נײַע לייענער און אויפשטעלנדיק די געוועזענע אבאָנענטן".

פון מענדאָזא (ארגענטינע) האָט צוגעשיקט א בריוו דאָוויד מינצער. „שוין 11 יאָר, אז איך לייען ניט מער אײַער זשורנאל, — קלאָגט ער זיך, — כ'בין זיכער, אז איר ווייסט, אז בא אונדז איז געווען „פינצטער". איך וווין ניט ווײַט פון בוענאָס־אײַרעס, און צו מיר איז דער זשורנאל ניט דערגאנגען. אזוי ווי עס איז געוואָרן א ביסעלע ליכטיקער, בעט איך אײַך מיר שיקן „סאָוועטיש היימלאנד".

יאַקוב שטשופּאק פון קארפּענטראס (פראנקרײַך) פרעגט זיך אָן, וויִאזוי באשטעלט מען אין סאָוועטנפארבאנד ייִדישע ביכער. ער בעט, מיר זאָלן אים צושיקן די אדרעסן, וווּהין ער וועט זיך קאָנען ווענדן מיט זײַנע באשטעלונגען.

אזעלכע בריוו באקומט די רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד" אָפט. געוויינלעך ענטפערן מיר יעדן קאָרעספּאָנדענט פּערזענלעך. אין צוזאמענהאנג אָבער מיט דער אבאָניר־קאָמפּאניע, ווען דער צופלוס פון אזעלכע בריוו פארגרעסערט זיך, וועט זײַן צוועקמעסיק פארעפנטלעכן אַן אלגעמיינע מיטיילונג.

א ב אָ י ו ר ע ס

USA

Four Continent Book Corporation,
156, Fifth Avenue,
New York, N.Y. 10010

Imported Publications Inc.,
329 West Ohio Street,
Chicago, Illinois 60610

Victor Kamkin, Inc.,
12224 Parklawn Drive,
Rockville, Maryland 20852

Stechert-Macmillan Inc.,
7250 Westfield Ave.,
Pennsauken, N.J. 08110

EBSCO Subscription Services,
17-19 Washington Avenue,
Tenafly, New Jersey 07670

EBSCO Industries, Inc.,
1st Avenue, North at 13th Street
Birmingham, Alabama, 35203

CANADA

Progress Books,
71 Bathurst Street, 3rd Floor
Toronto, Ontario, Canada
M6H 116

Librairie Nouvelles
Frontiers Inc.,
185, rue Ontario est
Montreal, P.Q., Canada H2X IH5

AUSTRALIA

C.B.D. Library and
Subscription Service,
Box 4886 G.P.O.
Sydney, N.S.W. 2000

Spring Bookshop Room 5,
1st floor, 37 Swanston St.
Melbourne, Victoria 3000

International Bookshop, Pty, Ltd.
2nd floor, 17 Elisabeth Street,
Melbourne, Victoria 2000

ISRAEL

Lepac Ltd.
15, Rambam Street
P.O.B. 1136, Tel-Aviv

Boleslavski Ltd.
72, Allenby Road
P.O.B. 526, Tel-Aviv

Sifriat Poalim
73, Allenby Road
P.O.B. 526, Tel-Aviv

Steimanski's Agensy Ltd.
22 Harakevet,
P.O.B. 628, Tel-Aviv

FRANCE

Messidor-Globe
2, rue de Buci
75006 Paris

Les Livres Etrangers
10, rue Armand-Moissant
75737 Paris Cedex 15

GREAT BRITAIN

Central Books, Ltd.,
14 The Leathermarket,
London SE1 3ER,
England

ARGENTINA

Serchio Schmidt
Avenida Scorrientes N 1719
1042 Buenas Aires

Dirple de Bustamante
N 476
1173 Buenas Aires

די ביאָגראַפיע פון א דענקמאָל

א זעלטענע סקולפּטור — א קאָפּיע פון איינעם פון די ערשטע סאָוועטישע דענקמעלער קארל מארקסן — האָט מען געפונען אין טאמבאָוו. מיטן געפינס איז פארבונדן א מערקווירדיקע געשיכטע, וועלכע שפּיגלט אָפּ די סימאָנים פון אונדזער שטורמישער צײַט.

אינגיכן נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט פונעם פראָנט פון גאליציע זיך אומגעקערט אין דער שטאָט קאָזלאָוו (אצינד מיטשורינסק) דער סאָלדאט אלעקסאנדער געראסימאָוו. ערעוו דער מילכאָמע האָט ער גלענצנדיק פארענדיקט אין מאָסקווע די שול פון מאָלערײַ, סקולפּטור און ארכיטעקטור, און אצינד האָט ער געטרוימט אפסנײַ זיך נעמען צום פּענדזל.

צום ערשטן יאָרטאָג פונעם גרויסן אָקטיאבער האָט מען אין קאָזלאָוו פארטראכט שטעלן א דענקמאָל דעם גרונטלייגער פונעם וויסנשאפטלעכן קאָמוניזם. „איך גערעדנק, אינעם אויספּירקאָם האָט עמעצער געזאָגט: „עס וואָלט געווען גוט קריגן א ביוסט פון קארל מארקסן", — האָט שפּעטער דערציילט אינעם בוך „דאָס לעבן פון א קינסטלער" א. געראסימאָוו. — אָבער צײַט אף זוכן און פאָרן קיין מאָסקווע איז ניט פארבליבן. און איך האָב זיך גענומען מאכן דעם ביוסט פון מארקסן אליין".

מע האָט געהאלטן, אז קיין שום שפּורן פונעם דענקמאָל זײַנען ניט פארבליבן, אָבער ניט לאנג צוריק האָט זיך אויסגעקלאָרט, אז אין טאמבאָוו, אין דער מישפּאָכע פונעם פּאָדפּאָלקאָווניק אין דעמיסיע, געוועזענעם פראָנטאָוויק מ. אומריכין איז פאראן א סקולפּטור־פּאָרטרעט פון מארקסן, וועלכן עס האָט געשאפן אן אומבאוווסטער אווטאָר. זיך באקאנט מיטן געפינס, האָט דער עלטסטער מיטשורינסקער קינסטלער ס. ארכיפּאָוו, איינער פון די, וואָס עס האָט געהאָלפן געראסימאָוון שאפן דעם דענקמאָל קארל מארקסן, באשטעטיקט: „דאָס איז טאקע דער ערשטער מוסטער פון דער סקולפּטור!".

די ווערטפולע מישפּאָכע־רעליקוויע איז איבערגעגעבן געוואָרן אלס געשאנק דער שטאָט מיטשורינסק. דער ביוסט פונעם פירער פון דעם אלוועלטלעכן פּראָלעטאריאט וועט אײַנגעשלאָסן ווערן אין דער עקספּאָזיציע פונעם אָרטיקן הויז־מוזיי פון דעם פאָלקס־קינסטלער פון פּססר א. מ. געראסימאָוו.

וו. סטעפּאנאָוו

די ייִדן אפן אינדזל דזשערבא

דאָס קליינע זאמד־אינדזל אינעם מיטללענדישן יאם דזשערבא געהערט צו טוניס. דזשערבא איז פארבונדן מיטן אפריקאנישן קאָנטינענט דורך אן אוראלטן רוימישן הרעבליע־וועג. דאָס אינדזל איז געווען דערמאָנט שוין אין האָמערס „אָדיסייע".

די ערד פון דזשערבא האָט געזען פארשיידענע פארכאפּערס: פיניקייער און רוימער, אראבער און שפּאניער.

איצט לעבן אפן אינדזל דרײַ פעלקער: בערבערן, אראבער און ייִדן. דעם ייִדישן רעליגיעזן צענטער פון דזשערבא רופט מען „גריבא", דאָס הייסט אף אראַביש — „דאָס פרעמדע", „דאָס אָפּגעטיילטע" אָדער „דאָס ארויסגעבראכטע פון דער שטאָט ארויס". די אוראלטסטע אין דער וועלט שול פון גריבא געפינט זיך אפן בידעריקן פלאכלאנד אין סאמע צענטער פון דעם מידבער־טייל פון דזשערבא. מע זאָגט, אז דאָ האָבן זיך אָפּגעשטעלט ייִדישע פּליטים נאָך דעם, ווי נאָווכאָדנעצער האָט כאָרעוו געמאכט דעם ערשטן בייסהאמיקדעש. אין 1956 זײַנען דאָ געווען 8 טויזנט נעפאשעס, איצט איז פון זיי געבליבן ארום איין טויזנט.

די אוראלטע שול — דאָס איז א קליינע געבײַדע, וועלכע איז געווען איבערגעבויט אין שפּאַניש־מאוריטאנישן סטיל. זי איז רעסטאוורירט געוואָרן אין 1920. אפן דיל ליגן, פונקט אזוי ווי אין מעטשעטן, צינאָווקעס, און קעדיי אהין ארײַנגיין, דארף מען אויסטאָן די שיך. בא דער טייבע, אין א טיפער גרוב ליגט אן אוראלטער שטיין, וועלכער איז, לויט ווי עס ווערט דערציילט אין אן אגאָדע, פארגראָבן געוואָרן אף דעם אָרט, ווו עס איז געשטאנען די ערשטע נאָכן כורבן שול. יעדן יאָר, בעשאס דעם יאָמטעוו לאגבוימער, קומען צו דעם שטיין פּילצאָליקע אוילע־רעגלניקעס. אין דער שול היט זיך אָפּ אויך א סייפערטוירע, וועלכע איז שוין אלט 800 יאָר, דאָס הייסט, זי איז אָנגעשריבן געוואָרן בימיי נעסיעס פון ביניאָמין דעם טודעלער.

די דזשערבער ייִדן רעדן צווישן זיך אראביש.

(לויטן ארטיקל פון אלבער בענסוסאן אין דער צײַטונג „אינפאָרמאסיאָן זשויוו", מײַ 1983, פּאריזש)

פון פראנצויזיש —
אלעקסיי מילער

■ ■ ■

ביכער-גראַפיק

קינסטלער סעמיאָן ווערכאָווסקי

הילע צו א. קאַצעווס בוך „דאָס גוטע וואָרט"

הילע צו ש. העלמאָנדס בוך „אָנגלי" (רוסיש)

הילע און שמוצטיטל צו מ. מאָגילעוויטשעס בוך „אָפּנהאַרציקייט"



סעמיאָן ווערכאָווסקי איז געבוירן געוואָרן אין 1932 אין מאָסקווע. אין 1955 פאַרענדיקט ער דעם מאָסקווער פּאָליגראַפישן אינסטיטוט. אין מעשעך פון פיל יאָרן אַרבעט ס. ווערכאָווסקי אין די פאַרלאַגן „מיסל", „פּלאַנעטאַ", „פיזקולטורא אי ספּאָרט". אין פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" האָט ער איליוסטרירט אַ ריי ביכער פון ייִדישע שרײַבער, צווישן זיי די ווערק פון שאָלעם־אליי־כעם, שיקע דריז, ש. העלמאָנד, מאָטל גרוביאַן און אַנד.

אָנהייבנדיק פון 1970, האָט ער אָנטיילגענומען אין פאַרשיידענע קינסט־לערישע אויסשטעלונגען פון ביכער־גראַפיק.

הילע און שמוצטיטלען צו ש. דריזס בוך „האַרבסט"

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

קיפּער, מאָטל
(1938 — 1896)

— פובליציסט, זשורנאליסט, געזעלשאפטלעכער טוער. געבוירן אין טשערניכאָוו, זשיטאָמירער געגנט, אין א מישפּאָכע פון א שמיד. פון די פריִע יאָרן געארבעט אלס שנײַדער, צוערשט אין זײַן שטעטל, דערנאָך אין קיִעוו, סאראטאָוו, זשיטאָמיר. גלײַך נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע ארײַנגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פארטיי, אויסגעווילט געוואָרן אלס פאָרזיצער פונעם וואָלינער גובקאָם פון קאָמפארבאנד, געארבעט אין די ייִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס אין כארקאָוו און זשיטאָמיר. פון אָקטיאבער 1920 געווען רעדאקטאָר פון דער מינסקער צײַטונג „דער שטערן", סעקרעטאר פון דער הויפּטביוראָ פון די ייִדסעקציעס אין ווײַסרוסלאנד. אין 1921 באשטימט געוואָרן אלס פאָלקסקאָמיסאר פאר נאציאָנאלע איניאָנים פון ווײַסרוסלאנד. שפּעטער רעדאגירט אין האָמעל די וואָכנבלאט „דער קאָמוניסטישער וועג". פון דעקאבער 1924 — סעקרעטאר פון די ייִדישע סעקציעס באם צענטראל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון אוקראיִנע. אָנהייבנדיק פון די יאָרן נאָך דער רעוואָליוציע געווען אן אקטיווער מיטארבעטער אין א ריי ייִדישע צײַטונגען און זשורנאלן — „די קאָמוניסטישע פאָן" (זשיטאָמיר), „דער וועקער" (מינסק), „דער עמעס" (מאָסקווע), „דער שטערן", „דער פויער", „דער קוסטאר", „יונגע גווארדיע", „ראטנבילדונג", „די רויטע וועלט" (כארקאָוו) און אנד. אווטאָר פון ביכער און ארטיקלען וועגן דער פּראָלעטאריזירונג פון די ייִדישע מאסן, וועגן פּראָבלעמען פון ייִדישער ערד־אײַנאָרדענונג און אטעיִסטישע פּראָבלעמען.

ווערק: וועגן דער ייִדן־פראגע אין ראטנפארבאנד און וועגן ציִעניסטישע „ניצכוינעס" (זשורנאל „די רויטע וועלט", כארקאָוו, 1926, נום. 5—6); ביראָבידזשאן (דאָרט, 1928, נום. 2—3); דאָס ייִדישע שטעטל אין אוקראיִנע. כארקאָוו, מעלוכעפארלאג, 1929; 10 יאָר אָקטיאבער־רעוואָליוציע (די אָקטיאבער־רעוואָליוציע און די ייִדישע ארבעטנדיקע פון אוקראיִנע). קיִעוו, „קולטור־ליגע", 1927; 5 יאָר קאָמערד. כארקאָוו, צענטרפארלאג, 1929; אנטיסעמיטיזם און ייִדישער נאציאָנאליזם. קיִעוו, „קולטור־ליגע", 1929; אין פאנאנדערגעוויקלטן סאָציאליסטישן אָנגריף. כארקאָוו, צענטרפארלאג, 1930; אף די לעניניִשע פּאָזיציעס (צו די סאכאקלען פונעם 16־טן צוזאמענפאָר פון אלקפּ(ב) און 11־טן צוזאמענפאָר פון קפּ(ב)או. דאָרט, 1930; די פּאָליטיק פון דער קפּ(ב)או אין דער נאציאָנאלער פראגע (דאָקומענטן). כארקאָוו, „ליטעראטור און קונסט", 1931; דער אנטירעליגיִעזער קולטור־מארש און די קולטבויונג אין דער ייִדישער סוויווע. כארקאָוו, צענטרפארלאג, 1930; סאָציאלעקאָנאָמישער איבערבוי (צו די סאכאקלען און אופגאבעס פון דער עקאָנאָמישער ארבעט צווישן דער ייִדישער אָרעמשאפט). כארקאָוו — קיִעוו, אוקרמעלוכענאצמינדפארלאג, 1932.

קירזשניץ, אווראָם
(1938 — 1888)

— פובליציסט, ביבליאָגראף, היסטאָריקער. געבוירן אין באָברויסק, ווײַסרוסלאנד. זיך געלערנט אין דער ביאליסטאָקער קאָמערץ־שול (אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דאָרטן פאר רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט). דעביוטירט אין 1906 מיט ארטיקלען אין דער רוסישער פּרעסע פון מינסק, האָמעל, באָברויסק. שפּעטער זיך געדרוקט אין די ייִדישע צײַטונגען „דער פרײַנט" („דאָס לעבן"), „לעבן און וויסנשאפט", „באָברויסקער וואָכנבלאט", „באָברויסקער שייגעץ". ערעוו דער ערשטער וועלט־מילכאָמע רעדאגירט דעם ערשטן האנטבוך אין ייִדיש פאר ביבליאָטעק־איניאָנים — „יאָרבוך פאר ייִדישע ביבליאָטעקן אפן יאָר 1914" (קלעצקין־פארלאג, ווילנע) און דעם דרײַכאדאָשימדיקן זשורנאל „דער ייִדישער ביבליאָטעקער". נאָך דער רעוואָליוציע זיך געדרוקט אין דער רוסישער פּרעסע, אָנגעשריבן א גרעסערע ביבליאָגראפישע ארבעט אין רוסיש „די פארטייִש־סאָוועטישע פּרעסע" (1917—1923) פארן פארלאג פון „איסטפּארט" (קאָמיסיע פאר דער געשיכטע פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע באם צענטראל־קאָמיטעט פון דער אלפארבאנדישער קאָמפּארטיי). פארעפנטלעכט ארטיקלען אין דער צײַטונג „דער עמעס". אין 1924 אריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע, רעדאגירט דעם זשורנאל „מאָסקאָווסקי פּראָלעטארי", אָנגעשריבן א ריי בראָשורן. לויטן אופטראָג פון „איסטפּארט" אָנגעהויבן ארבעטן איבער דער גע־

שיכטע פון דער ייִדישער ארבעטער־באַוועגונג, איינצײַטיק געזאמלט מאטעריאלן צו דער סטאטיסטיק און געשיכטע פון דער ייִדישער פּרעסע. פון 1925 — א מיטארבעטער אין דער רעדאקציע פון דער צײַטונג „דער עמעס". פארעפנטלעכט אין פארשיידענע אויסגאבעס ארטיקלען וועגן דער געשיכטע פון דער ייִדישער סאָוועטישער פּרעסע און פארלאג־וועזן.

ווערק: אין די יאָרן פון אימפּעריאליסטישן קריג (געשיכטע פון דער ארבעטער־באוועגונג), מאָסקווע 1924 (אין רוסיש); בא דער שוועל פון כינע (די לאגע פון דער רוסישער באפעלקערונג אין דער געגנט פון דער מיזרעך־כינעזישער אײַזנבאן). מאָסקווע, 1925 (אין רוסיש); לעבן אין סיביר. דאָרט, 1925 (אין רוסיש); די לענער בלוטבאָד. דאָרט, 1925 (אין רוסיש); די פּראָפּבאוועגונג צווישן די ייִדישע ארבעטער אין די יאָרן פון דער ערשטער רעוואָליוציע. מאָסקווע, „שול און בוך", 1926; די ייִדישע פּרעסע אין ראטנפארבאנד (1917—1927). מינסק, 1־טע דרוקערײַ פונעם ווײַסרוסלענדישן מעלוכע־פארלאג, 1928; די ייִדישע פּרעסע אין ווײַסרוסלאנד (1917—1927). מינסק, ווײַסרוסלענדישע מעלוכע־ביבליִאָטעק, 1929; די ייִדישע פּרעסע אין דער געוועזענער רוסלענדישער אימפּעריע (1823—1916). מאָסקווע, צענטערפארלאג, 1930; די „הייליקע" שעדיקער אין אונדזער קולטור־רעוואָליוציע. מאָסקווע, „בעזבאָזשניק", 1929; דער ייִדישער ארבעטער. כרעסטאָמאטיע צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער ארבעטער־רעוואָליוציִאָנערער און סאָציִאַליסטישער באוועגונג אין רוסלאנד. מאָסקווע, צענטערפארלאג, 1925—1928 (באנד 1 — ביזן 1903; באנד 2, העפט 1—2: די יאָרן 1904—1907; באנד 3 — די יאָרן 1908—1916; באנד 4 — די יאָרן 1917—1918); די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט אין אופשטײַג. מאָסקווע, „עמעס", 1936.

קראַוועצאָוו, גערשן
(1906 — 1981)



— קינסטלער. געבוירן אין טשערקאס, אוקראַיִנע. אין 1935 געענדיקט דעם וכוטעמאס (קינסטלערישן אינסטיטוט) אין מאָסקווע און די ערשטע שעפערישע פּרווון דורכגעמאכט אונטער דער אָנפירונג פונעם באוווּסטן קינסטלער וו. א. פאוואָרסקי. שפּעטער אליין געוואָרן אן אָנגעזעענער מײַסטער פונעם גראוויור־זשאנער. איליוסטרירט העכער 400 ווערק פון סאָוועטישע און אויסלענדישע אווטאָרן, געשאפן מער פון 300 עקסליבריסן, קינסטלעריש אויספאָרמירט און איליוסטרירט פיל ווערק פון דער ייִדישער קלאסיק, ווי אויך א היפּשע צאָל ביכער פון די הײַנטצײַטיקע סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער. אים געהערט די ערשטע הילע פון „סאָוועטיש היימלאנד" (1961), ער האָט א סאך געארבעט איבער שאפן נײַעם ייִדישן שריפט. זיך באטייליקט אין פיל קינסטלערישע אויסשטעלונגען בא אונדז אין לאנד און אין אויסלאנד.

ביבליִאָגראפיע: יע. נ. מינאיעוו און ס. פּ. פאָרשטינסקי, עקסליבריס. פארלאג „קניגא", מאָסקווע, 1970; ס. ג. איוועַנסקי, מײַסטערס פון רוסישן עקסליבריס. לענינגראד, 1973, זז. 155—195; א. א. סידאָראָוו, א מײַסטער פון דער גראוויור. צײַטונג „קניזשנאָיע אָבאָזרעניִע", נומ. 12, 1976, דער זעלבער, ג. א. קראוועצאָוו (צום 70־טן געבורטסטאָג פונעם קינסטלער). זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", נומ. 11, 1976; א. טשערנאָוו, ג. א. קראוועצאָווס 300 עקסליבריסן. „קניזשנאָיע אָבאָזרעניִע", נומ. 6, 1980; מ. נאָגטיעווא, א גרויסער מײַסטער. זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" נומ. 7, 1981.

קראַוועץ, יאַנקל
(1906 — 1980)

— פּראָזאיִקער. געבוירן אין שטעטל קראָק, קיידאנער ראיאָן, ליטע. שטודירט אין פראנקרײַך, ווו אין 1935 אין דער שטאָט באָרדאָ באקומען דעם דיפּלאָם פון א ראדיִאָ־אינזשעניער. אין דער צײַט פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע זיך עוואקויִרט אין גאָרקער געגנט, ווו געארבעט אין א שול, אונטעריכט פיזיק. נאָך דער מילכאָמע געארבעט אין ווילנע אינעם אפּאראט פון דעם לאנדווירטשאפט־מיניסטעריום פון דער ליטווישער ססר. ביזן ארויסגיין אף פּענסיע פארנומען דעם פּאָסטן פון שטעלפארטרעטער פון אן אָפּטייל. געדרוקט דערציילונגען און נאָוועלן אין „סאָוועטיש היימלאנד".

ווערק (אין „סאָוועטיש היימלאנד"): איין פראנק שטראף (נומ. 2, 1977); מײַן ערשטער סיכסעך מיט גאָט (נומ. 8, 1977); וויִאזוי קומט צו מיר מארק שאגאלס אווטאָגראף אף דער הילע פון „סאָוועטיש היימלאנד" (נומ. 1, 1978); בעניטאָ (נומ. 11, 1979).

◇ ◇ ◇

אין שײַכעס מיט דער נײַער אבאָניר-קאמפאַניע

טײַערע לייענער, געזעלשאפטלעכע פארשפרייטער פון „סאָוועטיש היימלאנד"! ווידער טרעטן מיר צו צו דער יערלעכער אבאָניר-קאמפאַניע אפן זשורנאל, וועלכע איז, איבער אלעם, א דורכקוק און מאָביליזאציע פון דער לייענער-אאודיטאָריע, וואָס עס פארמאָגט הײַנט די יידישע ליטעראטור.

„סאָוועטיש היימלאנד" איז, ווי באוווּסט, א סטימולירנדיקער און דערציערישער פאקטאָר. ס'איז קיין כידעש ניט, וואָס פאר 25 יאָר, זינט דער זשורנאל עקזיסטירט, איז, ניט געקוקט אף די באוווּסטע ספעציפישע באדינגונגען, זײַן לייענער-אקטיוו פאר-היט געוואָרן און אפילע אויסגעוואקסן. דאָס קומט פאָר סײַ אדאנק דער הויכער קוואליטעט פון די זשורנאל-נומערן, סײַ דערפאר, וואָס עס פילט זיך שוין א געוויסער צוּוואוּקס פון לייענער, וועלכע געהערן צום יינגערן דאָר. דער זשורנאל באפרידיקט די באדערפענישן פונעם פאראנענעם לייענער און דערציט נײַע.

אײַער אופגאבע, כאַשעווע ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראטור, די אופגאבע פון די געזעלשאפטלעכע פארשפרייטער, איז אזא: אין גאנג פון דער אבאָניר-קאמפאַניע געפינען יעדן נײַעם לייענער, יעדן אײנעם, וועלכער האָט ביז איצט ניט געוווּסט וועגן דער עקזיסטענץ פונעם זשורנאל, אָדער האָט, איבער פערזענלעכע סיבעס, זיך נאָך מיט אים ניט באגעגנט. אזא מענטשן דארפט איר העלפן אויספאָרמירן די אבאָנירונג.

ס'איז אויך וויכטיק צו באוואָרענען, אז אין די קלענערע יישוּווים און אין די געוועזענע שטעטלעך, ווו די צאָל פּאָטענציעלע לייענער איז א באגרענעצטע, זאָלן דאָך אלע באקומען דעם זשורנאל. אויב, טײַערער פארשפרייטער פון „סאָוועטיש היימלאנד", איר ווױנט ניט ווײַט פון אזא יישעוו, בעטן מיר אײַך זיך מאטריען זײַן אין צופאָרן אהין, קעדיי אויסצופילן די אבאָניר-אופגאבע. טוט עס אויך בענעגייע אײַערע קרויווים, באקאנטע, שכיינים און געסט.

דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" איז אין סאמע בלי. פון נומער צו נומער ווערט ער אינטערעסאנטער און אינהאלטס-רײַכער. אָן אים קאָן זיך ניט באגיין קיין איין ליבהאָבער פונעם יידישן וואָרט סײַ בא אונדז אין לאנד, סײַ אין אויסלאנד.

מיר האָפן, אז ווי אין די פריערדיקע יאָרן, וועט אויך אין גאנג פון דער איצטיקער אבאָניר-קאמפאַניע, יעדער אײנער, וואָס וועט האָבן דערגרייכונגען אינעם שאפן און פארפעסטיקן לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד", מיטיילן וועגן דעם דער רעדאקציע. מיר ווינטשן אײַך פארגעניגן פון דער אָפּגעטאָנענער ארבעט.

די אבאָניר-פרײַז פונעם זשורנאל צוזאמען מיט דער ביכער-בײַלאגע — 9 רובל מיט 60 קאָפּ. א יאָר. פאר א האלב יאָר — 4 רובל מיט 80 קאָפּ.

רעדאקציע און רעדקאָלעגיע
פון „סאָוועטיש היימלאנד"

ДЛЯ ИЗУЧАЮЩИХ ИДИШ
Урок XXVI

פאַר די, וואָס לערנען ייִדיש
לימעד XXVI

אינהאַלט: I. גראַמאַטיק:
פאָרם, באַטײַט און איבערזעצונג
פונעם אינפיניטיוו.
II. איבונגען און פראַגמענטן צום איבערזעצן.

§ 44а. Неопределенная форма глагола (инфинитив) отвечает на вопрос «что делать?», например:

1) сеять; 2) ехать; 3) мочь.

1) זייען; 2) פאָרן; 3) קאָנען.

Форма инфинитива, как правило, совпадает с формами 1 и 3 лица мн. числа настоящего времени, ср., например:

инфинитив	1, 3 л. мн. числа	1, 3 פערזאָן מערצאָל	אינפיניטיוו
1. сеять	сеем, сеют	מיר, זיי זייען	1. זייען
2. ехать	едем, едут	מיר, זיי פאָרן	2. פאָרן
3. мочь	можем, могут	מיר, זיי קאָנען	3. קאָנען

Таким образом, одно и то же слово может в одном случае быть инфинитивом, в другом — 1 или 3 лицом мн. числа. Сравните, например, изменение значения сходных форм одного и того же глагола в следующих предложениях:

1. Мы **сеем** пшеницу.	1. מיר **זייען** ווייץ.
2. Мы **едем сеять** пшеницу.	2. מיר **פאָרן זייען** ווייץ.
3. Мы можем **ехать сеять** пшеницу.	3. מיר קאָנען **פאָרן זייען** ווייץ.

§ 44б. Формы инфинитива и 1, 3 лица мн. числа совпадают также у глаголов с приставками [ант-, ба-, гэ-, дэр-, фар-, це-], сравн., например, разное значение сходных форм в следующих предложениях:

1) Мы **развиваем** нашу экономику.	1) מיר **אַנטוויקלען** אונדזער ווירטשאַפט.
2) Мы должны еще больше **развивать** нашу экономику.	2) מיר דאַרפן נאָך מער **אַנטוויקלען** אונדזער ווירטשאַפט.
3) Мы **приветствуем** гостей.	3) מיר **באַגריסן** די געסט.
4) Мы едем **приветствовать** гостей.	4) מיר פאָרן **באַגריסן** די געסט.
5) Мы **помним** и будем всегда **помнить** наших героев.	5) מיר **געדענקען** און וועלן טאָמיד **געדענקען** אונדזערע העלדן.
6) Советские люди **защищают** и будут всегда **защищать** мир во всем мире.	6) די סאָוועטישע מענטשן **פאַרטיידיקן** און וועלן **פאַרטיידיקן** דעם שאָלעם אין דער גאַנצער וועלט.

§ 44в. Однако в ряде случаев форма инфинитива **отличается** от форм 1, 3 лица мн. числа.

1. Запомните несовпадающие формы инфинитива и 1, 3 лица мн. числа у следующих глаголов:

I инфинитив	II 1, 3 л. мн. числа	1, 3 פערזאָן מערצאָל	אינפיניטיוו
1. идти	— идем, идут	מיר, זיי גייען —	1. גיין
2. дать	— даем, дают	מיר, זיי גיבן —	2. געבן
3. знать	— знаем, знают	מיר, זיי ווייסן —	3. וויסן
4. хотеть	— хотим, хотят	מיר, זיי ווילן —	4. וועלן
5. быть (здесь)	— находимся, находятся (здесь)	מיר, זיי זײַנען (דאָ) —	5. זײַן (דאָ)
6. смотреть	— смотрим, смотрят	מיר, זיי זעען —	6. זען
7. делать	— делаем, делают	מיר, זיי טוען —	7. טאָן (טון)
8. стоять	— стоим, стоят	מיר, זיי שטייען —	8. שטיין

Задание 1*: заполняйте пропуски недостающими буквами. Обратите внимание на смысл предложения.

1) מיר זײַ... אַרבעטער. 2) מיר שטיי... אויף אינדערפרי און גיי... אַרבעטן. 3) אָט שטיי... מיר און אַרבעטן. 4) דאָ קומען יונגע שילער. 5) זיי קומען זע..., ווי מיר אַרבעטן. 6) זיי וו...לן אויך זײַ... אַרבעטער. 7) זיי וו...לן וו...סן, וויאַזוי מע דאַרף אַרבעטן. 8) זיי זע..., ווי מיר אַרבעטן. 9) זיי וו...סן, אַז זיי קאָנען זײַ... גוטע ספּעציאַליסטן. 10) מע דאַרף נאָר שטאַרק וו...לן!

שליסל צו דער אופגאבע 1: 1) **זײַנען**; 2) **שטייען... גייען**; 3) **שטייען**; 4) ... 5) **זען**; 6) **ווילן... זײַן**; 7) **ווילן ווײסן**; 8) **זעען**; 9) **ווייסן, זײַן**; 10) **וועלן**.

2. Форма инфинитива отличается также от формы 1, 3 лица мн. числа у глаголов с приставочными словами: в инфинитиве приставочные слова стоят **перед** основой глагола и пишутся **слитно**; в 1, 3 л. мн. числа приставочные слова стоят **после** основы и пишутся **раздельно**, ср., например:

אינפיניטיוו: — **איר דארפט** ארויסשרײַבן **די ווערטער און** איבערזעצן **דעם טעקסט!**

1 פערזאָן מערצאָל: — **מיר** שרײַבן ארויס **די ווערטער און** זעצן איבער **דעם טעקסט.**

§ 44г. Зачастую непосредственно перед инфинитивом стоит непереводимая частица **[цу]**, например:

1) — **צו וואָס שטייט זי אונטער א ביימעלע?**
— **בלעטעלעך** צו רײַסן.

1. Зачем стоит она под деревцем? — листочки нарвать.

2) — **צו וואָס טויגן איר די בלעטעלעך?**
— **קיִעלעך** צו שמײַסן.

2. Зачем нужны ей листочки? — коровушек погонять.

В глаголах с приставочными словами частица [цу] часто стоит **между** приставочным словом и основой, и все три части пишутся слитно, ср., например:

3) **צו וואָס טויגן איר די קיִעלעך?**
— **מילך** אָפּצומעלקן. (**פאָלקסליד**)

3. Зачем нужны ей коровушки? — молока надоить!

(народная песня)

4) **„סאָניע האָט ארײַנגעבראכט מיר... א שיסל וואסער** אָפּצוּוואשן **זיך די פיס". (י. שרײַבמאן)**

4. «Соня принесла мне таз с водой, (чтобы) помыть ноги.»

(И. Шрайбман)

§ 44д. Таким образом, инфинитив встречается в текстах в трех вариантах:

1. **без частицы [цу];**
2. с [цу] непосредственно **перед** инфинитивом;
3. с [цу] **между** приставочным словом и основой.

В алфавитном списке словаря глаголы приводятся в форме инфинитива без [цу]. Следовательно, чтобы найти в словаре глагол, употребляемый в тексте с частицей [цу] (непосредственно перед инфинитивом или между приставочным словом и основой), следует эту частицу отбросить. Оставшаяся часть и будет искомой формой глагола, например:

1) **צו וו′אשן ← וואשן**. 2) **′אָפּצוּוואשן ← ′אָפּוואשן**; 3) **צו′אָנשרײַבן ← ′אָנשרײַבן**; 4) **′אָנצושרײַבן ← ′אָנשרײַבן**; 5) **צו צ′ולויפן ← צ′ולויפן**; 6) **צ′וצולויפן ← צולויפן**.

Задание 2*. Укажите, какое слово надо искать в словаре, если вы встретите в тексте следующие глагольные формы:

1) **א′יבערצוזעצן**; 2) **אר′ויסצוגיין**; 3) **′אָנצוקומען**; 4) **מ′יטצונעמען**; 5) **צו מ′אכן**; 6) **צו ז′אָגן**; 7) **אר′ויסצושרײַבן**; 8) **צו שרײַבן**; 9) **א′ופצושטיין**; 10) **א′יבערגיין**.

Ключ к заданию 2:

שליסל צו דער אופגאבע 2:

1) **איבערזעצן**; 2) **ארויסגיין**; 3) **אָנקומען**; 4) **מיטנעמען**; 5) **מאכן**; 6) **זאָגן**; 7) **ארויסשרײַבן**; 8) **שרײַבן**; 9) **אופשטיין**; 10) **איבערגיין**.

דאָצענט **ש. סאנדלער**

language. The author's passion and sincerity are expressed in a deeply emotional narrative. It is very important that, despite the tragic events taking place in the story, it is full of optimism."

Problems of literature and art are discussed in the following articles: A Brief Reply" by Moishe Margolin of Moscow, in which the author enters into controversy with the already published comments by M. Volf on Note Lurye's novel, "History of a Love"; "From the History of Research into Jewissh Art" by Zinovia Kompaneyets of Moscow.

Twe memorable literary dates are being marked: the 70th birthday anniversary of the front-line poet Genakh Shvedik (1914-1943) and the 75th birthday anniversary of the poet Shifra Kholodenko (1909-1074).

The feature "Our Information" contains an anticle by orientalist Lev Vilsker of Leningrad, "The Works of Sholem Aleichem translated into Hebrew", with notes.

As is known, Space figures prominently in our magazine, and we publish a special feature on that subject, "Our Space Corner", The April issue of "Sovietish Heimland" consisted solely of items about Space and science fiction. In the present number, we are printing some brief notes by Vladislav Katz, Chairman of the Council of the Military Patriotic Club, "Son of a Hero", at the Palace of Culture of the Saratov Electrical Assembly Production Association. He describes rare photographs and little known events in the life of Yuri Gagarin, the world's first cosmonaut.

"In our chats on chess, we have already met professionals and great admirers of the ancient game: ex-world champion M. Thal, Grandmaster M. Taimanov, coach M. Dvortesky, writer L. Sorin and V. Vainsttin, Doctor of Economy. Today we are having a talk with L. Glezer, one of oldest Soviet second-hand book dealers" — so begins an article by Evgeny Gik of Moscow, "The Antiquarian", in the current edition of "Sovietish Heimland".

As before, our magazine continues to receive many readers' letters. In this number, we are giving the latest summary of the editors' mail, including letters from readers I. Marakhovsky of Polotsk in the Byelorussian Republic, S. Bleinis of Kiev, V. Lyubchanskaya of Odessa, B. Gluzman of Lvov, S. Tirman and I. Ginzburg of Moscow, M. Borovoi of Abadan in Khakassia, A. Vishnevetsky of Tashkent, O. Gershtnblum of the Zhitomir Region in the Ukrainian Republic, D. Shulman of Kiev, B. Glaubakh and S. Grinboim of Krasnodar, I. Vaisman of Chernovtsy, E. Rozenberg of Kharkov, Z. Minkin of Donetsk, M. Helfgot of Peru, O. Mintzer of Argentina and Ya. Schupak of France.

There is also an address to readers and public distributors in connection with the subscription campaign for 1985.

Our issue ends with the traditional features, "Items of Interest", "Chronicle", "Material for a Lexicon of Soviet Jewish Literature" and "An Aid to those learning Yiddish".

Supplement: Motl Grubian. "On the Way"

gether with the people, he passionately loved his homeland, Russia, and he believed in its happy future. As he said so prophetically: "The future of our people is here, in this land in which we live."

Dmitro Pavlychko:

"There is enormous significance in the fact that Sholem Aleichem was born in the Ukraine, in Pereyaslav, a town where each stone and each flower breathes great history, a great dream and the grestest hope. This is the land extolled in "The Lay of Igor's Host", picked out by Bogdan Khmelnitsky for the representative assembly at which the fate of the Ukrainian nation was determined, the land in which Shevchenko wrote his immortal "Testament". This land also has the right to be proud that it was the cradle of Sholem Aleichem, one of the most brilliantly talented writers in world literature.

Sholem Aleichem was a writer for whom we have profound feelings because in his smile, in his childlike humility and goodness and in his loyalty to his own people and to the great ideal of humanity, we recognise ourselves and we fathom our own souls..."

Leonid Daineko:

"...What a strong and life-loving soul was needed to bring out of the darkness those sparks of laughter, those rays of life. See what optimistic, undismayed characters come to life on the pages of Sholem Aleichem's books, how they sing and dance, how they love. Tev'ye the Mikhman alone is pure gold. And although at times it was langhter through teavs, it was laughter nevertheless. And laughter, as we know, is the weapon of the strong."

Prose in the current number is represented by new stories from Iosif Burg of Chernovtsy and excerpts from "Strange Day", a story by Aron Beigelman of Moscow.

On 15 May 1984, in the Press Centre of the Ministry of Foreign Affairs of the USSR, a press conference was held by the Anti-zionist Committee of Soviet Public Opinion. Among those present were twice Hero of the Soviet Union, Colonel-General D. A. Dragunsky, Chairman of the Committee; Professor S. L. Zivs, First Deputy Chairman; M. B. Krupkin, Candidate of Law, Deputy Chairman; I. P. Belyaev, Doctor of Economy, Manager of a department of "Literaturnaya Gazeta"; Yu. A. Kolesnikov, writer, Deputy Chairman; V. V. Pushkarev, grinder at the Moscow Calculating and Analytical Machines Factory, Deputy of the Supreme Soviet of the USSR, member of the bresidium of the Committee; G. O. Zimanas, Chief Editor of the magazine "Kommunistas" and Deputy of the Supreme Soviet of the Lithuanian Republic, and Academican M. I. Kabachnik, both members of the Presidium of the Committee; O. N. Rybalchenko, managing secretary of the Committee; A. A. Vergelis, Chief Editor of the magazine "Sovietish Heimland", Committee member; L. B. Shkolnik, editor of the newspaper "Birobijaner Stern", and others. The press conference was conducted by V. M. Kamenev, Deputy Manager of the Press Department of the Ministry of Foreign Affairs of the USSR. "Sovietish Heimland" is publishing, in slightly abridged form, the material of this press conference.

To mark the birthday centenary of the great German anti-fascist writer Leon Feuchtwanger, we are publishing an article on him by Professor Zalman Libinson, Doctor of Philosophy, (city of Gorky).

It is sixty years since the birthday of Soviet writer Alexander Tversky. Readers of "Sovietish Heimland" have already been able to familiarise themselves with his prose, notably the excerpts from his short novel, "Turkish March". We are now printing an article on the work of Alexander Tversky; it is by Vladimir Belyaev of Moscow and is entitled "The Righteous Word".

The "Turkish March", writes the author, is a short novel unusual for adolescent, and not only adolescent literature. It is unusual in plot, composition and

land" is now printing the texts of addresses made at these evenings by writers L. Lench, S. Baruzdin, Yu. Verchenko, A. Vergelis of Moscow, H. Polyanker, A. Moroz, D. Pavlychko, O. Chornohuz of Kiev, L. Daineko, S. Shushkevich, B. Sachenko of Minsk, and Colonel-General D. Dragunsky, Chairman of the Anti-zionist Committee if Soviet Public Opinion. Other items include verse by Ukrainian poets S. Zinchuk and P. Osadchuk of Kiev dedicated to Sholem Aleichem (translated into Yiddish by D. Khaikina) and a report by Ch. Melamud about the Sholem Aleichem evening in Chernovtsy.

Here are some excepts from the above- mentioned speeches.

Sergei Baruzdin:

"Sholem Aleichem is a phenomenon of world significance, as is acknowledged by people of different nationalities and different generations. We are proud that his great talent was born and matured in our country during the era of prerevolutionary storms and upheavals and during the period of the ripening class self-awareness of the proletariat in the struggle against the pernicious tsarist regime that turned into a prison of peoples...

Sholem Aleichem's work is amazing in its social depth, the many colourful living images of rich and poor, oppressors and oppresed, competent and incompetent, decent and dishonest. It is a gallery of unique human characters of different nationalies, but above all, needless to say, of the Jewish people on the verge of sharp class stratification...

Sholem Aleichem was an artist and a prophet, living under the grievous conditions of the tsarist autocracy. He believed passionately in the bright destiny of the Jewish working people and in a happy future for his homeland."

Leonid Lench:

"Sholem Aleichem painted in intense, rich impressionistic colours, remaining nevertheless a realist who knew exactly how to hit the nail on the head. He portrayed the monstrousness of Jewish shtetl life as no one had ever done before. His short stories and novellas made the readers laugh till their sides ached, and yet reduced them to tears. He took everything from life — all his comic and tragicomic plots and conflicts — from the "coarse and poor life", so poor that even in its legends and fairy-tales, the place of the good fairies and resourceful magicians was taken by "...the milch goat and the lottery ticket with the magic numbers "8" and "9", but, alas, not in the order needed for a win!..."

Sholem Aleichem's work still lives, and the stern and implacable verdict of time only deepens the significance of his lessons. Time confirms that Sholem Aleichem made a wise decision — he chose the right language and he was not mistaken in his choice of characters. He was kind and wise, and in his heart he could see far ahead, this man with the outward appearance of a country doctor or schoolteacher. His life as a Jewish writer in tsarist Russia was hard, but he triumphed in the end."

Yuri Verchenko:

"The work of Sholem Aleichem has gone down permanently in the treasury of Soviet and world culutre. He is the epitome of the Jewish people's creative powers at the turn of the century. With him, Jewish popular writing crossed its own frontier and joined the universal culture of the human race...

All Sholem Aleichem's works, including his letters and his sayings, are permeated with one single aspiration — always to be with the working people, always to create for the working people. He wrote in his will: "Let me be buried where simple Jews have been laid to rest — workers, the real people, so that the memorial put up over my grave should enhance the ordinary graves round me, and so that those ordinary graves will enhance mine; so that this simple, ordinary people may enhance its own writer". Without being a revolutionary, Solem Aleichem was nevertheless deeply sympathetic to the progressive ideas of his time. To-

Together with the Soviet people, the workers of the region are tirelessly striving to fulfil the decisions of the 26th Party Congress, the February and April (1984) Plenums of the CC of the CPSU and the instructions of K. U. Chernienko, General Secretary of the CC of the CPSU and Chairman of the Presidium of the Supreme Soviet of the USSR. They are resolutely working to reach, ahead of schedule, the targets for 1984 and the 11th Five-Year Plan, and also to achieve a further rise in economics and culture.

The Central Committee of the CPSU, the Presidium of the Supreme Soviet of the USSR and the Council of Ministers of the USSR express the firm conviction that, under the guidance of the regional Party organisation, the workers of the Jewish Autonomous Region will likewise in future self-sacrificingly toil to implement the Party's policy and make a worthy contribution towards strengthening the might of our multinational state and to the great cause of communist construction.

Long live the fraternal friendship and unshakeable unity of all the peoples and nationalities of the Soviet Union!

Long live our great homeland, the Union of Soviet Socialist Republics!

Long live the Communist Party of the Soviet Union, the inspirer and organiser of all the victories won by the soviet people!

The Council of Ministers of the USSR	The Presidium of the Supreme Soviet of the USSR	The Central Committee of the CPUS

We are also publishing:

ORDER OF THE PRESIDIUM OF THE SUPREME SOVIET OF THE USSR

On the award of the "Mark of Honour" to the city of Birobijan in the Jewish Autonomous Region of the Khabarovsk arca

For sucesses achieved by the working people of the city in administrative and cultural construction, and in recognition of their contribution to the development of the economy in the Far East, the city of Birobijan in the Jewish Autonomous Region of the Khabarovsk territory is to be awarded the "Mark of Honour".

K. CHERNIENKO
Chairman of the Presidium of the Supreme Soviet of the USSR

T. MENTESHASHVILI
Secretary of the Presidium of the Supreme Soviet of the USSR

We are piblishing new cycles of poems by Misha Lemster of Kishinev, Boris Mogilner of Moscow and Chaim Gurevich of Novosibirsk.

The 125th birthday anniversary of the great Jewish writer Sholem Aleichem has been commemorated all over the Soviet Union. We have already mentioned in earlier issues that this anniversary has been the occasion for literary evenings in Moscow, Kiev, Peryaslav-Khmelnitsky, Birobijan and Minsk. "Sovietish Heim-

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" (The Soviet Homeland")
No. 9, September, 1984.

In connection with the 50th Anniversary of the Jewish Autonomous Region, we are publishing, in our current issue, greetings from the CC of the CPSU, the Presidium of the Supreme Soviet of the USSR and the Council of Ministers of the USSR:

TO THE REGIONAL COMMITTEE OF THE COMMUNIST PARTY OF THE SOVIET UNION OF THE JEWISH AUTONOMOUS REGION TO THE REGIONAL COUNCIL OF PEOPLE'S DEPUTIES OF THE JEWISH AUTONOMOUS REGION

The Central Committee of the Communist Party of the Soviet Union, the Presidium of the Supreme Soviet of the USSR and the Council of Ministers of the USSR warmly greet and congratulate the workers, collective farmers, intelligentsia and all working people of the Jewish Autonomous Region on the 50th Anniversary of its formation.

The Great October Socialist Revolution brought to working Jews deliverance from social oppression and discrimination, opening before them wide prospects for all-round development. The formation of the Jewish Autonomous Region was a true implementation of the Leninist nationalities policy and evoked a widespread international response. Working Jews, as belonging to the single family of the peoples of the Soviet Union, acquired statehood with the formation of the autonomous republic.

During the time of its existence, thanks to the unremitting concern of the Communist Party and the Soviet state, the region has become a developed economic area in the Far East with a large-scale industry and a mechanised agriculture. In the years of the Great Patriotic War, the workers of the region, together with the Soviet people, self-sacrificingly defended their socialist homeland. In the post-war years, the region has seen the creation and further development of agricultural machinery plants and enterprises in electrical engineering, mining, light and other branches of industry whose products are known in many foreign countries. The region is making a substantial contribution to the construction of the Baikal-Amur Railway. Multi-branch agriculture is being developed with success. Radical transformations have taken place in culture, education and health care. The welfare of the workers is steadily on the upgrade.

All this vividly testifies to the great vitality of the Soviet state and social system, the triumph of the wise nationalities policy of the CPSU and the indestructible friendship and brotherhood of the peoples in the great land of the Soviets.

Беляева (Москва) о творчестве Александра Тверского, озаглавленную «Правдивое слово».

Вопросам литературы и искусства посвящены статьи Моисея Марголина (Москва) «Короткий ответ», в которой автор полемизирует с опубликованными ранее замечаниями М. Вольфа по поводу романа Нотэ Лурье «История одной любви»; Зиновия Компанейца (Москва) «Из истории исследования еврейского музыкального искусства».

Отмечаются две памятные литературные даты: 70-летие со дня рождения поэта-фронтовика Генаха Шведика (1914—1943) и 75-летие со дня рождения поэтессы Шифры Холоденко (1909—1974).

В рубрике «Наши сообщения» публикуется статья востоковеда Льва Вильскера (Ленинград) «Произведения Шолом-Алейхема в переводе на иврит» и примечания к ней.

Как известно, космическая тема занимает в нашем журнале одно из ведущих мест, ей отводится специальная рубрика «Наш космический уголок», а апрельская книжка «Советиш геймланд» полностью состояла из материалов, посвященных космосу и научно-художественной фантастике. В настоящем номере печатаются краткие зарисовки председателя совета военно-патриотичекого клуба «Сын Героя» при Дворце культуры Саратовского электроагрегатного производственного объединения Владислава Каца о редких снимках и малоизвестных фактах из жизни первого космонавта мира Юрия Гагарина.

«В наших беседах на шахматные темы мы уже встречались как с профессионалами, так и просто с большими почитателями древней игры: с экс-чемпионом мира М. Талем, с гроссмейстером М. Таймановым, с тренером М. Дворецким, с писателем Л. Зориным, с доктором экономических наук Б. Вайнштейном. Сегодня наш собеседник — Л. Глезер, один из старейших советских букинистов» — так начинается очерк Евгения Гика (Москва) «Антиквар», помещенный в этом номере «Советиш геймланд».

Как и раньше, журнал продолжает получать много писем от читателей. В настоящем номере дается очередной обзор редакционной почты. В нем идет речь о письмах читателей И. Мараховского (г. Полоцк, БССР), С. Блейниса (Киев), В. Любчанской (Одесса), Б. Глузмана (Львов), С. Тирмана, И. Гинзбурга (Москва), М. Борового (г. Абакан, Хакассия), А. Вишневецкого (Ташкент), О. Герштнблум (Житомирская область, УССР), Д. Шульмана (Киев), Б. Глаубаха и С. Гринбойм (Краснодар), И. Вайсмана (Черновцы), Е. Розенберг (Харьков), З. Минкина (Донецк), М. Гельфгота (Перу), Д. Минцера (Аргентина), Я. Щупака (Франция).

В номере помещено обращение к читателям и общественным распространителям в связи с подписной кампанией на 1985 год.

Номер заканчивается традиционными рубриками журнала: «Это интересно», «Хроника», «Материалы для лексикона еврейской советской литературы», «В помощь изучающим идиш».

Приложение к номеру:
Матвей Грубиан. «В пути»

сил еврейских народных масс конца прошлого — начала нынешнего столетий. С ним еврейская народная культура перешагнула свои собственные границы и сомкнулась с общечеловеческой культурой....

Все произведения Шолом-Алейхема, его письма и высказывания проникнуты одним стремлением — всегда быть с трудовым народом, всегда творить для трудового народа. Он писал в своем завещании: «Пусть меня похоронят там, где покоятся простые евреи, рабочие, настоящий народ, так, чтобы памятник, который поставят на мою могилу, украсил обыкновенные могилы вокруг меня, а эти обыкновенные могилы украсят мой памятник, так, как этот простой честный народ украшал своего народного писателя». Не будучи революционером, Шолом-Алейхем, однако, глубоко осознавал свою причастность к прогрессивным идеям своего времени. Вместе с народом он страстно любил родину — Россию и верил в ее счастливое будущее. Он пророчески предвидел: «Будущее нашего народа — именно здесь, в этой стране, где мы живем».

Дмитро Павлычко:

«Огромный смысл заключается в том, что Шолом-Алейхем родился на Украине, в Переяславе, городе, где каждый камень и каждый цветок дышит великой историей, великой мечтой, величайшей надеждой. Это — земля, воспетая в «Слове о полку Игореве», избранная Богданом Хмельницким для соборного вече, на котором определилась судьба украинской нации, земля, на которой Шевченко написал свое бессмертное «Завещание». Эта земля имеет право гордиться и тем, что она была колыбелью Шолом-Алейхема — одного из самых ярких талантов мировой литературы....

Шолом-Алейхем — писатель, к которому мы питаем глубокие чувства, потому что в его улыбке, в его детской кротости и доброте, в его верности своему народу и великому идеалу человечности узнаем себя и постигаем собственную душу...»

Леонид Дайнеко:

«...Какую сильную жизнелюбивую душу надо было иметь, чтобы из этого мрака вынести искры смеха, лучи света. Посмотрите, какие оптимистические, неунывающие народные характеры живут на страницах книг Шолом-Алейхема, как поют и танцуют, как любят его герои. Один Тевье-молочник чего стоит! И хотя порой это был смех сквозь слезы, это все же был смех. А смех, как известно, оружие сильных».

Проза номера представлена новыми рассказами Иосифа Бурга (Черновцы) и фрагментами из повести Арона Бейгельмана (Москва) «Странный день».

15 мая 1984 года в пресс-центре МИД СССР состоялась пресс-конференция Антисионистского комитета советской общественности. «Советиш геймланд» публикует материалы этой пресс-конференции с некоторыми сокращениями.

К 100-летию со дня рождения великого немецкого писателя-антифашиста Лиона Фейхтвангера печатается статья доктора филологических наук, профессора Залмана Либинзона (г. Горький), посвященная этой дате.

Исполнилось 60 лет со дня рождения советского писателя Александра Тверского. Читатели «Советиш геймланд» уже имели возможность ознакомиться с его прозой, в частности, с фрагментами из повести «Турецкий марш». Теперь журнал публикует статью Владимира

Печатаются новые циклы стихотворений *Миши Лемстера* (Кишинев), *Бориса Могильнера* (Москва), *Хаима Гуревича* (Новосибирск).

Широко отмечалось в нашей стране 125-летие со дня рождения великого еврейского писателя Шолом-Алейхема. Мы уже отмечали в предыдущих номерах журнала, что юбилейной дате были посвящены литературные вечера в Москве, Киеве, Переяслав-Хмельницком, Биробиджане, Минске. Теперь «Советиш геймланд» печатает тексты выступлений на этих вечерах писателей Л. Ленча, С. Баруздина, Ю. Верченко, А. Вергелиса (Москва), Г. Полянкера, А. Мороза, Д. Павлычко, О. Чорногуза (Киев), Л. Дайнеки, С. Шушкевича, Б. Саченко (Минск), председателя Антисионистского комитета советской общественности генерал-полковника Д. Драгунского, стихи украинских поэтов С. Зинчука и П. Осадчука (Киев), посвященные Шолом-Алейхему, в переводе на идиш Д. Хайкиной, репортаж Х. Меламуда о вечере Шолом-Алейхема в Черновцах.

Приводим отдельные фрагменты из упомянутых выступлений.

Сергей Баруздин:

«Шолом-Алейхем — явление мирового значения, что признано людьми разных национальностей и разных поколений. И мы гордимся, что его могучий талант родился и мужал именно на нашей земле в эпоху предреволюционных бурь и потрясений, в период созревания классового самосознания пролетариата в борьбе против тлетворного царского режима, превратившего Россию в тюрьму народов...

Творчество Шолом-Алейхема удивительно по своей социальной глубине, по множеству колоритных, живых образов людей — бедных и богатых, угнетателей и угнетенных, умелых и неумелых, порядочных и бесчестных. Это галерея неповторимых человеческих типов разных национальностей, и прежде всего, конечно, еврейского люда на рубеже острого классового расслоения...

Шолом-Алейхем был художником-провидцем. Живя в тяжелейших условиях царского самодержавия, он истово верил в светлое будущее еврейского трудового народа, в счастливую судьбу своей Родины».

Леонид Ленч:

«Шолом-Алейхем писал густыми, сочными, импрессионистскими красками, оставаясь при этом реалистом очень меткого и острого прицела. Чудовище местечкового быта он показал в своих произведениях так, как никто до него еще не показывал. Его новеллы и повести смешили читателей до колик и трогали до слез. Он все брал из жизни,— все свои комические и трагикомические сюжеты и коллизии, из жизни «грубой и бедной», такой бедной, что даже в ее легендах и сказках место добрых фей и изобретательных волшебников занимали... дойная коза и лотерейный выигрышный билет с заветными цифрами «8» и «9», поставленными, увы, не в том порядке, какой нужен для удачи!..

Творчество Шолом-Алейхема продолжает жить, а строгий и неумолимый суд времени лишь углубляет значимость его уроков. Время подтверждает, что Шолом-Алейхем сделал мудрый выбор — он правильно выбрал язык, и он не ошибся в выборе своего героя. Он был добрым и мудрым, он сердцем видел далеко, этот человек с внешностью земского врача или учителя. Судьба его, еврейского писателя в царской России, была трудной, но в конце концов он победил».

Юрий Верченко:

«Творчество Шолом-Алейхема прочно вошло в сокровищницу советской и мировой культуры. Он является воплощением созидательных

XXVI съезда партии, февральского и апрельского (1984 г.) Пленумов ЦК КПСС, указаний Генерального секретаря ЦК КПСС, Председателя Президиума Верховного Совета СССР К. У. Черненко. Они настойчиво борются за досрочное выполнение заданий 1984 года и одиннадцатой пятилетки, дальнейший подъем экономики и культуры.

Центральный Комитет КПСС, Президиум Верховного Совета СССР и Совет Министров СССР выражают твердую уверенность в том, что под руководством областной партийной организации трудящиеся Еврейской автономной области будут и впредь самоотверженно трудиться по осуществлению политики партии, внесут достойный вклад в укрепление могущества нашего многонационального государства, в великое дело коммунистического строительства.

Да здравствует братская дружба и непоколебимое единство всех наций и народностей Советской страны!

Да здравствует наша великая Родина — Союз Советских Социалистических Республик!

Да здравствует Коммунистическая партия Советского Союза — вдохновитель и организатор всех побед советского народа!

ЦЕНТРАЛЬНЫЙ КОМИТЕТ КПСС	ПРЕЗИДИУМ ВЕРХОВНОГО СОВЕТА СССР	СОВЕТ МИНИСТРОВ СССР

Публикуется также

УКАЗ ПРЕЗИДИУМА ВЕРХОВНОГО СОВЕТА СССР

О награждении города Биробиджана Еврейской автономной области Хабаровского края орденом «Знак Почета»

За успехи, достигнутые трудящимися города в хозяйственном и культурном строительстве, и отмечая их вклад в развитие экономики Дальнего Востока, наградить город Биробиджан Еврейской автономной области Хабаровского края орденом «Знак Почета».

Председатель Президиума Верховного Совета СССР
К. ЧЕРНЕНКО
Секретарь Президиума Верховного Совета СССР
Т. МЕНТЕШАШВИЛИ

Москва, Кремль.
21 июня 1984 г.

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 9, сентябрь, 1984.

В связи с 50-летием Еврейской автономной области в номере публикуется приветствие ЦК КПСС, Президиума Верховного Совета СССР и Совета Министров СССР:

ОБЛАСТНОМУ КОМИТЕТУ КОММУНИСТИЧЕСКОЙ ПАРТИИ СОВЕТСКОГО СОЮЗА ЕВРЕЙСКОЙ АВТОНОМНОЙ ОБЛАСТИ ОБЛАСТНОМУ СОВЕТУ НАРОДНЫХ ДЕПУТАТОВ ЕВРЕЙСКОЙ АВТОНОМНОЙ ОБЛАСТИ

Центральный Комитет Коммунистической партии Советского Союза, Президиум Верховного Совета СССР и Совет Министров СССР горячо приветствуют и поздравляют рабочих, колхозников, интеллигенцию, всех трудящихся Еврейской автономной области с 50-летием ее образования.

Великая Октябрьская социалистическая революция принесла трудящимся евреям избавление от социального угнетения и дискриминации, открыла перед ним широкие возможности для всестороннего развития. Образование Еврейской автономной области явилось реальным воплощением в жизнь ленинской национальной политики, получило широкий международный резонанс. Трудящиеся евреи, будучи равноправными членами в единой семье народов Советского Союза, с образованием автономной области обрели свою государственность.

За время своего существования благодаря постоянной заботе Коммунистической партии и Советского государства область превратилась в развитый экономический район Дальнего Востока с крупной промышленностью, механизированным сельским хозяйством. В годы Великой Отечественной войны трудящиеся области вместе со всем советским народом самоотверженно защищали социалистическую Родину. В послевоенные годы в области созданы и получили дальнейшее развитие предприятия сельскохозяйственного машиностроения, электротехнической, горнорудной, легкой и других отраслей промышленности, продукция которых известна во многих странах мира. Область вносит существенный вклад в строительство Байкало-Амурской магистрали. Успешно развивается многоотраслевое сельское хозяйство. Коренные преобразования произошли в сфере культуры, просвещения, здравоохранения. Неуклонно повышается благосостояние трудящихся.

Все это служит ярким доказательством великой жизненной силы советского государственного и общественного строя, торжества мудрой национальной политики КПСС, нерушимой дружбы и братства народов великой Советской страны.

Вместе со всем советским народом трудящиеся области неустанно работают над претворением в жизнь решений

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер,
Г. Полянкер, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:

главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 923-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан

Корректор Х. Островский

Сдано в набор 29.06.1984 г. Подписано к печати 17.08.1984 г. Формат 70×108 1/16. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 70 коп. Зак. 368.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1984 г.

Цена 70 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

Приветствие ЦК КПСС, Президиума Верховного Совета СССР, Совета Министров СССР обкому КПСС Еврейской автономной области, областному Совету народных депутатов ЕАО.

Стихи М. Лемстера, Б. Могильнера, Х. Гуревича.

Рассказы И. Бурга, А. Бейгельмана.

К 125-летию со дня рождения Шолом-Алейхема. Выступления на юбилейных торжествах Л. Ленча, С. Баруздина, Г. Полянкера, Ю. Верченко, Д. Павлычко, А. Вергелиса, Л. Дайнеко, Д. Драгунского, А. Мороза, С. Шушкевича, О. Черногуза, Б. Саченко; стихи С. Зинчука, П. Осадчука.

Информируем наших читателей. Пресс-конференция Антисионистского комитета советской общественности.

Литературная критика. З. Либинзон. К 100-летию со дня рождения Лиона Фейхтвангера.

В. Беляев. Правдивое слово писателя-интернационалиста (к 60-летию Александра Тверского).

Наши сообщения. Л. Вильскер. Произведения Шолом-Алейхема в переводе на иврит.

Наш космический уголок. В. Кац. Фотографии рассказывают.

Почта «Советиш геймланд». Это интересно. Хроника. Материалы для лексикона советской еврейской литературы.

В помощь изучающим идиш.

Резюме на русском и английском языках.

1984

№ 9